STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01624

PORTRETN UN ESEYEN

Iulian Schwartz

Permanent preservation of this book was made possible
by Josephine Kleinbuam
in memory of
Max M. Kleinbaum

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

יוליאַן שוואַרץ

פאָרטרעטן און עסייען

הילע: וויקטאָר מאשעק

יוליאן שוואַרץ

פּאָרטרעטן און עסייען

פארלאג קריטעריאָן
בוקארעשט 1979

יוליאַן שוואַרץ

(15 מאַי 1910 — 19 אָקטאָבער 1977)

דאָס בוך „פּאָרטרעטן און עסייען" לאָזט זיך אין וועג אַביסעלע אַ פּאַדיתומטם. סע ווערט אים פעלן די וואַרעמע השגחה פון שעפער. אויף יוליאַן שוואַרצס „ליטעראַרישע דערמאָנונגען האָט געבלאָזן מיט וואַרעמקייט סיי פון, מזרח, סיי פון מערב, פון די וואָס האָבן דאָס באַגעגנט און ביי וועלכע עס האָט געוועקט שטילע נאָסטאַלגיע און איינציייטיק באַגלייט פון ציטער מיט וועלכן דער מחבר האָט געלאָזט פליען אין דער וועלט כמעט יעדן באַנד. אויך דער וועג צוריק איז געווען אַ שלמותדיקער, אַ גאַנצער: די אָפּרופן האָבן געפונען אַ (פאַר וואָס נישט זאָגן?) דורשטיקפּאָסט-קעסטל, אַ וואַרעמע האַנט, פייכטע אויגן און שטאַמלענדיקע ליפּן, אַן ענטפער אויף די צאָלדייכע יישר-כוח-בריוו, מיטן דאָזיקן בוך זעט עס אויס אַביסל אַנדערש. סע לאָזט זיך אין וועג אונטער השגחות, צו מאָל אַ טרויעריקע מערצאָל, און כאָטש אַ טרויעריקע מוז מען אים אויסדריקן דעם לעבעדיקסטן דאַנק. און די אָפּרופן וועלן געפונען נאָר פריינד...

זיצנדיק ביים טיש איבער איינעם פון זיינע פּאָרטרעטן איז ביי יוליאַן שוואַרץ אַרויסגעפאַלן פון האַנט די פען, אין דער נאַכט פון 19—טן אָקטאָבער 1977, ווען ער האָט געזוכט אַ פאַרביק וואָרט פון וועלכן סע זאָל וויען אַ רוח-חיים, אַ הויך פון עכטקייט.

יוליאַן (שלום) שוואַרץ איז געבוירן דעם 15-טן מאַי 1910 אין פּאָדעלוי, אַ שטעטעלע נישט ווייט פון דער קרוינשטאָט יאַס. זיין טאַטע צבי-הערש און זיין מאַמע אסתר האָבן דערצויגן פיר זין און פיר טעכטער. פון די פיר זין זענען דריי באַקאַנט דער וועלט בכלל און דער יידישער בפרט: שמחה מיט זיין קליינקונסט און פופן טעאַטער, מיט זיינע לידער און סקולפּטורן; איציק אָדער י. קאַרא מיט ליטעראַרישער און פובליציסטישער טעטיקייט, מיט היסטאָריאָג-

ראפישע פאָרשונגען און פאָלקלאָר זאמלונגען. דער דריטער איז יוליאן (שלום) שווארץ.

אויפגעוואקסן אין א טראדיציאָנעל יידישער סביבה אָבער מיט פארשטענדעניש פאר וועלטלעכער קולטור האָט ער זיך שוין אין דער פריער יוגנט באקאנט מיט דער רומענישער, פראנצייזישער און דייטשער ליטעראטור. אין די דרייסיקער יאָרן ארבעט ער אלס באאמטער אין א באנק אָבער זיין הויפטטעטיקייט איז אויף געזעלשאפטלעך-קינסטלערישן געביט. ער פירט אָן מיט דראמאטישע קרייזן אין ראמען פון דער „קולטור-ליגע אין יאס, שרייבט איינאקטער, שפילט, לייענט לעקציעס. בעת דער צווייטער וועלט מלחמה איז זיין גורל דער זעלבער וואָס פון אלע יידישע יונגטלעכע: צוואנגס-ארבעט. תיכף נאָך דער מלחמה ווערט ער אן אקטיווער טוער אין „איקוף, שפעטער שוישפילער אין בוקארעשטער יידישן מלוכה-טעאטער. איינצייטיק שרייבט ער איינאקטער און דראמאטיזירט פארשידענע ווערק פון די יידישע קלאסיקער. פאראלעל פירט ער דורך א ריזיקע פאָרשונגס און זאמלונגס ארבעט אויפן געביט פון יידישן פאָלקלאָר און עטנאָגראפיע, ווירקט אלס מיטארבעטער פון א רייע צייטונגען אין אויסלאנד ווי „מאָרגן-פרייהייט“ „פאָלקס-שטימע“ „נייע פרעסע“ א. א. פון „יידישן טעאטער-לעקסיקאָן“ ווי אויך פון ייוואָ מיט ארבעטן וועגן מאראמאָרעשאנער און באסאראבער דיאלעקטאלע אויסדריקן.

אויב דאָס זענען אין קורצן אייניקע דאטעס וועגן זיין לעבן און טוען מוז מען זאָגן כאָטש א פאָר ווערטער וועגן יוליאן שווארץ אלס פענאָמען אין אונדזער רומעניש-יידישער ליטערארישער שאפונג. מיט לייב און לעבן א היגער איז ער א טייל פון מאָלדעוויש-וואָלעכישן פייזאזש בכלל און פון אין די קאנטן יידישן בפרט. זיין אָריגינעלקייט באשטייט אפשר אין דעם וואָס נאָך אזעלכן געפונען מיר נישט אין רומעניש-יידישן פען-קיבוץ. ער האָט זיך נישט „געשטופט“ פארצייכענען זיין נאָמען אויפן צעטל פון ליטעראטן, וויסנשאפטלעכע-פאָרשער, עסייסטן, וכדומה. פון אייגענער דערפארונג האָט זיך פאר אים אנטהילט דער סוד, וואָס איז נישט פאר אלעמען א סוד, אז חוץ געשריבענער קולטור איז פאראן נאָך איינע, א נישט געשריבענע, אן אָנגעזאמלטע אין טאָגטעגלעכן קאמף מיטן לעבן, אָדער כדי צו קאָנען לעבן: איינע וועמענס קוואלסע געפונט זיך אין אומאויפהערלעכע וואָגלענישן פון מענטשן, אין שטענדיקן בייטן פון פלאץ און מלאכות: א קולטור שבעל פה אין וועלכער עס שפיגלען זיך אָפּ דורות לאנגע באמערקונגען, מנהגים, מידות, גוטע און שלעכטע געוווינהייטן. כ'מיין אז דאָס צולייגן דעם אויער, דאָס אָנשפיצן דעם געדאנק דווקא אין דער ריכטונג שטאמט ביי יוליאן שווארץ פון די גאָר יונגע יאָרן.

פון יענע צייטן ווען חילות האָבן אָפּגעזאָטלט די פערד אין יידישע אכסניה-הויפן, צעשטעלט די ביקסן, געצויגן פון זיך די העמדער און רייניקנדיק פון פליי זיך איבערגעוואָרפן מיט זאפטיקע, פאָלקסטימלעכע ווערטלעך, זיך פריי-לעך געמאכט איבער אייגענע צרות און לײדן; געצונדן שייטערס ארום וועלכע זיי האָבן פארבראכט די נעכט מיט טרויעריק פארבענקטע לידער. דעמאָלט, ווייזט אויס, איז אין אים געבוירן געוואָרן דער באגער צו פאראייביקן דאָס לעבן ביי וועלכן מע גייט געוויינטלעך בשוגג אומאויפמערקזאם פארביי. אפשר ליגט אין דעם סוד פון זיין אומדערמידלעכער ארבעט ווידעראויפצולעבן די מערקוויר-דיקע פיגור פון אויף מארקן און יארידים פאָלקלאָר און חכמה שאפנדיקן משה טשיליבי. אפשר שטאמט אויך פון דאָרט די ליבע צו די נישט באמערקטע „האָ-רעפּאשניקעס" וועלכע האָבן געוואשן מיט שוויים, בלוט און טרערן בינע-ברעטער אָדער געזונגען פשוטע עמך-לידער. אפשר דערפאר פארנעמען ביי אים כמעט אַ גלייך פלאַץ תנאים ואמוראים, און פשוטע טרעגער פון „ציגל צו אַ קונסט היכל".

א מערקווירדיקער כאָר פון אקטיאָרן, שרייבער, עטנאָלאָגן, פאָלקלאָריסטן דיריגענטן און קאָמפּאָזיטאָרן האָט באגלייט זיין נשמה אין יענער בראשית-דיקער נאכט ווען די פען איז ארויסגעפאלן פון זיינע אומרואיקע מידע פינגער...

ח. גאָלדענשטיין

יידישע שרייבער

צווישן די קאָריפייען פון יידישער שעפערישקייט ביז צו דער ערשטער וועלט — מלחמה, דארף מען דערמאָנען וועלוול זבארזשער, בערל בראָדער, יעקב פסאנטיר, אין א געוויסער מאָס און זין — אברהם גאָלדפאדען און די „ליכט”-גרופע בראש מיט אונדזער דיכטער און גרויסער קולטור-פערזענלעכקייט יעקב גראָפער מיט דעם עסייסט מאטעסל פרידמאן, דעם הומאָריסט און סאטירקער מאָטי ראבינאָוויטש, מיט דעם רעדאקטאָר, איבערזעצער אפרים וואלדמאן און דעם טיכטיקן פובליציסט, רעדנער, פאָלקס לידער פארשפרייטער און אינטערפרעט, שפעטער בארימטער שרייבער-יעקב באָטאָשאנסק.

צום סוף פון דער ערשטער וועלט-מלחמה, איז רומעניע געוואָרן גרויס. עס זענען צוגעקומען נייע פראָווינצן, יידן און פארשטייט זיך, אויך יידישע שעפער, ליטעראטור-שעפער.

די אָנערקענטע מייסטערס זענען: אליעזר שטיינבארג, משה אלטמאן, י. שטערנבערג, איציק מאנגער, אין די דרייסיקער יאָרן, באקומען אָנזען: זלמן ראָזענטאל, הערש-לייב קאזשבער, (וויינשטיין) יחיאל שרייבמאן, יחזקאל רינג, שמחה שווארץ, וואָלף טאמבור, בערל שנאבל, יוסף בורג, קובי וואָהל, יאנקל יאקיר, אי. קארא און אנדערע.

די קאָריפייען און זייער נאָכוווקס, פאָרזעצערס, האָבן געשאפן דעם פונדאמענט פארן בנין יידישע ליטעראטור אין רומעניע, און איר געעפנט פערספעקטיוון.

נאָך 1944, נאָך דעם וואָס רומעניע האָט זיך באפרייט, איז אונדזער יידישע ליטעראטור פון רומעניע, בארייכערט געוואָרן מיט טעמעט וואָס זענען נוגע דאָס לעבן און טועכץ, אין א זאפטיק רומענישן יידיש לשון, מיט קלאָרקייט, און התגלות-לב, מיט צעעפנטע הערצער.

צו די טאלאנטירטע שרייבער פון היינטיקן רומעניע געהערן: דער פראָדו-קטיווער, פילזייטיקער וואָלף טאמבור, דער שפּעט געקומענער אָבער ניט פארשפּעטיקטער חיים גאָלדענשטיין, דער קינסטלער און עסייסט איזאָ שאפּיראָ. די דיכטער לעאָן בערטיש י. בערקאָוויטש, רעלי בליי, מאיר רי-ספּלער, דער פלייסיקער איבערזעצער, לעקטאָר שלום רובינגער, משה לאקס און אני הקטן, יוליאן שווארץ מיר פארגעסן נישט אין נתן מארק, הערש סעגאל, אליעזר פרענקעל, און אנדערע מיטבויער פון אונדזער ליטעראטור און קולטור אין רומעניע.

מיט אונדזער ארבעט ווילן מיר דערפולן א חוב לגבי די לעבעדיקע ווי לגבי די וואָס האָבן אונדז פארלאָזט.

מיט זייער שאפונג האָבן זיי ווי בינען געפלאטערט איבער די פעלדער און וועלדער פון רומעניש-יידישן לעבן און צוזאמענגעטראָגן זייער האָניק אין אונ-דזער בינשטאָק — די מאָדערנע יידישע ליטעראטור פון רומעניע.

די יידישע שרייבער משפּחה פירט אוים א שליחות לגבי דעם לעבעדיקן המשך פון יידיש שאפונג אין רומעניע.

פון זייערע געראָטענע, אינטערעסאנטע ווערק, נעגיסן עטיש און עסטעטיש די לייענער. ביי יעדער באגעגעניש מיטן שרייבער, אויף אימפּרעזעס אָדער מיט זיין נייעם בוך, דריקן די לייענער אוים פארערונג און ליבע צו זיי.

א מערקווערדיקער פאלקס-חכם: טשילבי משה

מאָטאָ: „כל זמן די לעבעדיקע זענען מזכיר די
וואָס זענען נישט דאָ מער צווישן זיי,
בלייבן די נפטרים פארבונדן מיטן לעבן.
(מיכאיל סאדאָוועאנו).

מיר געפינען זיך ביים אָנהויב פון דער צווייטער העלפט פון פאַריקן יאָר-הונדערט, אין אמאָליקן בוקארעשט ווו:

„ווער קאָן ציילן,
נאָכדערציילן
גוט, פארלעסלעך:
בוקארעשטער קרעטשטמעס,
שטיבעלעך פון הינטערגעסלעך". (1)

ווי עס שרייבט אנטאָן פאן, דער פאָלקסטימלעכער שרייבער און פאָלקלאָ-ריסט (1794-1854), אין זיין ניינטן געזאנג, פון בוך „וועגווייזער פאר שיכורים"

„...די דעמבאָוויצא-פעסטונג, די אמאָליקע בוקארעשטער פעסטונג און נישט דאָס היינטיקע בוקארעשט, מיט אירע מאָדערנע אונטערנעמונגען, פאַב-ריקן מיט שפּאָרט-פאלאצן און פּלעצער, מיט די טעאטערס, קולטור — און אלגעמיינע אינסטיטוציעס, מיט די נייע קווארטאלן, אויפגעבויטע איבער די אלטע מיידאנעס און גריבער, די פרעכטיקע הויפּטשטאָט פון היינטיקן רומעניע מיט קארגע צוויי מיליאָן איינוווינער — האָט אין יענע יאָרן, ארום 1852, גע-ציילט 75 טויזנט שטענדיקע און 20 טויזנט באוועגלעכע באפעלקערונג און מער ווי 13 טויזנט הייזער, א חוץ די 142 קלויסטערס, ווי עס פארזיכערט אונדז יאָן גאָרזשאן אין זיין „קאלענדער (לוח) פאר די דריי יאָר 1851, 1852, 1853, איוף זייטל 71.

ווייטער שרייבט ער, אז בוקארעשט פון יענע יאָרן איז א פעסטונג פון, אדלשטאנד, פון הוליאנקעס, אונטערהאלטונג און פרייד. פון די גרויסע פריצישע הוליאנקעס דערמאנען אויך די פערזן:

„אין דער בוקארעשטער שטאָט
אין מלך׳ס צי באָיאַרן-הויפן,
מיט כל טוב געגרייטע טישן גראָד;
און ארום זיי, די הארן — פרעסן — זויפן".(2)

מיר געפונען זיך אויף דער „קבצנים-בריק" (פּאָדול קאַליטשילאָר), געמאָלטע פון גרויסן רומענישן מייסטער ניקאָלאַיע גריגאָרעסקו (1907-1838), ווי-א מאָלעריש ווינקל פון דער פּאַטריארכאַלער הויפּטשטאָט, מיט הייזלעך וואָס האַלטן זיך קוים אויף די פיס, אָט, אָט פאַלן זיי אום, אָפּשפּיגלענדיק אויך די גרויסע נויט פון דער בוקארעשטער פעסטונג פון צוריק מיט איבער פינעף פערטל יאָרהונדערט. (3).

פון דער בריק ציען זיך א משא ליקן און שמאָלע געסלעך, מיט קליינע, קלייטלעך, פינצטערע, צונויפגערוקטע איינס אין ס׳אנדערע — מיט לאָדנס צום געסל. קליינע בעל-מלאכהשע ווערקשטאטן, הענגען ארויס זייערע שילדן... דאָ א גארטל און געפארבטע סטענגעס — א פארבעריי! דאָרט א שטיק גראָבער טוך, א וויסער, — וועבעריי און אזוי ווייטער.

דאָ פארקויפט מען לאחדים, „מיטן באַניקל, דאָס הייסט, אין קליינע, קוואנטיטעטן און פאר וויניק געלט. שפּעטער מיט צען יאָר, אין 1861, וועט דער איטאליענישער מאָלער פרעציאָזי, אין א ריי אקווארעלן, אונדז ווייזן די זעלבע לאָדנס פון סוחרים וואָס פארקויפן סחורות אויף די געסלעך. (4).

א געמישטער עולם, פון אלע שיכטן, פון אלע שטאנדן — מענגעס מענטשן ווימלען, שווייבלען און גריבלען איבער גאר. (אָט דאָס פּיטאָרעסקע ווינקל האָט פּיקסירט אויף לייוונט א. ט. „באזאקא" דער מאָלערמייסטער יוסף איסער. דער גרויסער רומענישער דיכטער עמינעסקו, וועט באצייכענען אנטאָן פאַן ווי דאָס קוואטער-קינד פון פעפּעלעא, שארפזיניק ווי א שפּריכוואָרט, פארקויפט ער דאָרט ווי און וועמען ער קאָן, זיינע ביכעלעך, וואָס ער דרוקט מיט געבאָרגט געלט.

אָט שטייט ער פאר א לאָדן, אויף דער קבצנים-בריק (אָדער קאַליצאַ׳ס בריק). ער רעדט מיט א סוחר. ער האָט אים פארקויפט א ביכל און איצט וויל ער אים האָבן ווי א „פרענומעראנט", דאָס הייסט אבאָנענט פאר די ביכער וואָס ער וועט שפּעטער דרוקן. דער קונה זאָגט אים אָפּ.

— לאָז זיי צו אלדי רוחות די שמות, גאָט זאָל מיך נישט שטראָפן פאר די רייד, גיב זיי דיינע קלויסטער-זינגערס. געוווּג פון זיי פאראן אין בוקארעשט פאר זיי האָסטו די ביכלעך פארפאסט!

— זיי האָבן נישט קיין געלט, געבעך, סע קלעקט זיי קוים אויף צו שטילן דעם הונגער... דערלויבט מיר א פראגע, איך בעט אייך: זענט איר נישט א פלאָיעשטער?

— א פלאָיעשטער, פון וואנעט ווייסט איר?

— מע זעט דאָך... איר קענט זיך אוים אין די הייליקע ספרים און איר זענט א גאָטספאָרכטיקער...

— דאָס איז אמת, גיט צו דער, וואָס מ'האָט געחנפעט, דער סוחר.

— גאָטספאָרכטיקער גלוביקער און סוחרישער ווי די פלאָיעשטער, זענען זעלטן צו געפינען... און א דערמוטיקטער, רעדט פאַן ווייטער: דאָרט זענען אלע געוואָרן אבאָנענטן...

— אויב אזוי, פארשרייב מיך אויך אלס אבאָנענט און נא דיר צוויי פער-ציקער (מאראקאוועצן)מ.

אנטאָן פאַן דאנקט אים, און לאָזט זיך גיין. עמעצער קומט אים אנטקעגן. ס'איז לאזאריקע דער געלטוועקסלער (זאראפול), וואָס האָט זיך איינגעשטעלט דאָס לעבן, נאָך "1848„ און אויסבאהאלטן ביי זיך, איינעם פון די אָנפירער פון דעם אויפשטאנד — דומיטרו בראטיאנו. ס'איז לאזאריקע דער געלטוועקסלער, ביי וועלכן אנטאָן פאַן באקומט סיי ווען, דאָס נויטיקע געלט מיט קליינע ציגזן, ארויסצוגעבן א ניי ביכל. היות פאַן האָט שוין פון א לאנגער צייט נישט אָפּ-געצאָלט קיין באָן, פונעם חוב, מאכט ער זיך ווי ער זעט נישט לאזאריקען, וועלכער שטרעקט אים אוים א פריילעכע האנט:

— נו, ווי גייט עס מיט די פרענומעראנטן, מיט די אבאָנענטן, איר באצאָלט מיר עפעס פון חוב?

— שווער, ביטער! זיפצט פאַן. חדשים לאנג וואנדער איך אויף וועגן, איבער גאָר, און אנשטאָט געלט-קדחת... קרענק! אָבער דעם חוב וועל איך בא-צאָלן, זאָרגט נישט,

— באזאָרגט בין איך נישט, אָבער איך באדארף דאָס געלט, זאָגט שפאסיק לאזאריקע.

— איך וויים עס, ווייל איך אליין האָב עס געזאָגט: דער לווה (קרעדיטאר) האָט מער זאָרגן ווי דער מלווה (דעביטאָר) אוןביידע האָבן אָנגעהויבן צו לאכן.

ארום טשיליבי משה, זאמלען זיך אלץ מער „קונים", נים אזוי וועגן צו קויפן פון זיין צעלניק, ווי כדי צו געניסן פון זיינע וויצן, לערעס, אָדער קלו-גע הומאָרפולע סענטענצן, מימראות.

מיר זענען אויפן פּלאַץ, וווּ ס'עס שטייט דער אימפּאָזאַנטער בנין פון טרי-בונאַל, געריכטהויז, אדוואָקאטן גייען ארום, אהין און אהער, איבער גאָר. טשיליבי ווארפט א שטעכווערטל:

— גוטע לייט, זאָגט מיר, איך בעט אייך, וואָס פאר א חילוק איז צווישן א ראָד פון א וואָגן און אן אדוואָקאט?... נו, איר ווייסט נישט? וועל איך אייך זאָגן: דאָס ראָד שרייט, כדי מע זאָל עס אָנשמירן, דעם אדוואָקאט דארף מען שמירן, כדי ער זאָל שרייען! דער עולם קייכט פאר געלעכטער.

— ווער איז אָט דער קאַטאָוועס-טרייבער פרעגט אנטאָן פאַן פארחידושט, זיין פריינט לאַזאריקע.

— וואָס זשע, איר ווייסט נישט? דאָס איז טשיליבי משה, וואָס פארקויפט קרעלן...

— און פארזייעט פערל, גיט צו פאַן. ער איז שארפזיניק און גייסטרייך, רופט זיך ווייטער אָן פאַן קוקנדיק צום עולם, וואָס רינגלט ארום טשיליבין. זעט איר, לאַזאריקע, איר וואָלט אים באדארפט קומען צו הילף, ווי ס'איז אייער טבע, ער זאָל אויפזאמלען זיינע מאַראַל-שפּרוכן, לעבנס-רעגלען און געדאנקען אין א ביכל. איך בין זיכער, אז איר וועט נישט האָבן קיין היזק פון דעם!

— לאָמיר צוגיין שמועסן מיט אים, ווייל ער קאָן נישט איבערלאָזן זיין קויש מיט סחורה. איך האָף אז איר וועט זיך גוט איינפארשטיין.

פאַן און לאַזאריקע דערנענטערן זיך צו טשיליבין, אָבער א גרופּע מענטשן האַקט זיי איבער דעם וועג. זיי האָבן פארקויפט, וואָס זיי האָבן געבראַכט אויפן מארק, אין די ווענעלעך, און מיטן געלייזטן געלט... ווילן זיי זיך איינקויפן מעסערלעך קנעפּלעך, נאָדלען וכדומה.

צוויי ציגיינערלעך, האַלב נאַקעטע, איינער מיט א צימבל וואָס איז גרעסער פון אים, און דער אנדערער מיט א סקריפּנדיקן פידל, האַלטן זיך נאָך, ווי קליעשטשעס אין דער גרופּע.

— זאָל איך אייך עפּעס שפּילן, פעטערל? 'עט אייך ניט געפעלן, גיט איר אונדז ניט קיין פּאַרע! (קליינגעלט אין אמאָליקן רומעניע).

— לאָזט אונדז צורו, גייט אייך אייער וועג, ווייל מיר האָבן זיך שוין אָפּ-געשטעלט ביי וואַיקיצאַ'ס קרעטשמע, זאָגט איינער פון זיי.

גוט האָט איר שוין געטאָן, רופט זיך אָן טשיליבי, ווייל דאָרט, ווי אין יענעם ליד, פארטרינקען:

...די באַלעגאָלעס זייערע בייטשן,
זייערע פּעלץ-מיצן די פּריצים;

די סמיטשיקעס — קלעזמער דאָרט לאָזן,
די שטראָף-זשאנדארן, די אייזנס צו פעסלען די הענט
די בארג-פאסטעכער, זייערע קוטשמעס,
די שמידן-זייערע ווערקצייג (מכשירים".

— נאָר איין ליד, ווייל מיר זענען טויט הונגעריק, בעט זיך דער שוואר-צינקער מיטן צימבל אין האנט, און הייבט אָן זינגען:

„שלאָג מיך, צעפּלעט מיך,
שטעך מיך, באגראָב מיך,
קאָנסט מיט מיר טאָן וואָס ווילסט
ליב איך דיך ווי מיר געפעלט".

איינער פון דער גרופּע, מיט א בענקעניש, רופט צו די „קלעזמער", זיי זאָלן אים צושפּילן און ער מיט א הייזעריקלעכער שטימע, הייבט אָן צו שרייען אויף א קול:

„ווע — ווע — ווער האָט דיך גע-בוירן
טו-דאָ-רי-צא ליובע —
ביזט אזוי ווי איך וואָלט וועלן
טו-דאָ-ריצא ליובע...

ווארט א ווײלע, וועל איך אייך עפּעס זינגען, רופט זיך אָן טשיליבי כדי איינצושטילן די געשרייען... קומט אהער קינדער, ווענדט ער זיך צו די קליינע קלעזמאָרימלעך, פארשפּיצט אייערע אויערן און באגלייט מיך:

„פון פאָקשאני ביז דאָראָהאָי.
מיט פריצים-פיאווקעס פול דאָס לאנד איז, אוי!

עס באווייזט זיך א מענטש-אָרקעסטער, אן אלטער מוזיקאלישער צירק-קלאָון און הייבט אָן זינגען בוקורעשטעאנו'ס ראָמאנסן. דער עולם פּליעסקעט בראַוואָ.

— שיין האָט ער געזונגען, רופט זיך אָן איינער.
— אזא ליד גייט צום הארצן, גיט צו א צווייטער.

— מיר איז געפעלן דאָס ליד, וואָס איר האָט געזונגען, טשיליבי. זינגט עס נאָך א מאָל.

— לאָמיר עס אין איינעם זינגען. הייבט אָן זינגען און אלע באגלייטן אים:

פון פאָקשאני ביז דאָראָהאָי
מיט פריצים-פּיאַווקעס פול דאָס לאנד איז, אוי!

דאָס ליד, האָט דער הער אָנגעשריבן, זאָגט טשיליבי, ווייזנדיק אויף אנטאָן פאָן. דערנאָך דריקט ער אים פריינטלעך די האנט, ווינטשענדיק אים געזונט און כוח צו שרייבן ווייטער זיינע מאָראַלישע ביכער. פאָן דאנקט אים, ווינטשט טשיליבן געזונט און פארענדיקט:

— ווייסט וואָס, איך וואָלט דיך געראָטן שטעל זיי אוועק אויף פּאַפּיר, די קלוגע רייד דיינע, טשיליבי, זיי זענען טיפזיניקע און פארמאָגן א סך הומאָר, זענען וויציקע.

— זעט איר, איך... איך בין ווייניק געלערנט, איך קאָן נישט שרייבן, שטאָמלט טשיליבי.

— ס'מאכט נישט אוים! שטעל אוועק אנדערע, זאָלן זיי אויפשרייבן און גיב זיי דרוקן.

— כ'וועל נאָך טראַכטן, דערווייל... א גרויסן דאנק אייך פאר דער גוטער עצה. זי וועט מיר אפשר ניצלעך זיין... איך פריי מיך זייער, וואָס כ'האָב זיך באקענט מיט א מייסטער ווי איר, זאָגט טשיליבי און זיי געזעגענען זיך.

און איך פריי מיך, וואָס כ'האָב זיך באקענט מיט א מענטשן, וואָס טיילט מיט אַלעמען אָן אונטערשייד די אוצרות פון זיין מוח און הארץ, זיינע מאָראַל-שפּרוכן, גוטע לעבנס-רעגלען.

— אנדערש וואָלט איך נישט געקאָנט. ווייל ווער עס אונטערשיידט מענטש פון מענטש — איז ניט קיין מענטש.

...עס זענען אריבער עטלעכע יאָר. דער טיפזיניקער וויצלער, ווי אנטאָן פאָן האָט באצייכנט טשיליבי משהן, איז געוואָרן באליבט און בארימט ווי „דער בארימטער אין מונטעניע טשיליבי"! מיר זיינען ווידער א מאָל אויף דער „קבצנים-בריק", פון וווּ עס פירט אוועק דער קראַיאָווער-וועג. די היינטיקע קאַלעא ראכאָווע. אנשטאָט די מאסיווע, פיל שטאָקיגע בלאָק-הייזער, צווישן וועלכע עס שטעקט ארויס, שטאָלץ, דער טורעם בלאָק, דער פרעכטיקער און-טערערדישער מעטראָ, פלעגן זיך א מאָל פארשטעקן, ווי פארשעמטע פון זייער נעבעכדיקן אויסזען, אָרעמע שטיבעלעך, איינגעהויקערטע, איינגעזונקענע,

ווען אין דער בלאַטע פון די צוריקגעצויגענע וואסערן פון דער דעמבאָוויצע נאָך דער פאַרפלייצונג, ווען פון דער בלאָטע פאַרוואַנדלט אין פּאָרעך פון דער שרפהדיקער, בוקארעשטער זומער-זון, שטיבעלעך, וועמענס „בעלי-בתים", בעלי-מלאכות און הויזירער, קרעמערלעך, גוטע, פּלייסיקע, מעסיקע מענטשן, זענען געווען אויסגעשטעלט צו באַליידיקונגען און חוזק, באַרויבט פון אַלע רעכט, נפשות, וועמענס מענטשלעכע ווערדע, די מושלים האָבן געטראָטן מיט די פיס.

כמעט אַלע האָבן זיך באַטייליקט אין טודאָר וולאַדימירעסקוס אויפשטאַנד, אין דער רעוואָלוציע פון 1848. מיר האַלטן אַז דאָ איז דאָס פּלאַץ צו דערמאָנען אַן אינטערעסאַנטע געשעעניש פון יאָר 1848 וועלכע איז פאַרשריבן אין, פּינקס פון דער גרויסער שול פון בוקארעשט („פּינקס מבית חכנסת הגדול") דף לח, תבנית הבית, (זייט 38). אָט דער פּינקס איז וויכטיק אויך פאַר דער געשיכטע פון יידישן טעאַטער אין רומעניע, ביי זיין בראשית, מיט א ריי פאַקטן — דאָקומענטן, וואָס זענען פאַרצייכנט אין אים. כדי צו דערמאַנען, אַז ער האָט זיך געפונען אין די הענט פון א פּאַריין, וואָס האָט זיך אויפגעלייזט, און איז אויסגעבאָרגט געוואָרן פון מיר, פאַר דער פעדעראַציע פון די יידישע קהילות, און אַזוי געראַטעוועט געוואָרן פון פאַרניכטונג, ווי ס'איז נישט דער פאַל פון אַנדערע וויכטיקע טעאַטער-מאַטעריאַלן, וואָס זענען פאַרלוירן געגאַנגען.

„בשנת תר'ח, בחודש סיוון עש'ק (ערב שבת קודש), 10 יוני 1848 למספרם, נתקבצו עם רב, נערים וזקנים, טובים ורעים, דלים וריקם, עשירים ועניים לנגד המלך יארגא באבי, ויגחסו עליו כחמות ים וגליו להנתן דת קאנסטאטאצי, ויבהל המלך ויברח יום א 12 הנ'ל למדינת אחרת. ותחי המקום בלי מנה ויעמדו שם היהודים רובם בכולם על ר' י. (בר'צ ישראל) באראץ (ראש הקהל-סטאראסטע), באכזריות חמת ובקצף גדול בקול תרועה ושברו כל מה שמצאו בביתו. חיזק דרול עשו לו והקולות מבלי יחדלו וקול מקול שונה! מהם אמרו שיראה החשבון מהכגסת הקהל: ומהם שימסור הסטאראסטי לידם: עז התקבצו, מכבוד הריגירונג ונכמרו רחמיו עליו להוציל מידם ולא יכלו! וכן עשו לר'י. קליין והוכרח ר' י. בר'צ עם ר' י. קליין להחבא אצל אחד מן השרים זמן מה שנים עשר יום ולא שקטו עז באו לכאן חיל ישמעאל וחילרוסיה ביסוף חקיץ ותשקום הארץ! ותישב המקום כבראשאונה ור'י. בר' תשיבוהו בכח הרעגירונג על מכונו." אָט איז די איבערזעצונג אויף יידיש פון דעם אויסצוג פון פּינקס פון דער גרויסער שיל פון בוקארעשט, וועגן דעם אויפשטאַנד וואָס איז פאָרגעקומען אין בוקארעשט דעם 10-טן יוני 1848.

„אין יאָר תר"ח (1848), אין חודש סיוון ערב שבת קודש, 10 יוני, האָט זיך פאַרזאַמלט אַ גרויסער עולם, יונגע און אַלטע גוטע און שלעכטע, אביונים און ליידיקגייער, רייכע און אָרעמע לויט פאַרן מלך יאָרגו באבי. (געאָרגע בי-בעסקו י. ש.) און האָבן געשטורעמט קעגן אים, ווי עס שטורעמט דער ים מיט זיינע כוואַליעס, מע זאָל זיי געבן די קאָנסטיטוציע. דער מלך האָט זיך דערשראָקן און איז אַנטלאָפן זונטיק דעם 12-טן פון דעם חודש, אין אַן אַנדער לאַנד.,

דאָס לאַנד, בלייבנדיק אָן אַ פירער, זענען דאָרט אויפגעשטאַנען כמעט אַלע יידן קעגן ר„ י. (ישראל בר"צ (באַראַץ) סטאַראָסטע, ראש הקהל, מיט אַכזרי-יותדיקער רציחה און גרויסן צאָרן, און מיט שטאַרקע געשרייען האָבן זיי צע-בראָכן אַלץ וואָס זיי האָבן געפונען אין זיין הויז און אים אָנגעטאָן גרויסן שאָדן. די געשרייען האָבן נישט אויפגעהערט, און יעדער אויף אַן אַנדער קול. אייני-קע האָבן געמאָנט מ'זאָל זיי אָפּגעבן חשבון פון קהל'ס הכנסות; אַנדערע, מ' זאָל איבערגעבן די סטאַראָסטע אין זייערע הענט; ביז ס'האָבן זיך פאַרזאַמלט די פון דער רעגירונג, ווילנדיק אויס רחמנות אים ראַטעווען פון זייערע הענט, אָבער ס'איז זיי נישט געלונגען. אַזוי האָבן זיי געטאָן אויף צו ר' (ישראל) קליין („היועץ" מערולאַרים י. ש.) ר'י. באַראַץ מיט ר'י. קליין זענען געווען געצוווּנ-גען זיך אויסצובאַהאַלטן ביי איינעם פון די פריצים, אַצייט פון 12 טעג, און דער עולם האָט זיך ניט באַרויקט ביז סע זענען ניט אַהער געקומען דאָס טער-קישע און דאָס רוסישע מיליטער, סוף זומער, און דאָס לאַנד האָט זיך באַ-רויקט און די שטאָט איז צוריק געוואָרן ווי פריער און ר'י באַראַץ מיט דעם כוח פון דער רעגירונג איז צוריקגעשטעלט געוואָרן אויף זיין פּאָסטן.

די בונטאַרן האָבן זיך באַרויקט נאָך די פּאַר חדשים פרייהייט פון יאָר 1848, אָבער די קאָנפליקטן, מסירות אין דער יידישער קהילה, האָבן נישט אויפגע-הערט.

אויף אָט דעם עם-רב, בונטאַרן, יידן ווי ניט יידן, האָט די רעאַקציע נאָך 1848, געהאַט אַן אויג אויף זיי... ווי אויף קריגערישע מענטשן.

(בוקאַרעשט אין דער ערשטער העלפט פון פאָריקן יאָרהונדערט).

מיר זענען אין סאַמע מיט זומער. די שטאָט שמאַכט אַ דערשטיקטע פון דער היץ! דערשטיקנדיקע שטויב כמאַרעס שוועבן איבער די, וואָס האָרעווען באַנאָסענע פון שוויים, פאַר אַ שטיקעלע ברויט. דאָס איז איין פּנים-זייט פון אַמאָ-ליקן בוקאַרעשט. די שטאָט האָט נאָך אַ געזיכט, אַ גלייכגילטיקס, וואָס ווייסט נישט פון קיין שום זאָרגן.

באָיאַרן אין רייכער אָריענטאַלישער קליידונג, טראַכט, אויסגעשטרעקטע אין לוקסוריעזע עקיפּאַזשן, געשלעפּטע פון ראַסיקע, גוטע פערד, גוט געהאָדעווע-

טע אין בלענדנדע געשירן, אָנגעטריבענע פון אלבאנעזישע קוטשערס מיט פּוס־טאנעלעס, אָנגעפּארבטע פּריצעטעס, שטארק געשמינקטע, אויסגעפּוצטע לויט דער פּאריזער מאָדע. דאָס איז דער אזוי גערופענער „בעסערער עולם“, וועלכער לעבט א משוגענעם טאָג, אָן איינצוטינקען די הענט אפילו אין קאלטן וואסער־דאָס איז דער העכערער אָנגעשטאָפּטער, פּוילער שיכט, די „גרויסע“ און „מעכ־טיקע“. די גיריקע עקספּלואטאטאָרס, די גרויזאמע, נארישע און גדלותדיקע. זיי קימערט ווייניק דער שטויב און די דושנע היצן. מיט זייערע קאלעסן פּאָרן זיי ארויס אין די קילע וועלדער, צום גוט פון דעם באָיאר אָדער צום גראָמען אָפּרו־הויז פון יענעם פּריץ, וואָס איז ארומגערינגלט מיט אלטע דעמבענע ביי־מער, וואָס היטן אויף די קילקייט. נאָך די עקיפּאזשן שלעפּן זיך די גרויסע, וועגענער, אָנגעלאָדענע מיט כל טוב, זיי סקריפּען אונטער די שווערע לאסטן׃

טראָץ דער שטיקנדיקער היץ, מוזן די נויטבאדערפטיקע תמיד ארומלויפן וויל דער הונגער גלייבט קיינעם ניט און איז קיינעם ניט מוחל.

אין דעם געדרענגעניש, אויפן פריער אָנגעוויזענעם פּלאץ, באוויזט זיך א מענטשעלע מיט א שמייכל אויף די ליפּן, ווי איינער וואָס סע גייט אים ווייניק וואָס אָן דאָס וועטער און די צרות. זיין קיילעכדיק פּנים, זיין געדיכט קליין געשוירן בערדל, וואָס רינגלט ארום זיין געזיכט, די וויינענדיקע אויגן אנטפּלעקן דעם שארפזין, דעם דורכדרינגענדן גייסט, וואָס האָט געמאכט פון טשיליבי משה, א פּערזענלעכקייט. סארא געמיש פון געפילן שפּירט מען אין זיין מע־לאנכאָלישן, טרויעריקן שמייכל, זיין האלטונג — אלץ פּארראט זיין הארץ און געדאנק.

א קליין וווקסיקער, אָבער א געזונטער און שטארקער, א קלאָרער, לעבעדי־קער בליק, א פּעסט, הארט, פּליסיק לשון, אן אויסערגעוויינטלעכער זיכרון, א לאכנדיק מויל, פון זיין פּנים, וועלכעס די צרות האָבן נישט צעאקערט, לייענט מען ארויס גוטקייט. ווער סע דערזעט אים, באקומט אים תיכף ליב, הערט אים אוים מיט פארגעניגן.

מיט א לאנגן ציבעק אין מויל, שטייט ער אויפן מארק, לעבן דער „קבצנים־בריק“. לעבן אים, צוויי קוישן מיט כל המינים שהוא: זאָקן און האָקנדלעך, פּאר וועש צו טרוקענען, שפּאגאט, און קראגנס, מעשטעס און צעלניק, קניפּעק־לעך און קנעפּלעך, נאָדלען און שפּילקעס, קעמלעך, שפּיגעלעך און קרעלן. מיט איין וואָרט: מכל טוב און גאָרנישט. דער דאָזיקער האָצמאך פון פּאר מתן תורה, ציט צו די קונים מיט אייגנארטיקע אויסרופן:

„קויפט אָן מורא,
א גראָשן, זייט וויסן,
שוין איין מאָל א סחורה —
פארטיק צערים!“

אָדער ער לויבט זיינע „אנטיקלעך“:

„...די בעסטע אין דער וועלט,
שיך, ווער עס גליסט:
איינעם פאר געלט,
דעם צווייטן אומזיסט!“

אָט שרייט ער אויף א קול:

„לעבן זאָלן די פאבריקאנטן פון קראגנס! — פארוואָס, פרעגט אים א פריזיש זינדל, וואָס האָט געהאלטן אין איינקויפן עפּעס ביי טשיליבי. — וואָס פארשטייסטו נישט, נאר איינער? לעבן זאָלן די פאבריקאנטן פון קראגנס, ווייל, א סך פון די וואָס טראָגן קראגנס, האָבן נישט קיין העמד אויף זיך!

מיט אָט דעם שפּאסווערטל: „דו נאר, נארעלע“, פלעג זיך טשיליבי ווענדן צו יחידים, קליין אָדער גרויס, רייך אָדער אָרעם, אָבער צוםברייטן עולם, פלעג ער זיך ווענדן העפלעך, מיט דרך ארץ „רבותי, מיינע הערן!“ „ווייל דאָרט, וואו סע זענען פאראן א סך, איז נישט איינער, און דעם עולם דארף מען אָפּגעבן כבוד“.

אלע מאָל שטעלט זיך אָפּ אן אנדערער. מע וויל געניסן א גלייכווערטל, א וויץ, הערן א שטאָך-ווערטל אויף די גבירים, א מימרא, א „לערע“, אָדער א סענטענץ. איצט שטייען צעגדליקער מענטשן ארום אים: לערניינגלעך און בעלי-מלאכות, קליינע סוחרימלעך, קלייטיינגלעך, אָבער, מערסטנס אָרעמע פּויערים און יידן.

ווער איז אָט דער חנעוודיקער האָצמאַך, וואָס איז אזוי נושא חן ביים עולם, וועמען ניט-יידן ווי יידן, רינגלען ארום מיט אזויפיל ליבשאפט? ווי אזוי שילדערן אים, זיינע געבילדעטע מיטצייטלער?

דער רומענישער קלאסיקער און בארימטער סאטיריקער יאָן לוקא קאראדזשיאלע וועלכער האָט פון זיינע קינדער-יאָרן געקענט טשיליבי משה, באראקטעריזירט אים אזוי אין דער צייטשריפט „Epoca literară“ (ליטעראַרישע עפּאָכע) פון 13 מאי 1896, זייט דריי:

...„ער איז געווען א קלוג, אָבער ניט בר-מזלדיק קינד פון א פאָטער, וואָס איז א מאָל געווען א פארמעגלעכער סוחר און שפּעטער אראָפּ פון דער

מדרגה, געוואָרן אַן אביון, א יורד, א מטופל, מיט ניט פאַרזאָרגטע קינדער און מענגע קרובים, וועלכע ער פלעג אויסהאלטן, שפּייזן מיט זיין שווערער האָרעוואַניע אַלס הויזירער. אין אָט דעם פּאַך, פלעג ער אויסנעמען „מער מיט זיין מויל ווי מיט זיין האַנדל, מער מיט זיין פילאָסאָפיע ווי מיט זיין סח־רה — געווען א סענטימענטאַלער מענטש, זייער מאָראַליש אין די מעשים ווי אין אויפפירונג-רעגלען, פאַרשריפטן און מער פון אַלץ, א גייסטרייכער מענטש".

אונטערן טיטל „טשיליבי משה" שרייבט דער רומענישער געלערנטער,· שריפטשטעלער באָגדאַן פּעטריטשעיקו כאַזשדעו: ביי... דער געלעגנהייט פונעם נייעם יאָר (1 יאַנואַר) האָט דער בארימטער טשיליבי משה, דער (משה) מענדעל־זאָן פון די בוקאַרעשטער יידן, אַרויסגעגעבן א בראַשור „פּראַקטיקע און זאַמלונג"

צווישן די אַלטע און באַקאַנטע זאַכן, האָב איך אויך געפינען עטלעכע נאָך נישט פאַרעפנטלעכטע שטיק, וואָס שטעלן אוועק אונדזער איזראַעליט, העכער פון „ניקיפּערטשעאַ". ווי למשל: „...אין דער נאַרער וועלט קאָן מען נישט געפינען א מענטש וואָס זאָל קויפן א לאַנד, פאַראַן אָבער אַזעלכע וואָס פאַרקויפן עס".

„גומערן האָט מען געשטעלט אויף די דראָשקעס, זיי זאָלן נישט אַנטלויפן־מע וואָלט באַדאַרפט שטעלן גומערן אויך אויף די יעניקע וואָס אַנטלויפן פון די דראָזשקעס".

פאַרגלייכנדיק אָט די „באמת הומאָריסטישע פונקען" מיט אייניקע אויס־דרוקן פון „ניקיפּערטשעאַ", וואָס טוט עפּעס ווי אומיסטן, כדי א גאַנץ יאָר זאָל אים אַלץ אַזוי גיין, פאַרענדיקט כאַזשדעו אַזוי: „איז דען נישט בולט, אַז טשיליבי משה שטייגט איבער „ניקיפּערטשעאַ", ניט נאָר אין גייסט, נייערט אויך אין גוטער דערציונג, מאָראַלישקייט".

טשיליבי'ס גרויסע פּאָפּולאַריטעט איז צוצושרייבן זיינע לערשפּרוכן, וואָס האָבן געהאַט לײדנשאַפטלעכע לייענער און געוואָרן „באַזישע ביכער פאַר דער פריער יוגנט", ווי יאָן לוקאַ קאַראַדזשיאַלע זאָגט. אָט דאָס אַלץ האָט אונטער־געהאַלטן טשיליבי'ס שם.

דער ליטעראַטור-פאָרשער, אַקאַדעמיקער באַרבו לאַזאַרעאַנו, האַלט אַז טשיליבי משה איז געווען: „...א הויזירער צוליב פּרנסה, און א חריף בנטיה טבעית, א שאַרפזיניקער פון דער נאַטור און שאַצט אָפּ זיינע לערעס ווי: „חרי־פותדיקע ריידפול חכמה און פיטאָרעסק, קורצע און שאַרפע ווי אַן עפּיגראַמע".

אָט דער מערקווירדיקער פאָלקס חכם, א מושלם בכל המעלות, איז געבוירן געוואָרן אין פּאָקשאַני (רומעניע) אין א באַשיידן, ציכטיקן הויז, ווי א ציטער־

דיקער בן זקונים אין יאָר 1812. פאַרשריבן אין די אָפיציעלע פּאַפּירן מיטן נאָמען אפרים־משה שווארץ, האָט שפּעטער באַקומען ביים פאָלק דעם צונאָמען „משה דער ייד“ און אינגיכן, איז ער געוואָרן באַקאַנט ווי „טשיליבי משה, דער בארימטער אין גאַנץ וואַלאַכיי“ (מונטעניע).

ווי דאָס רוב פּשוטע מענטשן פון זיין צייט, איז ער געווען א קנאַפּער קע־נער... נישט געהאַט קיין מעגלעכקייט צו לערנען, צוליב זייער שווערער עקאָנאָ־מישער לאַגע און די רדיפות מצד די פעאָדאַלע מושלים, וועלכע האָבן בכיוון אויפגעהאַלטן דעם אנאַפּאַלבעטיזם.

דאָס פעודאַלע רומעניע איז געווען א לאַנד, וווּ מ'האָט זיך געשטיקט, איינס דאָס אַנדערע. ווו פּריצים האָבן געהאַט אַלע פּריווילעגיעס און גיטער און דאָס האָרעפּאַשנע פאָלק, באַרויבט פון מענטשלעכע רעכט, האָט געוווּסט פון די בלוטיקסטע עוולות, פון די טיפסטע מענטשלעכע באַליידיקונגען האָט געטרונקען פון ביטערן כוס. דאָס איז בולט אויך פון טשיליבי משה'ס לעבן, פון זיינע „רייזעס“ איבערן לאַנד, אויף די ירידים און מאַרקן, פון זיינע ווינט־שעוואַניעס און שטרעבונגען, וואָס ער דריקט אויס אין זיינע געדרוקטע לערש־פּרוכן און גלייכווערטלעך. טשיליבי משה באַדויערט אָט די אָפּגעשטאַנענקייט און שאַצט אָפּ די ווערט פון לערנען:

— דאָס לערנען פאַרן מענטש, איז דאָס ליכט פון דער וועלט.

— בילדונג איז טייערער פון געלט.

— דער חילוק צווישן למדנים און עמי הארצים, איז ווי צווישן לעבעדיקע און טויטע.

— דער מענטש אָן בילדונג, אָדער כאָטש לעבנס דערפאַרונג, איז געגליכן צו א זויג־קינד. אָבער:

— נישט דער וואָס לייענט ביכלעך איז א חכם, נאָר דער וועלכער פאַר־שטייט וואָס ער לייענט. ווייל:

— דער זיכרון איז די מאַמע פון וויסן און די נשמה פונעם לעבן. און:

— חכמה איז א געווער קעגן אַלע עוולות, און:

— ווער סע עצהט זיך אַליין, באַגייט תמיד פעלערן.

— טשיליבי משה איז מער מקנא א געלערנטן מענטשן ווי א רייכן, ווייל:

— געלט איז קיילעכיק...

אין זיין וואָגיקער „געשיכטע פון דער רומענישער ליטעראַטור, פון איר אנטשטייונג ביז היינטיקן טאָג“ (948 גרויסע זייטן) וואָס דער ליטעראַטור היסטאָריקער און געלערנטער זשאָרזש קאַלינעסקו האָט ארויסגעגעבן אין יאנואר 1941, איז טשיליבי משה, פאַרשריבן בייט סאַמע אָנהויב פון דער מאָדערנער רומענישער ליטעראַטור, ווי איינער פון „די ערשטע הומאָריסטן“, און ווערט כאַראַקטעריזירט אלס „דער יידישער אנטאָן פאַן, מינדלעכער זשעני, וועמענס סענטענצן זענען פול מיט א געזונטן, אַלטחכמהדיקן הומאָר“. (ז. 214).

דער געלערנטער קאַלינעסקו כאַראַקטעריזירט דעם וואָלעך פון די 50-יקער יאָרן, פון פאָריקן י״ה אויף זייט 592 פון ציטירטן ווערק, אזוי: „דער וואָלעך, (אזוי באצייכנט מען דעמאָלט דעם מונטענער) פון 1850, א געמיש פון אבער-גלויבן, גלויבן אין כישוף, מענטשלעכקייט און עגאָיזם, וואָס זענען דער יסוד פון דער פרימיטיווער נשמה. די מענטשן גלייבן אין א גוט-אויג, אין א בייז באַגעגעניש, אין פאַרזעעניש, אָפּשפּרעכן און אין אָפּטאָן כישוף.

דער געלערנטער דר. משה גאַסטער, ווייזט אָן אויף אן ענלעכער פאַרגלי-ווערטקייט אויך ביי יידן פון רומעניע. אין זיין פאָרוואָרט צו יעקב פּאַסגטיר׳ס ארבעט אין רומענישער שפּראַך „Fermecătorul“ (דער מכשף) ארויסגעגעבן אין פאַרלאַג ־ון, פיליפּ לאַזאַר אין קראַיאָווא, אין יאר 1886. זז׳ 118 פלוס פאָרוואָרט אויף די זז׳: v. iv-1 שרייבט דר. גאַסטער אויף ז III: „...אָט דאָס ביכל, וואָס דער מחבר דערפון איז אליין א פאָלקס מענטש, האָט דעם צוועק, צופאַרניכטן דעם גלויבן אין כישוף„. גאָלדפאַדען האָט, ווי באַקאַנט, אָנגעשריבן זיין „כישופמאַכערן-אין די זיבעציקער יאָרן אין בוקארעשט, מיטן זעלבן צוועק“... דער ווונטש אויסצ-היילן דאָס פאָלק פון אבערגלויבנס האָט מיך דערפורט צו דער הויפּט-אידעע-פון דער „כישופמאכערין.“

אויף זייט V פון פאָרוואָרט שרייבט דר. גאַסטער: „... טיף איינגעוואָרצלט אין הארץ פון פאָלק, איז דער גלויבן אין איבערנאַטירלעכע כוחות, וואָס בייטן. לויט זייער באַגער, דעם דרך הטבע פון די באַשעפענישן“. און גיט צו״: „...אין די אַלטע צייטן, פלעגן פוסטע איינגלויבענישן, אמנות, זיין א באַשטאַנד-טייל פון דער רעליגיע. היינט זענען זיי אָבער ניט מער ווי הבלדיקע גלויבנס וואָס פּענטען דעם פרייען שוווּנג פון פאָלק. ס׳איז דער חוב פון יעדן איינעם בייצושטייערן מיט אַלע זיינע כוחות, כדי אָט די פסולת, איבערבלייבעכץ פון אַמאָליקע צייטן, זאָלן גענצלעך פאַרשווינדן״. זייט IV און V פון פאָרוואָרט, און פאַרענדיקט: ווי מיר האָבן שוין געשריבן האָט „אָט דאָס ביכעלע דער(מכשף), דעם צוועק, צו פאַרניכטן דעם גלויבן אין כישוף“.

זאָל אונדז דערלויבט זיין צו ציטירן אויך אנדערע ארויסזאָגונגען, בא הויפּטונגען פון צייטוויליק זיך אויפהאַלטנדיקע אָדער דורכרייזנדע פערזענלעכ-קייטן, וואָס זענען שייך דעם סאָציאַל-עקאָנאָמישן און קולטורעלן מצב פון די רומענישע יידן אין די פופציקער יאָרן פון פאָריקן י״ה.

אין זיינע באשרייבונגען פון די יאָרן 1843-1845, אין די:
„Wanderungen Durch Krakau, Galizien, Bukowina, Moldau und Walachei" — „Algemeine Zeitung des Judenthums"
באמערקט דר. יוליו באראש אז: „...דער גרעסטער טייל פון די וואַלאַכישע יידן זענען בעלי-מלאכות, וואָס זענען זייער אָפּגעשטאנען. סע פּאסט אויף זיי צו זאָגן דאָס באָהעמישע יידישע ווערטל: „שלעפּ מיך, איך גיי גערן„. דער גרעסטער טייל פון זיי טראָגן דייטשע קליידער.

אין זיין קאָרעספּאָנדענץ וואָס דער פרעדיקער ישראל פּיק פון דער בוקא-רעשטער קהלה (שפּעטערער משומד), האָט צוגעשיקט פון בוקארעשט דעם 18-טן דעצעמבער 1852, און איז גלייך אָפּגעדרוקט געוואָרן אין דער אויבן דערמאנ-טער „אלגעמיינע צייטונג דעם יודענטומס", שרייבט פּיק וועגן די ערשטע איינ-דרוקן ביי זיין אָנקומען קיין דזשורדזשיו. (ער איז אפּנים אָנגעקומען מיט א, שיף אויף דער דונארע (דוניי), אין מונטעניע), באלד ווי ער האָט באטראָכט די רומענישע ערד:

„די יידן פון דזשורדזשיו, זענען זייער פארגרעבט. און אינעם הויז פון א יידישן, סוחר, וו ער האָט געגעבטיקט פּריוויק און שבת האָבן געהאנגען אויף די ווענט, צוויי שרעקלעך מיאוסע קאָפּיעס פון לעאָנארדא דא ווינטשיס „די הייליקע אָוונט סעודה„ (סדר נאכט) ארומגערינגלט מיט בילדער פון די גדולי און גאוני ישראל.

אין זיינע נאָטיצן וועגן יידישן קולטור-לעבן אין רומעניע, ווי אויך אין זיין גרעסערער דערציילונג „דמעת עשוקים„ (טרערן פון גערודפטע), באמערקט ישעיהו דוד זילבערבוש, א צייט לערער אין באָטאָשאני א געוויסע גייסטיקע פארגליווערטקייט פון די רומענישע יידן אין דער מיט פון פאָריקן יאָרהונדערט.

מיר ווילן באמערקן אז לויט די באהויפּטונגען פון די דערמאנטע פערזע-נלעכקייטן, פארשטייט מען, אז זיי זעען אויבערפלאכלעך דעם פרצוף פון יידישן לעבן, מיט זיין צומאָל אומסימפּאטישן, נישט צוציענדיקן אויסזען.

ס'איז באקאנט די האלטונג פון א רב, א גאליציאנער, פון א מאָלדעווישן שטעטל, וועלכן מ'האָט געכאפּט בעת ער האָט גענומען שוחד (כאבאר), און אויף דער שאלה פון די קהלישע פירער: היתכן? האָט ער געענטפערט: איך בין נישט אהער געקומען וועגן א ייחוס-שידוך נאָר וועגן א געלט-שידוך!

ס'האָט זיך געלוינט אָט דער פאַראַנטעז, א בליק אויף דעם קולטור פייסאַזש אין וואַלעכיי, מונטעניע, אין אָנהויב פון דער צווייטער העלפט פון פאָריקן י'ה. איז טאַקע צו באַוואונדערן די דערשיינונג פון טשיליבי משה — א מין מאַמע רחל פון די רומעניש־יידישע האָרעפּאַשניקעס, געריודפטע פאָלקס־מענטשן, יידן און ניט יידן. ס'איז צו באַוואונדערן די אידענטיפיקאַציע פון טשיליבי, מיט זיין פאָלקס־אוידיטאָריע — די פאַרשטויסענע און פאַרשטופטע באַלמעלאָכעס און אָרעמע פויערים.

ס'איז צו באַוואונדערן נישט נאָר די פּראָבלעמאַטיק וואָס טומלט אין זיינע לערעס און גלייכווערטלעך נאָר אויך די חכמה, תורה פון וועלעכע דער וואַלעכישער ייד איז שוין געווען אָפּגעריסן און וועלכע, דער קלוגער טשיליבי משה, האָט אריינגעפלאָכטן און אויסגעטייטשט אויף רומעניש. אינטערעסאַנט איז אויך די לעבעדיקע און וואונדערבאַרע קונץ זיינע, פון ארויסזאָגן און ארו־מריידן אקטועלע, אָנגעווייטיקטע לעבנס־פראַגעס צווישן פעלקער, אויף זיין איינגנאַרטיקן אופן.

איז טשיליבי משה'ס דערשיינונג א צופאַל? ניין, דער צופאַל — לויט ענגעל־סן — איז די אויסדרוק פאָרם פון דער נויטווענדיקייט, די נויטווענדיקייט פון דער אָרעמער באַלמעלאָכישער און פויערישער סביבה, מיט וועלכער טשיליבי משה איז געווען טאָג טעגלעך אין אן אומוטלבאַרן קאָנטאַקט.

האָט מען באַדאַרפט גיין צו א העכערן באַאמטן, אינטערוועניר) ביי אים אָדער ביי אן אנדערן, האָט טשיליבי לאַנג נישט געקלערט, נישט געמאַכט קיין שיעם און געלאָפן העלפן די ליידנדע. ווייל: „זיי נישט פויל ווען דו דאַרפסט יענעם א טובה טאָן„. זעלטן אזא צוזאַמענבונד פון לערע און טאַט, ווי ביי טשיליבי משה.

אָט לויפט ער שפעט אין דער נאַכט צום אינערן־מיניסטער, און סע געלי־נגט אים צו באַפרייען עטלעכע בעקערס, וועלכע מ'האָט געשמידט אין קייטן, אונטערן אויסרייד אז זיי זענען וואַגאַבונדן (א בילבול, אז זיי זענען אָרעמע יידן אָן באַשעפטיקונג) און געזאָלט ווערן ארויסגעשיקט פון לאַנד, אָדער אריי־גנגעוואָרפן ווערן אין דונײ (טינע), ווי ס'איז געשען אין גאַלאַץ.

כדי צו ראַטעווען דעם איינציקן שפייזער פון אן אָרעמער פויערישער משפחה־אבהמהלע, וואָס מ'האָט געהאַלטן אין פאַרקויפן אויף א ליציטאַציע, פאַר א חוב, זאַמלט טשיליבי צונויף ביים עולם געלט. אליין לייגט ער אריין א גרע־סערע מטבע אין דער פאַטשיילע, און וועלכער ער האָט געזאַמלט.

אָט די מעשים טובים זיינע, האָבן באַקומען א מעכטיקע געשטאַלטיקונג און עס זענען אויסגעשפינען געוואָרן פון פאָלק, פילע לעגענדעס ארום אים.

טשיליבי משה האָט ליב געהאַט דאָס פּשוטע פֿאָלק באהבה שאינה תּוליה בדבר (אָן שום אײגננוץ), זײַן האַרץ האָט געטריפט, ווען מ'האָט געקריוו־דעט אָן אָרעמען פּויער און ייד. ער האָט געוווּסט פון זײערע נויטן און, גע־פּילט זײער ביטער שווער לעבן.

מיט גיפט און גאַל באַשפּײַט ער די יאָגער און פּלאָגער פונעם האַרעפּאַשניק־דעם פּריץ און פּאָליציי — אין זײַנע גלײַכווערטלעך און אָפּגעטונענע שפּיצלעך.

ווי חוני המעגל — דער בעל־מופת וואָס פלעג מיט זײַן דאַווענען אויסבעטן רעגן, אַזוי פלעג ער, טשיליבי משה, אַרויסרופן בײַ זײַנע צוהערער, יושר, רחמנות, און הילף פאַרן גערודפטן, קענגזײַטיקע פאַרשטענדעניש און ליבע.

אין די יאָרן ווען טשיליבי משה האָט געווירקט, אין דריטן פערטל פון, פאָריקן יאָרהונדערט, איז וואָלעכיי (מונטעניע) געווען אַ לאַנד, אין וועלכן די שטאָטישע באַפעלקערונג איז באַשטאַנען פון אַ געמיש פון רומענער, גריכן, אַרמענער, יידן תּושבים אָדער צוגעוואַנדערטע, צוגעצויגענע און באַגינסטיקטע דורך די מאַכטהאָבער און פּריצים, און פון גערודפטע, צונויפגעלאָפענע יידן און ניט־יידן.

אַ באַטײַטיקער טייל פון דער שטאָטישער באַפעלקערונג, אין די 50־ער יאָרן פון 19־טן יה, בילדן שוין די אַרבעטנדיקע עלעמענטן, די אַרבעטזאַמע בעלי מלאכות און האַרעפּאַשניקעס, יידן און ניט יידן, וועלכע האָבן זיך גוט פאַרהאַלטן צווישן זיך, בשעת צווישן די סוחרים האָט געהערשט אַ דורותדיקע עקאָנאָמישע קאָנקורענץ און קינאה־שינאה.

טשיליבי משה איז אַ מיטצײַטלער פון דעם הומאַניסטיש־משכּילישן טרו־באַדור וועלוול זבאַרזשער בשעת אָבער אין דער מאָלדאָווע האָט דער פון מר־חקים אַראָפּגעקומענער דיכטער־רעבעל, באַזונגען די נויט און דעם עלנט, די סאָציאַלע ראַנגלענישן און אָפּקומענישן, ווערסיפיצירט די פּראָבלעמען פונעם פּשוטן פאָלקסמענטש אין דעם פאַרוואָרפענעם גרויען באָיאַרישן רומעניע, פאַר די אויערן פון די באַנייסטערטע יידישע סוחרימלעך און רענדאַרעס, שפּע־טער אין די קרעטשמעס פאַר בעלי מלאכות, האָט אין וואַלעכיי (מונטעניע), טשיליבי משה מיט זײַנע לעבעדיקע, זאַפטיקע, מימראות אויסגעמישטע מיט תּורה־ווערטלעך, חכמה און שפּרודלדיקן הומאָר, מיט גלײַכווערטלעך, המצאות, טענדענצן און לערעס אויף פּשוט פאָלקסטימלעך רומעניש לשון, באַצויבערט און באַהערשט דעם רומענישן און יידישן מיטלשטאַנד, די פּויערים און בעלי מלאכות, דאָס פּשוטע פאָלק.

פאַר אַזעלכע מענטשן, אין אַט די קאַנטן און באַדיגונגען, האָט דער ייִד משה געפונען דאָס גוטע, פּאַסיקע וואָרט, דעם ריכטיקן וועג: ער מוסרט שטרענג־די שלעכטע און רופט צו ברודערלעכקייט, צו רעספּעקטירן דעם מענטש, צו ליבע און קעגנזייטיקער פאַרשטענדיקונג:

— בעסער קומען הײַנט אויס אַ וואָלף מיט אַ שעפּל איידער מענטש מיט מענטש.

— אַ בייז האַרץ און צאָרן (כעס) קורצן דעם מענטשנס לעבן.

— ווי דער מויל צעפרעסט דאָס מלבוש, אַזוי צעפרעסט דעם מענטשן די קינאה.

משילִיבי משה באַטראַכט דאָס לעבן מיט אַ פײַנעם אָבסערוואַציע־גייסט. ער דרינגט אַרײַן אין די נשמות, שעצט, קרוינט און דערהויבט די אַרבעט, מלאָ־כה, דעם פּויער און בעל מלאכה, וועלכנס שטיקל ברויט איז נישט געקנאָטן אויף פרעמדן שווייס.

דער ליטעראַטור־פאָרשער ג. זאַכאַריאַ, האָט אין אַ בראָשור, דערשינען אויף רומעניש, אין בוקאַרעשט, 1915, א.ט. „משיליבי משה ווי אַ פאָלקסטימלע־כער פילאָסאָף, אים אַזוי באַצייכנט:

„...משיליבי משה איז אַ מאָראַליסט, איינער פון אונדזערע ערשטע מאָראַ־ליסטן; אַ רומענישער מאָנטעין. (Montaigne)„

פון דעם פאַרשטעקטן הײַזעלע, ערגעץ אין אַ הינטערגאַס פון די ציגלמאַכער שטעלט זיך אָפּ אויפן הויפּטמאַרק אָבאָר, פון בוקאַרעשט, אַ צאַרט בחורל, אַ תמימותדיקער, אַ שווייגנדיקער, וועלכער קוקט זיך אַרום און אַרום מיט די פאַרשנדיקע אויגן פון זײַן עלטער.

ס'איז זומער. אַ שטיקנדיקע, דושנע היץ, און אַ גרויסער פאַרעך אויפן מאַרק. דאָס בחורל טוט אויס זײַן רעקל, קלויבט זיך אויס אַ פּלאַץ נאָענט צו משיליבי משה, וועלכער האָט הײַנט, פרײַטיק, ווײַל ס'איז מאַרק־טאָג, איבער־געפירט זײַן „קלייטל", די קוישן, פון דער קבצים־בריק אויפן אָבאָר, וווּ מענגעס מענטשן לויפן הין און הער.

דער, וועגן וועלכן יאָן לוקאַ קאַראַדזשיאַלע וועט שפּעטער זאָגן אַז ער איז „רומעניעס גרעסטער ליריקער", דער מאָלער ניקאָלאַיע גריגאָרעסקו, איז קוים אַ בחורל. ער שפּרייט אויס אויף דער ערד זײַן רעקל, לייגט אויס דערויף זײַן „סחורה„ — איקאָנעס (בילדער פון הייליקע) און וואַרטנדיק אויף די קונים, ווי יעדער סוחר, הערט ער אויס מיט פאַרגעניגן און אינטערעס, די גייסטרייכע רייד און

די ספּאָנטאַנע גליייכוועראַלעך וואָס מאַכן פרייִלעך, די רייד פון טשיליבי משה, יאָ, טשיליבי געפעלט אים מיט זיין שוווּנג און קלוגשאַפט. אַ מאָל וועט ער אים צייכענען, פון דער נאַטור, ווי אין „אָריגינעלן" טיפּ, דער אָריגינעלסטער, אפשר, פון גאַנץ בוקאַרעשט, אָדער לאַזאַריקע דעם חלפן (זאַראַפּול) און אַנדע-רע טיפּן, וועלכע ער האָט באַגעגנט אויף די ירידים.

ווען די מענגעם פויערים, בעלי מלאכות פון אַרום טשיליבי'ס קוישן צעגייען זיך אַביסל, דערנענטערט זיך טשיליבי צו „מייסטער ניקו'ס" הייליקע בילדער, שאָקלט אַ באַגייסטערטער מיטן קאָפּ און רופט זיך אָן:

— איך וואָלט געשווירן, אַז אָט די הייליקע, זענען פּנימער פון דער ציגל-מאַכער-הינטערגאַס!

— טאַקע אַזוי! ווי אַזוי האָט איר געטראָפן, פרעגט גריגאָרעסקו. דער, זעט איר, איז דאָס קינד פון אַ סטאָליער, אונדזערער אַ שכן.

— און די הייליקע, דערגענצט טשיליבי משה, איז אָן אַלטיטשקע סיאַ, אויך פון אייער געסל.

— פון וואַנעט ווייסט איר? פרעגט מיט פאַרוווּנדערונג גריגאָרעסקו?

— וואָס ווייסט נישט טשיליבי? עך, וווּ איז ער נישט אויסגעווייִן? איבער גאַנץ בוקאַרעשט, אין קראַיאָוואַ, יאַס, טורנו סעווערין. ווי זאָגט מען? היינט דאָ, מאָרגן אין פּאָקשאַני... איך טראָג מיך אַרום מיט מיין סחורה אין אַלע ווינקעלעך. טשיליבי באַטראַכט אויפמערקזאַם די בילדעלעך און זאָגט: ווייסט, זיי זענען טאַקע שיינע, די בילדעלעך דיינע. זאָג מיר, ווער האָט זיי, געמאָלן?

— איך, ענטפערט מיט באַשיידנקייט דער „מייסטער ניקו".

— און ווי הייסטו, כ'מיין ווי איז דיין נאָמען?

— ניקו, ניקאָלאַיע גריגאָרעסקו.

— נו, בראַוואָ! זיי ווייסן אַז זיי געפעלן מיר! זיי האָבן מענטשלעכע צורות די הייליקע דיינע, נישט קיין פאַרזעעענישן... ווי אין די שמירעכצן פון אַנדערע, גיט צו טשיליבי, ער דערוויטערט זיך אויף אַ ווײַלע און קערט זיך תיכף אום מיט צוויי פּאַטשיילעס פון די קוישן זיינע.

שטעל אויס אויף זיי דיינע איקאָנעס און שמיר נישט אויס דיין רעקל. דער-נאָך, צו לאַזאַריקען, וועלכער האָט זיך דערנענטערט און מיט אינטערעס גע-קוקט אויף די בילדעלעך.

אַ— וואָס זאָגט איר, לאַזאַריקע, אויף די הייליקע בילדעלעך פון מייסטער ניקו? ער איז שטאַרקער פון באַרבון! און אָנגעהויבן צונויפרופן דעם עולם:

„קומט און קויפט ביים מייסטער ניקו
וואָס שטייגט איבער דעם מעשטער בארבו“.

ארום די בילדעלעך בלייבן שטיין עטלעכע מענטשן, פארבייגייער, און קוקן אויפמערקזאם אויף זיי.

— ווער האָט זיי געמאָלן, פרעגן אייניקע. זיי זענען זייער געראָטענע, זאָגן אנדערע.

— ניקו, ער איז דער מייסטער. ענטפערט טשיליבי, א פריידיקער, וויזנדיק אויפן בחורל. ער שטייגט איבער בארבו'ן?

— ווער איז אָט דער בארבו, נענע טשיליבי? פרעגט ניקו, וועלכער האָט אינצווישן פארקויפט עטלעכע איקאָנעס און באקומען מוט.

— טו דיר אָן דאָס רעקעלע און שפרייט אוים די פאטשיילעס ווייל אויך זיי, זענען געהייליקט דורכן שוויים פון די וואָס האָבן זיי אויסגעוועבט. אויף א זשעסט פון גרויגאָרעסקו, גיט צו טשיליבי: איך מאָן ביי דיר נישט קיין געלט פאר די פאטשיילעס. איך שענק זיי דיר אוועק פון גאנצן הארצן און... זאָלן זיי דיר זיין מיט מזל אין לעבן, אין דער מלאכה, וואָס דו האָסט דיר אויסגעקליבן. טשיליבי דערנענטערט זיך צו זיינע קוישן, ארום וועלכע עס האָבן זיך צו־גויפגעזאמלט עטלעכע קונים.

ניקו. גריגאָרעסקו, וואָס האָט פארענדיקט דאָס אויסשטעלן זיינע בילדעלעך אויף די פאטשיילעס. ווענדט זיך:

— זאָגט מיר, נענע טשיליבי, איך בעט אייך, ווער איז דער בארבו, וועלכן איר האָט דערמאנט?

— האָב געדולד, וועל איך דיר באלד זאָגן, ענטפערט טשיליבי אוים־סדרנ־דיק די סחורות פון די קוישן וואָס די קונים האָבן צעוואָרפן קלויבנדיק. מיט יאָרן צוריק, האָב איך ארומגעוואנדערט, ווי איצט איבער דער שטאָט. פארבייגייענדיק דעם כאן פון מאנוק, פלעג איך זען, לענג אוים דעם פלויט פון כאן, אויסגעשטעלטע איקאָנעס ווי דיינע, געמאָלענע פון איינעם חיים זוגראווול (מעלער). אָט דער חיים מעלער פלעג באצירן קלויסטערס פון בוקאָ־רעשט און אומגעבונג. אים פלעג ארויסהעלפן זיינס א קינד, אָט דאָס קינד איז נישט קיין אנדערער ווי בארבו, וועגן וועלכן דו האָסט מיך געפרעגט. ער איז דער באקאנטער מאָלער בארבו יהודה איסקאָוועסקו. היות ער האָט זיך באטיי־ליקט אין דער רעוואָלוציע פון 1848, איז ער פארמשפט געוועזן צו וואנדערן אין אויסלאנד נאָך 1848, און ער זאָל זיין באערדעט אין קאָנסטאנטינאָפּאָל. (היינט איסטאמבול).

— אהא, כ'האָב פאַרשטאַנען, זאָגט ניקו. א פרוי דערנענטערט זיך, באַ-טראַכט די בילדלעך, און וויל אוועקגיין.

— נעמט מומע, קויפט, ס'וועט אייך ברענגען מזל, זאָגט טשיליבי, וועלכער איז צוגעקומען נאָענט.

— אז איר זאָגט, פאָלג איך אייך און קויף. וויפל קאָסט אָט די איקאָנע?

דער צאַרטער ניקו, באַקומט מוט און ענטפערט „אפּערציקער, א סאָראָקאָ-וועץ, די פרוי באַצאָלט און נעמט זיך דאָס בילדל און גייט אוועק. ציילט ניקו א צופרידענער דאָס געלייזטע געלט.

— פינף סאָרקאָקוועצן, זאָגט ניקו מיט א דערציטערטן קול.

— האָסט געהאַט א גוטע לייזונג, האַלט אונטער טשיליבי.

— טי, סאַרא פרייד אויף מיין מאַמען נעבעך, ווען איך וועל איר אריינ-לייגן דאָס געלט אין די הענט! סאַרא פאַרחידושטע אויגן זי וועט עפענען!...

דער גביר טראַכט וועגן קומענדיקן יאָר, און דער אָרעמאַן צום מאָרגן נאָר! באַמערקט טשיליבי.

— די בילדעלעך, האָב איך אויסגעאַרבעט בסוד, אָן מיין מאַמעס וויסן...

איר ווייסט, נענע טשיליבי, מיט דער נאָדל האָט אונדז אויפגעבראָוועט די מאַמע.

— א לעבן אָן צו אַרבעטן, איז די שוועסטער פון גנבה און אָרעמקייט, און ווען מענטשן אַרבעטן, שטאַרבן זיי קיינמאָל נישט פון הונגער, זאָגט טשיליבי משה, און גיט צו „יעדע שוועריקייט איז לטובה„.

— נאָט מיינער, ווי גליקלעך איך בין, זאָגט ניקו מיט שטאָלץ, איצט בין איך שוין א גרויסער... און קאָן שוין העלפן מייניקע, מיט דער אַרבעט פון מיינע הענט...

וויגנדיק זיך ווי א פעטע קאַטשקע, גייט פאַרביי דעם יריד מיט גאווה, א געאַדלטער סוחר (פון באָיאַרנשטאַנד). גריגאָרעסקו באַטראַכט אים אויפמערק-זאַם::

— זעט נאָר, נענע טשיליבי, אָן איבערבלייבעכץ פון די אַמאָליקע צייטן, ווי אויפגעפּרעסן פון מוילן און שימל.

— זיי פאָרזיכטיק בחורל! סע ווייזט אויס אז דו קענסט אים נישט, זאָגט טשיליבי, ווייסטו ווער דער איז?

— ווער? פרעגט מיט נייגיר ניקו.

— דאָס איז דער הורטאָוויניק אנגעל.

— אייערע רייד: גאָט איז געוואָרן א פּי-הענדלער, א סוחר פון בהמות. און ארייגעשטעקט דאָס געלט אין בהמות, האָט א סווישטש געטאָן ניקו.

— א האלבער מארק איז זיין בעל-חוב, איז אים שולדיק געלט... האָט א זיפּץ געטאָן טשיליבי משה.

— וואָסזשע, ער איז א חלפן, א פּראָצענטניק? האָט א פרעג געטאָן גריגאָ-רעסקו.

איך האָב דיר געזאָגט, אז ער איז א הורטאָוויניק, ער ברענגט סחורות פון דער פרעמד, און פארטיילט זיי צווישן די לאחודימניקעס, דעטאַיליסטן און קליי-נע סוחרימלעך. זאָלסט אים זען דאָנערשטיק ווען ער לאָדט אויס די קאסטנס מיט סחורות!... דעמאָלט גייט ער ארום מיטן סוחרישן בוך, קאטאסטיף אין דער האנט, ארומגערינגלט פון די גרויסע און קליינע סוחרים, און נאָר וואָס דו הער-סט אים זאָגן: „איך באשטים די פּרייזן! אזוי ווי איך וויל, אזוי טו איך!"

— יאָ, טאקע אזוי, אָבער זעט איר, הער... פּרווט איינער זאָגן.

— האָסט עפּעס געזאָגט? שרייט זיך אויס אויף אים אנגעל דער הורטאָוויניק.

— נו, מיר דאכט אז ס'א ביסל צו טייער... איך....

— ס'איז דיר טייער? קויף נישט!

ווען איינער פון די סוחרימלעך, וואגט צו זאָגן אים, אנגעלן, אז ס'איז צו טייער, פאָרט ער אים אָפּ:

— איך גיב שוין גאָרנישט,קאבצעניוק איינער, דלפון! כאפּן אונטער די אנדערע, דערשראָקענע, בעטן זיך ביי אים: גיב אונדז פּריצעניו, צו צוויי קוישן סחורה. יעדן איינעם!

— מיר אויכעט איינעם... האָט רחמנות. כ'האָב א שטוב מיט קינדער, קלאָגט זיך א צווייטער.

— אייערע רייד, נענע טשיליבי, „דער גאנצער וועלט קלעקן צוויי הענט, נאָר די סוחרים דארפן דריי מיט איינער גיט ער און מיט צוויי נעמט ער.

— זע נאָר ניקו, ער קומט צו אונדז. ער וועט אפשר קויפן עפּעס ביי דיר.

— וואָס זאָל ער מיינען מיט דעם מעטער, וואָס ער האלט אין די הענט? פרעגט ניקו.

— ש—ש—שאַ! מאכט טשיליבי א צייכן מיטן פינגערביים מויל. דער הורטאָוויניק דערנענטערט זיך און בלייבט שטיין פאר ניקו'ס בילדלעך.

— גיב מיר דאָס בילד פון דאָרט, זאָגט ער, אזוי. האלט עס פעסט, איך וויל עס אָפּמעסטן. ניקון קומט אָן צו לאכן, פארהוסט זיך כלומרשט, און:

— וויפל מאכט דאָס אויס, דו הונגעריקער!

— צוויי פערציקער, מיין הער!

— אבּיסל צו קליין פאַר דעם געלט אָבער... לאָמיך זיך לאָזן אָפּנאַרן. נעם א פערציקער א סאָראָקאָוועץ און גיב עס אהער. ער וואַרפט אויף דער ערד דעם פערציקער און גייט אוועק לאַכנדיק.

נאָכן הורטאָווניקס אוועקגיין, שיסט אויס גריגאָרעסקו אין א געלעכטער: דער הער קויפט איקאָנעס אויפן מעטער, ווי צייג! ציילט איבער דאָס געלט און נעמט צונויף די בילדלעך, וואָס זענען אים נאָך געבליבן... דער צוקונפטי־קער באַזינגער אין פאַרבן, פון רומעניישן לאַנד און מענטש, דער זיסער, גרוי־סער, אָפּטימיסטישער, פרייליכער דיכטער גריגאָרעסקו, גיט צו מיט טרויער כ׳האָב געטראַכט צו אייערס א וואָרט: „זיי נישט פויל, ווען דו דאַרפסט עמעצן א טובה טאָן". איר ווייסט, נענע טשיליבי, ווען איך וואָלט געקאָנט, וואָלט איך אַלע מיינע בילדער אוועקגעשאָנקען די וועמען זיי געפעלן און האָבן נישט מיט וואָס צו קויפן. נו, גענוג פאַר היינט. איך גיי אהיים. איך איין מיך... מאַכן א פרייד מיין מאַמען... א דאַנק פאַר די פאַטשיילעס, זאָגט ניקו און גיט זיי צוריק טשיליבין.

— פאַרקויפטע סחורה, נעמט מען נישט צוריק!

— איך האָב אייך גאָרנישט באַצאָלט... רייסט איבער פאַרחירושט ניקו.

— לאָז, וועסט מיר שפּעטער באַצאָלן... ווען וועסט האָבן איבעריק געלט... אַרבעט, זאָלסט דערגרייכן בארבו איסקאָוועסקון און י. נעגוליטש, נאָך מער, זאָלסט זיי איבערשטייגן!

גריגאָרעסקו הילט איין די בילדער אין די פאַטשיילעס און לאָזט זיך גיין:

— בלייבט געזונט, נענע טשיליבי, מירן זיך נאָך באַגעגענען, א דאַנק פאַר אַלץ, וואָס איר האָט פאַר מיר היינט געטאָן!

— גיי געזונטערהייט, און קלאַפּנדיק אים פאָטערלעך אויף דער פּלייצע: געדענק, ווער עס וויל די יאַדערע, מוז די שאָלעכץ צעברעכן... ניקו דערוויי־טערט זיך און הערט נאָך טשיליבים קול: און פאַרגעס נישט אויך דאָס: „די יונגט איז ענלעך צום פרימאָרגן: מע דאַרף אָפּאַרבעטן דעם טאָג, כדי צו געניסן די רו פון דער נאַכט!"

ניקאָלאַיע גריגאָרעסקו האָט נישט פאַרגעסן טשיליבי׳ס רייד, פאַרקערט, ער האָט אזוי גוט געדענקט די לערע פון שאַרפזיניקן טשיליבי, אז ארויפשטיי־גנדיק מיט אומדערמידלעכער אַרבעט, מיט וואַרעמער מענטשלעכקייט, מיט עקשנות און באַגייסטערונג, די אומענדלעכע לייטער פון דער קונסט, האָט ער דערגרייכט, ווי קיין שום אַנדערער, די העכסטע שפּיצן פון דער רומענישער מאָ־לעריי.

לאָמיר זיך א ווײַלע אָפּשטעלן אין דער פאָטאָטעק (פאָטאָ־ארכיוו) פון בוק־ארעשטער אינסטיטוט פאר קונסט געשיכטע, און פאָרשן די רייכע קאָלעקציע מיט פאָטאָגראפישע רעפּראָדוקציעס פון גריגאָרעסקו׳ס בילדער און צייכענונגען.

די רייזע דורך טשיליבי׳ משה׳ס לעבן, וואָס מיר נעמען אונטער איצט, די פאָרש־נייגעריקייט האָט אונדז געשטויסן צו באטראכטן די מענגע גריגאָרעסקו־פאָטאָקאָפּיעס פון בילדער סקיצן, צייכענונגען, לפּי ערך פיר טויזנט איינסן, ווו באמת, אונטערן נומער 5824 האָב איך אנטדעקט א בילד „נאָך דער נאטור" פון לעבן, באצייכנט אלס דער געלט־ווערקסלער, „Zaraful".

אָט דאָס בילד פארמאָגט ענלעכקייטן מיט די ביז איצט באקאנטע טשי־ליבי פאָטאָגראפיעס.

מיטן כוח הדמיון קערן מיר זיך אום צום מארק פלאץ, ווו מיר האָבן געזען, וויפל ווארעמע פריינדשאפט ס׳האָט זיך באפעסטיקט צווישן טשיליבין און דעם יונגן ניקאָלאיע גריגאָרעסקו.

מיר באטראכטן פאָרזיכטיק דעם אזוי באצייכנטן „געלט־ווערקסלער".

ס׳איז בין השמשות, אין דעמערונג, אן אָפּגעמאטערטער מענטש זיצט, אויף א קאסטן, (אין וועלכן ער פארשליסט זיין סחורה איבער נאכט, מסתמא; פארטיפט אין געדאנקען, קוקנדיק אויף די פאָר מעשענע גאָלאָגאנעס, באניק־לעך, קליינגעלט, אָפּגעשפּאָרטע אָדער דאָס געלייזטע געלט, מיט שווערער מי, וועלכעס ער ווייסט נישט ווי אזוי ער וועט עס צעטיילן צווישן די צען עסערס פון זיין הויז־געזינד וואָס ער דאַרף שפּייזן, און די דרינגענדע חובות וואָס וואר־גן אים ממש. לעבן אים, אָנגעשפּארט אויפן קאסטן־לאָדן־א קויש, א לאנגער שטעקן א ביסל אויסגעבויגן אויף צו טראָגן די ביידע קוישן (ווי ביי א וואסער־טרעגער).

פון לינקס, שפּיגלט זיך דאָס ליכט נאָר טיילווייז אָפּ אויף אונדזער טשי־ליבי׳ס פנים. אויפן קאָפּ טראָגט ער א מין קוטשמע. די אקסלען אראָפּגעלאָזטע, ווי אין די באקאנטע פאָטאָגראפיעס זיינע; געגוי אזוי, אויך די קלאָציקע הענט, דאָס קיילעכיקע פנים, וואָס איז ארומגערינגלט מיט א געדיכט, קורץ געשוירן בערדל די אויגן־ווײַנענדיקע. די קליידער ענלעך מיטן טראכט פון די אנדערע סוחרימלעך.

אָט די ענלעכקייטן, ווי אויך די פריינדלעכע באציונגען, אויף וועלכע מיר האָבן זיך פריער אָפּגעשטעלט, גיבן אונדז א גרונט, חושד צו זיין, אז דאָס בילד באצייכנט פון ארכיוו אלס געלטוועקסלער, (נישט פון גרינאָרעסקו׳ן) זאָל פאָר־שטעלן טשיליבי משה׳ן.

משיליבי זעט די סאָציאַלע אומרעכט פון יענער צייט, און זאָגט וועגן דער גערעכטיקייט פון די סוחרים:

— דער סוחר זאָגט ליגן אומזיסט און אומנישט.

טשיליבי זעט דעם געוואַלדיקן קעגנזאַץ, קאָנטראַסט צווישן די שיכטן:

— דער פּריץ זיצט אויפן שטול און דער פּויער אַרבעט פאַר אים פּיל.

פאַר טשיליבין זענען דער גן-עדן און דער גהינום „אויף דער וועלט. דער גן עדן איז פאַר דעם וואָס האָט (פאַרן גביר), און דער גהינום פאַרן אָרעמאַן.

און אויב די וועלט איז פאַרן אָרעמען מענטש אַ גהינום, פאַרשטייט מען שוין אַז:

— אַ מענטש מיט יישוב און איידעלע געפילן, בלייבט תמיד אָרעם. דער דלות האַלט זיך אין אָרעמען מענטש, ווי אַ קלעשטש, און כדי פּטור צו ווערן פון אים, דאַרף מען האָבן מזל". אָבער:

— מזל איז ווי קדחת, סע כאַפּט נישט אָן איעדן!

וויפל ביטערע איראָניע, שטעקט אין זיינע באַמערקונגען לגבי דער ליט-עראַטור פון זיין צייט:

— זעט איר, רבותי, וואָס פאַר אַ צייטן מיר האָבן דערלעבט: דאָס געש-ריבענע פּאַפּיר (געמיינט דאָס געדרוקטע) איז ביליקער פון דעם נישט באַשרי-בענעם.

טשיליבי משה, וועלכער האָט געהאַט ענגע פאַרבינדונגען אויך מיט די אַקטיאָרן, מיט די וואָס מען איז חושד ביים וואָיעוואָדישן הויף, אַז זיי זענען אַ שליאַכטע שיכורים... וואָס טרייבן לצנות, באַדויערט דעם סאָציאַל-עקאָנאָמישן מצב פון אַקטיאָרן אין אַמאָליקן רומעניע, זאָגנדיק:

— אונדזערע אַקטיאָרן זענען פריילעך אין דער יוגנט און טרויעריק אויף דער עלטער.

— די היישעריקן זינגען ווען זיי זענען זאַט און די אַקטיאָרן ווען זיי זענען הונגעריק.

— די בינע איז זים אָבער לאַנג, קאָן מען נישט אויסהאַלטן; די יאָרן, ווערן אַלץ קורצער, אָבער קיין געלט זעט מען נישט.

— איך בין מקנא צוויי ערליי מענטשן: די פּריצים און די אַקטיאָרן, ווייל זומער, דרייען זיי זיך אַרום פראַנק און פריי. (ס'איז באַקאַנט דער פאַקט אַז אין יענע יאָרן, פּלעגן אַקטיאָרן האָבן באַגרענצטע אַנגאַזשאַמענטן — נאָר אין ווינטער, און זומער פלעגן זיי גאַנץ אָפט, פוכגען, פגרן אויפן פּיסק פאַר הונגער).

טשיליבי משה באשטעטיקט אָט דעם סאָציאַל עקאָנאָמישן מצב פון אקט־יאָר, מיט אָט דעם ·משלדיקן, ביישפּיל־אנעקדאָט. אַן אקטיאָר וועלכן א גוטער ברודער האָט אים געראטן, ער זאָל זיך ארויסנעמען צוויי ציין, וואָס האָבן אים שטארק ווי געטאָן האָט אים געענטפערט: איך וועל נאָך אריבערטראָגן די ווייטיקן ביזן זומער. פארוואָס? פרעגט אים דער גוטער ברודער, ווייל זומער, נישט האָבנדיק קיין שום אנגאזשאמענט און נישט האָבנדיק וואָס צו עסן, וועל איך מיר ארויסנעמען אלע ציין פון מויל!

דער פאָלקס חכם טשיליבי משה, האָט ווארעמע ווערטער פון מיטגעפיל, פאר די אמאָליקע קלעזמאָרים, וואָס האָבן קיין אנדער טועכץ נישט געהאט, ווי פריילעך מאכן די פריצים און אליין אויסשטיין אלע לעבנס צרות:

— דריי מינים מענטשן ליידן אין דער דארע (קריסטלעכע פאסט־טעג, פאר פּסחא,) די קלעזמער, די הינט, און די קבצנים.

ווי בייסיק און הומאָרפול זענען טשיליבי׳ס באמערקונגען:

— מיט דריי זאכן פרייט זיך אַן אָרעמאַן: מיט א רייכן חלום, מיט א סך וויין, און מיט די גבירישע הבטחות.

— צוויי־ערליי פארשוינען שטעקן זיך פעדערן אויף דער וועלט: א קליינער באאמטער און א גרויסער טיפּש.

אויפדעקנדיק די אומזיכערקייט פון דער עקסיסטענץ, דאָס לעבן פול זאָר־גן פון ארבעטס מענטש — די טרויעריק־שטיקנדע ווירקלעכקייט פון זיין צייט, חכמהט זיך טשיליבי משה:

— דער גביר טראכט צום קומענדיקן יאָר און טשיליבי משה צום מאָרגן נאָר.

— תמיד „קסח“ (הייליקער געאָרגע) און „משך“ (הייליקער דומיטרו), די צייט ווען מע פלעג זיך איבערציען, בייטן די דירות, האָט טשיליבי צוויי דירות די איינע וווּ ער וווינט און מע לאָזט אים נישט ארויסציען זיך פון איר, און, איינע וווּ ער וויל זיך אריינציען און האָט נישט מיט וואָס צו באצאָלן.

כדי צו פארזיכערן זיין חיונה, אָפט מאָל א נישט זיכערע, תמיד א ביטער־שווערע, פלעג אונדזער פאָלקס־חכם וואנדערן אָן אויפהער, איבער שטעט און שטעטלעך, דערפער פון דער געפּרוווטער מונטעניע. א שווערע פרנסה, אָבער א גוטע געלעגנהייט צו קענען זאכן, צושטאנדן און מענטשן, דאָס הייסט זיי צו פארשטיין, און זיי היים ליב האָבן און אזוי האָט טאקע טשיליבי געטאָן: אין זיין „פּראקטיק און גלייכווערטלעך“ שפּיגלט ער אָפּ קרעפטיק, זיין צייט, גיט

אונדז אספּעקטן פון רומענישן קולטור-געזעלשאַפטלעכן לעבן, פון צוריק מיט פינף פערטל יאָר-הונדערט:

— כ'האָב באמערקט אין מיינע וואנדערונגען, אז דער בוי-פּלאַן פון די תפיסות איז מיט פעלערן: די סטעליעס וואָלטן באדארפט זיין העכערע, עס זאָלן אויך הויכע לייט אריין אין זיי.

מען מוז יעדן פרימאָרגן אראָפּשלינגען א קרעציקע זשאבע, אויב מען וויל, סע זאָל נישט עקלען א גאנצן טאָג.

— אין די פריערדיקע צייטן האָט מען געשעצט דעם מענטש — היינט די מטבע, דאָס געלט.

— אייניקע ברענגען שאָדן דעם אמת דורך זאָגן ליגן: אנדערע מיט זייער שווייגן.

— דער אמת איז א פארעלטערטע סחורה, וואָס מע קויפט נישט מער. דער שקר אָבער איז א געזוכטע סחורה.

— ווייניק מענטשן פארבלייבן אויף דער וועלט — וויל קבצנים ציילט מען נישט, רעכנט מען נישט.

— די שטאָט טערגאָווישטע איז קליין — נאָר דער דלות איז גרויס. (היינט א וויכטיקער אינדוסטריעלער צענטער).

טשיליבי משה לאכט אָפּ פון די „שטארקע“ פריצים און פּאָליציי: אָט קומט צו אים צו א פריצל און מאָנט סחורה אויף באָרג. — איך קען אייך שוין, רופט זיך אָן טשיליבי משה, איצט זאָגט איר, אז איך שמעק ווי בשמים, אָבער ווען איך וועל קומען אָפּמאָנען דעם חוב וועט איר זאָגן, אז איך שטינק נאָך קנאָבל.

אן אנדער מאָל, האָט ביי טשיליבין גענומען אויף באָרג, דער פּאָליציי פון א שטעטל, און נישט באצאָלט דעם חוב, אָפּלייגנדיק פון איין טאָג אויפן אנדערן. אין אן אָוונט, פארבייגייענדיק א לאָקאל וווּ דער פּאָליציי איז געזעסן מיט פריצים, בעט אים טשיליבי, ער זאָל אים געבן א סטרוזש, וואָס זאָל אים העלפן אָפּמאָנען א חוב. דער פּאָליציי האָט אים געגעבן א באאמטער, מיטן באפעל, ער זאָל אויספירן וואָס טשיליבי משה וועט אים באפעלן. א שיינעם דאנק אייך, זאָגט טשיליבי און באפעלט: באאמטער נעם מיט אָט דעם פריץ, ווייזנדיק אויף דעם פּאָליציי ער איז דער בעל-דבר, דער בעל חוב.

דער פּאָליציי און זיינע פריינד האָבן זיך שטארק צעלאכט, ער האָט באצאָלט דעם חוב און פארזאָגט צו נעמען סחורות, אויף נישט צו באצאָלן...

ביז גאָר אינטערעסאנטע זענען די מיטטיילונגען און אָפּשאצונגען פון דעם רומענישן קלאסיקער און בארימטן סאטיריקער יאָן לוקא קאראדזשיאלע, דער-

שינען אין דער „עפּאָקאַ ליטעראַרע" (ליטעראַרישע עפּאָכע): „אַ באַטייטיקע פיגור און דער געשיכטע פון אונדזער געזונטער ליטעראַטור, איז בלי ספק געווען טשיליבי משה. אַן אמתער און מיט רעכט פאָלקסטימלעכער טיפּ".

דאָס אָנקומען פון טשיליבי משה אין אַ שטעטל, איז געווען אַ געשעעניש וואָס האָט תמיד געמאַכט אַ רושם, ווייל דער סוחר, פלעג מיטברענגען צום פאַרקויפן אַ חוץ צעלניק, אויך אייניקע ביכעלעך מיט אפאָריזמען (משלים), זייער באַליבטע בייַם עולם. אָפט פלעג ער פאַרדינען מער מיט זיין געשריבענער ליטעראַטור און מיט זיינע גייסטרייכע, מאַרקשרייערישע רייד, ווי מיט זיין מסחר. ניט יעדער איינער האָט זיך געגוויטיקט אין הענטשקעס, זאָקן, קנעפּלעך, קניפּעקלעך קראַגנס וכדומה, אָבער אַלע האָבן געגאַרט אים אויסצוהערן און קויפן אַ ביכל מיט משלים, „פּראַקטיקע און גלייכווערטלעך" פון טשיליבי משה דעם באַרימטן אין דער מונטעניע, רומעניע.

יענע ביכעלעך האָבן מיר פאַרשאַפט אַסך פרייד אין מיינע קינדער-יאָרן. מיט זיי האָב איך פאַרבראַכט פילע, באמת באַצויבערנדיקע אָוונטן. דעמאָלט ווען כ'האָב אָנגעהויבן קענען לייענען און מעגלעך אַז נישט ווייניק האָט משפּיע געווען אויף מיין נייסט, אויך דאָס דאָזיקע לייענען, יענע ווונדערבאַרע משלים און גלייכווערטלעך, גוטע פריינד פון מיינע קינדער-יאָרן, וואָלטן שוין לאַנג פאַרלוירן געגאַנגען, ווען דער הער שוואַרצפעלד (משה), טוט נישט אַ באַטייטיקן דינסט אונדזער ליטעראַטור, ווידערגעבנדיק אונדז די צעזייטע משלים און מימראות. ציטירנדיק אַ פּאָר סענטענצן פון טשיליבי משה'ן, ווי — דער אייבערשטער גיט אונדז רעגן און דער פויער אכילה, אָדער:

— דריי זאַכן זענען קיין מאָל נישט ליידיק אין דער שטאָט בוקאַרעשט: דער סוחרישער רעגיסטער (מיט חשבונות), דער טייך דעמבאָוויצאַ און די תפיסה, שרייבט קאַראַדזשיאַלע ווייטער:

...די פיינע פּערל זיינע, זענען צו געפינען דאָרט, וווּ ער רעדט וועגן זיך מיט דער זעלבער קלאַסיש-אָריענטאַלישער פּשטות, גוט-האַרציקייט, ווי דער, לעגענדאַרער נאַסטראַטין האָדזשיאַ וועגן זיין שלימזלדיקייט, וואָס ווייל גובר זיין די חכמהדיקע געדולד זיינע, וועגן זיינע אייגענע דערפאַרונגען.

זיינע פּערל שטעקן דאָרט, וווּ ער שמייסט מיט אַ מלא-טעמדיקן שמייכל פון גאַל זיין ביטער מזל. זיי זענען דאָרט וווּ ער חוזקט אָפּ מיט אַ פיינעם הומאָר פון זיינע אייגענע און פרעמדע צרות, קאַראַדזשיאַלע ציטירט ווייטער אַלס ביישפּיל: — טשיליבי משה שטאַרבט אַוועק אַן ערלעכער מענטש, ווייל ווייניק באַצאָלט ער, און אַ סך האָט אים קיינער נישט געטרויעט.

ווי אַן אַנדער הערשעלע אָסטראָפּאָליער, זאָגט ער וועגן זיך:

— פון דריי זאַכן איז אָפּגעהיט טשיליבי משה, ביז אויפן היינטיקן טאָג: פון שונאים, פון גרויע האָר און פון מזומן. אָדער:

— מיין פאַרשטאָרבענער פאָטער, איז דרייסיק יאָר געפאָרן קיין לייפּציג און געקויפט סחורה אויף באָרג, פאַרקויפט אויף באָרג, געגעסן אויף באָרג און איז מקבר געוואָרן אויף באָרג...

— משה, דער ייד, האָט א גלעקל אויפן טיש, ווען ער קלינגט איין מאָל ברענגט ער זיך אליין וואסער ווייל ער האָט נישט קיין דינסט.

ווייל די ווירקלעכקייט איז א טרויעריקע, א שווערע: די פּרנסה אַן אומזי־כערע; דאָס לעבן פול דחקות, וויצלט ער זיך.

טשיליבי משה האָט ליב געהאַט דאָס פּשוטע פאָלק באהבה שאינה תלויה בדבר, אָן שום איינגענוץ. זיין הארץ האָט געבלוטיקט, ווען מ'האָט געקריוודעט אַן אָרעמען פויער און ייד. ער האָט געוווסט פון זייערע נויטן און געפילט זייער ביטער, שווער לעבן. ער האָט גערופן צו ברודערלעכקייט, צו רעספּעקטירן דעם מענטש, צו ליבע און קעגנזייטיקער פאַרשטענדיקונג!

טשיליבי משה איז געווען א קוואַל פון מענטשנליבשאַפט און רחמנות. די מעשים טובים זיינע האָבן באַקומען א מעכטיקע געשטאַלטיקונג און עס זענען אויסגעשפּינען געוואָרן דורכן פאָלק, פילע לעגענדעס, א סך ווערטלעך, וויצן, אַנעקדאָטן וואָס מען האָט אים צוגעשריבן נאָך זיין פּטירה, וואָס איז געשען דעם 31־טן יאַנואַר 1870, אין בוקארעשט, אויפן בית עולם „פילאַנטראָפּיא". דעם 8־טן יולי 1896, האָט זיין ביאָגראַף משה שווארצפעלד, דער באַוווסטער היסטאָ־ריקער, פאָלקלאָר־זאַמלער און פאַרשער, פובליציסט, געשטעלט א מצבה פון מאַרמאָר וועלכע די פעדעראַציע פון די יידישע קהילות אין רומעניע, דער פּרע־זידענט אירער און רב הכולל דר. מאָזעס ראָזען, האָט רענאָווירט צוריק מיט עטלעכע יאָר. אָט איז די אויפשריפט אויף דער מצבה:

פ"נ. אפרים משה בן אלעקסאַנדער שווארץ המכונה (ריכטיק וואָלט באַדאַרפט זיין המכונה. י.ש.) טשיליבי משה דובר משלים וחידות. נולד בשנת תקע"ב נפטר י"א לחודש אדר תר"ל לפ"ק תנצבה.

און איצט די יידישע איבערזעצונג: „דאָ ליגט אפרים משה בן אלעקסאַנדער שוואַרץ, מיטן צונאָמען טשיליבי מאָיסי (משה), דער זאָגער פון משלים און רעטעניש, געבוירן אין יאָר 5572, געשטאָרבן 11 אדר 5630. (1812 — 1870).

מיר האָלטן טשיליבי משה (מאָיסי) פאַרן פאָטער און פאָרגייער פון די רו־מעניש־יידישע שרייבער. זיינע ביכלעך 13-14, לויט משה שווארצפעלד, וואָס

טשיליבי האָט ארויסגעגעבן אויף רומעניש, יעדן ערשטן יאנואר, צווישן די יאָרן 1858-1870, זענען אַן אוצר פון לעבנס-חכמה. יעדעס ביכעלע האָט געהאט צווישן 16 און 24 זייטן, א טיראזש פון צען טויזנט עקזעמפלארן און ביז פינעף אויפלאגעס. אויף איינעם פון די זיבן פארשיידענע ביכעלעך פון טשיליבי משה, וואָס געפינען זיך היינט, אין דער ביבליאָטעק פון דער אקאדעמיע פון דער סאָציאליסטישער רעפובליק רומעניע, דאטירט פון יאָר 1864, איז געדרוקט „די פערטע אויפלאגע".

כאָטש אזוי זענען היינט טשיליבים ביכלעך א יקר המציאות, ביבליאָפילישע זעלטנהייטן.

אין דער ביבליאָטעק פון דער רומענישער אקאדעמיע, געפינען זיך פאָלגנדע ביכעלעך פון טשיליבי משה:

1) „Practica și culegeri (ale lui Cilibi Moise vestitul/din Țara Românească"

דער אויסערלעכער שער איז ראָזעווע, דער אינערלעכער ווייס. בוקארעשט, אימפרימעריע, נאציאָנאלע דרוקעריי פון שט. ראסידעסקו, 1864, זז' 15. הונדערט איינסן, נומערן, מיט איבערגאנגס שריפט(האלב קירילישׂ, האלב לאטייַנישע אותיות. דער לעצטער שער איז אויך אויף ראָזעווע פאפיר, מיט דעם אָנווייז פירטע אויפלאגע".

2) Practica/lui/Cilibi Moise vestitul/din/Țara Românească"
בוקארעשט/דרוקעריי פון שטעפאן ראסידעסקו/16/1865 זייטן א חוץ די שערן.

אויף א שער בלאט, א ליטאָגראפיע: א מענטש מיט א טערקיש מיצל אויפן קאָפּ, האלט אין די הענט א צעשפרייט ליילעך פון אונטער וועלכן עס קומען ארויס געזעלן. פריצים און בירגערלעכע טיפן. אין דער רעכטער זייט — א ווינט-מיל. אין דער לינקער זייט א הויכער טורעם. דאָס ביכעלע האָט 125 נומערן אויף 15 זייטן. אונטן, אויפן זעלבן זייטל: „די מעלות פון יעדער נאציע. 16 נאציעס מיט זייערע חכמהדיקע מעלות ווי למשל: די איטאליענער דערציילן א סך גוזמאות, די פראנצויזן ברענגען אלע מאָל ארויס אנדערע מאָדעס א.א.וו.

אויף דער 16-טער זייט, די לעצטע, פארענדיקט ער אזוי: רבותי! איר זאָלט מיר מוחל זיין, אויב כ'האָב געשריבן אין אָט דער קליינער בראָשור, זאכן וואָס זענען אייך באקאנט, וואָס איר ווייסט שוין. איך גלויב אז הערנדיק זיי אויך פון מיר, וועט איר נישט האָבן קיין פאראיבל.

דער לעצטער שער, אויף דער אויסערלכער זייט, א ליטאָגראפיע: א מענטש גייט אין איינעם מיט א לייטער.

3) Pratica lui/Cilibi Moise / vestitul din / Țara Româneassă / / București / Typografia Națională / 1866 /

בוקארעשט יאָר 1866 — אפּריל 1. אויפן טיטלבלאט. בסך הכּל 101 איינסן, נומערן. אָט איז דער אינהאלט פון נומער 101: רבותי, איך בעט מיר מוחל זיין אויב איך האָב אייך געזאָגט א ביסל ליגנס אויכעט. משה רבנו, דער נביא אין זיינע ספרים, האט געשריבן נאָר אמתן און אלעם ווערט נישט געלייענט פון אלע. איך גלויב אָבער אז מיינע, ניט זייענדיק אלע אמתדיקע, וועט איר אלע לייענען. איך באַגרים אייך און צום ווידערזען. טשיליבי משה.

צום סוף פון זייטל 16 איז אָט דער טעקסט. דער לעצטער שער איז מיט א מענטשן מיט א טערקיש מיצל און א צעשפּרייט ליילעך אין די הענט. ווי שוין באַשריבן פריער, בראָשור פון 1865.

4) Păcăliturile/lui/Tilu Buh-Oglindă/împreună cu o parte din Testamentul/lui/Cilibi Moise/Tipografia Naționala, Antrepenor C.N. Rădulescu/Nr. 24/1876‘ „Viața lui Cilibi Moise“

אויף די זייטלעך 74-80 איז אָפּגעדרוקט:

בסך הכּל 105 איינסן, נומערן. דער ערשטער שער פעלט.

איך האָב דורכגעלייענט און איבערגעשריבן, איבערגעזעצט אויף יידיש, אלע דערמאנטע בראָשורן פון טשיליבי משה. זאָל מיר דערלויבט זיין צו געבן עטלעכע סענטענצן פון לעצטנס דערמאנטן ביכל:

— אז גאָט גיט אייך ליבט, לאָזט נישט אנדערע אין דער פינצטער.

— וואָס פאר א חילוק איז, ווען מען איז צווישן מענטשן און ווען מען איז אויף א מאסקן באַל? צווישן מענטשן באהאלט מען זיך דאָס הארץ און אויפן מאסקן-באַל דאָס פּנים.

— וויפל דער מענטש לעבט, מוז ער זוכן צו לערנען און נישט מיינען מיט דער עלטער, טיפער עלטער, קומט אויך צו שכל.

— א שטיבעלע אין וועלכן די מענטשן זענען פריילעך איז מער ווערט ווי א פּאַלאַץ, ווו מענטשן וויינען.

— א באַשיידענע הילף, געגעבן צו דער צייט, איז מער ווערט ווי הונדערט פאַרשפּעטיקטע טובות.

— נומער 105: מיינע הערן און דאמען! כ'האָב אנטדעקט דאָס מיטל צו ווערן רייך, און איך וועל אויסזאָגן דעם סוד: אלע די וואָס וועלן זאָגן נאָר אמת, באַקומען א שפּאַנץ (עסטערייכישע 20 קרייצער וואָס פלעג א מאָל צירקו-

לירן אויך אין רומעניע) און אלע די וואָס זאָגן ליגן, זאָלן מיר געבן נאָר א באניקל!

כדאי צו באמערקן, אז זעקס יאָר נאָך טשיליבי משה'ס פטירה, איז ער נאָך געווען אזוי פּאָפּולער, באליבט, אז מע דרוקט א בראָשור טיל-אוילענשפּיגל און מע גיט צו זיין, טשיליבי'ס צוואה, א הומאָריסטישע צוואה, פארשטייט זיך.

איז ער גישט דער פּראַקטיש פון גאָלדפאדנס האָצמאך? האָצמאך פאַר־קויפט די זעלבע סחורות ווי טשיליבי, זאָקנבענדלעך, קרעלן, נאָדלען און שפּי־געלעך, — מכל טוב און גאָרנישט. האָצמאך ציט צו די קונים, מיט די זעלבע איינגאַרטיקע אויסרופן און גראַמען ווי טשיליבי. האָצמאך האָט א שטוב מיט א סך עסערס, ווי טשיליבי. א סך ווערטלעך, לעגענדעס, שפּיצלעך, אנעקדאָטן זענען געוואָרן נאָכדערציילט, נאָך טשיליבי'ס פטירה, איז גאַנץ, מיגלעך, אז גאָלדפאדען, האָט זיי אריינגעפּלאָכטן אין זיין האָצמאך. ווידער. דער שווינדל מיט אָפּטון „כישוף" איז ניט נאָר אין גאָלדפאדענס ערשטע יאָרן אין רומעניע, געווען א ביטערע ווירקלעכקייט, און קענן אים האָט אפילו שפּע־טער מיט צען יאָר, אין א פאָרוואָרט צו יעקב פסנתירס א ביכעלע „דער מכשף" דער בארימטער געלערנטער דר. משה גאַסטער, אָנגעוויזן אויף דער גרוי־סער געפאר פון די אבערגלויבנס פאר דער יידישער באפעלקערונג. אזוי אז מיר דערלויבן זיך צו זאָגן, אז גאָלדפאדענס „כישופמאכערין" איז אינספּירירט פון די היגע ווירקלעכקייטן, טיפּן און סיטואַציעס, און נישט נאָכגעמאַכט עמעצן...

טשיליבי'ס ביכעלעך דערשינענע אין מאסן טיראַזשן, ווי מיר זאָגן היינט, זענען א יקר המציאות איצט. בלי ספק זענען „פּראַקטיקע און גלייכווערטלעך" באליבט געווען ביים פאָלק ווייל ער האָט געוועקט די ווערדע ביים פאָלקס מענטש און דעם כבוד וואָס ער פארדינט מצד אלע. טשיליבי האָט געוועקט און דער־הויבן די ווערדע און חשיבות פונעם האָרעפּאשניק.

אייניקע פון זיינע סענטענצן ציען יניקה פון די אלטע יידישע קוואלן, אָדער זיי זענען פול מיט פרישקייט, מיט אויסדרוקס־קראַפט, ווייל טשיליבי משה האָט אין זיי אריינגעהויכט א גיי לעבן, ארויפגעלייגט אויף זיי, דעם חותם פון זיין שעפערישקייט.

זיינע גלייכווערטלעך און וויצן, הומאָר, פול מיט לעבעדיקן, שטאַרקנדען גייסט, מיט געשמאַק צוגעפּאסטע — ווי אויך זיין לעבנס־חכמה, האָט ער אריינ־געפלאָכטן אין דעם רומענישן־שפראַך — פּייסאַזש און אזוי ארום אין דער רומענישער פאָלקס־ליטעראַטור.

מיגלעך אז פאר אייניקע יידן, אין טשיליבי׳ס צייט, איז מאכן א ברכה, גע־זוען א שווערע האָרעוואניע אפילו אויף רומעניש איבערגעזעצט... (זע „בראוואָ“ פון אברהם גאָלדפאדען) און זיי האָבן זיך געקווענקלט צי ס׳איז א כבוד אָדער אן אומכבוד פאר זייער סאָציאלער פּאָזיציע!...

איך שטרייך אונטער: נישט נאָר די פּראָבלעמאַטיק, וואָס האָט געטומלט אין זיינע „לערעם און גלייכווערטלעך“, נישט נאָר די יידישע תורה, פון וועל־כער דער וואָלעכישער ייד איז שוין געווען אָפּגעריסן, און וועלכע דער קלוגער טשיליבי משה, האָט אריינגעפלאָכטן און אויסגעטייטשט אויף רומעניש. נאָר אויך די לעבעדיקע און וואונדערבארע קונץ זיינע פון ארויסזאָגן און ארומריידן אקטועלע אָנגעווייטיקטע לעבנס-פראגעס צווישן פעלקער, אויף זיין אייגנארטיקן אופן.

ווי אן אמתער, אויפריכטיקער פּאטריאָט, האט ער געשטרעבט צו פארבינ־דן אלע איינוווינער פון רומענישן לאנד. ער פילט און פארשטייט דעם רומע־נישן פויערס ליידן — ער טוט א טובה ווו און ווען מע דארף, ווייל ער האָט זוארעם ליב געהאט דאָס פאָלק.

טשיליבי משה איז מיט די וואָס ווילן דעם ווילשטאנד, מענטשלעכקייט. ער איז מיט די דורשטיקע נאָך יושר, גערעכטיקייט, מיט די וואָס שטעלן זיך איין פאר א פרידלעך צוזאמענלעבן צווישן די רומענער און די מיטלעבנדיקע נאציאָנאליטעטן. טשיליבי ווינטשט, זיי זאָלן זיך גוט פארטראָגן, ווייל דאָס דערפירט צו אייניקייט און הארמאָנישן צוזאמענלעבן.

טשיליבי׳ס אריגינאליטעט באשטייט אין דעם צוזאמענהאנג מיט וועלכן ער ברענגט זיינע פערלען, צוליב זייער באלערנדיקן ווערט, צוליב זייער באליבטקייט זענען אָט די פערל, שוין פון לאנג, אריינגענומען געוואָרן אין דער רומענישער ליטעראטור, אלס העכסטע פאָרם פון אָנערקענונג. דאָס דערלויבט אונדז צו באצייכענען טשיליבי משה, ווי א פּיאָניר פון רומענישער ליטע־ראטור פון רומעניש-יידישן הומאָר.

זיין מענטשנליבע האָט נישט געוווסט פון נאציאָנאלע אָדער קלאסן-גרע־נעצן. ער האָט אין דער זעלבער מאָס ליב געהאט רומענער ווי יידן, בולגארן, גריכן און אנדערע, ווייל ווער עס שיידט אונטער מענטש פון מענטש איז נישט קיין מענטש!

ס׳איז זומער צייט, אין דעמערונג. די משפחה לוקא קאראדזשיאלע זיצט אויפן באלקאָן. דער קליינער יאַן לוקא שפרינגט פלוצים אויף, און לויפט אָן אן אָטעם צום טויער, שרייענדיק פול פרייד: נענע (פעטער) טשיליבי! נענע

טשיליבי! נענעא טשיליבי איז געקומען מיטן פולן זאק. ער איז ביים טויער!

— רוף אים אריין, שרייט גוטמוטיק לוקא.

טשיליבי, וועלכער האט אים געהערט פראטעסטירט מיט געמאכטן ברוגז: טשיליבי קומט נישט א גערופענער, ער קומט א פארבעטענער, און איינגעלא-דענער.

— אויב אזוי, פארבעט איך אייך, ביטע, רופט זיך אן לאכנדיק לוקא, און שטרעקט אים אויס די האנט גאר פריינדלעך, וואס ברענגט אייך אהער?

— איר קענט נישט מיין ווערטל? פאר דעם וואס גליקן זוכט, איז פלאיעשטי דאס בעסטע ארט!

— דערציילט אונדז פריינד, וואס פאר א שפיצלעך האט איר נאך אפגעטאן פרעגט לוקא.

— ווארט א ווײלע, לאמיך כאפן דעם אטעם... מיך דערמאנען... הערט נאר: אנומעלט בין איך געגאנגען מיט איינעם פריינד מיינע, צו א סוחר, מיינער א שכן, און אים געבעטן, ער זאל שטעלן כיבוד, וועל איך אים זאגן, וואס פאר א שאדן ער האט געהאט און ווו דער שאדן געפינט זיך. מיין שכן, האט באמת געהאט א שאדן און איז געווען זייער צופרידן, וואס איך קום אים צוהילף אין אזא נויט. דער סוחר האט מיט פארגעניגן באצאלט דעם כיבוד, און ווען ער האט געפרעגט, ווו איז דער שאדן, האב איך אים געענטפערט מיט א שמייכל: — נארעלע... ווילסט וויסן ווו ס'איז דיין שאדן? אין דיין בייטל!

— וועלכער שאדן? פרעגט דער סוחר. אין געלט, נארעלע. אין וויפל געלט? צען צוואנציקער, טיפש איינער, ווייל אזוי פיל האט דיך געקאסט מיין הײנטיקע לערע, פארשטייסט?

דער קליינער יאן לוקא קייכט פאר געלעכטער און לוקא מיט זיין פרוי, נאך דעם וואס זיי הערן זאט פון געלעכטער, פרעגן זיי טשיליבין מיט נייגיר: — אין וועלכע ערטער האט איר נאך געוואנדערט און וואס פאר א נייעס ברענגט איר פון דארט?

— ניט קיין איבעריקע נייעס. — אין סלאטיגא זענען אלע סוחרים יורדים ווייל זיי ווינען אויפן בארג. אין קאלאראשי, זענען דא מער טויטע ווי וויינ-גערטנער (א ווערטער שפיל אויף רומעניש vii לעבעדיקע אדער וויינגערטנער): אין ראשיארי דע וועדע, זענען אלע הייליקע: א גאנצן טאג און א גאנצע נאכט לייענען זיי... די קארטן! ווייסט יאניקע, זאגט טשיליבי דעם שפעטערן קלאסי-קער יאן לוקא קאראדזשיאלע, פון איין מין לייענען ווערט מען באהאוונטער, באריכערט מיט וויסן, און פון לייענען די קארטן, ווערט מען פאראָרעמט.

יאַן צעלאַכט זיך ווידער, בעטנדיק טשיליבי'! זאָגט נאָך עפּעס, זאָגט איך בעט אייך, אייערע רייד געפעלן מיר זייער.

— כ'האָב גענוג, דיר צו דערציילן.

— אפשר נעמט איר נאָך ארויס א ביכעלע מיט משלים און גלייכווערטלעך גענע טשיליבי?

— ביסט גערעכט, טאקע גערעכט. אויב אזוי נעם א שרייבפעדל און פאַר־שרייב. איך האָף אז איר האָט גאָרנישט דאקעגן הער...

— חלילה, אויב ער וויל נאָר...

— פּארוואָס זאָל איך נישט וועלן, רופט זיך אָן יאַן, טשיליבי לערנט מיך מיטן נוטן וואָרט און ניט מיטן קאנטשיק ווי דער הער לערער.

— אויב אזוי לאָזן מיר אייך, איר זאָלט רויק טאָן אייער ארבעט. איך האָב עפּעס צו טאָן און ס'איז שפּעטלעך, רופט זיך אָן לוקא און גייט אריין מיט זיין פרוי, אין הויז.

— קוק נאָר אָן אָט דאָס פּאפּיר, און זאָג מיר וואָס דאר א נומער טראָגט עס?

— כ'ווייס שוין, כ'האָב מיך דערמאנט, נומער 71.

— שרייב:

— איך בין נאָר אויערן, רופט זיך אָן דער כוואט מיט א ביטרע שמייכעלע:

— דאָס מויל דארף נישט זאָגן אלץ, וואָס דאָס הארץ ווייסט.

— דעם גראָבן יונג (דעם מענטש מיט שלעכטע מידות) דערקענט מען אויך אין די יום־טובדיקע מלבושים.

— קודם־כל מישפט דיך, כדי זאָלסט האָבן דאָס רעכט צו מישפטן אנדערע

— דער געטרייער פריינד איז אזא מין סחורה, וואָס מע קאָן קיין מאָל ניט קויפן.

אויב דו ווילסט זיין גליקלעך, לויף אהין, וו די ביסט באליבט.

— נישטאָ קיין ערגערס, ווי אוועק צו נעמען יענעמס מי.

— גוטע ברידער דערקענט מען אין דער נויט, ווייל אין גליק געפינען זיך א סך.

— די חכמה לערנט מען פון דער יונגט ביז דער עלטער און אפילו ווען מען איז שוין מיט א פוס אין גרוב, דארף מען נאָך אלץ לערנען.

— די חכמה איז א געווער קעגן אלע אומרעכט.

— די פרייהייט איז נישט אויסצובייטן פאר אלע אוצרות פון דער וועלט.
— וויסן איז פארן מענטשן דאָס ליכט פון דער וועלט.
— בילדונג איז טייערער פון געלט.
— מענטשן קופן העגעטשקעס פון די קלייטן, פאר פיר צוואנציקער א פּאָר, און נאָך דריי טעג ווערן זיי צעריסן. בעסער קויפט זיי ביי משה דעם ייד פאר איין צוואנציקער — פארטיק צעריסן.

....

אויך שפּעטער מיט יאָרן, וועט דער גרויסער קאראדזשיאלע, ברענגען דעם מערקווערדיקן פאָלקס-חכם, דעם העכסטן שבח: „...אויב איך בין דאָס וואָס איך בין, האָב איך עס צו פארדאנקען טשיליבי משה!"

ווען ער האָט באמערקט, ווי פארחידושט ס'איז געווען טשיליבי'ס ביאָגראף משה שוואַרצפעלד, פון דעם זאָג, האָט אים קאראדזשיאלע אויפגעקלערט דערציילנדיק אז זיין פאָטער לוקא, איז געווען אין גוטער פריינדשאפט מיט טשיליבי'ן, וועלכער פלעג זיי אָפט באזוכן, אין פלאָיעשטי.

„פון ווען און ווען — שרייבט ווייטער קאראדזשיאלע, פלעג ער מיר געבן, א פּאפּיר, מיט אן אויפגעשריבענעם נומער (יעדע סענטענץ האָט געטראָגן א נומער), כדי נישט צו מאכן א טעות, און מיך געבעטן איך זאָל פארשרייבן. נאָר קוים וואָס ער האָט מיר דיקטירט, און שוין באפוילן: מעק אוים נארעלע, און, אויפסניי דיקטירט דאָס זעלבע, אָבער מיט אנדערע ווערטער, אין אן אנדער פאָרם, קאָנצענטרירטער. פון איין דיקטירטן זאץ צום צווייטן, האָט ער נאָכגעטראכט, כדי צו געפינען די פּאסיקסטע פאָרם. דאָס האָט זיך מיר טיף איינגעקריצט אין זיכרון, און גורם געווען איך זאָל פארשטיין אז מע שרייבט נישט ווי סע פאלט איין אין קאָפּ. נאָר אז מע דארף דורכטראכטן און האָרעווען ביים שרייבן".

עס ווייזט אוים אז טשיליבים עפּיטעט „דו נאר איינער, נארעלע", איז שפּעטער פארוואנדלט געוואָרן אין „דו חכם", מיט וועלכן קאראדזשיאלע פלעג געוויינטלעך מכבד זיין זיינע פריינד.

טשיליבי משה איז געווען א קוואל פון מענטשן-ליבשאפט און רחמנות.

טשיליבי משה האָט זיין פאַרשנדיק אויג געוואָרפן אין אלע ווינקלען פון לעבן. ווי דורך א כישוף שפּיגלען געצילט און געטראָפן די שעדיקער און פיינדיקער פון פאָלק. ער האָט ליב געהאט דאָס געבוירן לאנד זיינם ווי א קינד האָט ליב זיין מוטער.

זיין שם אלס פאָלקס-חכם, אלס דערקוויקער פון נשמות און מושלם בכל המעלות, האָט זיך פארשפרייט, פון יאָר צו יאָר, אין גאנצן לאנד.

אין טשיליבי משה'ס סאטירעס, שטעך און גלייכווערטלעך, אָפּגעטוענע שפּיצלעך און מעשים טובים, איז פאראן עפּעס פונעם גייסט פו א טיל אוילענשפּיגל, פון א פּאקאלע (א רומענישער לעגענדארער לץ), נאסר-עד-דין און לעגענדארישע פאָלקס-העלדן, ווי הערשעלע אָסטראָפּאָליער, שמחה פּלאַכטע א אנד.

א באווייז פו טשיליבי משה'ס בארימטקייט או באליבטקייט איז אויך, דער פאקט וואָס אין 1883, האָט דער באוווסטער פּעדאגאָג, דראמאטורג או אקטיאָר סטאטע דראגאָמיר, אויסגעפירט אין יאסער נאציאָנאל-טעאטער, ווי אויך אין א טורנע איבערן לאנד, זיין דראמע „טשיליבי משה" דער כתב-יד פון דער פּועסע, וואָס האָט מער א היסטאָריש-ליטעראַרישן ווי דראמאטישן ווערט, געפינט זיך היינט אין מוזיי פון יאסער נאציאָנאל-טע-אטער.

אין רעפּערטואר פון א גרופּע שוישפּילער פונעם בוקארעשטער (מלוכה) נאציאָנאל-טעאטער, וואָס האָט געגעבן פאָרשטעלונגען אין זומער 1906, אין גאָרטן „בלאנדוזיא", אונטער דער לייטונג פון באוווסטן רומענישן רעזשיסאָר פּעטרע גוסטי, פיגורירט אויך די פּיעסע „טשיליבי משה" (דער מחבר איז נישט אָנגעגעבן). אָט די ידיעה נעמען מיר פון דער מעלדונג אי ןדער רומעניש-יידישער צייטונג, די וועכענטלעכע (גלייכהייט) פון 26-טן מאי 1906, ז' 160.

דער מיט לעגענדע באקרוינטער טשיליבי משה, דער פאָלקסטימלעכער, פּיאָנער פון רומענישער ליטעראטור און הומאָר, וועלכער האָט זיך איינגעשטעלט פאר שלום און פריינדשאפט צווישן דעם רומענישן פאָלק און די מיטלעבנדיקע נאציאָנאליטעטן, לעבט ווייטער אין די הערצער פונעם פאָלק, וואָס היט אָפּ זיין כבוד און אָנדענק.

פיר פּראָזאיקער...

פיר פּראָזאיקער, מיט טראַדיציאָנעלער, אַלט-יידישער און מאָדערנער, ליטעראַרישער קולטור, מיט לעבנס קענטעניש, מיט איינדרינגונג אין דער פּסיכאָלאָגיע פון די פּערסאָנאַזשן, מיט טרעפלעכע פּרטים ביים טיפּיזיר, מיט רירנדיקע מענטשלעכקייט-הומאָר, מיטגעפיל, ליבשאַפט, גלויבווערדיק און איבערצייגיק, אָנגעלאָדן מיט אידעען מיט א ברייטן האָריזאָנט.

די פּערסאָנאַזשן פון די פיר, לעבן אויף ביידע זייטן פון פּרוט, צווישן די קאַרפּאַטן, צווישן בערג און טאָלן, אויף ברעגעס פון וואַסערשיידן,

אַלע פיר מאַכן ריכטיקע, טיפע אַנאַליזן פון געשטאַלטן און אידעען. שפּראַך קאָנדענסירטקייט און ווירטואָזישקייט, זענען פאַר זיי כאַראַקטעריסטיש.

משה אלטמאן, יוסף בורג — וואָלף טאַמבור, חיים גאָלדענשטיין פיר אָנגעזעענע פּראָזאיקער, האָבן אין זייערע ווערק אַריינגעפירט צענדליקער פּערסאָנאַזשן, יידן און ניט-יידן פּאַסירונגען, עפּיזאָדן, צווישן ביידע וועלט-מלחמות, בעת און נאָך זיי. אַלץ מיט אוטענטישקייט און פּאַנטאַזיע, וואָר און דיכטונג, אַלץ דורכגעפירט מיט א צוועק — צו דינען. יעדערער אויף זיין אַרט, מיט דעם כוח פון זיין טאַלאַנט, דורך אידעען און בילדער, דעם מענטשן ווער ער זאָל נישט זיין. די הויכע מיסיע פון זייערע ווערק די קינסטלערישע, איז מענטשלעכער מאַכן דעם מענטש.

אין די ווערק פון די פיר פּראָזאיקער, ווי בכלל אין די ווערק פון די היגע שריפטשטעלער, זענען פאַראַן שטייגער-שילדערונגען, הומאָר, סאַטירע, יידישער פאָלקלאָר, יידישער גורל און יידישע קעמפער אין די אַוואַנגאַרד מחנות.

איך דערלויב מיר צו זאָגן, אַז זייערע ווערק, זיינען אַן ענציקלאָפּעדיע פון דאָיק לעבן, פונעם לעבן פון יידן אין רומעניע, פאַר די איבער זעכציק יאָרן וואָס זענען אַריבער זינט דער ערשטער וועלט-מלחמה.

דער מייסטערהאַפטער פּראָזע לּיריקער

משה אלטמאַן

פון די נאָכקלאַסישע יידיש שרייבער אין רומעניע, איז ער דער באַוווּסטער. צווישן ביידע וועלטמלחמות איז ער דער אָנערקענטער פּראָזע-מייסטער. מיט אים האָט זיך אָנגעהויבן א ניי קאַפּיטל אין דער יידישער ליטעראַטור-געשיכטע פון רומעניע.

משה אלטמאַנס שפּראַך, אייגנאַרטיקער סטיל זיין יידיש און וועלטלעך ווי-סן, זיין קולטור, האָבן באַגייסטערט דעם נאָכוווּקס-די יונגע פּלעיאַדע מיטשאַפער, די קריטיק אויף אַלע מערידיאַנען, און פאַרשטייט זיך, געהויבן דעם פּרעסטיזש פון יידישער ליטעראַטור אין רומעניע.

דעביוטירט האָט ער מיט פיינע שטיל-לירישע האַרבסט מאָטיוון. אין זיין עסיי „באַרג אַרויף", דערמאָנט דער שרייבער יוסף בורג, עטלעכע לידער פון משה אלטמאַן אין וועלכע עס זיינען פאַרפלאָכטן אויטאָביאָגראַפישע, רירנדע איבערלעבונגען, עפּיזאָדן, פאַרכאַפּנדקע בילדער פון נעראַנגל מיטן לעבן, מיטן גורל, לידער וועלכע דערגייען פון פאַרצווייפלונג ביז צו לעסטערונג, פּראָטעסט ווי למשל:

„יחזקאל, מיין קרוב, וואָס ווילסטו פון מיר?
יעדער צעל אין מיר קלאָגט, וו מע טוט נאָר א ריר,
טוט וויי, הער, יחזקאל, און זאָג מיר נאָך מיטן טראָפּ:
ס'איז גאָרנישט ביים אָנהויב און גאָרנישט ביים סוף
נאָר וויי איז צו אונדז, וואָס קוקן אַרויף
און וואַרטן אויף זון און גלייבן אין טוב..."

צעוואָרפענע איבער צייטונגען און צייטשריפטן נישט נאָר פון רומעניע, זענען זיי קיינמאָל ניט דערשינען אין בוך פאָרעם.

אלטמאַנס פּראָזע דעביוט

אין 1914 דעביוטירט ער מיט א דערציילונג אָנגעשריבן אין העברעיש. אליעזר שטיינבאַרג האָט די דערציילונג דורכגעלייענט און באַמערקט: „שאַרפּ-קייט פעלט נישט דער מעשה!"

אין ווינטער 1918, פאַרנדיק קיין כאָטין, ברעכט אויס א געפערלעכער שניי-שטורעם. אין אָט די אומשטאַנדן, אַנטשטייט אין קאָפּ פון משה אלטמאַן די,

נאָוועלע „דער אוצר“, א מעשה ווי אזוי בעסאראַבער יידן, יידן פון א גאַנץ יאָר, פאַרגריזנעט אין בלאָטעס און אין דלות, חלומען וועגן אן אוצר. די טרוי־מערס טשוכען זיך אוים און גייען ווייטער נאָך זייערע עסקים. דער אוצר — א צערונענע יידישע האָפענונג...

די נאָוועלע איז דערשינען אין באנד „בלענדעניש“, אין פארלאג „קולטור“ טשערנאָוויץ, 1926 און א דאנק איר, איז משה אלטמאן אריין אין דער יידישער ליטעראַטור ווי אן אָריגינעלער, אינטערעסאנטער קינסטלער.

אין 1929 איז ארוים אין בוקארעשטער פארלאג „שלום עליכם“, דער באנד „די ווינער קאַרעטע“, און אנדערע נאָוועלעס. אין סיגעטער „אויפגאנג“ נומער 23-24, פון יאָר 1935, ז׳ 12 האט דער קריטיקער ש׳ם ראָמאַן, געשריבן פאָלגנ־דיקס וועגן דער „ווינער קארעטע“ און איר מחבר:

„...אונדזער באליבטער דערציילער, וועלכער איז א בן־יחיד אין זיין זשא־נער, אין דער היימישער שרייבער משפחה, איז זייט דעם ערשטן באנד נאָוועלעס „בלענדעניש“, אויסגעוואקסן צו א גרויסן שרייבער און דערגרייכט דעם אפּאָגע, דעם העכסטן פּונקט. די ערשטע נאָוועלע „די ווינער קאַרעטע“ למשל איז ראווי אריינגענומען צו ווערן אין אן אנטאָלאָגיע פון אוניווערסאלער ליטעראַטור.“

וועגן אלטמאנס שפּראַך, שרייבט שלמה ביקל: „...זיין שפּראַך, זיינע אימא־זשן, זענען ענלעך צו די פּירות שפּעט אין הארבסט: צייטיקע, זאַפטיקע טעם גן־עדן (...) דאָס איז די שפּראַך פון זיינע העלדן וועלכע באגרייפן נישט וויפל יום־טובדיקע, פייערלעכע פּאָעזיע, עס פאַרמאָגט זייער טאָג־טעגלעכע פּראָזע..“

אין 1936 איז דערשינען אין בוקארעשטער פאַרלאַג „שלום עליכם“, אלט־מאנס „מדרש פּנחס“ וועלכער איז ארוים אויך אין די ווארשעווער „ליטעראַרישע בלעטער“. גלייכצייטיק, אלס ביילאגע.

וועגן אָט דעם ראָמאַן האָט דער קריטיקער אי. קארא, געשריבן אין דעם ליטעראַריש־געזעלשאַפטלעכן חודשלעכן זשורנאל „שויבן“, נומער 4 פון יאָר 1936, ז׳ 39-42:

„...מדרש פּנחס“ איז איינע פון די אינטערעסאנטסטע דערציילונגען פון מלחמה צייט. אויב דער רושם וואָס אלטמאנס בוך האָט געמאכט איז אבּיסל צוצושרייבן דעם נייעס, וואָס ער האָט אריינגעבראכט אין דער יידישער ליטעראַ־טור: בעסאַראַבישע פאָלקסטימלעכקייט באַפרוכפּערט פון ראַפינירטער פראנ־צויזישער קולטור און עספּרי, מוז דער וואָס איז באַקאַנט מיט אָט דער פראנ־צויזישער ליטעראַטור זאָגן, אז דאָס געווינס איז נישט עקזאָטיק נאָר טאַקע ראַיעלע און דויערדיקע ווערט.

אלטמאנס הומאָר- אַ פּיינער, צארטער און ניכטערער, אַ געמיש פון איראָ-ניע און רחמנות:

„...ברוך בענעדיקט איז געווען עלטער פון זיין פרוי מיט גאנצע צוועלף יאָר און אפשר נאָך מיט אַ עודף. דערצו נאָך איז פּונקט ווי ער איז געווען גע-עלטערט מער ווי געוויינלעך לויט זיינע יאָרן, איז זי געווען יונגער ווי איר נאטיר-לעכע עלטער. אַ שיינע קרעפטיקע פרוי, האָט זי ביי אירע אכט און פערציק אויסגעזען ווי פון פערציק. גלייך זי האָט זיך פארהאלטן ביי יענער עלטער-גרעניץ, זיך פארפעסטיקט ווי אין אַ טראנשיי...“ אָדער:

„...פרוי קראָכמאל, ווי מערערע אנדערע מוטערס פון דערוואקסענע מייד-לעך, און באזונדערס אין אָט דער צייט, ווען אלץ וואָס איז געווען מענלעך איז געווען אויפן פראָנט און קיין האָפענונג אויף צוריק צו באקומען די מענער איז ניט געווען, פרוי קראָכמאל האָט זיך ווי אלע מוטערס געמאכט אילוזיעס וועגן שרייבער, אז ער וועט אפשר ווערן איר איידעם, ווייל סוף כל סוף האָט זי דאָך ווי יעדע מאמע געוואָלט חתונה מאכן איר טאָכטער, אויב אליין איז זי, ליידער, געבוירן געוואָרן מיט אזויפיל יאָרן פריער. (ז. 25)

משה אלטמאן איז אַ טיפער קענער פון דער מענטשלעכער נשמה בכלל און פון דער פרווילעכער פסיכיק בפרט. גאנץ בולט איז דאָס אין דער פאָרטרעטי-רונג פון דער טעמפעראמענטפולער, קאפריזנער מאריאנע, ריטא קראָכמאל און אנדערע.

אין דער שפע פערלדיקע רעפלעקסיעס וועלכע זיינען צוועאָרפן איבער זיינע ביכער, ווי שטראלנדיקע געלבלומען אויף אַ טאָלעקע, ברענגען מיר עט-לעכע, אלס אילוסטראציע:

„— וואָס איז דאָס וואָרט? גאָרנישט! אַ שטרוי אויפן ווינט. אָבער אַ וואָרט וואָס קומט אָן פלוצים אומגעפרעגט, פון זיך, אַ געדאנק אַ נישט געבעטענער, וואָס שפאלט דעם מח ווי אַ בליץ. ווער ווייסט דעם כח פון אזא וואָרט און אזא געדאנק? די „ווינער קארעטע“ ז׳ 27.

...אין די ביכער רעדט זיך פון גראפן און באראָנען, פון ליבע און פון דו-עלן. בייטאָג לייען איך און ביינאכט ווער איך עס. איך מאך מיך פאר אַ באַ-ראָן, דערהויב מיך צו גראף; דערדין מיך צו מארקיז. איך פאל אויף אַ קני און דערקלער מיך אין ליבע: מיי ליידי!... (ז.80, דעטאָ).

אלע ביכער וואָס אלטמאן האָט געדרוקט אין רומעניע זענען זייער ווארעם אויפגענומען געוואָרן פון דער קריטיק. זאָל אונדז דערלויבט זיין צו ציטירן, בנימין טוטשינסקי׳ס אָן אָפּשאצונג, אַ וואָגיקער קריטיקער פון אונדזערע קאנ-טן, צווישן ביידע וועלט-מלחמות:

„...מדרש פנחס איז אָריגינעל אין שפּראַך און אַרכיטעקטאָניק. אַלטמאַן פּאַרמאַנט אַ באַזונדערן מאַניער פון דערציילן. ער האָט געגעבן ניט קיין קאָנגלאָמעראַט פון פּאַרכאַפּנדיקער פאַבל, זייטיקע געמעלן-בעלעטריסטישן גאַרניע אַרום אַ טראַגעדיע פון מענטשלעכער עקסיסטענץ-נאָר טאַקע דעם טראַגיזם-עקסטרעם אַליין... באַקומען האָט זיך דערפאַר אַן אייגנאַרטיק, מיט צער קלינגענדיק און וואָס וויכטיקער פון אַלעמען - אַ טיף ווערק - „מדרש פנחס" איז דאָס ערשטע פּראָזע ווערק פון אַ רומענישן שרייבער, וואָס איז ווערטפול פאַר יעדן לייענער, אין פאַרשידענע ווינקלען פון דער וועלט".

אין „שמעטערלינגען", דערציילט אונדז דער אחריות-פולער שילדערער פון האַרעפּאַשנע לעבנס, פון זייער האָרעוואַניע און פּלאָג. ער רעדט דורך מאָטל, אומרו'ס מויל, ווען שרייבערישער עטיק און פליכט: „...איז דאָך ביי מאָטלען דאָס דערציילן ניט קיין מהיכא תיתי זאַך. ס'איז פאַר אים וויכטיק — כמעט אַ ווידוי. און זיין גרעסטע מורא: ער זאָל חלילה נישט פעלשן. וויל ער אויך דאָ זיין אמתדיק און ניט פאַרדעקן זיינע זינד, אָדער חלילה זיך ניט אויספּיינען". (ז'114).

אַ חוץ קינסטלערישער דיסטאַנץ פון דעם געשטאַלטיקונגס שטאָף, פּאַרמאָגט משה אַלטמאַן גרויסע רעזערוון פון ליבשאַפט און סימפּאַטיע וועלכע, ווירקן אויף אונדז, מאַכן אונדז בעסער. אין אוממיטלבאַרן קאָנטאַקט מיטן שרייבער מיר פאַרשטייען און לעבן איבער רעאַל, צו מאָל די אומגליקן, די בלאָנדזשענישן, און די מיט קאַרגשאַפט געזיפּטע פרייד̈ן זייערע. מיר ווערן נאָענט, היימיש מיט זיינע העלדן, באַקומען זיי ליב. מאַריאַנע און ריטאַ. די ראַפינירטע קריסטין מיט איר אָפענעם כאַראַקטער און אימפּולסיווער נאַטור און דאָס איינפאַכע, דאָס שטילע, צאַרטע יידישע מיידל; יוסף די צענטראַלע פיגור, דער הויפּט-העלד פון „מדרש פנחס". יוסף, די פאַרהוילטע, פאַרנעפּלטע געשטאַלט, דער טיף דענקנדיקער יוסף ווערמען דער שרייבער משה אַלטמאַן, האָט איבערגעגעבן אַ סך פון זיינע פערזענלעכע איבערלעבונגען און וועלט שפּירונגען האָט ביז צולעצט ניט געוואָלט זאָגן ווער ער איז, פון וואַנען ער איז, און אָנגעבעטן, אַז אויב מען דערוווסט זיך אפילו, זאָל מען ניט שרייבן. (ז'184), מדרש פנחס). דאָך איז יוסף אַ פולבלוטיקע, ווירקלעכע און ווירקנדע געשטאַלט.

מיר לעבן מיט דעם גורל פון די העלדן פון „מדרש פנחס", פּונקט אַזוי, ווי מיר טוען עס מיט אַלע מענטשלעכע גורלות פון אַלטמאַנס שאַפונגען, פון אָט דעם טיפן קענער פון מענטשלעכע נשמות און שוואַכקייטן, און דאָך גרויסער מענטשן ליבהאָבער.

אין „אויפגאנג“ סיגעט, נר. 27-28, יולי-אויגוסט 1935, ז׳15, לייענען מיר פאלגנדע אפשאצונג פון אברהם רייזן: „...ער גיט אין קינסטלערישע שילד-ערונגען און צייכענונגען דאס יידישע לעבן פון בעסאראביע. דעם שיינעם, ערלעכן און געזונט נשמהדיקן באסאראבער יידן און מענטשן, און אויך פארבייגייענדיק דעם גוטמוטיקן, ארעמען מאלדאוואנישן פויער און הארעפאשניק

לייענענדיק משה אלטמאנ׳ס ווערק, פילט מען אז ער איז א מענטשמיט געדאנדען, מיט א טיפער פסיכאלאגישער אינטויציע, א מענטש מיט א טיפער קולטור און פיינעם געשמאק, א מענטש מיט אן אומשטילבארן דארשט נאך, מענטשלעכער גערעכטיקייט, מיט בענקשאפט נאך אמת.

משה אלטמאנס פובליציסטישע טעטיקייט צווישןביידע וועלט מלחמות

כדאי צו דערמאנען די פובליציסטישע טעטיקייט זיינע. ער איז דער מיט-שאפער פון דער בוקארעשטער דעמאקראטישער צייטונג „די וואך“ און איר, ערשטער רעדאקטאר, אין איינעם מיט יעקבשטערנבערג און שלמה ביקל. דערצייי-לונגען, ליטעראטור קריטישע ארטיקלען, פאלעמיק אויף געזעלשאפטלעכ-סאציאלע טעמעס, האט משה אלטמאן פארעפנטלעכט דארט און אויך אין-דער מאנאטשריפט „יידיש“, וואס איז דערשינען אין די יארן 1935-1936, אין בוק-ארעשט, אין דער רעדאקציע פון חיים קליימאן, אין סיגעטער „אויפגאנג“ און אין אנדערע היגע אדער אויסלענדישע אויסגאבעס.

דער בעל — פה

משה אלטמאן, דער זעלטענער קאזער, בעל-פה האט אין זיינע אינטערע-סאנטע, ציזעלירטע קאזריען, דערגרייכט קינסטלערישע שלימות. זיינע אויפטריטן פלעגן האבן א גרויסע באזוכערשאפט. איך וועל דערמאנען בלויז איינציקע פון די פילע ביי וועלכע איך בין בייגעווען, געמלעך ביי „אליעזר שטיינ-בארג — דער לעצטער פון די באדייטנסטע שרייבער פונעם „ גראן סיעקל“, אין דער יידישער ליטעראטור“. מיין שטעטל, דער יידישער עפאס (1936). מיר געדענקען דעם רייכן אינהאלט די גלענצנדע פארעם זייערע. אלטמאן האט אין א טור איבערן לאנד איבערגעחזרט די רעפעראטן, אבער אומפארגעסלעך איז זיין שמועס, „דער לייכטער פאסאזשיר“, „טשארלי טשאפלין און זיין העלד“. האט ער געהאלטן פאר אן איבערפולטן זאל „בוקארעשטער“, אין יאר 1937. אין דער גוט אויפגעבויעטער קאזערי האט אלטמאן זיך נישט באגניגט נאר מיט גלענצנדע אימאזשן און פאעטישע איינפאלן נאר פארפלאכטן אויך רייכע,

סעלעקטירטע אינפאָרמאַציע, אחריותדיקע תמצותדיקייט, אַלץ, כדי ארויס-צוברענגען דאָס סאָציאַל-עטישע טיפֿע אין דער באַהאַנדלטער פֿערזענלעכקייט -טשאַפּלין

צווישן ביידע וועלט מלחמות, האָבן משה אַלטמאַן, יעקב גראָפּער, שלמה ביקל, אליעזר שטיינבארג און יעקב שטערנבערג, אונדזער אויפֿבליענדיקער דיכטער איציק מאַנגער, געגעבן אַן אימפּולס דער קרעאַטיווער פּאָטענץ פֿון די יידיש-שרייבער אין רומעניע געהאָלפֿן דער מאַסיווער קולטורטעטיקייט אין לאַנד.

משה אַלטמאַן דער טעאַטראַל

צווישן ביידע וועלט מלחמות האָט משה אַלטמאַן געשריבן מערערע רעווי-ספּעקטאַקלען און איינעם מיט יעקב שטערנבערג: „טעאַטער אין פּלאַמען," „ס'קאָצל קומט" און „ראָזשינקעס מיט מאַנדלען," וועלכע האָבן אויפֿגעלעבט דאָס יידישע טעאַטער ווייל די ספּעקטאַקלען זענען געווען אָנגעלאָדן מיט געהויבענע אידעען, זיי האָבן אָפּגעשפּיגלט אַקטועלע פּראָבלעמען, זענען געווען אייגנאַרטיקע און פֿאָלקסטימלעכע, זענען געפֿעלן געוואָרן דעם טעאַטער עולם און צוגעצויגן השיבות דעם יידישן אַקטיאָר.

אַן אָריגינעלער דערציילער

יוסף בורג

דער אָנערקענטער פּראָזע-מייסטער פֿון רומעניע צווישן ביידע וועלט-מילחמות, איז אַעוועך משה א ל ט מ א ן. אין דער יונגער פּלעיאַדע באַקומען אָנזען אין די דרייסיקער יאָרן, הערש-לייב קאַשבער פּסעוודאָנים פֿון הערש לייב וויינשטיין, זלמן ראָזענטאַל, יחזקאל רינג, שמחה שוואַרץ, יחיאל שרייב-מאַן, וואָלף טאַמבור, יחיאל פֿריזמאַן, יאַנקל יאַקיר און אַהרן, אַהרן חביב יוסף ב ו ר ג, דער אָריגינעלער דערציילער פֿון רומעניע, צווישן ביידע וועלט מלחמות.

צו יידיש שעפֿערישקייט אין אַלט רומעניע, ביז צו דער ערשטער וועלט-מלחמה קאָנען מיר דערמאָנען די נעמען פֿון וועלוול זבאַרזשער, בערל בראָדער יעקב פּסאַנטיר און אין אַ געוויסער מאָס און זין-אברהם גאָלדפֿאַדען און די „ליכט גרופּע", דעם דיכטער יעקב גראָפּער, דעם עסייסט מאַטעסל פֿרידמאַן, דעם הומאָריסט און סאַטיריקער מאָטי ראַבינאָוויטש, דעם פּראָדוקטיוון פּובלי-

ציסט, שפּעטער באַקאַנטער שרייבער יעקב באָטאָשאַנסקי, דער כּל ווּלך רעדאַ־קטאָר, איבערזעצער אויף רומעניש פון שלום עליכם, פּרץ, שלום אַש־דער יונג אומגעקומענער פראַנט־קעמפער, סטודענט פון יאסער פילאָסאָפישן פאַקולטעט, אפרים וואַלדמאַן.

מיטן זיגרייכן פאַרענדיקן פון דער ערשטער וועלט־מלחמה איז רומעניע געוואָרן גרויס עם זענען נייע פּראָווינצן און יידן צוגעקומען און פאַרשטייט זיך אויך יידישע שעפער, ליטעראַטור־שעפער.

מיר האָבן דערמאָנט דעם נאָמען פון יוסף בורג. איך געדענק אים פון די מיטעלע דרייסיקער יאָרן, איך פלעג אָפט לייענען אין די „טשערנאָוויצער בלע־טער" אין סיגעטער „אויפגאַנג" און אין „די וואָך", יוסף בורגס נאָוועלן. די טעמאַטיק אַן אינטערעסאַנטע.

צום ערשטן מאָל האָב איך אים געזען אין דער ביבליאָטעק „אליעזר שטיינ־בארג" פון בוקאַרעשטער יידישן קוואַרטאַל וואַקאַרעשטי. א מיטלוווקסיקער, א שלאַנקער איידעלער, באַשיידענער מענטש. טראָגט זיין יונגקייט, א מענטש מיט א רייכן קולטור־באַגאַזש, אין עטלעכע שפּראַכן.

ווען נאָך עטלעכע יאָר, זענען אין בוקאַרעשטער פאַרלאַג „שלום עליכם" אַנגעפירט פון גאָטע רויטמאַן, דערשינען אין יאָר 1939, יוסף בורגס דערציי־לונגען „אויפן טשערעמוש" (שוין צו געפינען היינט אַן עקזעמפּלאַר), האָט ער אַרויסגערופן אינטערעס דורך זיין אָריגינעלער יידישער טעמאַטיק. מיט דערציי־לערישער שפּאַנונג שילדערט יוסף בורג די ספלאַווניקעס, די בוקאָווינער יידישע פלוטע־טרייבער, זייער פּסיכישע, סאָציאַל־עקאָנאָמישע אייגנאַרט.

נישט נאָר ביים לייענער נייערט אויך ביים ליטעראַטור מבין, קריטיקער, האָט בורג'ס ערשטלינג ווערק אַרויסגערופן אינטערעס און וואָגיקע, קאָמפּע־טענטע, אָפּשאַצונגען. שלמה ביקל האַלט אַז: „...בורגס ראָמאַן וועגן יידישע ספלאַווניקעס אין דער בוקאָווינע, איז א ראַשונדיקע און — לפי דעתי — אין דער יידישער ליטעראַטור בכלל."

דער ראָמאַן „אויפן טשערעמוש" האָט יוסף בורגן אַרויסגערוקט אין פאָרדער־גרונט פון יונגטלעכער ליטעראַריש־יידישער שאַפונג.

אין זיינע רעאַליסטישע דערציילונגען, פאַרפלעכט בורג חלום־ספערע, בלוי־קייט. רייכע אין אינהאַלט זענען זיי, מיט, א בילדעריש שיינער שפּראַך, מיט דעם סאָציאַלן עלעמענט־זיין שאַפונגס פּאָטענץ. דורך בורגן האָבן די בוקאָווי־נער ספלאַווניקעס, געקראָגן זייער תיקון אין דער יידישער ליטעראַטור.

יוסף בורג מאָלט מייסטעריש פּאָרטרעטן מיט וואָרט. מיט וויפל לירישער צאַרטקייט מאָלט ער א פּאָרטרעט! לדוגמא ציטירן מיר פון זיין בוך „אויפן

טשערעמוש", ז. 19, דעם פּאָרטרעט פון ספּלאַווניק פּליטע־טרייבער חנאַ: „...א מיטל־וווקסיקער איז ער־דער טאַטע־מיט ברייט צעשפּאַרטע פינגער, ווען זיי קלעמען ארום די וועסלע, סקריפּעט זי ווי איבער־ברעכנדיק זיך אין צווייען. פופציק זומערן טרייבט ער שוין ספּלאַוועס אויפן וואַסער. פופציק זומערן איז דער שטיינערדיקער ברעג זיין בעט און די נאַכט זיין צוקאָפּנס. און ווען ער דער־ציילט וועגן דעם, איז דער טאָן אזא רויקער, אזא גלייכגילטיקער, גלייך ווי נאָך פופציק וואָלטן געשטאַנען ביי דער זייט און געוואַרט..."

בורג קוקט אויף זיינע פּאַרשוינען, בעסער געזאָגט, אויף זיינע העלדן, מיטן פּשוטן גוט זעעדיקן אויג און תמיד מיטפילנדיקן, ליבנדיקן האַרץ. אָט ווי ער פּאָרטרעטירט חנאַ׳ס געהילף:

...מיכאַילע, א יונגער ברייט־ביינערדיקער פּויער, איז געשטאַנען א באָר־וועסער, פּאַרקאַטשעט די ווייסע הויזן ביז איבער די קניעס. אויף די פּיס האָ־בן זיך געצויגן בלויע אָדערן, ווי טויטע ווערעם און זיך אויפגעשפּאַנט ביי יעדער שווערער באַוועגונג. זיין בלאָנד־צעשויבערטער טשופּער, האָט ארויסגע־האָנגען פון אונטער זיין גרינעם קאַפּעלוטש און זיך געוויגט ווי אויסגעטריקנטע פּאָוויסמע ביי צייטיקע קוקורודזעס. „(אויפן טשערמוש" ז.15)

בורגס העלדן זענען מענטשן וואָס לעבן אין פּאַרוואָרפענע ווינקלען פון דער בוקאָווינע, שטילע, שווייגנדיקע מענטשן וואָס האָבן פּראָבלעמען. ווען נויט און לייד דערגרייכן זייער הויכפּונקט ברעכט אויס ד י ש ר י פ ה , דער פּויערישער אויפשטאַנד.

„...ארום פּריצישן הויף האָבן רויטע פייערצונגען זיך געהויבן צום הימל. פונקען האָבן זיך געטראָגן אין דער לופטן און א געדיכטער רויך האָט פּאַר־שלונגען דאָס דאָרף. דער קלויסטער גלאָק האָט זיך צעקלונגען מיט זיין צעצויגע־נעם ווידוי־קלאַנג. אומעטיקע טענער ווי פּלאַכטעס בליי זענען געפאַלן אויף פּאַרסאַפּעטע פּויערים און א דערשאָקן קול פון א מוטער, וואָס האָט געגרופן נאָך אירם א פּאַרלוירן קינד, איז געבליבן הענגען אין דער פּאַרויכערטער לופט., טראַך!!!

...ס׳האָט די נאַכט א ציטער געטון. דאָס פייער, האָט זיך אויסגעדראַכט, איז אויף א רגע שטיין געבליבן, גלייך ווי דערשראָקן זיך פּאַרן קנאַק און א באַסאָ־ווע שטים האָט ווי א דונער אָפּגעהילכט איבערן דאָרף ש י ס ן־ש י ס ן !...

פּאַרטאָג! איבער שמאָלע דאָרפישע געסלעך איז געלייגן א מידקייט. פּאַר־גליווערטע טראָפּן בלוט האָבן געפאַרבט רויט דעם שניי און א דינער רויך האָט זיך געשפּילט מיטן ווינט. (ז. 48 אויפן טשערמוש).

יוסף בורגס שפּראַך איז רייך און פאַרביק דורך די באַנוצטע דיאַלעקטאַלע ווערטער, אויסדרוקן. אונטערן טיטל: גלאָסאַר (וואָרט-דערקלערונגען) צו יוסף בורג'ס „אויפן טשערמוש" האָב איך צוגעשיקט צום יידישן וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט" פון ניו יאָרק, מיט אן אריינפיר: „יידישע ווערטער אין גרענעץ־דיאַלעקט ביים דערציילער יוסף בורג" (באַשטעטיקט פון" ייווא" אין בריוו פון 24 אַפּריל 1972): לדוגמא ציטיר־איך עטלעכע ווערטער: באַראַבאָלעס בולבעס, לאַדישעס- קריגלעך, ספּלאַוועס פּליטעס, פּייליעס פּלאָקן, פּאַרקיסנעטע אויגן פאַרמאַכטע אויגן, צעשפּאַרטע אויסגעברייטע הענט מיט פינגער פון שווערער מוסקלען אַרבעט; קאָריץ א פּאַס פון הונדערט קילאָ זאַלץ אָדער קוקורודז א.א.וו.

יוסף בורג איז א גלענצנדיקער פּייסאַזשיסט. אָט ווי קינסטלעריש ער מאָלט א בין השמשות, אויפן טשערעמוש וואָס יאָגט פון ווייטע וועלדער מיט א ווילדן ברום פאַרביי: „...אַן אָפּגעשוואַכטע האָט די זון זיך אָנגעהויבן זעצן. דער טשערעמוש האָט גענומען בייטן די קאָליר, ווערן טונקל־בלוי און דער היי־סער זומער טאָג וואָס האָט זיך געשלעפּט פון גאַנץ קאַיאָר איז דערגאַנגען אין א שטילן פאַרנאַכט." (ז. 14)

בורג איז אויך א פּאָעט מיט הפסקות, צומאָליק. איך בין זיך משער אַז ער שרייבט אויך לידער, ליבעלידער, פון די ברעקלעך, סטראָפן וואָס ער ברענגט אריין אין זיינע נאָוועלעס ווי „ערשטע ליבע". בדרך אגב אין דער „איינזיקייט" פון מאָסקווע, האָב איך געלייענט באַלד נאָך דער באַפרייונג, סוף, 1944, רעפּאָרטאַזשן, קאָרעספּאָנדענצן פון יוסף בורג אָבער מיט באַזונדערער פרייד און אינטערעס, געלייענט זיינע נאָוועלס אין דער וואַרשעווער „פאָלקס שטימע" פּאַריזער „נייע פּרעסע", איבערגעדרוקטע אין דער פּראָגרעסיווער פּרעסע פון גאַנץ אַמעריקע.

ווי באַשיידן בורג באַטיטלט א ריי וואָגיקע עסייען, פּאָרטרעטן- „פון נאָענט און ווייט"! אין תוך זענען דאָס בלעטלעך פון אונדזער קולטור־געשיכטע, אין וועלכע ער בר נגט אריין די ווערטפולע יידיש שעפער פון רומעניע: צווישןביידע וועלט מלחמות: אליעזר שטיינבאַרג, משה אַלטמאַן, איציק מאַנגער, קובי וואָהל, יצחק פאַנער, יחיאל שרייבמאַן, הערש־לייב קאַזשבער און פיל אַנדערע.

איך פּרוּוו קאָנטורירן א קורצע כאַראַקטעריסטיק פון אָריגינעלן דערציילער יוסף בורג. מיט וויפל ליבע, וואַרעמקייט און נאָסטאַלגיע, נעמט אַרום בורג די היימישע ערטער פון דער בוקאָווינע סיי אין אָפּרו־היים אין די קאַרפּאַטן אין א סאַנאַטאָריע, סיי אין זיין געבוירן שטעטל וויזשניץ: „...מיין שטעטל געפינט זיך אין דער טיף פון די קאַרפּאַטן. ביי זיין צוקאָפּנס קייטלען זיך ווי פּיראַ־מידן בלויע בערג און צופוסנס טראָגט א באַרג־טייך זיינע קלאָרע טונקל־גרינע

וואסערן, גלייך ווי די ארומיקע סאָסנעס האָבן אים אויף אייביק אוועקגעשענקט די גרינע זאַפטן פון זייערע צעוואקסענע נאָדל-צווייגן. פון די בערג פאַלן ריזיקע קאַסקאַדן און פּאָכענדיק פון ווייטן מיט ווייסער זידנדיקער שוים, דערמאָנען זיי עפּעס א פאַנטאַסטישן אומרו. (פון ציקל „קליינינקייטן").

אין פיל פון בורגס נאָוועלעס, ליגט דער חותם פון פּערזענלעכע איבערלעבונגען, פון אויטאָביאָגראַפיע, ווי למשל אין „אונטערוועגנס", בעת דער עוואַקואַציע, ער מאַכט מיט די גורלות פון זיינע העלדן, בלוטיקט צוזאַמען מיט זיי ווי אין „שפּליטערס" מיטן שניידער מיידל און יאָסל דער קאָלדרעמאַכער לדוגמא.)

אָפּטימיזם, גלויבן אין מענטש, ברייטע וועלט-באַטראַכטונג, אידעען,. מיטן פּנים צום לעבן, דאָס דריקט אויס בורגס פּראָזע, וואָס צינדט אין לייענערס האַרץ פייערלעך פון גלויבן און האָפענונג. יוסף בורגס נאָוועלעס רופן ארויס הויכע אָפּשאַצונגען פון שלמה ביקל: „א בערגעלסאָן תלמיד מיט אן אָנזאָג פון אייגנס און עכטקייט". מלך ראַוויטש שרייבט אין א בריוו צו בורגן: „...נאָך א מאָל איבערגעלייענט אייער קלאַסיש-ראָמאַנטישן עסיי „אין דעמערונג" — און דער רושם ממש באַצויבערנדיק, כישוף. עס איז אפילו א פראַגמענט פון דער וועלט-געשיכטע, פון דער וועלט-ליטעראַטור. אז איר וועט צוזאַמענשטעלן א זאַמלונג פון אייערע עסייען און נאָוועלעס און האַלטן ביי ארויסגעבן א בוך-בין איך דריימאָל גרייט צו שרייבן א הקדמה אָדער נאָכוואָרט."

איך וועל מיר דערלויבן צו זאָגן אז מיט זיין בילדעריש-שיינער שפּראַך, קלאָרן געדאַנקען-גאַנג, גוטן ליטעראַרישן סטיל, קאָמוניקאַטיווקייט, מענטשן-ליבע גוטסקייט, וואָס שפּרודלט ארויס פון זיינע נאָוועלע, געהערט בורג צו די סאָליד טאַלאַנטירטע רעאַליסטישע דערציילער פון דער היינטיקער יידישער ליטעראַטור.

וועגן שרייבער

חיים גאָלדענשטיין

אין דער ממלכת כהנים, אין דער משפּחה יידיש-שרייבער פון רומעניע, איז צוגעקומען א נייער נאָמען, א גוטער דערציילער — חיים גאָלדענשטיין.

געבוירן איז ער אין 1912 אין דאָרף סינעשט. און אונטערן פּסעוודאָנים יאָן קאָזשאַן, איז אויף רומעניש דערשינען זיין בוך „זומערדיקע נעכט" זז' 150, בוקארעשט 1970. אין דעם רומענישן ראַדיאָ זענען אויפגעפירט געוואָרן עטלעכע ראַדיאָ-דראַמעס זיינע: „נעגאַיול ענטפערט ניט" און „די באַגעגעניש איז צען א זייגער", ווי אויך עטלעכע באַארבעטע ראַדיאָ-דראַמעס.

מע קאָן באַצייכענען ווי אַ ווידערבאַלעבונג פון ליטעראַריש יידישער שאַ־פונג אין רומעניע דיפינף ביכער, וואָס דער פאַרלאַג „קריטעריאָן“ האָט אַרויסגעגעבן אין יאָר 1974: משה לאַקס „ליטעראַרישע פּעדערשפּריצן“; י. בערקאָוויטש: „אין די אויגן פון אַ שוואַרצער קאַווע“; א. אביון: „די שטאָט אָטעמט“ חיים גאָלדענשטיין: „צופיל אין איין וואָך“ און אַ באַנד אויסגעוויילטע שריפטן פון מייסטער משה אַלטמאַן. אויך אין 1975, האָט דער פאַרלאַג „קריטעריאָן“, אַרויסגעגעבן אַ ריי יידישע ביכער. מיר דערמאָנען דערווייל, צוויי מחברים: וואָלף טאַמבור „מאַראַמורעשאַנער“ און יוליאַן שוואַרץ „ליטעראַרישע דערמאַנונגען“. אָבער אין פּלאַן פון פאַרלאַג זענען פאָרגעזען אויך אַנדערער יידישע שרייבער, ווי למשל אי. קאַראַ, און אַנדערע.

קריטיקער באַצייכענען חיים גאָלדענשטיינס בוך „צופיל אין איין וואָך“, אַלס אַ וויכטיקע געשעעניש אין יידישן קולטור־לעבן פון היינטיקן רומעניע. איך האַלט, אַז חיים גאָלדענשטיינס דערציילונגען פון בוך „צופיל אין איין וואָך“, זענען טעמאַטיש ניי אין דער פּראָזע אויף יידיש פון רומעניע נאָך 1944. אַן ערשטלינג אין זשאַנער און סטיל, אין רעאַליסטישע שילדערונגען פון נעם לעבן.

דער באַגאַבטער פּראָזאַיקער וואָלף טאַמבור, האָט אויף דעם זונטיק־פרימאָרגן געווידמעט דעם שריפטשטעלער חיים גאָלדענשטיין, גערעדט וועגן אייניקע השפּעות פון שלום עליכם אויף די קינדער טיפּן פון חיים גאָלדענשטיינס דערציילונגען, און איך האַלט אַז אונדזער זיידע מענדעלע מוכר ספרים האָט זיך נישט וואָס צו שעמען מיט זיין אור־אייניקל...

דער גוטער דערציילער חיים גאָלדענשטיין האָט שפּעט גענומען שרייבן יידישע פּראָזע, אָבער דער שפּעט געקומענער שרייבער איז נישט קיין פאַרעלטערטער, נאָר פול מיט גייסטיקער יונגטלעכקייט אויך זיין פיזישער אויסזען באַשטעטיקט עס: אַ סאָלידע, פעסטע, מיטלוווקסיקע געשטאַלט. אַ שוואַרצהנעווודיקער מיט אַ שמייכל אויפן פּנים. דער מענטש האָט דורכגעמאַכט זיין האַרטן לעבנסוועג, מיט אַ פעסטער אמונה מיט אַן אומגעבראָכענער זיכערקייט.

און איצט וועגן חיים גאָלדענשטיינס בוך דערציילונגען „צופיל אין איין, וואָך“: דאָס איז אַ בוך וועגן גורל פון זין און טעכטער פון דער משפּחה מענטש אין משך פון גוטע דריי צענדליק יאָרן פון אונדזער יאָרהונדערט מיט זיינע העראָישע און הומאַניטאַרע געבאָטן, גלויבן אין אמת און יושר.

ווען אונדזער זיידע מענדעלע מוכר ספרים, פאַלט אַריין אין דער כאַליאַסטרע פון חיים גאָלדענשטיינס „צופיל אין איין וואָך“, וואָלט ער זיכער איסגעפינען אור־אוראייניקלעך פון זיינע קאַבצאַנסקער טרוימער, אמת און יושר־זוכער, צווישן

די היינטצייטיקע בנימינס און ראָבינזאָנס, וועלכע לאָזן זיך אוועק פון דעם רעאַלן שטעטל, וואָס דער מחבר רופט אָן פאַנטאַסטיש, אין דער ווייטער, זיי אומבאַקאַנטער וועלט.

נאָך מער: מענדעלע וואָלט זיך געפרייט מיט געוויסע השפעות פון זיין שרייבן אויף זיין אוראייניקל חיים גאָלדענשטיין נעמלעך, שטעכיקע איראָניע צו די פרומלעך-צבועקישע פיגורן פון מאַנקאָלס, צו געוויסע שטייגערישע דערשיינונגען חוזק און האַרציקע ליבע, צאַרנדיקער וויטיק און צערטלעך מיטגעפיל צו דער טראַגיק פון די געמאַטערטע, אונטערדריקטע מענטשן פון מאַנקאָלס ווי פון איבער גאָר. מענדעלע וואָלט זיך געפרייט מיט גאָלדענשטיינס זאַפטיקן יידיש.

אין פיל דערציילונגען פון „צופיל אין איין וואָך". שילדערט דער מחבר געשעענישן וואָס ציען זיך איבער דריי קאָנטינענטן, פון די טיפע צוואַנציקער ביז די טיפע פופציקער פון אונדזער יאָרהונדערט. די פערסאָנאַזשן דריקן אויס דעם מחברס אידעאַלן און געדאַנקען, רעפלעקסיעס. דער מחבר האַלט אז ער האָט נאָך פאַר וועמען צו דרשענען אַ פסוק. חריפותדיק זענען זיינע פסיכאָלאָגישע גריבלעניש און סימפּאַטיש איז דעם באַהאַוונטן לייענער, דעם מחברס אַרט פילאָסאָפירן.

דער מחבר שילדערט געשעענישן, סביבות פון אַ געוויסן היסטאָרישן פּעריאָד, די מחשבות און געפילן פון די מענטשן אין די געשילדערטע סביבות און צייט-אָפּשניט, וואָס דעקן זיך מיט אויטאָביאָגראַפישע פּרטים פון מחבר. אָט די פּרטים קאָן מען נישט צושרייבן דער מעמואַרן-ליטעראַטור, ווייל דאָס איבערגעלעבטע, איז קינסטלעריש געפאָרעמט. גאָלדענשטיין שרייבט אַ וואָרט און דערזאָגט ניט צוויי ער זאָגט אַרום אַ געדאַנק און די אַנדערע צוויי מוזטו שוין אליין דערטראַכטן. כדי דעם לייענער זאָל אַלץ קלאָר זיין, ער זאָל אַלץ פאַרשטיין, וואָרנט דער מחבר, מע זאָל לייענען פּאַמעלעך, ניט געאיילט.

דאַנטע האָט אויסגעקליבן ווירגילן, ער זאָל אים פירן איבערן גהינום, און חיים גאָלדענשטיין האָט אויסגעקליבן יאַנקעלע-שימעלע און טענעגראַ. אַלע דריי זענען איינער און דערזועלבער פּאַרשוין, דעק-נעמען פאַרן מחבר. מיט זיי, פירט ער אונדז איבער אַלע מדרגות פונעם גהינום וואָס מענטשן האָבן געמאַכט פאַר מענטשן. אין פאַרגלייך מיט די וואָגלעניש און וואַנדערונגען פון מאַנקאָלמער שוחטס זון יאַנקעלע, באַקומט דער דאַנטישער „גהינום" אַ נייעם אַ מאָדערנעם נוסח, אַ נייעם לבוש. חלומות און קאָשמאַרן פולן אָן יאַנקעלעס גורלדיקן לעבוועג. פון אָן אַרבעטער אין אַ טעקסטיל-פאַבריק פון מאַנקאָלס ביז די אָקאָפּעס פון אַנדאַלוזיע, אין שפּאַניע, אין 1938; פון די גהינומדיקע לאַגערן פון

גורם און רזשעלפא, נאָענטע צו דעם סאהארא מדבר ביז ער איז געוואָרן א פארטיזאן קעגן די היטלעריסטישע ארמייען, אין די קארפאטן-בערג, אין מיי 1944, האָבן זיך די האָר געזילבערט, האָט זיין לעבן, אָפט געהאנגען אויף א האָר. ער איז ארעסטירט געוואָרן אָבער דער שמייכל, סטימול פאר אויסדויער, דער טיפזיניקער שמייכל, האָט זיך ניט אָפגעטיילט פון יאנקעלען (מיטן אמתן נאָמען חיים גאָלדענשטיין).

דער שרייבער רייסט זיך ארויס פון דער צו מאָל העסלעכער, אומדערטרעגלעכער סביבה, (אין די פארשידענע גהינומדיקע וועגן און לאגערן) און פליט אויף דער פריי מיטן דמיון, מיט דער פאנטאזיע, מיט פילאָסאָפישע מחשבות מיט באטראכטן די נאטור, מיט הומאָר. חיים גאָלדענשטיינס קינסטלערישער באשרייבונגס-מעטאָד,- באנוצט אויך ליריש-בילדלעכע פאָרמען, אייגנארטיקע מעטאפאָרן.

אין דער דערציילונג „דער לעצטער מופת" (ז.17) שילדערט אונדז דער מחבר, מיט הומאָר, א פראָווינציעל מיידל-ציליע, וועלכע איז געקומען קיין מאנקאלם זיך פראָלעטאריזירן, ארבעטן, ווייזן דער וועלט, אז אויך פרויען... אָבער מיט א תנאי-שבת ניט!... ווייל ס'איז א מעשה פון קידוש השם, און סע קען זיין א שטערונג פאר איר פאָטער, איר הייליקער טאטע אברהמל בארשט. ער זאָל אריין אין גן-עדן... ווען זי רעד, שיט זיך פון איר מויל, ווי געשריבענע פאסאָליעס פון א געלעכערטן זאק". (ז. 19). די קריאת שמע וואָס אנטשל קראקער משה זאָגט, בעת סע לויערט אויף אים אן אומגליק „איז געוועזן אזא פלאמיקע, אז עמעצער האָט זי דערזען פון דערווייטנס!..." (ז. 23)... די ווענט פינטלען זיך ווי יעקב אבינוס לעמעלעך" (42). איינער א דיקער, מיט א שרעקלעך פארשוויצט פנים, „ גלאנצט ווי אן אָדערקע פון א געשטאָפּטער גאנדז, אין א הייסן זומערטאָג". (ז. 45). אָט די גלייכווערטלעך ווי די „סגולות": „געשענקטע טויבן פארטרייבן שווארצע מחשבות". (ז. 10); טויטע העלפן כאפן רוצחים" (ז. 16). „בלוט איז ניט מוחל". (ז. 16), וועלן מסתמא אריין אין יידישן פאָלקלאָר.

אָט ווי חיים גאָלדענשטיין פאָרטרעטירט מיט דער פען: „...א שלאנקע כמעט רוחניותדיקע פרוי, א דורכזיכטיקע, א בלאסע ווי דער שטערן פון א תנא, וואָס ראנגלט זיך אין ספקות„. (ז. 54). אָט ווי עס זעט אויס עליע קיליער, איינער פון דעם בעל מופת חסידים: „...א לאנגער, אויסגעדארטער ייד, אויף וועלכן עס הענגט אן אלטע קאפאָטע מיט צוויי קנעפלעך אביסל העכער פון דער הינטערקעשענע, פון וווּ ער שלעפט די פאטשיילע. א ייד מיט אן אָנפארביקער באָרד

א געוואלדיק גרויסער מאזאָליעדיקער נאָז, וועלכע ער שפּאַרט אונטער פון צייט צו צייט מיט דער רויטער פאַטשיילע". (ז. 22).

ווענן דער שפּראַך פון חיים גאָלדענשטיינס בוך וועלן מיר אויספירלעך, שרייבן מיט אן אנדער געלעגנהייט דערווייל קאָנען מיר זאָגן, אז זי איז א פּשוטע, א פאָלקסטימלעכע, א געלייטערטע.

דער לעבנסוועג פון גאָלדענשטיינס פערסאָנאזשן גיסט זיך צונויף מיטן, לעבנסוועג פון מחבר, וועלכער האָט זיך אוועקגעלאָזט פון מאנקאלם (דאָס שטעטל וואָס ליגט אויפן חויקער פון א בארג און אין טאָל שלענגלט זיך א-טייך די ביסטריצא), איבער לענדער און קאָנטינענטן: ארץ ישראל, אין שפּא ניִשן בירגער-קריג, אלס פרייוויליקער אין די אינטערנאציאָנאלע בריגאדעס; דעפּאָרטירט אין אלזשיר; פּארטיזאן אין די רומענישע קארפּאטן, קעגן די נאציס אין פרילינג 1944.

דעם סיפור המעשה, דעם אינהאלט פון יעדער דערציילונג וועל איך ניט איבערדערציילן, אוועקנעמען דעם לייענער אָט די הנאה — וויל איך ניט. איך וויל נאָר ציען די אויפמערקזאמקייט פון לייענער, אויף דער דראמאטישקייט פון די סוזשעטן, די שפּאָרעוודיקייט פון די געמעלן, די געפּרעסטקייט פונעם זאץ.

אייניקע דערציילונגען מאָנען זיך ממש, מע זאָל זיי פארוואנדלען אין א בינע-ווערק.

אין א זאכלעכער אָפּשאצונג פון חיים גאָלדענשטיינס דערציילונגען, פּרע-זענטירט איזא שאפּירא דעם מאטעריאל, ווי סעקווענצן פון א פילם, אין א קינעמאטאָגראפישן נאָכאנאנד, וואס לייענט זיך מיט אינטערעס און פארגעניגן שאפּירא האלט אז: „...די שפּראַך פון חיים גאָלדענשטיינס דערציילונגען איז בילדעריש אָנגעזעטיקט, פארקנוילט מיט אידעען, באטראכטונגען. ארויסשט-ראלנדיק פון איבערגעלאָדענע געשעענישן, שטויסן זיי זיך צוזאמען אויף די פּאראלעלע ליניעס פון הומאָר. וואָס יאָגן און יאָגן זיך איבער, ביז צום אין-סוף.

דאָס בוך דארף מען אפטער לייענען, נישט נאָר איין מאָל..."

גאָלדענשטיינס פּראָזע פארבאפּט מיט איר קראפט, מיט איר אָפּטימיזם, באלויכט דאָס הארץ פון לייענער.

א טאַלאַנטירטער מאַראַמורעשער דערציילער

וואָלף טאַמבור

איבער פערציק יאָר זענען שוין אַריבער זינט וואָלף טאַמבור האָט אַרויס־געגעבן זיין ערשט ביכעלע א.ט. „ביי דער טיר“ אין פאַרלאַג „יידיש וואָרט“, 1937, טשערנאָוויץ, 36 זייטן.

היות עס געפינט זיך נישט אין קיין עפנטלעכער אָדער פּריוואַטער ביבליאָ־טעק, וועל איך מיך באַגרענעצן איבערגעבן צוויי קריטישע אָפּשאַצונגען. דער קריטיקער איציק שוואַרץ (אי. קאַראַ), שרייבט אין די וואַרשעווער „ליטעראַ־רישע בלעטער“, נר. 21 פון 1938: „וואָלף טאַמבור, א זעצער, האָט אַרויסגעגעבן ...א קליין ביכעלע בילדער פון פרומען שטייגער אין זיין היים. ער דערציילט מיט רייזענישער פּשטות דאָס אָרעמע לעבן און דעם נאַיוון גלויבן, אין מאַנו־סקריפּט ליגן ביי אים אינטערעסאַנטע דערציילונגען פון דעם לעבן פון יידישע פּויערים און זאַלצגרעבער פון זיין געגנט“.

אַן אַנדערע רעצענזיע איז דערשינען אין טשערנאָוויצער „אויפבוי“ נר. 20 פון 1937 וועלכען מיר ציטירן בלויז „...און אָט האָט וו. טאַמבור, א ביז איצט גאַנץ אומבאַקאַנטער, געהאַט מוט אַרויסצולאָזן א קליין ביכל פון 36 זייטלעך... אָבער די צוויי סקיצן... זענען שוין בכח איבערצוצייגן, אַז דער מחבר האָט טאַלאַנט און אַז ער קען די מלאכה פון שילדערן און דערציילן.

אויב „ביי דער טיר“, טאַמבורס ערשטלינג, האָט אָנגעזאָגט דעם נייעם רו־מעניש־יידישן ראָמאַניסט האָבן עס די וויטערדיקע ביכער, און אין דער ערש־טער ריי „מיין היים“, סיגעט 1940 — באַשטעטיקט, אַז טאַמבור איז א טאַלאַנ־טירטער דערציילער, א צאַרטער לירישער שילדערער און באַזינגער פון מענטש און נאַטור, וואָס פאַרמאָגט דעם זעלטענעם כוח צו דראַמאַטיזירן געשטאַלטן און געשעענישן.

טאַמבורס געשטאַלטן זענען מאַראַמורעשער יידן, דאָס איז א געגנט צווישן די ראָדנער בערג און דער טיסאַ. דאָקומענטן באַשטעטיקן, אַז יידן וווינען שוין דאָרט העכער 350 יאָר, הונדערטער יאָריקע עקסיסטענץ פון די מאַראַמורעשער יידישע קהלות, יידישע אינסטיטוציעס, יידישע טראַדיציעס. יידישע געלערנטע האָבן געשריבן ספרים, געמאַכט א שם זייער געבורט־אָדער וווינאָרט.

דער זיידע פון דער מאַראַמורעשער יידיש־שרייבער־משפחה איז הערש־לייב גאָטליב (סיגעטער) וועלכן מ'האָט גערופן דער מאַרשעליק. נישט נאָר א בדחן — א גלענצענדער אימפּראָוויזאַטאָר פון סאַטיריש־הומאָריסטישע גראַמען אויף יידישע חתונות איז ער געווען, נאָר אויך, און באַזונדערס, א פאָלקסזינגער, רעדאַק־

טאָר פון משכּילישע צייטונגען. זיין לאַנגיאָריק לעבן 1829 — 1930, און שריפט-שטעלערישע טעטיקייט, האָבן אויסגעטראָטן סטעטשקעס פאַר די נאָכגייער אויפן וועג פון השכלה ביז מאָדערנער דיכטונג און פּראָזע.

זיינע מיטצייטלער און נאָכוווקס האָבן באקומען און פארנומען א באטייטיק פלאץ אין דער יידישער שרייבער-משפּחה פון רומעניע, צווישןביידע וועלט-מלחמות. מיר דערמאנען בלויז אייניקע ווי: יחזקאל ר׳נג, יוסף האָלדער, י.ד. איזראעל, אפשאן, בערל שנאבל, וואָלף טאמבור און נאָך דער לעצטער וועלט-מלחמה י.ל. ברוקשטיין און דעם וועלט-בארימטן דריישפּראכיקן מאראמורעשער יידיש-שרייבער און לעקטאָר אליעזר וויזעל.

מיר ווילן דערמאנען אז די אסימילאציע, וואָס האָט פארכאפּט א סך מקומות פון אמאָליקן אונגארן (צו וועלכן מאראמורעש האט געהערט ביז 1918 און מיט א קורצער הפסקה, צווישן 1941-1944), האָט קיין מאראמורעש ניט דערגרייכט, זיי האָבן זיך ניט מאדיאריזירט. מען רופט זיך ניט „הער" אָדער „פרוי" נאָר אויף די יידישע נעמען. מאראמורעש איז דאָס וויגעלע, פון חסידות, דעם בעל שמ׳ס ערשטע תלמידים שטאמען פון די קארפּאטן-בערג. די מאראמורעשער געגנט איז פארוואנדלט געוואָרן אין א חסידישער פעסטונג מיט בארימטע רבנים און רביים, ישיבות, מחברים.

מאראמורעש איז געווען די געגנט מיט דער געדיכטסטער דאָרפישער יידישער באפעלקערונג פונעם לאנד (פון רומעניע). מיט וואָס האָבן זיך די מאראמורעשער יידן באשעפטיקט? א באטייטיקע צאָל דאָרפישע יידן האָבן זיך באשעפטיקט מיט „אגריקולטור" (לאנדווירטשאפט) מיט שעפּסן-צוכט. לעבנדיק אין גוטער פריינדשאפט מיט די רומענער, האָבן די יידן געלערנט ביי זיי ווי אָרגאניזירן די שאָף סטאדעס, אויסגעלערנט מאכן אליין דעם קעז (קאש) און אָרדע, אָנגענומען די רומענישע נאָמענקלאטור פון כלים און פּראָדוקטן. יידן האָבן זיך אָפּגעגעבן אויך מיט פי-צוכט, (שווייצעריי פלעג מען עס רופן).

מאראמורעשער יידן, וואלד און בארג יידן, זענען אויך געווען וואלד—הע-קערס פאסטעכער און שאָף היטערס, איינדראָטער פון ערדענע טעפּ, פון מילטערס צעשפּאלטענע, גלעזער, בינדער און פלוטעס-טרייבער (באָקערעס) אויף דער טייס (טיסא), געזונטע בעלי עגלות, וועלכע האָבן אין די קינדער יאָרן געלערנט תורה. געווען אין סיגעט „פאבריקאנטן" פון כפול-שמונהדיקע ציצית, קליינהענדלער וועלכע האָבן הויזירט מיט פארשיידענע סחורות אין די פארוואָרפנסטע דערפלעך. פון די פילע מלמדישע חדרים אָדער ישיבות, זענען ארויס שיינע צורות, אנשי-מעשה, געלערנטע יידן, מיט מסירת-נפש פארן כלל ישראָל, פאר די ניט-יידישע שכנים, פעיקע מענטשן וועלכע האָבן געהאָלפן זייערע מיט-מענ-

טשן. אפילו א יידישער היידוק-דער סיגנעטער יידישער היידוק, הערש, מיט, באָרד און פּאות האָט ניט געפעלט... אין דער מאַראַמורעשער געשטאַלטן-גאַלע-ריי, יידישע טיפּן און כאַראַקטערן.

מיר האָבן געגעבן די פּרטים כדי צו פאַמיליאַריזירן דעם לייענער מיט טאַמ-בורס געשטאַלטן, סביבה. אאַז.

דער הויפּטהעלד פון טאַמבורס „מיין היים“ איז פייוויש. „א נידעריקער, א ברוינער א בחור פון אכצן, נייצן יאָר“. פון דער ישיבה איז ער אַרויס „נאַקעט ווי א ריבל, (מייער) נישט געהאַט איין גוטן אַנצוג אויף זיך, נישט ווים-נדיק מיט וואָס אָנצוהייבן, האָט ער זיך אָפּגעגעבן מיט זאַכן וואָס האָבן נישט געטראָגן קיין פּרנסה, ער איז געזעסן און געלייענט ביכלעך. אין א שטוב מיט פיר מיידלעך און צוויי יינגלעך, בסך הכל — אכט עסערס, איז חיונה-א לעבנס-פראַגע. פלעג דער טאַטע. מוסרן דעם זון:

— „א יונג זיצט און ברעכט זיך דעם מח איבער אַזעלכע פּוסטע „מאַנקאָ-ליעס“, פון וואָס ער'ט נישט האָבן אין אָנבייסן נישט... ביז ווי לאַנג נאָך וועל איך אויף דיר האָרעווען, ביז ווען האַא-אַ?... וואָס 'עט זיין דער תכלית?“

פייוויש האָט אפשר געוויסע איינגעשאַפּטן פון דעם וואָס מע רופט היינט, גאָוואַטאָר, אָבער די נויט טרייבט צו. ער איז גרייט אפילו ווערן א בעל עגלה.
— „קויף מיר א פּאָר פערד, (טאַטע), וועל איך פירן דעמבעס“. דערויף ביי-זערט זיך דער פאָטער „דאָס וועלן מיינע שונאים נישט דערלעבן! אויף דעם אַרויף האָב איך דיך נישט געדאַרפט האַלטן אין די ישיבות, אַז דו זאָלסט מיר אויס-וואַקסן א קוטשעריונג. גיי זוך דיר אַרויס עפּעס, נעם דיך מיט עפּעס האַנדלען“.
און פייוויש וואָס האָט קיין מלאכה נישט געקאָנט. האָט זיך גענומען שווערצן איבער דער גרענעץ אין שטוב זיינען אַלע אויפגעלעבט געוואָרן. יעדער האָט זיך אביסל געקליידט, דערגאַנצט געוואָרן דער שוועסטערס שטעפּ־יר (אויסשטייער) צוגעלאַטעט דעם דאַך „מ'זאָל נישט דאַרפן, יעדעס מאָל ווען ס'רעגנט, אונטער-לייגן דאָס פּסחדיקע געשיר, ס'זאָל נישט אַריינקאַפּן אין שטוב.“

קיין גליקן מאַכט מען נישט פון שווערצעריי, מע פאַרלאַטעט די נויט. אינ-גיכן, נאָך א מסירה, פאַרלירט פייוויש די פּאָר קלינגערס און נעמט זיך צו בוכהאַלטעריי. געווינענדיק דעם צוטרוי פון אייניגעם פון די „הערן“ פון דער פיר-מע וואָס האָט געליפערט האָלץ, איז פייוויש געוואָרן אן אָנגעשטעלטער ביי דער פירמע. ער האָט איבערגענומען מיט א שותף מיט געלד, צו האַקן דעם וואַלד. שפּעטער פירט ער אָן א קאַנטינע מיט אַלע גויטיקע שפּייזן-עקסטער געשעפט. פון די פאַרדינסטן האָט מען חתונה געמאַכט דער עלטסטערער טאָכטער. אינגיכן

איז פּייוויש אוועק אין מיליטער דינסט און די דאגות פּרנסה האָבן ווידער גראָגעמאכט דעם אלטן טאטן...

פּייווישעס לעבנסוועג, דער אָנהייב, איז ענלעך געווען צו דעם פון א סך, מאראמורעשער ייִנגלעך. גאָרנישט איז אים גרינג אָנגעקומען... א גאנצע וואָך איז ער געזעסן אין וואלד. נאָר אויף שבת איז ער אהיימגעקומען און מאָנטיק פרי צוריק אוועק. פארגעסן אָן די אלע ביכלעך, ער האָט נישטקיין צייט געהאט צו זיי. ניט אמאָל צו עסן האָט ער צייט געהאט, זייט ער איז געוואָרן א האָלץ-מענטש. „די פּרנסה, רויבט אים אוועק די גאנצע צייט, ניט אמאָל רעכט זיך שפּייזן קאָן ער, אָפּגערעדט שוין פון אריינקוקן אין א ספר, לייענען א ביכל!

אָנגעלאָדן מיט דראמאטישע סצענעס, אין א קינעמאטאָגראפישן גאָכאנאנד איז טאמבורס „מיין היים“. ווי א פיין געמעל איז די שווערצער-סצענע מיט, וועלכער ס׳הייבט אָן „מיין היים“. היינט די עטנאָגראפישע בילדער: א באשוי, א שטוב מיט באלעבאטישקייט, יידישע מנהגים, פּיטאָרעסקע פיגורן די עכטע ווערטער און אויסדריקן, גערעדטע אין משך פון הונדערטער יאָרן פון מאראמורעשער יידן, דיאלעקטאלע אוצרות, וואָס בארייכערן אונדזער יידישע קולטורשפּראך.

טאמבורס לעבעדיקע שפּראך איז פול מיט פרישע, פּלאסטישע פארגלייכעניש און מעטאפאָרן, געהערט צו דער מחיהדיקער דערציילערישער באגאבונג זיינער. איך וועל מיר דערלויבן צו אילוסטרירן מיט טעקסטן פון בוך, מיינע באהויפּטונגען,

א פּליטע וואָס פאָרט פארביי איז „א קליין וועלטל באזעצט פון צוויי, דריי מענטשן גליטשט זיך אויף דער טייס... און איך באלייט זיי מיט די אויגן ביז זיי ווערן דערטראָנקען אין דער טיפער טונקלקייט“.

צוויי זשאנדארן גייען פארביי זיין פענצטער. „די אויפגעשטעקטע באגנעטן אויף די ביקסן, ווי לצים מיט פעדערן אין די היטלעך.“

די פּוערים-שווערצער, האָבן ארביערגעבראכט צוויי פולע סאקוועס פון יענער זייט גרעניץ. זיי טוען אויס די פּאָסטעלעס, לייגן טרוקענען די נאסע האָגעטשעס מיט די כאָלאָשניעס.“ די שוועסטער האָט זיך אונטערגערעדט, אז, ס׳שטינקט. נאָר די מאמע האָט זי פארשטילט: מ׳מוז. ווער ס׳וויל נישט ליידן קיין שטינק, דער האָט נישט צו שמעקן....“

פון וואָס לעבט א מאראמורעשער משפּחה, יידן?, ביי אונדז אין שטוב האָט מען געלעבט פון גאָרנישט. קיין שום געשעפטן האָט מען נישט געמאכט. ס׳איז געווען דאָס ביסל פעלד וואָס מיר האָבן געהאט, בירושה פונעם זיידע,

פון ווו מ'האָט געהאט אויף ברויט. און א קו איז געווען, מ'האָט געוואקסן צון א טעלעטשקעלע, פארקויפט א ביסל מילעך, פון וואָס ס'האָט זיך געדרייט א ליי אין שטוב. אפילו דעם מלמד, ביי וועלכן איך האָט געלערנט, האָט מען אויך געצאָלט מיט מילעך, מיט א ביסל ריבלעך, באָנדלעך, ציבעלעס און אסאך מאָל מיט „גאָרנישט" די פיר מיידלעך פון שטוב זענען איינע גרעסער פון דער אנדערער, און זיצן טאָג און נאכט און ארבעטן, נייען, שטיקען, העקלען... געשטיקט פירהאנגען געהעקלט טייערע זיידענע קנעפּ, פּולסטערלעך, לויפערס, מיטלערס אָדער תפילין-בייטעלעך, פאר חתנים וועמענס כלות ס'האָט זיך נישט געוואָלט ברעכן דעם רוקן און ארויסנעמען זיך די אויגן, ביים אויסנייען א תפי- לין-בייטעלע". דערפון קלעקט קוים אויף א פּראָסט קליידל און פודער צו קויפן.

א באשוי (דאָס אָנקוקן א כלה) איז אויספירלעך באשריבן אין טאמ- בורס „מיין היים". אָט ווי עס זעט אוים די שטוב: „אין שטוב איז געווען ווי ערב פסח. פון אלע ווינקעלעך האָט געפינקלט. די בעטן זענען געווען געבעט שיין הויך, צוגעדעקט מיט וואָלענע קאָצן, שיין געקעסטלטע פון אלערליי פאר- בן. מ'האָט אָפּגעפּוצט די הרובע, דעם הענגלאָמפּ און דאָס שאפקעלע, ווו ס'איז געשטאנען פול אָנגעטאוועסעט ספרים, מ'זאָל זען אז ס'איז נישט עפּעס ווי „ביי סיי וועמען".

דעם בחור וואָס קומט אָנקוקן די שוועסטער נעמט מען אויף, איז מען מכבד מיט לעקעך. זענען די מאמע און די שוועסטער פארנומען מיט באקן, זיך אביסל געערגערט וואָס דער לעקעך איז איר נישט געראָטן, „געעפּנט פון איין זייט א צאָצעק".

און איצט וועלן מיר זען ווי טאמבור שילדערט דעם באשוי: „ווען דער פאָטער איז געקומען פונעם מעריב דאווענען איז מיט אים מיטגעקומען דער בחור און דער שדכן. זיי האָבן זיך ארומגעזעצט ארום טיש און פאָרגעזעצט זייער שמועס: ווי טייער עפּל זענען צי ס'איז א גערעטענישאון פון - תורה. דער שמועס האָט זיך געצויגן, זיך געדרייט אראָפּ, ארויף, אין צווישן האָט זיך דער שדכן ארייננעכאפּט אין קאָך, צו דער מאמע און צו די שוועסטער, זיי געוויזן ווי וויל ער קאָן לערנען דער בחור. אן אתרוג זאָג איך אייך, האָט דער שדכן געזאָגט, דער שידוך איז פאר אייך ווי צוגעשניטן.

...די מאמע איז אריינגעקומען מיט א טישטוך אין די הענט און האָט אי- בערגעריסן דעם שמועס: - איר האָט צייט שפּעטער... לאָמיר קודם עסן. די שוועס- טער איז אריינגעקומען גרייטן צו טיש. זי האָט זיך שעמעוודיק א דריי געטון און ארוים. צוריק אריינגעקומען געברענגט זאלץ און געלייגט צום טיש די זיל- בערנע לעפל.... די לעפל האָט מען ביי אונדז נישט גענוצט, נאָר אויף א באשוי

האָט מען זיי אפּירגענומען אויף צו ווייזן, אז מיר זענען בעל-הביתישע מענ־טשן, ווייל נדן צי ס'איז יאָ דאָ, צי נישט, אָבער א באַלעבאַטיש מיידל איז זי דאָך, מיין שוועסטער און דאָס אַליין איז אויך שוין, א האַלבער נדן.

מ'האָט זיך געזעצט עסן. די מאמע האָט אָנגעפּאָרט (צוגעגרייט) א גוטע יויך מיט לאָקשן, אז מ'האָט זיך געלעקט די פינגער... די מאמע, האָט אריינגעשטופּט דאָס גאַנצע פלייש דעם בחור און דעם שדכן. די טעלער זייערע זענען געווען מיט א ווערך... דער בחור האָט זיך נאָך אויפגעפירט, ווי מ'זאָגט, מענטשלעך ...אָבער דער שדכן האָט אָן רחמנות געפּאַקט אויף ביידע באַקן... דער טאַטע האָט דאָס מאָל אויך געגעסן מיט א גאַפּל. ער האָט אפילו זייער שווער זיך גע־קאָנט איינגעגען מיטן (אומגיין מיט אים), ער האָט אָבער געמוזט. דער ברודער איז געזעסן לעבן בחור, אָבער קיין עקסטערן שמועס האָט ער נישט געפירט... צו מאָל נאָר אריינגעוואָרפן א וואָרט, ער זאָל ווייזן אז ער איז אויך דאָ ביים טיש. צווישן ברודער און דער עלטסטער שוועסטער (וועלכע מען איז גע־קומען אָנקוקן) ביין איך געזעסן. דער מעזיניק, (בן זיקונים, די איבעריקע שוועסטער האָבן געגעסן אין קאָך (נישט קיין פלייש, שטרייכט אונטער דער מח־בר). זיי האָבן זיך נישט געוויזן.... נאָכן בענטשן האָבן זיך צוביסלעך ארויס־געשאַרט דער שדכן, דער טאַטע און א ביסל שפּעטער- איך מיטן ברודער. דעם בחור מיט דער שוועסטער האָט מען איבערגעלאָזט אַליין, זאָלן זיך אביסל אויס־שמועסן. מיך האָט אָבער דער טאַטע תיכף צוריק אריינגעשיקט כדי זיי זאָלן נישט זיצן אַליין.

די שוועסטער איז געשטאַנען אָנגעלענט מיט די הענט אויפן רוקן פונעם בענקל, געהוידעט מיטן בשעתן רעדן, שפּעטער א ביסל האָט זי זיך אויך אַני־דער געזעצט... ווען דער שדכן מיטן בחור זענען אוועק געגאַנגען, האָט די מאמע געפרעגט די שוועסטער: — נו, בראַנע, וואָס זאָגסטו עפּעס צו דעם בחור? — עעך וו—יי—ס, מיינסט מ'קאָן וויסן?.... ער ווייזט נישט אויס צו זיין קיין איבערגע־שפּיצטער... כ'על זי פרעגן מיינסטו, — האָט דער טאַטע געזאָגט צו דער מאמע — הלוואי זיין שוועסטער זאָל נאָר געפעלן פאַר פייווישן, מאַך איך נישט קיין שיהיות און „מזל טוב!" ...אז איך וועל נאָכגיין נאָך איר קאָפּ, וועל איך שוין אויסזען... עכ'ל דיר זאָגן- האָט די מאמע געזאָגט מיט א פאַרזאָרגטן שמייכל- איך זע אויך, אז ס'פעלט אים א ביסל דער פינפטער שולחן-ערוך, נאָר- וויאַזוי דער הימל וועט פירן: וועט עס זיין פון מייערן - וועט זיך עס פאַרשלייערן; וועט עס, חלילה, זיין פון כריין,- וועט זיך עס צעגיין..."

וואָס איז דער גורל פון דער משפחה ווייטער? די עלטסטע שוועסטער בראַנע האָט חתונה, פייוויש גייט אין מיליטער. די שטוב האַלט אויס מיט איר נייַ־

מאשין די קלענסטע, די ייִנגסטע שוועסטער בלימע (א זייער אָפּטער נאָמען ביי מאראמורעשער פרויען) און די אנדערע צוויי שוועסטער העקלען און שטעפּן. די עלטסטע שוועסטער איצט, ווארט אויף א וויזע קיין בעלגיע, „און מ׳האָט זיך אויסגעברענגט ביז צום העמד, אויף די שריפטן צו מאכן, און אויפן פּאס. און דער מחבר, דער מיזינעק פון שטוב פאַרענדיקט אזוי זיינע חדרישע קינדער יאָרן „איך בין שוין נישט געגאן אין חדר, כ׳האָב זיך אומגעדרייט בטל. מ׳האָט נישט געהאט פון וואנעט צו צאָלן קיין „שכר-לימוד“, האָט מיך דער מלמד אויסגעראָכטן אהיים: „גיי, דו האָסט שוין אויסגעלערנט, קאָנסט שוין גיין שלאָגן הינט!“.

צו דער כאראקטעריסטיק פון פייוויש: „ער איז געווען באקאנט פאר א ”ליץ“, פון זיינע פורים-שפּילן וואָס ער האָט געמאכט, חוזק געמאכט פון דעם, וואָס ער וויל זיין ראש הקהל, פון יענעם וואָס וויל דווקא ששי. - ער האָט צוגע-זאָגט, אז ווען משיח וועט קומען, וועלן זיין קוילעטשן אויף די פּליט: דער גאנ-צער אָקס וועט זיין שפּיץ-ברוסט, די גאנצע תורה-ששי, דאָס גאנצע בית - המדרש וועט זיין „מזרח“ און דער גאנצער לוח וועט זיין לויטער „שבת“. אזוינער, איז געווען דער ברודער. ער האָט געקאָנט נאָכזינגען א שטיקל וואָס ער האָט זיך אויסגעלערנט פון א גראמאפאָן, צי גאָר א יידיש לידל. אין פייווישעס רעפּערטואר איז אויך געווען פון הערש-לייב דעם מארשעליק. „וויאזוי א דאָר-פּס בעל - הבית רעכט אָפּ דעם „סדר”, שפּאלט דעם ים. די צוהערער? די ווייבער ביי דער „קלאקע“, ביים פליקן פעדערן, זענען געזעסן שטיל, געשלונגען יעדעס וואָרט“.

איך האָב ברעה נאָך צו געבן ציטאטן ווייל אויך ביז איצט, ווי זאָגן די מאראמאָרעשער יידן, האָט זיך עס איינגעמאָנט, דאָס מיינט געלוינט. מיר וועלן פאַרענדיקן דעם ערשטן און לענגסטן קאפּיטל פון טאמבורס „מיין היים“ — 68 זייטן, מיט דעם מחברס באשרייבן די תנאים.

...„גערופן האָט מען אויף די תנאָים, נאָר אונדזערע קרובים און א טייל שכנים. אויפן טיש האָבן געברענט צוויי קורץ געשניטענע לעכט, אין זילבערנע לייכטער, וועלכע זענען געווען באפּוצט מיט רויטע זיידנפּאפּירענע בענדער; א פולער אויפגעווארטער מיט לעקעך און טאָרט און, א פלאש בראנפן מיט קליי-נע גלעזעלעך ווי די פינגערהיטן, זענען געשטאנען אויפן טיש פאר די פּאָר יידן וואָס זענען געזעסן ביים טיש און געקייט שמועסנדיק. דער חתן איז געזעסן אויבן אָן ווי אָנגעמאָלן..... פייוויש איז געזעסן אין עק טיש און געשריבן די תנאים. ארום איז געזעסן דער טאטע און די מחותנסטע, דעם חתנס מוטער, און האָבן זיך געדונגען איבער יעדן פּיצל צון א שעה... ביז דער ברודער האָט זיך

דערבייזערט... וואָס מיינט איר וואָס? — ... מ„האנדלט דאָ א פּאָר אָקסן אָדער וואָס דינגט מען זיך אזוי?.... טאָמער מיינט איר נאָר דאָס געלט, איז א שאָד די גאנצע קאָמעדיע. אויב זי געפעלט אייך נישט, אָט זאָגט שוין, לאָמיר וויסן וווּ מ׳האלט!“.

...דער חתן האָט זיך אראָפּגעזעצט אויבנאָן, אויף זיין אָרט. פייוויש האָט גענומען א טעלער אין די הענט און ווען דער טאטע האָט געהאט געגעבן א טאשטיכל אָנצוכאפּן, קודם דעם חתן, דערנאָך דער כלה זאָלן „מקבל-קנין“ זיין, האָט פייוויש א טראסק געטון מיט א טעלער צום דיל און יעדער האָט געזאָגט: „מזל-טוב, מזל טוב!“ דער טעלער איז זיך צעשפּרינגען אויף פּיץ-פּיצלעך. די יינגלעך און די מיידלעך האָבן געכאפּט יעדער צון א טשערעפּל, מ׳האָט זיך גע-ריסן איבער זיי, ס׳איז א „סגולה“ א כלה אָדער א חתן צו ווערן. דער חתן איז צוגעגאנגען צו דער כלה איר ווינטשן מזל-טוב, און א ווייל ע זיך אָנגעקוקט שעמעוו-דיק. דערווייל האָט מען זיך גענומען צו דער פלאש בראָנפן, מ׳האָט געווונ-טשן מזל-טוב די מחותנים, מ׳האָט זיך געוואשן און געזעצט צום טיש צו די „ווארעמע לאָקשן“.

עטנאָגראפן וועלן זיך ממש מחיה זיין מיט אזא גענויער באשרייבונג פון מארמאָראָשער תנאים, פארזען פון אנדערע מאראמאָרעשער שרייבער און וויכטיק אויך פארן שפּראך פאָרשער צוליב די דיאלעקטאלע ווערטער ווי: אויפ-ווארטער, דערבייזערט, געפּאָרעט מיטן קאָכן, שוין געראָכטן, ווארעמע לאָקשן, אָנגעפּאָרטע פון אלעם גוטן, באגעגנטע נאָר אין דער סצענע פון די תנאָים.

שוין צוליב די באשריבענע מיט כמעט וויסנשאפטלעכער פּינקטלעכקייט אין די קלענסטע פּרטים פון אמאָליקע מאראמארעשער יידישע מנהגים, מי-דות, פון ערשטן קאפּיטל וואָלט כדאי געווען איבערצודרוקן דעם זעלטענעם בוך „מיין היים“. אָבער אויך אין די וויטערדיקע קאפּיטלען פון בוך גיט אונדז דער מחבר גלענצנדיקע בילדער פונעם שטייגער פון דאָרפישע אָדער שטעטלדיקע מארמאָראָשער יידן.

אין קאפּיטל „אין דער קוזניע“ שילדערט ער משה דעם קאָוואלם קוזניע:... „פאר דער טיר זענען געווען אָנגעשפּארט א פּאָר רעדער. נייע און אלטע מיט אָפּגעגעסענע ספּיצעס, וואָס מ׳האָט געברענגט ארויפצוציען אייזערנע ראפעס: א צווייפיסלדיק קלעצל, ווי א הינטל זיצנדיק אויפן הינטן, אויף וואָס מ׳האָט ארויפגעלייגט די פערד-קאָפּעטעס צו באארבעטן די ארויפגעקלאָפּטע פּאָטקאָוועס, אָפּצורייסן די נעגל, צוצופיילן מיטן ראשפּער די קאָפּעטע נאָך דער מאָס פון דער נייער פּאָטקאָווע; און אן אלטער פּנומדיקער אקער, וועלכן מ׳האָט גע-ברענגט שארפן“... דער בלאָזזאק האָט שווער געאָטעמט, ווי אן עלטערער מענ-

טש וואָס האָט אסטמע און ס׳שטיקט אים.... געלאטעטע הויזן פון א שווערן פוס, וואָס האָט ארויסגעשטעקט פון אונטער א לעדערנעם שורץ, וועלעכער, האָט אראָפּגעקוועטשט און זיך צוריק אויפגעהויבן, זיך געוויגן אויפן טריטער פונעם בלאָזזאק און צעבלאָזן דאָס פייער... „די זגורע וועלכע מע ווארפט א־רוים פון פייער לעשט זיך באלד אוים... „און באווייזט" אזוינע משונהדיקע פיגו־רן, ווי אויסגעגאָסענע מענטשעלעך, הינטעלעך, און וואָס נאָר ס׳איז פאראן אויף דער וועלט. א וואקסגיסערן זאָגט אויף אזוינע אויסגעגאָסענע פיגורן, פון וואקס, נביאות...".

„דעם קאָוואלס זון, דער 26 יאָריקער הערש, שטייט ביי דער קאָוואלניע, מיטן גרויסן האמער אין די הענט, מיט די פארקאשעטע אָפּגעריסענע העמד־ארבל, און שלאָגט דאָס אייזן אָן רחמנות. געפּרווט לערנען שניידעריי אָבער אין דער אמתן געטון אזוינע ארבעטן וואס האָבן אן אייניקן (זעלביקן) שייכות צו דער מלאָכה, געווען א משרת, א שיק־יינגל; האָט אים דער פאָטער גענומען אין דער קוזניע אן אויסהילף ער זאָל אים צוהעלפן. הערש איז פארליבט. זיין לעבנס־טרוים זיין הארצנס ליבע איז רבקהלע. סיי זי, סיי איר הערש זענען אָרעמע מענ־טשן און דער פאָטער האלט אז ליבע איז נישט קיין נדן און אז ביידנס על־טערן קאָנען נישט ארויסהעלפן אפילו מיט איין אָנבייסן... אָבער דער שדכן וואָס וווינט ביי זיי ביידע אין הארץ איז שטארק און ברעכט דורך די דלות־וואנט וואָס שטייט צווישן אים און איר... ער איז נאָך יונג, האָט צוויי הענט ווי די האמערס, וועט ער נישט אומקומען פאר הונגער... פון אונטערן האמער פליען פונקען, בליצן פון האָפענונג, וואָס שיינען אויף ווי זונען אין דער אָרעמער קוזניע־פינצטעריש", פארענדיקט דער מחבר דעם צווייטן קאפיטל, פון בוך „מיין היים".

דער דריטער קאפיטל פון בוך איז „צווישן טאָג און נאכט". ס׳איז שלוש־סעודות צייט. אין שטוב א ריח פו געפעפערטע פיש, פון וועלכע ס׳איז נאָך איבערגעבליבן אויף „מלוה מלוכה". אויפן ווייסגעדעקטן טיש האָט די פלאש ווייַן געלאָזט הינטער זיך א שאָטן, „ווי זומער א קאָפּיצע היי אין פעלד, הינ־טער וועלעכער פויערן פארשטעלן זיך פאר דער זון און עסן ווארעמס (מיטאָג־מאָלצייט) די מאמע האָט נאָך געזאָגט „גאָט פון אברהם" מ׳זאָל אָנצינדן א לעכט. די קינדער איז אומהיימלעך, קיל. די קינדער האָבן זיך צונויפגערוקט צו דער מאמע וועלכע דערציילט זיי ווי אזוי צעהיצטע בריאות פון דאָרף האָבן פייערגעגעבן דער מיל און הויז פון די קינדערס זיידע, ווייל מ׳האָט זיי איינגע־רעדט אז עס ליגן דאָרט פעסער מיט גאָלד". דאָס אליין אין א פּארטיקער פילם־סצענאר. דאָס גאנצע בוך „מיין היים" מאָנט זיך ממש מע זאָל עס פארוואנדלען

אין א דראמאטיש ווערק, אוועקשטעלן אויף דער בינע. פאראן גענוג אקציע, קאָנפליקט, כאראקטערן און טיפּן, דראמאטישקייט און פּראקטיקע מאָלערישע בילדער.

וואָלף טאמבורס „מיין היים" שטאמט נישט פון מח נאָר איז א אָפּשפּיג־לונג פון דער מארמאראשערווירקלעכקייט, יידישן לעבנסשטייגער, פארפלאָכטן לויט שרייבערישער פאנטאזיע און צומאָל אויך פּסיכאָלאָגישן אנאליז פון געשטאלטן, סביבה. פאראן א שפע פון פארביקע בילדער פון מארמאראָשער יידישן עבר, פאראן אין בוך א פאָדעם [פון דידאקטיק און פון קריטישן חוש; געטאָקטע זאצן, רייכער דיאלעקטאלער לעקסיק, מאראמאָרעשער יידישע אייננ־ארט. „מיין היים" איז א מצבה דעם פארשווינדענעם מארמאראָשער יידנטום, אין דער צווייטער וועלט־שחיטה. מיר האָבן זיך דערלויבט לענגערע ציטאטן ווייל דאָס בוך איז אויף דער גאָרער וועלט א יקר המציאות. א נאָטיץ אין „יידישע שפּראך" נר. 1-3, 1971, ז. 76 באמערקט אז „וואָלף טאמבורס ביאָגראפיע איז דאָ אינעם, „לעקסיקאָן פון דער נייער יידישער ליטעראטור" גראָד דאָס ביכל (מיין היים) איז דאָרט נישט פארצייכנט. (אויך אין די גרעסערע נ.י. ביבליאָטעקן איז אונדז ניט געראָטן צו געפינען אָט דאָס יקר המציאות" גיט צו די רעדאקציע פון יידישע שפּראך.

און איצט וועלן מיר פּרווון בקיצור באהאנדלען דאָס דריטע בוך פון וואָלף טאמבור „פרילינג זון", פארלאג יידיש וואָרט, אראד, (רומעניע) 1947, זייטן 108.

אין די 15 קאפּיטלען פון ראָמאן „פרילינג אָן זון" שפּיגלט זיך אָפּ דאָס יידישע מאראמורעש א „פארוואלדעוועט בארגיק לאנד ביים ראנד פונעם רומענישן היימלאנד, באוואכט די גרענעץ, ווי א שומר ארומגעגארטלט מיט דער טייס... יידן זענען אין מאראמורעש תמיד געווען אין דער היים, פון דורות תושבים... די טייס, דער מאראמורעשער ירדן, זינגט שוימענדיק א ניגון, א יידישן זמר, און, נאָר דערצו אויף וויזשניצער נוסח.

צו די לאָקאלע קוריאָזן געהערן די ידיעות: אפילו נישט־יידן האָבן גע־האלטן דין־תורות ביים „ראבין", געשאָכטן ביים יידישן שוחט. און וויפל פון זיי האָבן געהאלטן יידישע ימים־טובים! האָבן דאָך זיי די מאראמאָרעשער נישט־יידישע באוווינער גערעדט יידיש צווישן זיך. זיי, די איינציקע אין מאראמאָרעשער דערפער, וואָס האָבן געלאָזט הערן א יידיש וואָרט אין די יאָרן ניינצן הונדערט פיר און פערציק־פינעף און פערציק, ווען קיין יידיש נפש איז אין גאנץ מאראמאָרעש נישט געבליבן".

„זומערדיקע פרימאָרגנס אין מאַראַמאָרעשער אויפגעגרטנער זענען גאָר שיינע און האָבן גאָרנישט, לגמרי גאָרנישט, בשותפותדיקס מיטן מאַראַמורעשער לעבנס-שטייגער"... שרייבט טאַמבור. מאַראַמאָרעשער יוגנט די אויסגעבאָווע-טע אין נויט און אונטערן יאָך פון פרומע טאַטע מאַמע... נאָך איידער מען האָט זיך צעבליט, איז מען שוין פאַרעלטערט געוואָרן. יינגלעך און מיידלעך האָבן אין מאַראַמאָרעש קיינמאָל נישט געלאַכט מיט געזונט, געצייטיקט געלעכטער; אין זייער לאַך האָט מען תמיד געהערט א טרויעריקן עכאָ."

און היות צוליב די אַנגעוויזענע סיבות, איז אַלץ איינס וועגן וועמען און וואָס מע דערציילט, הייבט אָן טאַמבור, אין זיין „פרילינג אָן זון" דערציילן, „וועגן איינעם א מיידל, וואָס האָט געלעבט פשוט, לאָמיר זי אָנרופן סערל. און אונטער דער פאָרעם פון אירן א „זשורנאַל", פון וועלכן ער באַנוצט בלויז עט-לעכע בלעטלעך, אויסגעריסענע, שילדערט איר גורל. „דער גורל פון אַלע אירע שוועסטער און מוטערס".

דער ראָמאַן שפּילט זיך אָפּ צווישן די צוויי וועלט-מלחמות. ביי דער גע-בורט פון סערלען איז אין דער משפחה קליין געווען די פרייד ווייל אין שטוב איז נאָך נישט געווען איבעריק פרנסה. דער פאָטער האָט מיט א קנאַפּ יאָר, צוריק, זיך אומגעקערט פון רוסישער געפאַנגענשאַפט, צופּוס גייענדיק, אָן אַנטלאָפענער פון דאָרט.

זאָל מיר זיין דערלויבט צו ברענגען צוויי קריטישע אָפּשאַצונגען, נאָר אויס-צוגן פון זיי, נעמלעך פון וואָגיקן קריטיקער ש. ביקל און אונזער ערנסטן פּובלי-ציסט יוסף מירקין (יוסף פייערשטיין), ער האָט אויף א גאַנצער זייט פון די „איקוף בלעטער" נר. 18 פון 24 פעברואַר 1947, גרינט-לעך אַנאַליזירט דעם ראָמאַן פרילינג אָן זון פון וואָלף טאַמבור, און לויט-יענעם פּאָליטיש-אידעאָלאָגישן שאַרפן צייטאָפּשניט, געהאַט א סך טענות צום מחבר. „פרילינג" איז די יוגנט פונעם דור וועלכער האָט זיך באַקענט מיטן לעבן נאָך דער ערשטער וועלט מלחמה; „אָן זון" גיט איר ספּעציפישע פאַרב דער טונקלער אַטמאָספער, כאַראַקטעריזירט די קריזיסן און אויפטרייסלונגען פון דעם צייט אָפּשניט 1919-1945, די תקופה אין וועלכער אונדזער יוגנט האָט גע-ליטן בהדרגהדיקע פאַרפאַלגונגען און רדיפות און איז צום סוף טיילווייז פאַר-שלונגען געוואָרן פון די נאַצישע קרעמאַטאָריעס" שרייבט י. מירקין-פייערשטיין. און איז ביי דער מיינונג אַז אָט די פּאָליטישע לאַגע איז ווייניק אָפּגעשפּיגלט אין ראָמאַן. דאַקעגן האַלט שלמה ביקל אַז טאַמבור דאַרף אַרויסוואַרפן... אָן רחמנות יענע שטעלן וואָס געפינען זיך טאַקע אויף דער ליניע פון ריכטיקער אידעאָלאָגיע, אָבער נישט אויף דער ליניע פון ריכטיקער קינסטלערישקייט.

ביידע, סיי ביקל, סיי פייערשטיין אָנערקענען אַז אין די קאַפּיטלען צען און פופ־צן (ביקל) „אַנטפּלעקט זיך פאַר אונדז אַ דערציילער מיט אמתן אייגענעם שעפע־רישן קער און ווענד... מיט אַ ציטער פון עכטקייט אין יעדער שורה (רומעניע ז. 408) און פייערשטיין, האַלט אַז אין בוך זענען פאַראַן סצענעס ווי די פּאָטער־לעכע היים ביים צוריקקומען פון דעפּאָרטאַציע, אַ באַווייז פון טאַמבורס מאָלערישע פעיקייטן. אויך טאַמבורס פּאָטענץ אין איבערגעבן דראַמאַטישקייט ווי למשל אין דער אינטענסיווער סצענע פון סערלס פאַרהער ביי דער אונגערישער זשאַנ־דאַרמעריע אָדער דעם „דועל־ויכוח“ אין וואַגאָן פון דעפּאָרטירטע צווישן ר' משה לייזער וועלכער זאָגט הלל נישט געקוקט אויף אַלע אומגליקן און ר' הערשל דער מקובל וועלכער לייקנט אָפּ די עקסיסטענץ פון דער געטלעכער קראַפט (מאַכט.) פייערשטיין פירט אויס...“ ליידער איז דער ראָמאַן פון וואָלף טאַמ־בור נישט אין איינקלאַנג סיי מיט די פאָדערונגען פון דער געשיכטע און סיי מיט די פאָדערונגען פון דער ליטעראַטור. „בשעת די „מאָרגן פרייהייט“ ניו־יאָרק פון 4־טן יולי 1974, האַלט אַז... „וואָלף טאַמבור גראָבט ברייט און טיף, זעצט פאָר דעם נוסח פון די קלאַסיקער... און דער קלוזשער „עגישעק“ פון 30־טן יאַנואַר 1947 שרייבט אַז.... „ס'איז די ערשטע שטימע וואָס קומט פון דער טיף וועלכע אַדרעסירט זיך (ווענדט זיך) די נאָכקומענדיקע און אויך צו אונדז“...

מיר האַלטן אַז די בלעטלעך אָפּגעריסענע פון סערלס טאָגבוך, זיינען איבער־לעבונגען פון דער הויפּט־העלדין סערל, אין פאַרשיידענע סיטואַציעס, יאָרן, שטורמישע ביז אומקום יאָרן און צוריקקער פון אוישוויץ אין אַ פאַרוויסטער היים, עלנט און נויט, הונגער, מיטן ווילן, שטרעבן צו אַ ניי, שיין, מענ־טשלעך פריי, געזונט לעבן.

די 32 זייטיקע בראָשור משה (אַ מעשה ווי אין חומש) איז אַ פּרוּוו צו אויפ־דעקן און פאַרענטפערן. פילע פּראָבלעמען נאָכווייעניש פון דער מלחמה, פון דעם גרויסן אומקום פעריאָד, פּראָבלעמען באַזונדערס שאַרפע און דרינגענדיקע פאַר דעם קאַטאַסטראָפאַל צעשלאָגענעם מאַראַמאָרעשער יידנטום. פּאַראַלע־ליזמען צווישן משה פון די ביבלישע צייטן און דעם אופן ווי ער האָט געלייזט פּראָבלעמען און דער היינטיקער פירערשאַפט פון יידן מיט די פאַרשיידענע אופנים און לייזונגען צו די פּראָבלעמען. דער מחבר איז ביי דער מיינונג, אַז נאָר די נייע אָרדנונג פאָרעמט אויס נייע מענטשן, גייט אויפן אמתן דרך – דער וועלט איר שלימותדיקן פּרצוף צו געבן, דער יצירה אַ געטלעכע פאַר־פולקומונג אָנצוקליידן־דעם מענטש דעם צלם־אלקים אויסצופאָרמען.“

צום שלום אָט וואָס מיר וויל זאָגן: טאַמבור איז פון די אָנגעזעענסטע פּראָ־זאַיקער היינט אין דער רומענישער יידישער שרייבער משפּחה, פאַר די לעצטע

40 יאָר. זיינע ביכער זיינען ענג פאַרבונדן מיטן מאַראַמאָרעשער יידישן לעבן, מיטן געאָגראַפישן, פיזישן און קולטור-געזעלשאַפטלעכן פייזאַזש. דער פיזישער חורבן פון פשטותדיקן, האַרציקן מאַראַמאָרעשער יידישן קיבוץ, פון די פאָלקס-שיכטן צו וועלכע ער, טאַמבור, געהערט איז אַן אָרגאַנישער טייל, האָט דער חורבן נישט איינגעבראָכן דעם שרייבער גאָר, טראָץ ביטערע ראַנגלענישן, אָנגעפולט זיין שרייבן מיט זין, מיט ליבשאַפט צו אַלע מ ע נ ט ש ן פון זיינע קאַנטן.

*

אונדזער אַרבעט מאָנט אַ דערגאַנצונג, וואָלף טאַמבור איז אַ פּראָדוקטיווער שרייבער. אין פאַרלאַג „קריטעריאָן" פון בוקאַרעשט, זענען דערשינען ביז איצט דריי ביכער: „מאַראַמאָרעשאַנער", „לעבעדיקע מתים" און „הונדערט יאָר יידישע פּרעסע אין רומעניע", אין די יאָרן 1975, 1976, 1977.

די פיר גרויסע דערציילונגען אין בוך „מאַראַמאָרעשאַנער" זענען מיני-ראָמאַנען. טאַמבורס שטייגער-שילדערונגען, זענען אויסערסט אינדיווידועלע אָבער גלייכצייטיק טיפּישע אויסדרוקן פון גאַנצע סאָציאַלע געזעלשאַפטלעכע מאַראַמאָרעשער שיכטן, פון צווישן ביידע וועלט-מלחמות.

די דערציילונגען זענען פול מיט פילאָסאָפישע באַטראַכטונגען, פּסיכאָ-לאָגישע אַנאַליזן און עפּיזאָדן פול שפּאַנונג, וועלכע פאַרכאַפּן און זענען אין דער זעלבער צייט פול מוסר השכל פאַרן לייענער.

וואָלף טאַמבור פאַרמאָגט יידיש וויסן און קענטעניש: איז טאַקע זיין פּראָזע, באַזאַלצן און באַפאַרבט מיט פּסוקים פון תנ״ך און ווערטלעך פון דער גמרא.

דער טיפזיניקער עסייסט שלמה ב י ק ל, האַלט אַז וואָלף טאַמבור איז „אַ דערציילער מיט אַן אייגענעם שעפערישן קער און ווענד, מיט אַ לעבעדיקער שפּראַך פול מיט פרישע און זייער פּלאַסטישע פאַרגלייכענישן און מעטאַפאָרן און, דער עיקרשט, מיט אַ ציטער פון עכטקייט אין יעדער שורה."

פון דער יידישער-שרייבער-משפּחה פון מאַראַמאָרעש איז טאַמבור דער דעפּרעזאַנטיווסטער. כדאי צו דערמאָנען אַז טאַמבור באַשרייבט אַמאָליקן-יידישן שטייגער פון מאַראַמאָרעש, טיפּן, פּראָפעסיעס, ריידדנסאַרטן. אין אַרבעט צוגעשיקט פון מיר צום ניו-יאָרקער „יידישן וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט„ אונטערן טיטל: מאַראַמאָרעשער יידישע ווערטער ביי וואָלף טאַמבורן מיט די נויטיקע אויפקלערונגען וועגן באַטייט און באַנוץ פון יעדן לאָקאַ-ליזם. די דאָזיקע אַרבעט, האָב איך אויסגעפירט מיט דער הילף פון מאַראַ-מאָרעשער יידן אין סיגעט און אין בוקאַרעשט.

דאָס צווייטע בוך פון וואָלף טאַמבור איז „לעבעדיקע מתים“. דער שרייבער חיים גאָלדענשטיין אַנאַליזירנדיק דעם בוך האַלט אַז „ער באַהאַנדלט דאָס פּראָבלעם פון גערעכטיקייט און מענטשלעכקייט אין א צייט פון געראַנגל. שילדערנדיק געשעענישן, פּערסאָנאַזשן לינדערט וואָלף טאַמבור די טראַגישע מאָמענטן, מיט פיינער איראָניע און געזונטן פאָלקישן הומאָר. וואָלף טאַמבור פאַראייביקט דאָס נאָענטע און אַמאָליקע יידישע לעבן פון מאַראַמאָרעש.

פון זיין דעביוט אין 1937 מיט „ביי דער טיר“ האָט ער אין 1940 ארויסגעגעבן „מיין היים“, אין 1947 „פרילינג אָן זון“ אין 1948 „משה“. א צייט געשליפן די לעצטע ביכער און ערשט אין 1975, ארויסגעגעבן „מאַראַמאָרעשאַנער““ אין 1976 „לעבעדיקע מתים“ און 1977 „הונדערט יאָר יידישע פּרעסע אין רומעניע“.

אין נאָכוואָרט צום בוך א.ט. „מדרש מאַראַמאָרעש“, שרייבט דער עסייסט איזאָ שאַפּיראָ, אַז טאַמבור גיט איבער קאָנצענטרירט און קלאָר, די סוזשעטן פון די פיר מיני-ראָמאַנען פון בוך, מיט טיפזיניקע פּירושים“.

דער לעקטאָר און פּובליציסט שלום רובינגער-לאונער, האַלט אַז „מאַראַמאָרעשאַנער“ איז א קאָלירפולער מאָזאַיק, א שפּיגל פון מאָראַלישן, גייסטיקן, סאָציאַלן לעבן פון אַמאָליקן מאַראַמאָרעש, פון אַמאָל פילצאָליקן יידישן יישוב מאַראַמאָרעש“.

מיר האַלטן אַז טאַמבורס „מאַראַמאָרעשאַנער“, איז אַן ענציקלאָפּעדיע פון ספּעציפישן מאַראַמאָרעשער יידישן לעבן.

ש'ס ראָמאַן

פּובליציסט, היסטאָריאָגראַף, איבערזעצער

מער ווי פופציק יאָר זענען אריבער זינט שלום סאָלאָמאָן-ש'ם ראָמאַן, האָט אָנגעהויבן זיין פּובליציסטישע טעטיקייט. ביז דער ערשטער וועלט מילחמה און נאָך דער ערשטער וועלט מילחמה האָט ער געדרוקט אונטער די פּסעוודאָנימען: בן גולה, בן ישראל, שלום עלקעס, שלום סאָלאָמאָן, ש'ם ראָמאַן, ש.רן, שין רייש, קאָרעספּאָנדענצן, אינטערוויוען, אַרטיקלען אין מערערע צייטונגען און פּעריאָדישע אויסגאַבעם פון אייראָפּע אוןביידע אַמעריקעס ווי: „ווילנער, טאָג“, ווילנע, פּוילן „אונדזער פאָלק“, ניו-יאָרק, „מאָרגן פרייהייט“ ניו-יאָרק: „ליטעראַרישע בלעטער“, וואַרשע; אין פאָלגענדע אויסגאַבעם פון רומעניע:

„אויפגאנג“, סיגעט, „טשערנאָוויצער בלעטער“, „אונדזער צייט“. „ארבעטער צייטונג“, „איקוף בלעטער“, „קולטור וועגווייזער“; „נייע פרעסע“, פאריז, „יידישע קולטור“ ניו-יאָרק.

פילזייטיק און ווערטפול זענען ש'ם ראָמאנ'ס בייטראָגן אויף דעם קולטור-היסטאָרישן געביט לאָמיר דאָ אויסרעכענען די וואָגיקסטע ארבעטן זיינע אויף דעם געביט:

„דער רעפערטואַר פון יידישן טעאטער אין בוקארעשט אין 1877, דערשינען אין „ארכיוו פאר דער געשיכטע פון יידישן טעאטער“, באנד איינס, זז“ 280—285 ניו-יאָרק, 1930. די הערות אונטערן טעקסט צו ש'ם ראָמאנס ארטיקל זענען פון דער רעדאקציע.

ביי דער ביבליאָטעק פון דער רומענישער אקאדעמיע זענען געווען גאנצע קאָלעקציעס אפישן, האנט-אנאָנסן, צייטונג קאָלעקציעס, טיילווייז פארניכטעט געוואָרן בעת דער לעצטער וועלט-מילחמה.

ש'ם ראָמאן האָט איבערגעשריבן פון „יודישען טעלעגראף“ (דערשינען אין בוקארעשט פון 1-טן אפריל 1877 ביז 11-טן סעפטעמבער 1878) די דאָרטיקע טעאטער אנאָנסן, פאר דער געשיכטע פונעם יידישן טעאטער אין רומעניע האָט אָט די זאמלונג פון טעאטער-אנאָנסן, א ריכטיקער מאטעריאל וועלכער אנטפלעקט די שנעלע אנטוויקלונג פון דעם יידישן טעאטער בעת דער רוסיש-רומעניש-טערקישער מלחמה, די שטארקע קאָנקורענץ צווישן די אויפגעקומענע דירעקטאָרן, דראמאטורגן“, און אקטיאָרן-טרופעס, א גרויסן ווערט.

חוץ דעם האָבן די טעאטער אנאָנסן א גרויסע ווערט פאר דער ביבליאָגראפיע פון גאָלדפאדענס פיעסן. די הערות פון דער רעדאקציע, צום סוף פון די נאָטיצן, שטעלן פעסט אָדער קאָרעגירן געוויסע דאטעס, נעמען פון גאָלדפאדענס פיעסן. גאָר וויכטיק איז דער טעאטראליש-היסטאָרישער מאָמענט פון די אנאָנסן.

מיר ווילן דערמאנען אז אין זעלבן יאָר 1877 זענען דערשינען אין בוקארעשט נאָך צוויי צייטונגען: „דער פאָליטיקער“ און „דאָס יודישע בלאט“ פונעם לעצטן האָב איך די ערשטע זייט פון איין נומער, פאָטאָקאָפירט און וועל נאָך זוכן אויב סע זענען פאראן נאָך נומערן, באזונדערס אויב זיי האָבן געדרוקט טעאטער-אנאָנסן אָדער רעצענזיעס וועגן יידישן טעאטער.

א צווייטע וואָגיקע ארבעט פון ש'ם ראמאן איז דערשינען אין די „ייווא-בלעטער“, ווילנע מיי-יוני 1940 א.ט. „די ערשטע רעצענזיעס וועגן יידישן טעאטער אין רומעניע“, (באנד 15 נומ' 4). אָט די ארבעט האָב איך שוין לאנג געלייענט און קאָן נישט, פון זיכרון געבן אן אָפשאצונג.

א דריטע וויכטיקע ארבעט פון ש׳ם ראַמאַן איז דערשינען אין דריטן באַנד „פילאָלאָגישע" שריפטן זז, 535-525 ווילנע, 1929. א.ט. „די יידישע פּרעסע אין רומעניע פון 1864 ביז 1928".

צו זלמן רייזנס „לעקסיקאָן, פון דער יידישער ליטעראַטור, פּרעסע און, פילאָלאָגיע" האָט ש׳ם ראַמאַן צונויפגעזאַמלט און באַארבעט א היפּשע צאָל ביאָ-ביבליאָגראַפישע מאַטעריאַלן.

בשותפות מיט י. בערקאָוויטש האָט ער געשריבן דעם „יובל-בוך", „אכ-ציק יאָר יידיש טעאַטער אין רומעניע". אין דער ניו יאָרקער „יידישע-קולטור" נר. 7 און 8 פון יאָר 1966, האָט ש׳ם ראַמאַן געדרוקט „וויצן פון דער צווייטער וועלט-מלחמה", געזאַמלטע פון אים, מיט א ברייטער צירקולאַציע אין די שווערע מלחמה יאָרן, אונטער די פאַשיסטישע מושלים. זיי געהערן צום מלחמה-פּאָלק-לאָר לעבן די לידלעך, אַנעקדאָטן, שפּריך און גלייכווערטלעך, שפּילווערטער, רעטענישן מיט רמזים און אָנצוהערענישן וכדומה.

אָט דער ציטירטער מאַטעריאַל קאָן פאַררעכנט ווערן אלס א ווערטפולער בייטראָג, צו קולטור-היסטאָרישע פּאָרטרעטן און פּראָבלעמען פון רומעניע. ווי ש׳ם ראַמאַן טיילט מיט, זאָל ער האָבן געדרוקט לידער וואָס זענען געשאַפן געוואָרן בעת דער ערשטער וועלט-מלחמה אין משה שאַליט׳ס העפטן „לעבן".

דער איבערזעצער

אין בוך פאָרם איז דערשינען ש׳ם ראַמאַנס איבערזעצונג (צוזאַמען מיט טשידעל ראַמאַן) שלום אש׳ס „גאָט פון נקמה" און א בראָשור „ספּאָרט ביי יידן", און אין 1971, אין בוקאַרעשטער פאַרלאַג „קריטעריאָן" א מאַסיווער באַנד, 212 זייטן, „דערציילונגען איבערגעזעצטע פון רומעניש.

אין „פריי ישראל" פון 15 דעצעמבער 1971, איז דערשינען אן אָפּשאַצונג פון וועלכער מיר ציטירן „...ש׳ם ראַמאַן האָט מיט געשמאַק צוגעקליבן א ריי קינסטלערישע דערציילונגען פון די אָנגעזעענסטע רומענישע שריפטשטעלער, ברייט באַקאַנטע נעמען ניט בלויז אין רומעניע, די העלדן פון אָט די דערציי-לונגען זענען יידישע טיפּן פון דער אַמאָליקער רומעניע, זייער דראַמאַטיש לעבן איז אָפּגעשפּיגלט אין די סאַמע קינסטלערישע ווערק פון די דערמאַנטע שריפט-שטעלער, הומאַניסטישע שאַפונגען פון דער רומענישער ליטעראַטור. דער אויסוואַל א געראָטענער. ש׳ם ראַמאַן אין א גוטער קענער פון ביידע שפּראַכן און געפינט אַלע מאָל די יידישע עקוויוואַלענטן, אויסדרוקן, זאַפטיקע יידישע

ווערטער. ער האָט אויך רומעניש געדרוקט „דריי פּיעסן“ פון יצחק האָראָוויץ, אין זיין איבערזעצונג.

רעדאַקטאָר פון ליטעראַרישע אויסגאַבעס

אין 1921 איז אונטער דער רעדאַקציע פון ש. סאַלאָמאָן־ש'ס ראָמאַן דער־שינען אין בוקאַרעשט, י״ד אָדר תרפ״א א הומאָריסטיש בלאַט לכבוד פּורים, אין 1939, א זאַמל העפט פאַר ליד און פּראָזע „צוויי“, 16 זייטלעך. אין א שיינעם, ריינעם יידיש. מיטרעדאַקטאָר פון יידישע שול־ביכער וואָס זענען דער־שינען צווישן 1946-1958, און פון „קולטור וועגווייזער“, בוקאַרעשט. קורצע דערציילונגען איבערגעזעצטע פון די ווערק פון רומענישע שרייבער, האָט ש'ס ראָמאַן אין קינדער זשורנאַלן פון אייראָפּע און אין קינדער זשורנאַל פון די פאַראייניקטע שטאַטן פון אַמעריקע. אין פאַרשידענע אויסגאַבעס פון, רומעניע, איבערזעצונגען פון שלום אש , ש. אַנ־סקי און אַנדערע. ער האָט אויך מיטגעאַרבעט אין הומאָריסטישן זשורנאַל „דער קאַנטשיק“, וואָס ס'האָט אַרויס־געגעבן דער באַקאַנטער, פילזייטיקער שריפטשטעלער יצחק פאַנער. אין כתב־יד האָט ער אייניקע פאָלקלאָרישע אַרבעטן, אינפאָרמירט מיך ש'ס ראָמאַן.

מיר קענען זיך שווין א היפש ביסל יאָרן, הן אַלס שרייבער, הן אַלס טעא־טער מענטשן. אגב דאַרף מען דערמאָנען אַז ער האָט איבערגעזעצט עטלעכע פּיעסן פאַרן בוקאַרעשטער יידישן מלוכה טעאַטער ווו ער איז געווען ליטעראַ־רישער רעפערענט. ווייל איך באַמערקן ש'ס ראָמאַנס א כאַראַקטער שטריך: זיין גלייכגילטיקייט. לויבט מען אים אָדער מען קריטיקירט אים־שמייכלט ער איראָניש.

געבוירן איז ש'ס ראָמאַן אין פאַשקאַני“, מאָלדעווע, דעם 6־טן אָקטאָ־בער 1894.

דער שרייבער און פּעדאַגאָג

דוד רובין

א מיטלוווקסיקער מיט א מאָגער פּנים און קערפּער, מיט גרויסע אויגן. א שווייגנדיקער און א סענטימענטאַל.

אַלס פּעדאַגאָג איז ער געווען פערציק יאָר אין דינסט פון דער מיטלשול. ער האָט ערלעך און געטריי געטון זיין אַרבעט, נישט געזוכט מאַכן קאַריערע, נאָר זי באַטראַכט ווי א הייליקע אַרבעט!

צום פּראָפיל פון א לערער פון פּראָנצוויזש און דייטש, א יידיש שרייבער זענען נויטיק אויך ביאָגראַפישע פּרטים און אן איבערבליק איבער זיין שריפטשטעלערישער טעטיקייט.

געבוירן איז דוד רובין אין גורא פּוטנעי (א מאָל קארלסבערג), אין א פּראַכ־טיקער געגנט. הויכע בערג ווי פארגליווערטע כוואליעס, בוקאָווינער בערג, באדעקטע מיט וועלדער, מיט שנעללויפנדיקע שטראָמען וואס טראָגן אויף זייערע רוקנס פליטן מיט קלעצער. אין אָט דער שיינער געגנט פון שאָצער בא־צירק, האָט דוד רובין דערזען די ליכטיקע שיין, דעם זיבעטן סעפּטעמבער 1893.

היות אין דאָרף גורא פּוטנעי זענען נישט געווען קיין חדרים און מלמדים, האָבן די עלטערן אוועקגעפירט דעם קליינעם דוד צום זיידן, דעם שוחט ר׳ מאיר רובין אין גורא הומאָר. דאָרטן האָט ער געלערנט חומש און רשי און פארענ־דיקט די פאָלקס און מיטלשול.

עם ברעכט אוים די ערשטע וועלט מילחמה און דוד רובין, ווי א זעלנער, פאלט אריין אין רוסישער געפאנגענשאפט, און שפּאָרט אָן אזיט קיין סיביר. פון דאָרט קומט ער צוריק אהיים סוף יאָר 1919, און הייבט אָן זיין אקאדעמי־שע בילדונג אין דעם טשערנאָוויצער אוניווערסיטעט.

אין 1922 פארענדיקט ער די שטודיעס און באקומט דעם טיטל ליצענציאט אין פילאָסאָפיע, מיט א דיזערטאציע א.ט. „וועגן בעל־מלאָכישן ליד" אין דער דייטשער פאָלקלאָר זאמלונג "דער פארבישופטער שופר".

אין 1945 האָט ער ארויסגעגעבן א בוך פון 221 זייטן, פלוס צען מעלאָדיעס „דאָס יידישע פאָלקסליד", אויף רומעניש, כדי צו באקענען דעם רומענישן לייע־נער־עולם, מיטן יידישן פאָלקסליד און נגינה.

אלס לערער האָט ער ארויסגעגעבן צוויי פראנצויזישע לערנביכער פאר די מיטלשולן.

ווי א שרייבער האָט ער געדרוקט אין „פארלאג פאר ליטעראטור", בוקא־רעשט 1963, א פּראָזע באנד. א.ט. „פון אמאָל און היינט".

אין קאפּיטל „זיכרונות פון רוסלאנד" פון דערמאנטן בוך, טרעפן מיר א רייע טיפּן, באקענען מיר זיך מיט געשעענישן און בילדער, וועלכע העלפן אונדז פארשטיין אי די צייט, אי לאָזן אונדז ארייננקוקן אין דער אינע־ווייניקסטער וועלט פון שרייבער.

דוד רובינ׳ס היסטאָריזירנדיקע זיכרונות, זענען באהויכט מיט פּאָעזיע. מיר טרעפן זיך אין דאָזיקן בוך מיט לעבעדיקע געשטאלטן פון יידישע, טשעכישע

אונגארישע, און דייטשישע געפאנגענע, און יעדער איינער איז געגעבן מיט זיין אינדיווידועלן קען-צייכן.

אין באנד דערציילונגען, דערשינען אין בוקארעשט, אין יאָר 1961 א.ט. „לעבן דער ברעטער-זעג" שילדערט רובין מעמואריש, די בוקאָווינער דאָרפישע סביבה מיט אירע ראנגלענישן און שטרעבונגען צו א מענטשלעך לעבן.

פון באנד „דערציילונגען", דערשינען אין „פארלאג פאר ליטעראטור", 1968, ווען מיר דערמאנען די נאָוועלע „דוד און בת-שבע", מיט וועלכער דער באנד הייבט זיך אָן. דאָס איז א ראָמאנטיש רעאליסטישע נאָוועלע, וועגן דוד המלך, דער גיבור וועלכער פלעג שלאָגן זיינע שונאים אין די צענער טויזנטער, דער מלך-פּאָעט וועלכער האָט פארפאסט די פסאלמען (תהלים), האָט געזינדיקט מיט בת-שבע, מיט דער פרוי פון אוריה, א קאָמאנדיר פון דוד 'ס ארמיי.

דאָס איז דער היסטאָרישער מאטעריאל פון דער נאָוועלע, פארטיפנדיק זיך אין דעם כאראקטער פון זיינע העלדן דוד און בת-שבע, אין זייער שוואכקייט בייצושטיין דער תאווה, האלט ער אז אין זייער נשמה, מישן זיך צונויף דער ליכטיקער פארשטאנד און די פינצטערע תאווה. „...ער (דוד) האָט זיך געקענט און מורא געהאט, פאר א געוויסער אומבאהערשטקייט אין זיינע גליסטונגען, וואָס זענען צו מאָל גובר געווען די וואָרענונגען פון זיין שכל און אוועקגעריסן אלע דאמבעם פון זיינע כוחות". (ז' 8).

ווי א סימבאל פון דער פאָלקס-נשמה וואָס קאָן קיין אומרעכט נישט צו-זען, איז אין דער נאָוועלע אוועקגעשטעלט נתן הנביא וועלכער האלט אז יושר און אמת, דארפן זיין די הויכע אידעאלן פון אונדזער פאָלק, אין אלע צייטן. דאָ און דאָרט, א פּסיכאָלאָגישער קווער-שניט פון די געשטאלטן.

אין „איתמרס נייער שידוך", פון זעלבן באנד, גיט אונדז דוד רובין, שטריכן פון דער בוקאָווינער יידישער פאָלקס-סביבה.

דוד רובינס פראָזע איז פארפלאָכטן מיט הומאנער דידאקטישקייט. דאָס איז גילטיק פאר זיינע היסטאָריזירנדיקע זיכרונות, ווי אויך פאר די שילדערונגען פון געזעענעם און געהערטן, אין פאָרעם פון האלב-רעפּאָרטאזש, האלב בעלעטריסטיק.

צו רובינס שריפטשטעלערישער טעטיקייט געהערן אויך די איבערגעזעצטע פּיעסן פארן בוקארעשטער יידישן מלוכה-טעאטער: „דער איינגערעדטער קראנקער" פון מאָליער: „פּערזענלעכע מאָטיוון" פון שטעפאן האָריא, דאָס טאָג בוך פון אנא פראנק (אינאיינעם מיט שלום רובינגער-לאָונער און אלעקסאנדער שפּיגל-בלאט); „מערקאדע" פון האָנאָרע דע באלזאק.

פעליעטאָנען און רעפּאָרטאַזשן, האָט רובין געדרוקט אין דער היגער און אויסלענדישער פּרעסע.

דוד רובין איז געשטאָרבן אין בוקארעשט דעם 13-טן אויגוסט 1975.

אין דינסט פון יידישן וואָרט און קולטור

מאיר ריספּלער

אין משך פון דרייסיק יאָר, האָט ער געארבעט אלס רעדאַקטאָר אין די „איקוף בלעטער“, בולעטין פון די אַטענעען, „קולטור וועגווייזער“, אָבער באַזונדערע פאַרדינסטן האָט ער, אלס רעדאַקטאָר פון יידישע ביכער, אין מלוכהשן פאַר-לאַג. פון די פופציקער ביז די זיבעציקער יאָרן, האָט ער רעדאַקטירט, קרוב 60 טיטלען. צום „אויפשטייג“ צוגעקליבן דעם מאַטעריאַל און אָנגעשריבן די פאָרעדע, צו די קלאַסיקער געגעבן דערקלערונגען פון יידישע טראַדיציאָנעלע אויס-דרוקן, העברעישע ווערטער וכדומה. פון די אַנדערע שרייבער האָט ער געדרוקט: רעלי בליי, סימעלע שניידער, אַלעקסאַנדער שפּיגלבלאַט, אביון, ריווקין, לעאָן בערטיש.

דרייסיק יאָר און מיר דאַכט זיך אַז נישט דרייסיק נאָר פיל מער יאָרן, זע-נען פון דעמאָלט פאַרלאָפן. קאָן מען דען אָט די יאָרן מעסטן מיט דער מאָס פון קאַלענדער יאָרן?

רומעניע האָט אין די שטורמישע יאָרן, איבערגעלעבט מער ווי גאַנצע דו-רות. אין אָט דער תקופה, פון א מעכטיקן געראַנגל מיט אַלערליי שוועריקייטן איז געלונגען גובר זיין די שטערונגען, און עקאָנאָמיש, סאָציאַל, קולטורעל-גייסטיק, האָט דאָס לאַנד אויפגעלעבט. דאָס נייע רומעניע, האָט געפּלענט אין יעדן מענטש פון פאָלק, דעם באַוווסטזיין, אַז ער איז ווערדיק, שאַפער און געניסער פון לאַנדס רייכטום. געגעבן די מיטלעבנדיקע נאַציאָנאַליטעטן פון לאַנד, זיך אויסלעבן אין דער אייגענער שפּראַך, קולטור. יידיש מלוכה טעאַטער, קולטור אינסטיטוציעס זיינען אויפגעקומען און די פאַרלאַג טעטיקייט, האָט שיער נישט אויפגעהערט, ווען נישט די עקשנות און מי, פון מאיר ריספּלער. מיר שריי-בן דאָס מיטן באַוווסטזיין אַז ס'איז געווען א געשיכטלעכער מאָמענט אין פאַרלאַג-וועזן פון יידישן בוך אין נייעם רומעניע, און ריספּלערן איז געלונגען, צו באַקומען די נויטיקע פאַרשטענדעניש און דעם באַשלוס פון די געהעריקע אינסטאַנצן אין דער מלוכה, אַז מע זאָל פאָרזעצן די פאַרלעגערישע טעטיקייט, אַרויסצוגעבן ווייטער יידישע ביכער. ער, ריספּלער, האָט דורכגעבראָכן א וואַנט!

אלס שרייבער האָט ער ארויסגעגעבן עטלעכע ביכער פּראָזע: זיין בכור־בוך איז „דער זינג". לכבוד דעם זיבעציקסטן געבוירנטאָג פון מחבר, איז ארויס א נייע אויפלאגע פון דאָזיקן בוך. אויף דעם פּרימאָרגן אין בוקארעשטער יידישן מלוכה טעאטער, געווידמעט ריספּלערס בוך, האָט רעפערירט דער באקאנטער עסייסט איזאָ שאַפּירא. ער האָט געהאלטן אן אינטערעסאנטן רעפע־ראט פון וועלכן מיר ציטירן בלויז אייניקע שטעלן: דאָס בוך מערקט אָפּ דעם יובל פון בן שבעים, פון מחבר. דאָס בוך נעמט ארום געשעענישן צווישן די יאָרן פון דער ערשטער וועלט־מלחמה ביז צו דער צווייטער. דער רעפערענט האלט אז מאיר ריספּלער איז דער איינציקער שרייבער, וואָס האָט ארומגענומען אזא גרויסן צייט אָפּשניט פון יידישן לעבן אין רומעניע. אז דער מחבר אנטוויקלט ברייט די פּאנאָראמע פון געשעענישן, באריכערט די פּערסאָנאזשן און פּארטיפּט די אטמאָספער פון דעם פּייסאזש פון דער צייט צווישן ביידע וועלט־מלחמות.

איזאָ שאַפּירא האָט ציטירט פּאסיקע שטעלן פון בוך, און כאראקטעריזירט אייניקע פּערסאָנאזשן ווי משה'לע, שמעון, וועלכע אנטוויקלען זיך מיט דער צייט, און אייגענען זיך אָן די גרויסע לעבנס־אמתן, ווערן קעמפער פאר יושר און פרייהייט, פארן וויל פון פאָלק.

וועגן מאיר ריספּלערס פּראָזע בוך „מיט אָפענע אויגן"

אויף דעם דערנער און בלוט־וועג דורך וועלכן עס שפּאנט און שפּינט זיין געשיכטע דאָס יידישע פאָלק, איז די פּאָעטישע מעשה וואָס שיל־דערט די קנעכטשאפט און אויסלייזונג פון די מיצרישע צוררים, די ברייט באקא־נטע „הגדה של פּסח", אן עפּיזאָד אין ערשטן פּרימאָרגן פון יידישן פאָלק. דער מוסר־השכל אָבער פון דעם „עבדים היינו לפרעה במיצרים" „איז מצווה עלינו לספר ביציאת מיצרים" דאָס מיינט: ס'א חוב צו דערציילן.

דאָס איז אויסן מאיר ריספּלער, מיט זיין בוך „מיט אָפענע אויגן", צו דער־ציילן וועגן יידישן חורבן און אומקום אין פּוילן, „דאָס לאנד וווּ עס זענען פּאָר־געקומען די שרעקלעכסטע, אומגלויבלעכע פארברעכנס, דער גרעסטער חורבן זייט די וועלט שטייט", ווי עס שרייבט דער מחבר.

ער האָט באזוכט פּוילן, זיך געטראָפן מיט די איינצעלנע, לעבן געבליבענע געטאָ קעמפער, מיט מענטשן וועלכע האָבן זיך געראטעוועט על פּי נס, פון די נייצייטיקן דאנטעסקן גהינום.

דער קריטיקער ש'ס-ראָמאַן כאַראַקטעריזירט דאָס בוך „מיט אָפענע אויגן", ווי „אַ בוך מיט פאַרצייכענונגען וועגן דער היטלעריסטישער אויסראָטונג פון די יידן אין פוילן".

קריטיקער ש'ס-ראמאן אנאליזירט אייניקע קאַפיטלען פון בוך, און ווייזט אָן אַז: „נאָך דעם קאַפיטל „אוישוויץ" ווו דער אויטאָר, ברענגט דאַטעס און ציפערן גענומענע פון פאַרשידענע מקורים, קומען ליטעראַטוריזירטע קאַפּיטלען. „ש'ס-ראָמאַן גיט בקיצור דעם סוזשעט פון יעדן מעשה'לע און ציטירט פראַגמענטן:

„ווינטער" (זז' 55-73) איז אַ חנוכה-מעשהלע, וואָס הייבט זיך אָן גאָר פריילעך. דער זיידע, דער פעטער און די מומעס, טיילן איין די קינדער חנוכה-געלד און דאָס דריידל איז אין פולן גאַנג:

— זע נאָר! ווי ס' גייט, נאָר ווי אַ „נישט-גוטער", אַ שד, אַ „גאַנצער" אַ „האַלבער", וואָס זאָגסטו?

— גאָלע גאָרנישט!

— ניין. דאָס איז אַ „גימל", איז הייסט עס צונויפשאַרן אינגאַנצן.

דאָס צווייטע דריידל דרייט זיך און דרייט זיך. דער עולם האָט שוין קיין געלד נישט. איינער רופט אויס:

— זע ווי ער שטייט שמונה-עשרה, שטיל. גאָלדענע הענט שלמה (געמיינט דעם דריידל-מייסטער),

דאָס דריידל קריצט נישט, גייט שטיל...

— אַ „ה" דאָס הייסט די העלפט פונעם קאָן.

— ניין, רופט זיך אָן דער שכן דער יונגערער איידעם שלום, דאָס הייסט צוזאַמען מיט דער פריערדיקער „שין" — „שייטערהויפן. „יאָ, די שייטערהויפנס ווו מע ברענט די בעסטע ביכער פון דער וועלט.

— לאָז שוין אָפּ. היינט איז חנוכה. איך וויל אין אַלץ פאַרגעסן! האָט זיך דוד ווי געבייזערט..."

עטנאָגראַפן וועלן זיך פרייען מיט אַזאַ גענויער באַשרייבונג פון חנוכה-שפּיל מיטן דריידל, אין אונדזערע קאַנטן.

ש'ס-ראָמאַן האַלט אַז „דאָס לעצטע און געלונגענסטע אין דעם בוך איז דאָס קאַפּיטל „תכלית", אויף די זז' 141-188. וואָס איז לויט אַלע וואָרשיינלעכקייטן, אַ פּרווו פון אַ גרעסערער אויטאָ-ביאָגראַפישער אַרבעט". דער רעצענזענט פאַרענדיקט אַזוי: „דאָס בוך קאָן פאַררעכנט ווערן אַלס אַ באַשיידענער ביישטייער, מצד אַ יידישן שרייבער פון רומעניע, צו דער גרויסער מאַרטיראָלאָגיע ליטעראַטור."

א דריטער פּראָזא־בוך פון מאיר ריספּלער איז „שטראַלן און שטורעם“,

מאיר ריספּלערס לעבעדיקן אינטערעס פאַר יידישער קולטור, זיין ליבשאַפט צום יידישן בוך, קומט צום אויסדרוק אין די פון אים צוזאַמענגעשטעלטע און אַרויסגעגעבענע זאַמלביכער „אויפשטייג“. די דערשיינונג פון אָט דעם זאַמלבוך, לכבוד הונדערט יאָר יידישע ליטעראַטור אין רומעניע, איז א באַטייטיקע געשעעניש אין היגן יידישן קולטור־לעבן.

א וויכטיקער אויפטו איז אויך געווען דער אין יאָר 1947 דערשינענער, „בוקאַרעשטער זאַמלביכער“. דאָס איז געווען אַן ערשטער אָנזאָג פון א באַנייעטער טעטיקייט אין רומעניע, נאָך אַ הפסקה פון זעקס שווידערלעכע יאָרן, און האָבן געציילט קוים 170 זייטן. די ערשטע אויפלאַגע פון „אויפשטייג“ האָט געציילט 480 זייטן.

די „בוקאַרעשטער זאַמלביכער“ האָבן אָפּגעשפּיגלט די תקופה צווישן ביידע וועלט־מלחמות דער „אויפשטייג“ שפּיגלט אָפּ הונדערט יאָר יידיש־שאַפונג אין רומעניע — פון אברהם גאָלדפאַדען ביז צו דער היינטיקער פּאָעזיע און פּראָזע און נעמט אַריין אַן ערך 30 שרייבער.

די כוונה פון מאיר ריספּלער איז געווען צו באַקענען דעם עולם מיט די שאַפונגען פון באַנד. די צווייטע פאַרגרעסערטע און פאַרבעסערטע אויסגאַבע פון „אויפשטייג“, א פּראַכט אויסגאַבע פון 516 זייטן, שיין געדרוקט און געבונדן. עס פעלן מיר עטלעכע נעמען אין אָט דער פּראַכט אויסגאַבע ווי: יוסף בורג, לייב דרוקער, צבי צעלמאַן און אַנדערע, למשל י. פרידמאַן, נפתלי הערץ קאָן.

ריספּלער האָט איבערגעזעצט און דער באַנד איז דערשינען, מיכאיל סאַדאָוועאַנו׳ס ראָמאַן „מיטרעא קאָקאָר“. א צווייטער אינטערעסאַנטער ראָמאַן פון זאַכאַריא סטאַנקו, איבערגעזעצט פון ריספּלערן, איז „באָרוועס“, דערווייל אין כתב־יד. ער האָט אויך איבערגעזעצט איינעם מיט ש׳ס־ראָמאַן, די פּיעסע „צוויי עקשנים“ פון נאַזים היקמעט און ווערא טולעאַקאָווא, וואָס איז אויפגעפירט געוואָרן אין בוקאַרעשטער יידישן מלוכה־טעאַטער.

שוין צייט צו געבן איייניקע ביאָגראַפישע פּרטים.

מאיר ריספּלער איז געבוירן אין זאַגאַרזש, מזרח גאַליציע, פּוילן, דעם 4־טן יולי 1904. דער פאָטער א למדן, האָט דעם זון מאיר געגעבן א טראַדיציאָנעלע יידישע דערציונג. ווען ער איז נאָך געווען א קינד, האָבן די עלטערן זיך באַזעצט אין רומעניע אין פּאַשקאַני, מאָלדעווע. דאָס איז א שטעטל צווישן בערג, אין טאָל נישט ווייט פון וועלדער און אין דער מיט פון שפּעדיקע פעלדער. פּאַשקאַני איז געווען אין יענע יאָרן, א וויכטיקער אייזנבאַן קנופּ־

מיט א סך ארבעטער, בעל מלאכות, געװודפטע סוחרימלעך, פאַרװאָגלטער עולם פון דער װאָכן, יידן און גישט-יידן. אין זײַנע דערמאנטע ביכער, פלעכט מאיר ריספלער אריין מאָנאָגראפישע און אויטאָביאָגראפישע מאטעריאלן.

יחיאל שרייבמאַן

אין די דרייסיקער יאָרן אין בוקאַרעשט

צום ערשטן מאָל האָב איך יחיאל שרייבמאַן געזען אין גאָרטן „קאַמפּאַ-דוטש". א גערטנדל אויף א זייטיק געסל פון דודעשטי, דאָס געדיכטע יידישע פערטל פון בוקארעשט, וווּ מ'האָט געשפילט יידיש טעאַטער צווישן ביידע וועלט-מלחמות. אין יענע צייטן פלעגן שפילן אין דער רומעניש׳ער הויפּטשטאָט דריי ביז פינף טרופּעס: אין זאַל „טאָמיס", אויף דער הייליקער וויגערעא גאַס; אין זאַל „ראָקסי", אויף דער וויכטיקסטער קאָמערציעלער גאַס פון אמאָליקן בוקאַ-רעשט און אין צוויי גערטנדלעך אויף דודעשטי, אין דער „זשיגניצאַ".

אין אן אָוונט בין איך, אלס דער באַגלייטער פון אונדזער איציק מאַנגער, געגאַנגען זען א קליינע, אָבער באַליבטע טרופּע אין דערמאנטן פערטל — די פרידמאַנס. ביים אריינגאַנג, א גרופּע, וועלכע האט מיט ליבע באגריסט אונד-זער גרויסן דיכטער. צווישן זיי א שיינער, פעסט-געבויטער יונגערמאַן, יחיאל שרייבמאַן, וועלכער איז געווען דער סופליאָר פון דער טרופּע.

נישט איין יידישער שרייבער האָט פאַרנומען אָט דעם פּאָסטן אין די יידישע טרופּעס. מיר דערמאָנען דעם דיכטער-דראַמאַטורג-שוישפּילער און סופליאָר ל. דרוקער, קאַפּיטאַנאָוו און אַנדערע. די אַקטיאָרן פלעגן זיי רופן „די געשוי-רענע קעפּ", געמיינט קולטור-מענטשן, אין דער אמתן פלעגן זיי, אלס סופליאָרן אויסבעסערן, דערגאַנצן מיט ליטעראַרישע קופּלעטן, „אויסקעמען" די ביליקע פּיעסן. דערפאַר האָבן זיי געהאַט א געוויסע חשיבות, אָנזען ביי די אַקטיאָרן, מיט א תנאי, זיי זאָלן זיך נישט אריינמישן אין די מחלוקתן, וואָס פלעגן אָפט אויסברעכן צווישן אַקטיאָרן...

מאַנגער האָט זיך פריינדלעך באַגריסט מיט יחיאל שרייבמאַן, וועלכער האָט אונדז אריינגעפירט אין גאָרטן, אוועקגעזעצט אויבן אָן. שרייבמאַן האָט אָנגעזאָגט די שוישפּילער וועגן דער אָנוועזנהייט פון חשובן גאַסט און אויך אין גאָרטן האָט מאַנגער געמאַכט א רושם אויף די צושויער.

אין דער פּויזע איז מאַנגער געווען ארומגערינגלט פון א גרויסער צאָל פּאַרעכער, צווישן וועלכע די יונגע סרול בראַונשטיין, מ. קאַפּיטאַנאָוו, לייב

דרוקער, און פארשטייט זיך, יחיאל שרייבמאן. מיין ווייניקייט האָט קיין מאָל זיך נישט געשטופּט און מאַנגער פלעגט מיך רופן „דאָס קליינע שווארצעלע". (דער דריטער און דער קלענסטער פון די צוויי אָנערקענטע שרייבער שמחה און איציק).

ווען יחיאל שרייבמאן אלס דערציילער האָב איך געוווּסט, פון די „שויבן" דאַכט זיך אין 1936 און פון „מיינע העפטן", וועלכע ער האָט אליין רעדאגירט און אויב איך האָב קיין טעות נישט כמעט אליין געשריבן.

צווישן די אקטיאָרן געשאצט, ווייל ער איז געווען א באשיידענער, צוריק-געצויגענער, זיך נישט געמישט אין די קוליסן-אינטריגעס; צווישן די „יונגע" שרייבער באליבט, ווייל ביי אים איז געווען א היים ווו מ'האָט זיך געפילט היימיש און געשמועסט פריי וועגן פארשיידענע ענינים, ליטעראַרישע, פּאָליטישע. די גאַסטפריינדלעכקייט איז געווען אָפט א ממשותדיקע, מ'האָט איבערגעביסן, א מאָל געמיטיקט און א חבר פון דער פּראָווינץ האָט אפילו גענעכטיקט.

צו דעם „ליטעראַרישן סאַלאָן", צו דער שעפערישער אַטמאָספער, וואָס איז געווען א רעזולטאַט פון די דאָרטיקע שמועסן, האָט ביינעטראָגן אויך אָלגא, די ווערטפולע, גוטמוטיקע אָלגא, וועלכע פלעגט נאָך 8-10 שעה ארבעט אלס אקושערקי אין דער היים, ביייזיין און צו מאָל זיך באטייליקן אין די ליטעראַרישע שמועסן.

לעצטנס האָב איך באקומען זיין בוך „יאָרן און רגעס", שיין ארויסגעגעבן, מיט קינסטלערישע וויניעטן פון ג. ד. קראַסנאָוו. ברייט באהאנדלען דאָס בוך וועל איך נישט. איך וויל בלויז זאָגן א פּאָר ווערטער וועגן די נאָוועלעס וואָס באהאנדלען געשעענישן און טיפּן פון אַמאָליקן באַרישן רומעניע.

אין קאַפּיטל „ראשקעווער מעשיות" געלינגט שרייבמאַנען צו פיקסירן צוויי טיפּן פון פריילעכמאַכער, די אַמאָליקע קליינשטעטלדיקע „לצים", וואָס פלעגן באמת משמח זיין דעם עולם ביי שימחות, חתונות אָדער פּורים-צייט. איינער איז שלום באַנאַכעס, וועלכער, ווי דער מחבר כאַראַקטעריזירט אים, איז נישט קיין ליגנער, וואָס איז מגזם ווי שלום עליכמס בערל אייזיק, נאָר איינער, וועלכער דערלאַנגט א ליגן, וואָס איז מערער ווי אמת... „א ליגן מיט פּאָעזיע". היינט דער אויסזען זיינער ארויפצופירן אויף דער בינע. פון באַרוף א לאַטע-לייגער, א קבצן אויף דריקעס. מיט א לאַנגער פּאָנפּעדיקער נאָז, מיט צעפּליקטע, פארבלאָטיקטע שטיוול. זיינע ליגנס זענען געוואָרן מיט דער צייט מעשיות. אָט ווי שרייבמאַן מאָלט זייער פּאָרטרעט:

„זיי זענען ביידע אויס אלץ איינס. איין הייך. צוויי אלץ — איינע שוואַר-צע היטלען. פאַרוקטע אויפן שפּיץ קאָפּ. שוואַרצע לאַנגע ראָקן מיט צעפּלוי-גענע פּאָלעס. שמאָלע באָרד-רעמלעך ארום און ארום ביי די באַקן, פארשטויבטע

„אויסגעטראָטענע“ שטיוול, אויגן — פריילעכע, בלישטשענדיקע, קלוגע און גוטע“. (ז. 10).

אָט די „פאַרשלעפּטע קרענק“ האָבן פאַרשאַפט פריילעכקייט, גייסטיק פאַרגעניגן דעם עולם.

א שלל הערשעלע אָסטראָפּאָליערס אנעקדאָטן, מיט ברייטער צירקולאַציע אין דער מאָלדאָווע, ווו איך בין אויפגעוואקסן, הומאָרפולע. ווערן אזוי אויפגעהיט און ווידער פאַרשפּרייט. א שלל שטייגער-בילדער, דיאַלעקטאַלע אויסדרוקן אין בוך, זענען וויכטיקע מאַטעריאַלן פאַר עטנאָגראַפן און שפּראַך-פאָרשער. אגב זענען די אויטאָביאָגראַפישע נאָוועלעם געשריבן אין סטיל פון דער גערעדטער שפּראַך. די סביבה פון אייניקע נאָוועלעם איז אונדז נאָענט, היימיש, געווען אויך געאָגראַפיש נאָענט. פון די טעאַטער-יאָרן די קליינע נאָוועלע „ווער איז עס?“ און „פאַרשפּילטע יאָרן“. גוט פאַרצייכנט. עס וואָלט געווען כדאי שרייבמאַן זאָל אָפּוויקלען דאָס קלעצל זכרונות פון טעאַטער.

יחיאל שרייבמאַנס מיניאַטורן און אַפאָריזמען זאָגן עדות וועגן שרייבמאַנס לעבנס-קוק און לעבנס-חכמה, דערפאַרונגען זיינע.

יחיאל שרייבמאַנס שפּראַך — א קאָלירפולע, א זאַפטיקע.

היות איך אַרבעט איצט אויף דיאַלעקטאַלע אויסדרוקן אין די ווערק פון יידישע שרייבער אין רומעניע, צווישןביידע וועלט-מלחמות, באַרייכערט שרייבמאַנס בוך דעם שלל אויסדרוקן ביז איצט פון מיר פאַרצייכנטע.

פּאָעזיע

רומעניִשער געאָגראַפישער, געשיכטלעכער און הומאַנער פּייסאַזש אין דער דיכטונג פון אונדזער

יעקב גראָפּער

אויב וועלוול זבאַרזשער און א. צונזער זענען אין איינעם מיט די פּולע און באַגאַבטע בדחנים, די יעניקע וועלכע האָבן געלייגט די גרונטשטיינער צום בנין פון דער מאָדערנער פּאָעזיע אין יידיש, דערלויב איך מיר צו זאָגן, אז יעקב גראָפּער איז דער בראשית פון דער מאָדערנער פּאָעזיע אין יידיש אין רומעניע. דער ליטעראַטור מבין שלמה ביקל, קאָנקרעטיזירט די גראָפּער פּערזענלעכקייט אזוי: „...ווי א יידיש-שעפער איז יעקב גראָפּער געווען אין רומעניע — דער באַגינען". ווי א יידישער אינטעליגענט — דער זעניט: ווי א גייסטיקע פּערזענלעכקייט — דער גאַנצער טאָג פונעם אַלט-רומעניִשן יידישן קיבוץ".

גראָפּערס א חבר פון מיהאַילענער חדר, ביים מלמד לייזער שמש, פון דער גרויסער שיל, אין מיהאַילען, דער דאָרט געבוירענער זבאַראַוועער, האָט מיר דערציילט אין 1965, בעת כ'האָב געפּאָרשט דעם בית עולם פון באָטושאַני: איך בין געווען דער זון פון א סוחר און יעקל, שפּעטער יעקב, דער זון פון א קרעטשמער. פון קליינערהייט אָן האָט זיך גראָפּער באַוויזן אלס א גייסטרייכער מענטש. איך דערמאָן מיך אלע מאָל אין דעם. בשעת מיר האָבן געלערנט ביים זעלבן מלמד, פלעג איך מיטנעמען באָקסערן אין קעשענע און ער קנעפּלעך. מיטן ניגון פון לערנען, פלעגן זיי אונטערן טיש „האַנדלען", בייטן קנעפּלעך אויף באָקסערן. איין מאָל האָט זיי רעב לייזער דערטאַפּט און גוט אָנגעריסן ביי די אויערן.

בראשית — ביים אָנפאַנג, ברא — באַשאַפן, ד' — גאָט, את השמים ואת, הארץ — הימל און ערד. מיט אָט דעם ניגון, האָט גראָפּער געפּרעגט זבאַראַוו-

ערן: האָסט באָקסערן? האָט אים זבאראוועד געענטפערט מיטן זעלבן ניגון — כ'האָב. האָט ער געזאָגט: גיב מיר פאַר צוויי קנעפּלעך. און זיך אָנגעהויבן דינגען. גיב מיר נאָך א פּאָר. אין דער זעלבער סדרה, האָט דער רבי געלייענט: ונח מצא חן בעיני ד'. ער האָט באמערקט אז די צוויי חדר—יינגלעך זענען פאַרנומען מיט עפּעס אנדערש, איז ער צוגעקומען און געפרעגט גראַפּערן: וואָס איז געוועזן מיט נחן? האָט גראַפּער נישט געוווּסט וואָס צו ענטפערן, איז אים באַלד איינגעפאַלן אן ענטפער: נח האָט איין איי!

אין אנדער מאָל, ביי א סדרה ווו ס'איז די רייד, אז מע טאָר נישט אריינקו-מען אין בית המקדש באָרוועס און אָן א היטל, איז דער רבי ר'לייזער ווידער צוגעקומען און געפרעגט, וואָס ער האָט פריער געזאָגט, אָבער יעקל האָט זיך אויך דאָס מאָל ארויסגעדרייט פון קלעפּ און געענטפערט: דער האָן האָט א היטל אָדער אָן א היטל.

נאָענט צום שטעטל איז געוועזן א וועלדל וווהין יידישע קינדער פלעגן זיך אָפּט ארויסכאַפּן. דאָרט פלעג ער ארויסווייזן זיינע נאַטורקענטענישן און אָנ-רופן יעדעס בלימל ביי זיין יידישן נאָמען. די ערשטע דערפאָלגרייכע לידער, זיינע, האָבן זוכה געווען, אז מוזיק צו זיי, זאָלן שאַפן מערערע קאָמפּאָזיטאָרן. און די לידער מיט מוזיק זאָלן ווערן פּאָפּולער ביז פאָלקלאָריזאציע.

די מאָרגנבלומען, אויף רומעניש „Zorele“ אין דער מאָלדאָווע „Bună dimineață“ זענען געווען זייער באַליבט. אין די מאָלדעווישע שטעטלעך כמעט א סימבאָל, די פּאָעטישע שיינקייט פו די קליינע יידישע הויפן אין דער קרויגשטאָט יאס, דאָס איינציקע ווענג-טאָלע צירונג-געוויקס פון די יידישע היימען, וואָס האָט דערפרייט דאָס קינדער-אויג, אויף די טאָג-טעגלעכע וועגן פון דער היים, חדר, גרויסער שול און ווידער א היים. די פלינקע, קלעטערנדיקע מאָרגן-בלום, האָט געפונען איר דיכטער, וועלכער האָט מיט בענקשאַפט, מיט א זאַפטיקן יידיש און מיט געראָטענעם, פערזן, זי איינגעפלאָנצט אין די יידישע הערצער. מוזיק צו די „מאָרגנבלומען“ האָט געשאַפן דער גוטער מוזיקער קאָמפּאָזיטאָר, דיריגענט און פאַרדינסטפו-לער קינסטלער אלבערט סעגאַלעסקו.

שוין פון גראַפּערס קינדער— און יונגט יאָרן, האָבן זיך באמערקבאר גע-מאכט זיינע געפילן, זיין אויסערגעוויינטלעכער פּאָעטישער פארשטאַנד, צו מאַכן פון יעדער זאַך, א ראָמאַנטישע, לעבעדיקע דערשיינונג.

אוייך אנדערע געוויקסן פון רומענישן באָדן באַזינגט דער דיכטער יעקב גראַפּער, ווי למשל: „דער פלידער“ וואָס האָט וואָכנלאַנג א ליבן ריח געשענקט.

„דער פלידער הייבט די בליטן אָן פארלירן,
דאָך שמעקן שוין אקאציעס זיס און צארט.
וואָלט נאָר דער פרילינג ניט געוואָלט פארבליען,
נאָך בלומען וואָלט איך קיין מאָל ניט געגארט.“

דער פלידער איז א סימבאָל, און דער דיכטער דריקט אוים א טיף מענטשלעכן געדאנק, פארציכטן אויף די פארבייגייענדיקע פארגעניגנס, אבי דער פרילינג זאָל דויערן אייביק.

און אָט ווי עס זעט אוים דער יאסער פייסאזש אין אן ערב פרילינג, באלד ווי דער לעצטער שניי צעטאָפעט זיך:

„לינדע ליפטלעך פיל איך ווייען,
טיף, מיט קוים געצוימטע פרייען
רירט אין הארץ זיך א באגער“.

פארן דיכטער איז די רומענישע נאטור אין פרילינג, מיט די כלערליי בלומען,ביימער, פייגל, א פרישע, א נייע, א באצויבערנדיקע;

„א שווידער פון ליבשאפט
צעגייט אין דער לופט.
דער הימל הילט איין דיך
אין גאָלד-שטראלן בליק.
ווער יונג ווי דער פרילינג,
זאפ אָן דיך מיט גליק!“

אין „מיין היים“ מאָלט גראָפער מיט ווערטער, פאר דורות, דאָס בילד פון א מאָלדעווויש יידיש שטעטל:

„פארפלאָנטעט קליינע הייפלעך, פארצייטיקע געביידן
באהאלטן הינטער גערטנער, אנדרימלט נעבן וועג...
אָט זע איך איצט מיין היים דיך, אָ, היים פון מיינע פריידן,
אין אלטן שיינעם זכר פון יונגע שיינע טעג“.

דעם פילבארן דיכטער שוועבן פאר די אויגן ערטער, סצענעס, וואָס דערמאָנען מאָמענטן פון זיין קינדהייט און רייפע מענטשלעכקייט:

„דאָרט האָב איך מיין געליבטער דעם ערשטן קוש געגעבן,
דעם לעצטן קוש מיין מוטער, ווען כ'האָב מיך אָפגעשיידט“.

דער רומענישער הארבסט, דער גאָלדענער רומענישער הארבסט, איז קינסט־לעריש געמאָלן פון יעקב גראָפּער, ווי אן אָפּשפּיגלונג פון דער רייכער פארבן פּאַלעטע פון דעם ממעמקים, פון די טיפענישן פון דעם דיכטערס נשמה:

„בלאָנדע טעג און לוילעך ווארעם,
טיף געלייטערט אין באגינען,
פון סאפירן דער פרימאָרגן,
דער פארנאכט איז פון רובינען".

אין זיין פערז, כאַפּט אויף דער דיכטער יעקב גראָפּער, קאָנטורירט דאָס גאנצע הארבסט־בילד!

ראָמאנטישער הומאניזם, די וויזיע פון א נייער, שיינער וועלט, צו וועלכער עס שטרעבן, חלומען, די וואָס לעבן אין ענגשאפט און פינצטערניש. די פּראָ־לעטאריער, קומען צום אויסדרוק, ניט אָן אויפּברויז־אקצענטן, אין גראָפּערס ליד „אין אן ערשטן מיי".

„גיי אויף מיין ליד, דער פרילינג איז געקומען,
פון בערג, פון וייטע, ווינקט שוין פרישע נייהייט,
הויב אויף דיין קול, און ווער א שיר פון פרייהייט,
א לויב דעם נייעם לעבנס ערשטע בלומען".

כאָטש דער טאָג פון פארווירקלעכן די געטרוימטע פארברידערונג און פרייהייט איז נאָך וייט, דער וועג פול מיט שטיינער, רופט דער דיכטער די מענטשן; זיך איינצושטעלן די כוחות, פאר נייעם גורל:

„איר מענטשן אויף! אט רוישט א ניי באגינען,
דער חושך ארום... שוין בלויעט דער שיינער מאָרגן.
אָ ליגט ניט מער אין נאכט אין שלאָף פארבאָרגן,
זאָל אייך דער טאָג ניט שלאָפנדיק געפינען..."

א גאָלדענער צווייג אויף גראָפּערס לעבנס־און שאפונגס־בוים, איז די קינד־הייט זיינע, די יוגנט יאָרן אין דער אלטער היים, אין שטעטעלע מיהאי־לעני. אָט די טעמאטיק איז פאראן סיי אין די ערשטע שאפונגען און אויך שפּע־טער. מיר האלטן אז גראָפּערס דיכטונג, איז שטילע בענקשאפט — געזאנגען אין א צארטן געפערלטן, פאָלקסטימלעכן יידיש, לידער וואָס רופן צו פרייהייט און ליבע צווישן מענטשן.

גראָפּער אנטציקט מיט דעם צאַרטן, עלעגישן געזאַנג וועגן יידישן שטעטל פון רומעניע.

אליעזר פרענקעל, דער טיכטיקער ליטעראַטור מבין און רעדאַקטאָר פון די צוויי בענד „געקליבענע לידער" פון יעקב גראָפּער, אויף עברית און יידיש, און „יעקב גראָפּער און זיין צייט", אויף עברית און יידיש, שרייבט אין זיין עסיי וועגן דער אויסגאַבע „געקליבענע לידער".

„ווער ס'האָט געזען א כתב-יד פון יעקב גראָפּערס א ליד, ווייסט מיט וואָס פאַר א שפע פון שינוי—נוסחאות יעדע שורה איז געווען, אזוי צו זאָגן, ארומגערינגלט" און דערקלערט אָט די פילע וואַריאַנטן פון כמעט אלע גראָפּעריש לידער, אז זיי זענען פאַרזען „מיטן דיכטערס חלום נאָך שלמות" (מיין קורסיוו י.ש.) גראָפּערס בענקשאַפט נאָך שלמות, האָט גורם געווען די פילע וואַריאַנטן און פרענקלען איז צו פאַרדאַנקען דער אויסוואַל, דעם זיבערן אויסוואַל וואָס זאָל אויפהיטן די גאַנצקייט, פון תוך און פאָרעם, פון די גראָפּערישע לירישע שאַפונגען, וואָס זענען אריין צום ערשטן מאָל, אין בוך פאָרעם, אין באַנד „געקליבענע לידער", און וועלן אויך שוין דינען אלס לעצטגילטיקע אין ווייטערע זאַמלונגען פון גראָפּערס ווערק.

א צאָל סאָציאַלע לידער האָט גראָפּער געשאַפן אויך נאָך דער צווייטער וועלט-מלחמה, און כמעט אלע דורכגעפלאָכטן מיט יידישן גורל, מיט יידישער געשיכטע און קיום-העם.

גראָפּער וואָרצלט טיף אין דער געשיכטע פון יידן אין רומעניע, ווי אין דער געשיכטע פון רומענישן פאָלק. לדוגמא ציטירן מיר דעם פאָעם „באַלינעשט" מיט בילדער, שיינקייטן, מענטשן, היסטאָרישע מאָמענטן באַגעגנטע, מיט עפעקטפולע פאַרבן און סטיל ארויסגעבראַכטע מיט דער פען פון דיכטער, מיט טיפזיניקע געדאַנקען פון עטישן און עסטעטישן באַטייט:

„גרינע פעלדער, טיפער וואַלד,
פליסט אין דער מיט א זילבערבאַנד,
דער סערעט, כוואַליעס און שכּניש לאַנד.

סערעט! וואַסערן, ווערבעס גלאַטע,
ברעגעס, גרינע פעלדער, פאַרזייעטע און זאַטע.
אויבן פליען פייגל הויך, אָן א גרענעץ.
אונטן גרענעץ, גרינס און וואַסער".

אין אַט דעם געאָגראַפישן פּייסאַזש, א פּויעריש-קינד, פּאַסטאַלעס און, בייטש, שיינס אין שיינקייט:

„פּאַסטעך-פייפל אין דער האַנט ביי אים“

די גענדז וועלכע ער היט, האָבן זיך צעשפּרייט, און עס זאַמלט זיי דעם קינדס אַ פייף, אין דרויסן ברענט די זון ממש ווי אין אַן אויוון, און דאָס קינד ביים ברעג פון סערעט, פייפט אַ האַרציק-ליבע דאָינע און:

„...אַ הרף — עין, אויסגעטאָן קוטשמע, פּעלצל,
נאַרטל אָפּ. די בייטש דערנעבן.
וואַסער קילס וואָס רופט,
פּעלדגרינס, סווישטש און לעבן“.

יידישע קינדערלעך, אויסגעוואַקסענע אין איינעם מיט די פּויערישע קינ-דער, אין די טאָלן אָדער אויפן ברעג פון סערעט, וויזועז, זינגען, פריידיק פּיל-דערן, מיט די פּאַסטעכער-קינדער, גענדז, פייגל, מיט אַלע קינדער פונעם סע-רעט:

„לאָשיקלעך ביים זוים פון סערעט,
קונדסים — הענט און פּנימלעך פאַרגניערעט.

קורץ געדאַוונט, עברי, חומש,
אַ ביסל רש״י, טייטש, ויהי נועם,
בליק דעם קינדיש, פרישן בלויעם
נאָר גברנים — מעשה גויים“.

דער דיכטער מיט אַ פאָלקלאָרישער אָדער, וועמענס לירישע שאַפונגען זענען געגאַנגען ניט נאָר צו עסטעטן—געניסער, נאָר צום פּשוטן, וואַרעמען גרויסן האַרץ פון פאָלקס-מענטש אין רומעניע — יעקב גראָפּער, האָט פאַר-פלאָכטן אין זיינע לידער רומענישע און יידישע פאָלקס-מאָטיוון. אַ בולטער באַווייז איז אויך זיין אינספּירירטער פּאָעם „באַלינעשטי“, אַ מוסטער פון רומע-נישער דיכטונג אויף יידיש. גראָפּער דערמאַנט אין דעם פּאָעם, דעם פינף הונדערט יאָר אַלטן מאָנאַסטיר באַלינעשטי, אויפגעבויט אַרום 1500 פון דעם הויף-באַאַמטער יאָן טעוטו, דעם וואָיעוואָד שטעפאַן דער גרויסער. גראָפּער שילדערט דעם אַלטן פינפהונדערט יאָריקן מאָנאַסטיר:

„ברעג פון סערעט, מילן גרויע,
און דער מילנער נאָך מער גרויער!
אין די קאנטן דער גרויסטער —
דרימלט באַלינעשטער קלויסטער.
ר'איז שוין אין פינף הונדערט יאָרן
אי געגאנגען אי געפאָרן.

איז געווען שוין אין די יאָרן,
הייליקייט, און שטאָל, און טורעם
פאר סאָלדאטן, פאר פאנצארן
און פאר קירה נארם זשאנדארן.

ס'האָבן אין זיינע אַלטע שפּאַלטן —
טערקן זייערע פערד געהאַלטן,
טאָטערן שיסבליי זיך געגאָסן
אונגערן טיטון פארשלאָסן
איבערגנבענען ביי נאכט די גרענעץ".

גראָפּער דערמאנט אַלץ וואָס דער מאָנאסטיר באַלינעשטי, איז אויסגע-שטאנען אין זיין פינפהונדערט יאָריקער עקסיסטענץ. אין אָט דעם פּאָעם, „באַ-לינעשט". (דערשינען אויך אויף רומעניש אין א גוטער איבערזעצונג, טריי דעם אָריגינאַל, פון יונתן שניידער, א גוטער דיכטער און איבערזעצער). ווי אין א סך פון זיינע לידער, ווייזט אונדז יעקב גראָפּער, זיין נאָענטקייט צום רומענישן פאָלק, ווי געריהרט ער איז פון זייערע, ווי פון אייגענע דורותדיקע ליידן, אלס פאָלק און יחיד.

גראָפּער דער דיכטער, מענטש און ייד, איז טיף גערירט פון דעם פּראכטיקן געאגראפישן און הומאנעם רומענישן פּייסאזש, פון דעם הארציק, ליבלעך טריב-וואָלעכיש לידל — דאָינע, דאָס אָנגעווייטיקטע געזאנג פון דער רומענישער פאָלקס-שאַפונג.

גראָפּער דער דיכטער, עסייסט, מענטש — א פילפאַרביקער מאָזאיק מיט שעמערירנדיקע שטיינדלעך. גראָפּער האָט געזונגען לויבגעזאנגען דער רומע-נישער נאַטור, ליב געהאַט אירע מענטשן זיך אידענטיפיצירט מיט זייערע שטרע-בונגען צו פרייהייט, פאָרשריט און גליק, צו מענטשלעכקייט.

א. אביון

מיר קענען זיך שוין פון א פערציק יאָר. הייסן הייסט ער שמערל ווײַנשטײַן־באָיאנדזשיו און אביון איז זיין ליטעראַרישער פּסעוודאָנים. געבוירן איז ער אין מאָלדעווען שטעטל דאראבאני, דעם 10 טן אָקטאָבער 1910. דער פּאָטער, ווי איך געדענק, איז געווען שוחט אין גאיעשטי־דזשורזשו, און דאָרט איז ער אויפגעוואקסן און פארשטייט זיך באקומען א יידישע דערציונג. אין בוקארעשט געדענק איך אים פון אָנהויב דרייסיקער יאָרן. געוווינט האָט ער אין א שטיבל אויף דער גאס אָלטעני אין געדיכטן יידישן פּערטל דודעשטי. אין זיין באשיי־דענער ציכטיקער וווינונג, פלעגן זיך טאָגטעגלעך טרעפן יידישע שרייבער־דע־בוטאנטן, יונגע מענטשן ווי סרול בראָנשטיין, וו. סאוויל א. אנד. מע פלעג לייענען און אויסהערן לידער.

באלד ווי מיר האָבן זיך באקענט האָט ער מיר געזאָגט אז מיר זענען קרו־בים און איך האָב מיך דערמאנט אז זיינע א שוועסטער האָט אין צייט פון קריג, זיך אויפגעהאלטן א צייט אלס קרובה, אין אונדזער פּאַדלאָיער היים. ער האָט מיר געוויזן א בוך מיט רומענישע לידער, מיט דעם טשיקאַווע טיטל „נאכט שקיעה“ געדרוקט מיט אייגענע אָרעמע גראָשן....

איך האָב דעמאָלט געשריבן לידער אָבער קיינעם ניט געלייענט זיי. געדרוקט האָב איך איבער געזעצטע לידער אויף רומעניש, אין דער סטודענטן חודש־שריפט „האסמאָנעא“, פון אברהם רייזען למשל „און ווו דו קומסט“ וכדומה. פון מ. אָלגינס נאָוועלן „דער לעצטער קרבן, די לעצטע קויל, געזעגענען זיך“ האָב איך געדרוקט אין דאָראָהאָיער יידיש־רומענישער „יידישע ווירקלעכקייט“. אביון האָט מיר געלייענט מיט א סך פּאטאָס זיינע רומענישע לידער פון קאמף מיט די בייזקייטן פון דער וועלט, און פול מיט גלויבן אין דעם לעצטן זיג פון דער גערעכטיקייט. זיין גלויבן אין איר, און אז זי וועט קומען מיט די באפרייער.“

פון די ערשטע צוויי ביכער מיט רומענישע לידער „נאכט שקיעה“ און גאָל־דענער שטויב דערשיינענע אין 1938 און 1941 ביז די יידישע פערזן אין די „ארבעטער לידער“ 1962, און „א וועלט פארגייט, א וועלט גייט אויף“ 1965, אין זיין גלויבן פעסט, איז ער ניט אראָפּ פון זיין „פּאָעטישן פעגאזוס“, מיר דאכט זיך, אז ס׳איז א פשוט, מאָגער פערד. א סך פון יענע לידער זענען שוין היינט שאבלאָנען. אביון איז געלעגן א קראנקער אין לאגער און געשריבן, יאָרן גע־לעגן א פאראליזירטער און געשריבן אָדעס דער פארטיי, דער רעפּובליק, אלע ארבעטער יום טובים — דעם :ייעם רומעניע.

קיין מוזיקאַלישער מענטש איז ער זיכער נישט. הינקט דער ריטעם אין זיינע לידער אָבער ווייניקער די גראַמען נאָענט איז אונדז דער דיכטער ווען ער שרייבט פשוט, פאָלקסטימלעך:

„קייטל זיך, קייטל זיך רינגעלע,
שלאָף איין מיין אוצר, מיין יינגעלע,
ס׳שפינען אוים שטראַלן פון ליכטעלע,
א טרויעריק און פריילעך געשיכטעלע.

דרויסן דאָרט ברומען די בערעלעך,
וואָס פרעסן אויף משהלעך, שמערעלעך,
און ס׳וואַרפן גזלנים מיט קעפּעלעך
ווי מיט רויטע פאַרבלוטיקטע עפּעלעך.

(וויג ליד, ז. 11, „א וועלט פאַרגייט". אפילו אין טעמעס פון טאָג-טעגלעכקייט למשל „א מאָלערין" וואָס פאָרט מאָלן אויף א שאַנטיער פעלן ניט לעבן, ענטוזיאַזם שיינע שורות ווי:

„רייטן בריקן אויף די טאָלן,
פונקלען אויגן פון טונעלן,
צירן בערג די ערד ווי לאַנגע
ריזן-שנורן מיט קאַרעלן."

א חנעוודיקע אימפּראָוויזאַציע איז „די וועבער":

„זיצן צוועלף ביי איין טיש,
צווישן זיי דריי יידן,
אַלע וועבער אין פאַבריק,
פריילעכע, צופרידן."

דאָס לעצטער בוך לידער פון א. אביון „די שטאָט אָטעמט" איז רייך אין טעמעס. מערסטנס פון זיי לידער אין ווייסע פערזן, אָן ריטעם און גראַם דער-פאַר אָבער רייכערע, ער זינגט וואָס ער טראַכט און פילט. ער שרייבט מיט ליב-שאַפט און כבוד וועגן אונדזער דיכטער יעקב גראָפּער, מיט בלוטיקע טרערן

װעגן ייִדישן אומקום אין אַלע צײַטן, מיט הומאָר װעגן „דער כוס של אליהו״:

ס'איז די פּסחדיקע סעודה „פאַרמאַכט איז די הגדה און אויס די מה נשתנה״.

„ס'איז דער טיש א שולחן ערוך,
די בלעטלעך — מוציא — מצה
דער האַרבער כריין — א גאון,
די פּעטרעשקע — א פּאַיאַצע.

דער מרור — א קטגור,
מליצים — די חרוסת
דער כוס של אליהו
א דרשן, פאַר די כוסות״.

פון דעם כוס שיטן זיך חוצפּה און חניפה-רייד קעגן די אַנדערע כוסות, פאַר זײַן באַלעבאָס די אַנדערע אָנװעזנדע, געמלעך: אין קערה לאַכט די פּעטרעשקע.

„אין קערה לאַכט די פּעטרעשקע,
דער מרור, די חרוסת —
שטופּן זיך און ס'האַלטן
בײַ די בײַכער זיך די כוסות״.

אָבער זײַן סוף איז, נאָכן אויסטרינקען דעם װײַן פון כוס, „געפאַלן איז, געבליבן דאָרט טשערעפּ, א געלײמטער. און פאַרענדיקט איז דאָס ליד מיט א דידאַקטישן זאָג, א מוסר השכל: „ס'איז א שוטה, אַן עם הארץ, א יעדער פּו-נעם פאָלק װאָס האָט בטחון צון א פּריץ״. געראָטן איז אויך דאָס ליד „דאָס װאָגיקע װאָרט:״

„פאַראַנען אין שפּראַך, אַן אין אוראַלטער, א װאָרט
װאָס שטאַמט פונעם און הייליקסטן סאָרט.
דאָס װאָרט הייבט זיך אָן מיט דעם ערשטן אות
און מיט דעם לעצטן, לאָזט זיך עס אויס״.

דאָס איז דער אמת-וועלכן אייניקע שעפּטשען ווי א סוד, אנדערע, ניט קענעדיק אים דערגרייכן מיט אייגענעם שכל, זאָגן זיי גיכער א האלבן אמת

„נאָר האלבער אמת, ווי שקר איז אָרעם,
ווי א קללה, וואָס דער וועלט, שיקט אָן דעם שטורעם".

דיכטער דאַרפן באַרייכערן, פאַרשענערן די שפּראַך. אויף וועלכער זיי שאַפן דאַרף מען דערמאָנען דעם דיכטער א. אביון. אַז אין זיינע לידער, באַפן זיך, אריין א זעלבע גראָבע ווערטער פון גאַסן-לשון אַפּשר, אָבער וואָס שאָקירן דעם לייע-נער פון די לידער, למשל: גאָרנע, זשאַר, סאַלאַרן, באַליד, פּאַקורע, דום, קריי אמעטיסט, שיקזאַלערן, פרעווידעט און אנדערע. פאַרוואָס א זעסל אנשטאָט א בענקל? פּעך איז אויף רומעניש סמאָאַלאַ און ביי אביון, אין א פּוס-נאָטע איז עס גאָר „שימערירנדיק-לייש-זילבער"! אנסקאָפּעט" איז איינמאָל דערקלערט „זיך גערעאָטעוועט" און א צווייט מאָל„אויסגיסן!" מער דרך ארץ, קאָלעגא אביון, פאַר דער שפּראַך פון פּרץ, לייוויק, אָפּאַטאָשו, מאַנגער, מלך ראַוויטש!

„ס'האָט דער מענטש אראָפּגעשטיגן
פון דעם מח פון די בערג —
פון דער יצירה,
און האָט געריטן אויף דער ערד
וועלכע ער האָט פאַרשקלאַפט.
און פון מענטש
האָט זיך אָפּגעטיילט
דער מענטש
און מענטש מיט מענטש
האָבן זיך געאַמפּערט
און מענטש
האָט דעם מענטשן באַזיגט".

אין ליד „פרילינג, פרילינג, פרילינג" (ז. 48) רוישן טרויערן איבערן דיכטער. געשריבן האָט עס אביון, אין דעם גרויליקן יאָר 1941, ווען מענטשן-לעבנס זענען געווען הפקר:

„...ס'זענען דאָ טייבעלעך אין וואַלד
נאָר זייער זינגען איז א געוויין,
וואָס אלע הערצער צעברעכט,

פרילינג, פרילינג פון אצינד:
ווינט און רעגן ווי א מבול,
ווער האָט דיך געבראַכט אין וועג".

אין דעם ים מיט טרויערן, פעלט ניט דער „ווייסער הונגער" (ז. 33):

„ער וואנדערט דער הונגער
ווי א הייליקער
צווישן לעבעדיקע מענטשן, אָנגעטון
אָנגעטון אין קליידער
פון סאמעט און
און פון זייד
און טענה'ט אז
איך בין זאט...."

דאָס לעצטע בוך לידער פון א. אביון אין רייך אין טעמעס. זיין איינשטעלונג איז א פראַלעטארישע, אן אויפריכטיקע. אי. קארא האלט אז אביונס לידער „שפיגלען אָפּ א טייל פון גראנדיעזן אויפבוי פון דער רומעניש ער רעפובליק, קאמף מאָטיוון פון ווידערשטאנד קעגן די פאשיסטישע כוחות, מאָמענטן פון דעם באפרייונגס יום-טוב, א טייל פונעם שאפונגספראָצעס פונעם נייעם מענטש, פונעם נייעם לעבן אין באנייטן רומעניע".

רעלי בליי

איך קען זי שוין עטלעכע און צוואַנציק יאָר. א טונקל חנעוודיקע, מיט גוט־מוטיקע, גרויסע אויגן. ציכטיק אָבער פשוט געקליידט, און אן אָפּנהאַרציקע. אן אימפּאָנירנדע אויסערלעכקייט אין די ייִנגערע יאָרן איז זי געווען א שיינ־הייט.

געבוירן איז רעלי בליי דעם 15־טן יוני 1913, אין דאָרף אַרבאָרע, לעבן ראַדעוויץ, דרום־בוקאָווינע, א געגנט פון הויכע בערג שטילע וועלדער, מיט קאַלטע קלאָרע וואַסערלעך, וועלכע פליסן פון די בערג צו די רייכע ווייצן־פעלדער.

די היים איז א דאָרפיש הויז באַהאַלטן צווישן ביימער און בלומען. די על־טערן פירן א טראַדיציאָנעל יידיש לעבן: (מיר ציטירן פון באַנד „מיט פשוטע ווערטער"):

„...איך זע מיין מאַמען פאַר מיר שטיין/ ס'איז פרייטיק, נאָענט צו נאַכט, זי בענטשט די ליכט, פאַרחלומט, שיין/ און איז פאַרזאָרגט, פאַרטראַכט.

דער טאַטע קומט פון שיל אַהיים,/ ער גייט שוין קידוש מאַכן:/ ס'איז יום־טובדיק און יעדער רוט,/ ס'קלינגט פריילעך, קינדער לאַכן. (פאַרוואָס? ז. 11).

שרייבן לידער האָט זי אָנגעהויבן אין 1941, יידישע לידער וועלכע דער־ציילן וועגן לעבן און די ליידן פון די געטאָ־מענטשן, צו מאָל דריקט זי אויס זייערע געפילן, ליידן, טרייסטנדיקע לידער אין אַלגעמיין.

פאַרטריבן פון דער היים, די עלטערן האָט מען אומגעבראַכט ערגעץ ביים ראַנד פון וועגן, נאָך דעם וואָס מען האָט צעטיילט מאַן פון ווייב, און קינדער פון מאַמעס:

„...צעטריבן. האָט מען אונדז, פאַריאָכט/ צעטיילט אויף א סך וועגן/ איך ווייס ניט ווו זייער קבר ליגט./ ניטאָ וועמען צו פרעגן". (פאַרוואָס? ז. 12).

א פאַרלאָזטע, עלנטע, מיט א קליין קינד, וואָס ציילט קוים חדשים, זינט ס'האָט דערזען די ליכטיקע שיין, א פאַרשפּאַרטע צווישן פינצטערע געטאָ־מוי־ערן, שילדערט זי איר „וויגונג":

„...ברעטער פיר, צונויפגעשטעלט א פריטשל,/ אין א ווינקל ביי דער נאַסער וואַנט/ ס'איז מיין בעט, מיין בענקל און מיין טישל — /רוים פאַר מיר אין ווייטן לאַנד.

אויף א שטריקל הענגען א פּאָר ווינדלעך;/ ביי דער טיר דאָס קינדערבעטל שטייט, אויפן פענצטער פינקלט קוים א קאַנע ץ/ עדות פון מיין גרויסער אָרעמקייט." (מיין פאַרמעגן, ז. 13).

אין אַט דער איינזאַמקייט, אין אַט די שרעקלעכע באַדינגונגען געפינט זי א טרייסט — דאָס קינד. און עס ווערט דער העלד פון מערערע לידער אירע:

„...כ'האָב אַן אוצר, יאָ, א גרויסן אוצר, ווער וואָלט אַט דעם אוצר ניט געוואָלט/ מיט צוויי לאַכנדיקע שוואַרצע אויגן, מיט א לאָקן-קעפּעלע ווי גאָלד". (מיין פאַרמעגן).

דעם קינדס א לאַך, גוט דער מאַמען „פרייד און רו, און קראַפט א נייעם וועג צו גיין, און גלויבן, אַז די וועלט איז שיין". נאָך מער, זי געפינט א טיפן גלויבן אין דער צוקונפט און גלייבט אַז זי וועט דערלעבן, ניט נאָר זי, אַלע מיטלעבנדיקע אין דעפּאָרטאַציע, דערלעבן דעם באַפרייונגסום-טוב).

„...און דער טיפער גלויבן איז געבליבן: אונזערע, זיי קומען באַלד צוריק;/ וועלן האָבן מיר דעם גרויסן יום-טוב/ פון באַפרייונג און פון גרויסן זיג". (מיין פאַרמעגן, ז. 14-5).

די קאָשמאַר-ווירקלעכקייטן אין דער דעפּאָרטאַציע האָבן זי אָפט ממש גע-שטויסן, אַז זי זאָל כאַפּן די בלייפעדער און פאַרשרייבן. אויף אַזא אופן איז קיין וואונדער ניט, וואָס אייניקע לידער פון רעלי בליי זענען ניט קיין קינסטלע-כע לידער, נאָר לידער וואָס דאָס לעבן אַליין, אין יענע ביטערע, שוידערלעכע צייטן האָט אַרויסגערופן. די שפּראַך פון אירע לידער איז א פשוטע, אַלטעג לעכע:

„...פשוט האָט מיין ליד געזונגען,/ פשוט, פראָסט און באַשיידן,/ ניט געזוכט כ'האָב שיינע ווערטער/ די געדאַנקען צו באַקליידן". (פאַר וועמען איך זינג, ז. 18).

די דיכטערין האָט ליב מענטשן בכלל און קינדער בפרט. צווישן די יאָרן 1949 ביז 1963 איז זי געווען א לערערין פאַר יידיש אין ראַדעוויץ (דרום בוקאָ-ווינע). דאָרט האָט זי אויך אַנטוויקלט א באַשיידענע קולטור געזעלשאַפט-לעכע טעטיקייט, מיר ווילן אָבער דערמאָנען אייניקע קינדערלידער, חנעוודיקע מוסר-השכלדיקע פון דער דיכטערין ווי למשל „דער קוקו און די שוועלבעלעך":

„מיט א שטרויעלע אין פיסקל,/ פליט א שוועלבעלע מונטער, פלינק, און זיין פּאָרל, ליים א שטיקל/ טראָגט, צום נעסט, וואָס וואַקסט ניט גרינג. אויף א צווייגל זיי אַקעגן, רופט א קוקו אויס זיין נאָמען, און דערזעט די פלינ-קע שוואַלבן,/ וואָס ערשט היינט צוריקגעקומען. /ווינקט ער באַלד צו זיי

אריבער — אין א טאָג אזא א בלויען דארף מען זינגען, פליען צום הימל. ניט זיך פלאָגן, נעסטן בויען".

אומזיסט אייער ארבעט, מי, זאָגט דער קוקו, פאראיאָרן אויך געבויט א נעסט, נו, איז ניט צעשטערט געוואָרן? און די שוועלבעלעך ענטפערן אים:

„אויב די שטורעמס און די שנייען/ האָבן אונדז די נעסט צעשטערט,/ זאָלן מיר קיין נייע בויען?

אויב ס'איז לעבן אונדז באשערט? און זיי מוסרן דעם קוקו:

„דו האָסט קיין מאָל ניט געארבעט, דיינע קינדער זענען יתומים, כאָטש דו לעבסט, לייגסט דיין איי אין פרעמדן נעסט, כדי אליין ניט צו בויען, קענסט ניט דיינע קינדער, פון קיין מאמע-פרייד דו ווייסט, ליבסט ניט קיינעם און פארענדיקט:

„ווייסט עס ניט אז שאפן, ליבן, מאכט דאָס לעבן גליקלעך, שיין". (דער קוקו און די שוועלבעלעך, ז. 55).

א געראָטן קינדער-ליד איז „דער בארג", אויף וועמענס פלייצעס עס וואקסןביימער, שלאנקע סאָסנעס, אייביק גרין, „אָבער אין זיינע טיפעניש איז א קוילן-שאכט. „ס'איז דער הויכער בארג א ווונדער, ער איז ניט קיין פוסטער בארג".

ווי עס בליט זיך פאנאנדער א בוים וואָס האָט וואָרצלען אין עפּעס א באָרן, וואקסט ארויס א ליד פון יעדן קערן פון נייעם וואָס די דיכטערין זייעט. פאר איר פענצטער שפאנען פארביי קינדער, און ס'ווערט געבוירן א ליד ביי איר:

„כ'האָב געזען א קינדער גאָרטן/ פול מיט פרישן צוויט;/ צארטע רויזעלעך פרילינגס-קנאָספּן/ זענען דאָרט צעבליט". (דער קינדער-גאָרטן ז. 61).

דידאקטיש אין גוטן זין פון וואָרט, איז אויך רעלי בליים קינדער-ליד „שלום שרייען אלע קינדער":

„סאָלדאטן אין די רייען,/ אותיות זענען אויסגעשטעלט; קומטזשע קינדערלעך, פארמישט זיי, טוט מיט זיי/ וואָס אייך געפעלט. נעמט די אותיות, לאָזט זיי טאנצן:/ איינס אהער, איינס אהין,/ טראכט נאָר צו א וואָרט אינגיכן,/ וואָס סע קומט אייך אויפן זין".

און די קינדער טראכטן צו דאָס וואָרט, וואָס די לערערין באצייכנט אז „ס'איז יעדן טייער און ווו עס פארשווינדט, הערשט שנאה, טויט, און פייער". און שוין יאָגן די בלייערס פלייסיק, די אותיות זענען ניט איבעריק קאליגראפיש ס'איז די שין אביסל קרימלעך, און דער קמץ איז צו קליין, אָבער די לערערין דערמוטיקט זיי:

„נעם א למד דערנאָך א וואָוו, און מם אויך ניט פארגעס: — קינדער, זעט איר וואָס איר קענט שוין קינדער, ס'איז געשען א נס".

שרייבן קענט איר, זאָגט די לערערין, און איצט באַווייזט אַז איר קענט אויך לייענען:

„לייענט דאָס ווערטעלע מיר איבער/ — שלום, שרייען אַלע קינדער". (שלום שרייען אַלע קינדער, ז. 58).

רעלי בלייס לידער ווירקן אין דעם אַנסאַמבל, באַזונדערס די לידער, וועלכע זענען פאַרשפּרייט געוואָרן אין דער דעפּאָרטאַציע ווי: עס גייען יתומים אין די שיינע זומער נעכט, דאָס ליד פון בוג, דווינע, מאָרגן וועט עס אמת זיין, און אַנדערע. זיי זענען געזונגען געוואָרן אין פאַרשידענע לאַגערן און געטאָס און אינסצעניִרט געוואָרן אין יאָר 1943, אין מאָגילעווער „יתומים הויז" פון דעם שוישפּילער בענאָ פּאָפּליקער. די טריסטנדיקע לידער פון רעלי בליי, זענען באַפליגלט מיט גלויבן אין מענטשן און זיין צוקונפט אין שלום וואָס וועט ברענגען די גרעסטע און שענסטע מתנה: דאָס רעכט צו לעבן ווי מענטשן, צו אָטעמען פריי.

דאָס בוך לידער, דערשינען אין 1966, איז געווידמעט „דעם ליכטיקן אָנדענק פון מיין אומפאַרגעסלעכן חבר און לעבנסבאַגלייטער אפרים בליי", דער פרי־פאַרשטאָרבענער דיכטער.

ווי די דיכטערין האָט אונדז מיטגעטיילט, זענען אירע קרוב הונדערט דעפּאָרטאַציע לידער געשריבן געוואָרן פאַר דער „אַקאַדעמיע נאַוק" פון קיעוו, דורך די באַקאַנטע וויסנשאַפטלער, פאָלקלאָר זאַמלער און פאָרשער מ. בערעגאָווסקי און א. מיידאַנסקי און אויפגענומען געוואָרן אויך אין בוקאַרעשטער „פאָלקלאָר אינסטיטוט". אייניקע זאָלן זיין אָפּגעדרוקט אין מערערע וואַריאַנטן ווי למשל „דאָס ליד פונעם בוג". אירע לידער זענען דערשינען אין די בוקאַרעשטער „איקוף בלעטער", „קולטור וועגווייזער", זאַמלבוך „אויפשטייג", אין די וואַרשעווער פאָלקס שטימע" אין דער ניו־יאָרקער „מאָרגן פרייהייט" און „יידישע קולטור", אין דער פּאַריזער „נייע פּרעסע" אין „פריי ישראל" פון תל־אביב. צו אייניקע לידער פון רעלי בליי האָבן געשריבן מוזיק חיים שוואַרצמאַן, עמיל סעקולעץ, פּויו רובינשטיין, אַלפרעד מענדעלזאָן, און אַנדערע. ווידער זענען אייניקע לידער איבערגעזעצט געוואָרן אויף העברעיש, אונגאַריש רומעניש.

אַ טייל לידער פון רעלי בליי האָבן אַ געוויסן קולטור היסטאָרישן ווערט. רעלי בלייס לידער, הגם צו מאָל ניט גאַנץ אויסגעהאַלטן קינסטלעריש פאַרמאָגן זיי איבער דעם עלעמענט וואָס מאַכט זיי נאָענט יעדן מאַסן־מענטש: דאָס איז דער פאָלקס־טאָן, די פּשוטקייט, דער לייכטער גראַם.

(די דאָזיקע באַטראַכטונגען האָט י. שוואַרץ אָנגעשריבן אין 1970, אין דעם תל־אביבער וואָכנבלאַט „פריי־ישראל").

א באַזונגער פון מענטשן פון א גאַנצער וואָך:

לעאָן בערטיש

מיהאַלען — א גרענעץ שטעטל צווישן בערגלעך, מיט א טייך און וועלד־לעך מיט שיפּעט: „גערטנער שטילע/ און צווישן/ שולן, קלויסטער זיך פאַרטיפן הינטערגעסלעך/ ריינע, שטומע ווי אין חלום/ שטיבלעך קרומע". א שטעטל ווי אַלע מאַלדעווישע שטעטלעך: הויפּט־גאַס נישט ברוקירט, מיט צוויי רייען שטיינער. פאָרגט די קלייט מיט דער „סאַוואַבע" (שטעלעבלעך), הינטן די וווי־נונגען מיט פענצטערלעך באַלאָדנטע, מיט גראַטעס. די הייזער — זעלטן פון ציגל מיט בלעך. דערבער זיינען ס'רוב מיט שינדל געדעקטע. אָט אַזוי זעט אויס די אַלטע היים, דעם דיכטערס נעסט און ליבע טרייסט פון יאָרן ווייטע.

אַרום אים גייען פּויערים מיט אש־גרויע אָדער קאַווע — ברוינע סומאַנעס זומער און ווען די ביימער טוען אָן דעם ווייסן קויטל, ווינטערצייט, גייען פּוי־ערים פאַרביי מיט גרויסע פעלצן און מיט קוטשמעס.

אַרום לעאָן בערטישעס לידער, וויקלען זיך ווי רצועות לעבנס פון מאָל־דעוויש ער יידן, פון מענטשן פון א גאַנצער וואָך. ליריש און בילדעריש לעבן־אויף פאַר אונדזערע אויגן: פישאַלע — דער בעל־עגלה, די רעשעטניקעס פּאַוועל און יונה, — ראובן מיט שיינצע די ווינערין, אלקנה און חנא דער באַרימטער קלעזמער פון דער געגנט, אהרן־לייב דער מלמד, לייזער שמש — מאַלדעווישע יידן, מיט זייער אייגנעם, איינגעפונדרעוועטן לעבנסשטייגער. אברהם־בער גאָט־לאָבערס פאָטער, זאָל א צייט האָבן געלעבט אין מיהאַלען און דאָרט האָט אים באַזוכט זיין זון, דער באַקאַנטער שריפטשטעלער און מדריך פון משכילים, בעת זיין מיסיע אין רומעניע, געשיקט פון דער „אַליאַנס", וויז, אין 1876 יאָר, כדי צו שאַפן א לערער־און ראַבינער־סעמינאַר. טייל מיהאַלענער משכילים האָבן נעדרוקט אין אויסלאַנד חיבורים. גאַליציאַנער מלמדים, רבנים האָבן פאַרנומען שטעלעס אין פאַרשיידענע קהילות, אָבער דאָס האָט וויניק געווירקט א ויף די „פּראָסטע" רומענישע יידן. פאַרקערט מחמת די אריבערגעקומענע האָבן אָפט זיך געטראָפן שווינדלערס, ווי עס זאָגט עדות פאָלגנדיקע נאָטיץ אין „השחר", וואָס מיר גיבן אין א יידישער איבערזעצונג:

„א רב פון גאַליציע, אויפגענומען אין רומעניע, האָט גענומען כאַבאַר, (שוחד), האָבן אים די בעלי־בתים געמוסרט צווישן פיר אויגן. האָט ער זיי גע־ענטפערט:

— איך בין דאָך נישט געקומען צו אייך א יחוס־שידוך טאָן. יחוס האָב איך אין מיין היים. צו אייך בין איך געקומען צוליב א געלט־שידוך" (הבוקר, אור", שנת תרל"ד, ז. 519).

אָט־דער ציניִשער ענטפער באַווייזט דעם ביטול צו די האָרעפּאַשנע רומעני־שע יידן מצד אויפגעבלאָזענע „מלמדים־רבנים", וואָס זענען אין דער אמתן געווען שווינדלער.

און איצט לאָמיר זיך אומקערן צום בן־מלך, צו אונדזער דיכטער בערטיש און זיין לידער־פּלאַקעט. מען מוז צוגעבן, אז א צייט, ביז אין דער צווייטער דעקאַדע פון 20־טן יאָרהונדערט, איז דאָס יידיש־רומעניע אָפּגעריסן געווען פון יידיש שעפערישן וואָרט און סביבה. אָט דער חסרון איז ביי בערטישן. מגולגל געוואָרן אין א מעלה: זיינע לידער — שפּראַכלעך און בילדלעך — זענען היימיש, נאָענט, באַקן זיך איין אין הארצן דעם לייענער. נישט אומזיסט זענען געוואָרן אייניקע לידער זיינע א רשות הרבים — טיילווייז אויך אדאנק דער מו־זיק: „בוקר" אויפן קלויסטער־דאַך", מיט מוזיק פון חיים שוואַרצמאַן אָדער אַל־פרעד מענדעלזאָן, „די רעשעטניקעס" א. אנ. לידער זיינע, ווערן אָפט געזונגען און רעציטירט.

הערלעכע לידער זענען: „וועגן שלום"... „כ'וואָלט געוואָלט, מיין וואָרט זאָל קנאַלן ווי א דונער", „סע פּלאַטערן רעפּובליק־פאָנען" א. אנד. רירנד איז דאָס ליד „יאַס": „דערמאָן איך וואָס א מאָל געווען אין יאַס,/ ווערן מיינע אויגן נאַס./ פיל איך ווי א גהינום־ווינט,/ ברענט אין הארץ א גרויסע וווּנד". אין צווייטן טייל פון ליד „יאַס" גיט אונדז דער דיכטער בערטיש דאָס בילד פונעם ביי־איבערגעבויטן יאַס, וועלכעס מיט „שולן, גערטנער פול מיט פּראַכט,/ וואַקסט־אויס ווי איבער נאַכט".

צו קינסטלערישער און צו מענטשלעכער עכטקייט דערגייט בערטיש אין די לידער פון דער סביבה, אין וועלכער ער שטעקט און ער דריקט־אויס זיין ליבע, מעלאָדיש־ליריש, צו די מענטשן פון א גאַנץ יאָר — צו דעם בלעכער, אהרן, וועלכער, זיצנדיק אויפן שפּיץ פון קלויסטער־דאַך, „זינגט זיך צו א ני־גונדל, בעת ער פאַרקיטעט לעכער, קלאַפּט מיטן העמערל אָדער גייט איבער מיט פאַרב דעם קלויסטער־דאַך. אויפן שפּיץ פון קלויסטער־דאַך זינגט זיך דער, פּועל „יהי רצון" פון ראש־חודש בענטשן, „השכיבנו", „אָבינו מלכנו" אזוי שיין, אז אפילו די פייגעלעך הערן זיך צו, ניט נאָר די יידן, נאָר אויך נישט יידן: „...ביים געוויין פון יום־הדין/ בלייבן שטיין שכנים/ טוען א קוק א זיפץ/ און מאַכן זיך דעם צלם". דער קינסטלערישער איינדרוק פון אָט־דעם חנ־עוודיקן ליד וואַקסט אין דעם מאָלעריש הומאָרפולן פינאַל: „קלויסטער־גלאָקן

קלינגען שפּעט/ און בעטן ווי מחילה:/ דער דרויסן קומט מיר דעמאָלט פאָר/ עפּעס ווי צו נעילה". א רעאַל סביבה בילד פון מאָלדעווישן שטעטל.

א זאַפטיקער טיפּ פון פאָלקס-מענטש איז דער בעל-עגלה פונעם שטעטל פּישל, וועמענס דראָזשקע איז „נאָך פון באָבע טאָלצעס צייט" און אויף אָט דעם אַלטן וואָגן, „ער האָט פאַרשווינען אָנגעלייגט, אפילו אויפן דישל. די דראָ-זשקע/ מיט בינטעלעך ארומגעפּאַקט/ ווייזט זי אויס א קוואָטשקע. לאַנג דער וועג,/ דער וואָגן אָנגעלאָדן, די פערדלער, שוואַך, שפּאַנט מען אביסל באַרג ארויף און מען גייט אביסל צופוס אויך אויפן גלייכן וועג, און מע ברומט זיך א ניגון. אזא טבע האָבן שוין די מענטשן פון אונדזערע קאַנטן — דאגות, ווייטיקן, יסורים פאַרווייען, פאַרהויכן גייען איבער אין א קלאַנג פון ליד. דער בעל-עגלה שטאַמט פון א משפּחה מיהאַלענער בעלי עגלות, וועלכע האָבן מיט קנאַפּע צוויי הונדערט יאָר צוריק שוין געפירט פּריצים איבער דער גרענעץ, אָנגעשפּאַרט קיין לעמבערג (לוואָוו) און נאָך ווייטער, און האָט נישט מורא צו פאָרן מיט סחורה אפילו דורך וועלדער (ווו סע הויזן און לויערן ביז ערב דער צווייטער וועלט מלחמה באַוווסטע באַנדיטן און גנבים).

איצט זיצן שוין ווידער אַלע אין דער דראָזשקע, די גלעקלעך קלינגען, שטאַרקער און גיכער פאָרט דער וואָגן, מען זעט שוין אָן דאָס שטעטל, צע-הוידען זיך מונטערע רב פּישלס „אָדלערלעך": „און אז אין א שטעטל קומט ער אָן (מיטן רבינס כוח) ווערן זיינע פערדלעך פלינק אז עס גייט א רויך".

אהרן לייב מלמד, איז א געמעל אין ווערטער: „א לאַנגער גוף ווי ס'איז דאָס אות/ פון אלף-בית דער למד./ אזוי זעט אויס מיין רבינו רב אהרן-לייב-מלמד:/ גרויסע אויגן, א ברייטע נאָז/ די וואָנצעס, באָרד צעפאָרן/ א צורה פון פּרו-כת-לייב אראָפּ פון אויף דעם ארון". דער דיכטער דערציילט וועגן ביי-פּראָפע-סיעס פונעם מלמד: ער איז א חזן, חנוכה מאַכט ער גאַלקאַלעך און דריידלעך, בינדט ספרים, פּורים מאַכט ער גראַגערס, פענדלעך — שמחת-תורה, גרייט צו הושענות פיינע, קניפּט ציצות ביי טליתים, שרייבט מגילה-צעטלען, לייענט קריאת שמע און זאָגט קדיש, היט מתים און... פאַרריכט אפילו תפילין, טראָץ די פילע מלאכות איז דער מלמד א קבצן מיט זיבן פאַלעס, ווי מען זאָגט ביי אונדז אין רומעניע.

ווען אהרון—לייב מלמד איז פריילעך, ברומט ער חזניש, שרייבט דער דיכטער. דער בלעכער אויפן שפּיץ פון קלויסטער דאַך זינגט בעת דער ארבעט, חנא קלעזמער שפּילט ביי א שמחה „בוקר" און עס לאָזט זיך הערן פון עולם „טענער, קולות, וואָס זיי גליען און וואָס רופן דיך צו פליען"; און דער עולם באַלד אייננאַנצן פלעג זיך דריבנעטשקע צעטאַנצן — ווען סע

פלעגט אין דרויסן טאָגן. די ראָבוסטע וויטאַליטעט פון די רומענישע יידן האָט גובר געווען דעם יאוש מיט געזאַנג און טאַנץ, גאַנץ אָפט מיט א שפּאָטליד קעגן די נייע מושלים, וועלכע האָבן אָן אויפהער זיי אָנגעטאָן צרות און לייד.

די שטעטלדיקע יידישע ארבעטער-טיפּן מאָלט אונדזער לעאָן בערטיש אין דעם פּאָפּולערן ליד „רעשעטניקעס"... „וועלכע ווען די פלינקע הענט צעפירן, בערג מיט גאָלד — א ממון קורח רירן". שווארצע כמארעס הייבט זיך דער שטויב אין די גרויסע כאמבארעס און די רעשעטניקעס זעען אויס נאָך דער ארבעט ווי די רוחות, שווארצער, ווילדער, אָבער ווייצן-רענדלעך גאָלד. אָט אזוי: „מע לעבט, מע מיטשעט/ אינעם קערן-גאָלד אליץ טיטשעט/ אין טרערן, מיסט און ריקעם".

צום סוף ווילן מיר דערמאָנען דאָס שטיפערישע ליד: „בין איך שוין געשטאָרבן". אין חלום שטארבט דער דיכטער און פאר אים דעפילירן אלע העלדן זיינע, ווען דער דיכטער דערוואכט, פילט ער, אז „האָסט נאָך גוטער ברודער צו זינגען און צו זאָגן".

היימישער געמעל און ווערטער, א ליריש-הומאָריסטישער פינקס פון א קליין שטעטל אין דער מאָלדאָווע פון אָנהויב 20-טן יאָרהונדערט, פּיטאָרעסקע פיגורן, הארציקע פאָלקס-מענטשן. די רעאַליטעטן פון הייַנטיקן רומעניע וועלכע ער שילדערט, דערלויבן אים ער זאָל אויך וואנדלען איבער דעם א מאָל רייכפארביקן שטעטל באגלייט מיט א ניגון און שמייכל, צומאָל א ביטערער פון בענקשאפט נאָך די קינדער-יאָרן.

לידער מיט א רייכער גאמע מאָטיוון:

ישראל בערקאָוויטש

דער טיטל פון בוך איז פאר אייניקע עקסטראוואגאנט. אונדז, דערמאנט ער אין איינע פון די לעגענדעס, וואס וועבן זיך ארום וואָלף ערענקראנץ זבארזשער, פון רומענישע יידן באליבט און באקאנט אלס וועלוול זבארזשער. מען זאָגט אז געווייטלעך, פלעגט ער שאפן זיינע גלענצנדיקע ליד אימפּראוויזאציע און לידגעזאנג א בגילופנדיקער. קומט זיין מיטצייטלער און נאָענטער פריינד, דער שרייבער, לערער אין באָטאָשאן אין משך פון עטלעכע יאָר, ישעיהו זילבערבוש און דערציילט אז, דווקא אין אן אָוונט, ווען וועלוול זבארזשער

האָט נישט געטרונקען, נישט קיין ווײַן און נישט קיין בראָנפן נאָר געזופּט קאַווע, האָט ער געשאַפן די בעסטע שירים זײַנע. דאָס איז געשען בעת ער פלעג זיך טרעפן מיט אברהם גאָלדפאַדען. אַנוועזענדע חסידים פון זבאַרזשערן פלעגן זאָגן, אַז קיין מאָל נאָך זינגט זיי געדענקען, האָבן פון אים נישט גע־שפּריצט אַזעלכע גײַסטיקע פונקען.

ישראל בערקאָוויטש דער מחבר פון לידער־בוך „אין די אויגן פון א שוואַר־צער קאַווע", קומט ערשט איצט צו באַטײַטיקייט, דורך זײַן ערשטלינג מיט אָפּנהאַרציקע, האָפערדיקע, שכלדיקע לידער.

די לידער פאַרבינדן געשעענישן פון עבר מיט דעם איצט, מיט אונדזער איינעם טאָג, אַז פאַרליבט פּאָרל, אַז — ער און א זי, פּרוּוון דערגײַן דעם זין און ציל פון לעבן. זיי זינגען לירישע ליבע־לידער, מיזמורים, דער צײַט, דער פרײַהייט, דעם מענטשלעכן שכל, דער חברשאַפט, וואָס פאַרבינדט די מענטשן. פיל לידער זענען אַן אָנגענעמער סיורפּריז — ווײַל זיי זענען ציזעלירטע, רײַפע. דער דיכטער האָט זיי געשריבן, ווען ס'האָט זיך גענומען קרײַזלען אויף זײַן, שלייף א זילבער—האָר, אין די רײַפע יאָרן:

„...במעט שוין אין מײַן צווייטער עלטער, דער האַלב־רײַפער,
געקומען איז דאָס גליק פון ליבע און פון אײַפער".

דאָס ערשטע ליד פון בוך, „פרימאָרגן" (ז.8.), איז א הומאַניסטישע. מעדיטאַציע מיט א מוסר השכל:

„...ויער אין לעבן דינט זײַן צײַט, לעבט אין אַלע צײַטן". דעם דיכטערס גרויסער שרײַבער און חבר איז יצחק לייבוש פרץ — דער גאָלדיקסטער סקעפּ־טער פון אונדזער גאַנצער יידישער ליטעראַטור. מיט פרצן גייט ער שוין אַרום פון כמה יאָרן.

„אין געסלעך אָרעמע, אין גאַסן רויִיקע פון גרויסער שטאָט א מאָל בין איך מיט דיר, אין טרוים.
אין בלומען־לאַנד פאַרפאָרן און אָט אויך היינט, מיר גייען ווידער טראָט בײַ טראָט".

פרצס „מײַן נישט". „האָף און גלויב", דאָס טיף הומאַניסטישע „אויב נישט נאָך העכער", „טרייסט .מײַן פאָלק", האָבן זיך געמאַכט א וועג, דורך תפיסה און לאַגער־מויער און געמוטיקט אויך אין שיל אויף דעם באַלעמער, ווען די פאַרטיליקונג איז יעדע רגע געשטאַנען אויף דער לויער.

דעם שקאַצישן, געוואגטן „פער דו", מיט וועלכן דער דיכטער ווענדט זיך צו אונדזער גרויסן י.ל. פּרץ, פאַרגיטיקט ער מיט דער פּיעטעט, וואָס ער ווייזט אַרויס אונדזער גרויסן קלאַסיקער אין זיין ליד „פּרצן א דאנק".

„פאַר זיין וואָרט מיט אָדלער-פליגל,
פאַר זיין ליבע-ליד,
פאַר זיין זאָרג פאַר אונדזער גורל,
דאַנקט אים אָפּ מיט ליד.

פאַר זיין לעבן, וואָס געשענקט ער
האָט פאַר אונדזער קיום,
פאַר זיין שאַל פאַר פריי און שלום
לאָמיר דאַנקען אים.

פאַר זיין אומרו, פאַר זיין שטרעבן,
צו אַלץ, וואָס שיין און ניי,
פאַר די פּינטעלעך וואָס רעדן,
פּינטעלעך די דריי..."

ווי אַזויפיל דיכטער פּרוווט אויך בערקאָוויטש ענטפערן וואָס אַזוינס איז ליבע?

„ליבע, ליבע,
סודותדיקער סוד
סודותדיקער נאָך ווי גאָט.

ליבע איז אַזוינס
וואָס הייסט דיר פרעגן יעדע רגע
צי זעט מען אין די אויגן דיינע

וויפל דו האָסט ליב.
צי ביסטו גענוג גוט און ריין
צו זיין פאַרליבט".

(„סודותדיקער סוד").

א מיזמור דעם באוסטזיין איז דאָס ליד „ווי אין תהלים“ — קינסט-לעריש — א מדרגה אין בערקאָוויטשעס לידער-בוך:

„צו דיר, ליבסטע פון מיין לעבן,
דאַוונט מיין געזאַנג,
דאַוונט דיר א דאַנק.
א דאַנק דיר פאַר באַשטימען מיר
פון פאָרויס מיין געדאַנק,
א דאַנק דיר פאַר באַגלייטן מיר
מיין יעדע טאַט, מיין יעדן גאַנג.

א דאַנק דיר פאַר אַנטפּלויזן מיר
דיין טיפסטן סוד
— די ליבע דיינע —
וואָס מיך געענטער האָט געבראַכט
צו דעם באַגריף פון גאָט
א דאַנק דיר פאַר דיין איטלעכן
באַווייז.
אַז דו ביסט שטענדיק ביי מיין רעכטער האַנט
א דאַנק פאַר געענטער ברענגען
אונדזער ליבע צו דעם שכינה-קרייז.
א דאַנק דיר פאַר דעם דראַנג וואָס
האָסט דערוועקט אין מיר
צו וועלן וויסן
א דאַנק פאַר אָט דעם דראַנג,
וואָס האַלט מיך וואַך און מאַטערט
מיין געוויסן“.

הומאַניסטישע מעדיטאַציע זענען די לידער „פון זאַנדבורג“, „ווערטער“ צווישן די שטיפערישע לידער דערמאַנען מיר „די ערשטע סימפאָניע“. דאָס עטישע ליד מיט א מוסר-השכל „העמדער-טעג“ איז כדאי צו דערמאַנען:

„...ווען עס ענדיקט זיך דאָס לעבן
מוז מען אַלע טעג, ווי העמדער איבערגעבן.

דאַרף דער מענטש אַ לעבן־לאַנג זיך זאָרגן
אַז יעדער טאָג זאָל בלייבן ריין און ציכטיק
ווייל פונעם גאַנצן לעבן
אַז מען טוט אַ טראַכט
איז אפשר דאָס אַליין נאָר וויכטיק".

דער דיכטער ישׂראל בערקאָוויטש גלייבט מיט גרויס פּאַטאָס אין אַן אמת און סאַראַ וויטיק וועגן ער ווערט פאַרקריפּלט, זעט „ווי אין שקר ווערט פאַרוואַנדלט". צווישן די לידער וואָס פאַרמאָגן מיטרייסנדיקן פּאַטאָס דאַרפן דערמאָנט ווערן „די גראָזן רוישן ווי אַ מאָל":

„די גראָזן רוישן ווי אַ מאָל
אַ פּאַסטעך־פייפל קלינגט אין טאָל
נאָר באַלד קלינגט אָפּ אַ ווידערקול
וואָס בייט דעם קלאַנג און בייט דעם טאָן:
זעקס מיליאָן!
זעקס מיליאָן"!

עס טריפט און ציטערט אין יעדער שורה פון ליד, דאָס בלוט פון די זעקס מיליאָנען.

„אין די אויגן פון אַ שוואַרצער קאַווע" איז אַ בוך מיט אַ רייכער גאַמע פון מאָטיוון, פאַרטראַכטקייט, נאַציאָנאַל און סאָציאַל וויברירנדיקע לידער, מענטשלעכע בענקשאַפט און שטרעבונג צו גליק. לידער וועלכע רירן אונדז און רייצן אונדזער חשק צו דערהויבנקייט, שיינקייט.

דער פאַרלאַג „קריטעריאָן" האָט דאָס בוך געדרוקט אין אַ שיינעם לבוש. לעקטאָר פון בוך איז שלום רובינגער, אַ באַקאַנטע קולטור־געזעלשאַפטלעכע פערזענלעכקייט, דעם דרייפאַרביקן שער האָט מיט געשמאַק געצייכנט דומיטרו באַדעסקו, מאָדערנע שריפט און גוט פּאַפּיר — איז אַ פרייד צו לייענען אַזאַ בוך און אין דער פרייד געדענקען מיר מיט דאַנק די דערמאַנטע מיטהעלפער אויספירער פון בוך.

פובליציסטן און עסייִסטן

משה לאקס

וועטעראַן פון יידישע פובליציסטן אין רומעניע

ווייניק יידישע פובליציסטן האָבן געהאַט די זכיה, ביי אַבציק און זעקס־אינאַכציקסטן לעבנסיאָר, זאָל אַ מלוכהשער פאַרלאַג, ארויסגעבן צוויי ביכער מיט זייערע געדרוקטע אַרטיקלען אין דער פרעסע.

משה לאַקס איז שפּעט אַריין אין זיבעטן הימל פון דעם געדרוקטן יידישן וואָרט. אין 1946 האָט ער געדרוקט אַ 16 זייטיקע בראָשור וועגן יעקב פּסאַנטיר דעם כראָניקער און פאָלקס־זינגער פון רומעניע אין 1967 „ליטעראַרישע פיגורן" 190 זייטן; אין 1973 „מעמואַריסטישע פעדער־שפּריצן" 159 זייטן.

לויט די יאָרן איז משה לאַקס דער עלטסטער יידישער שרייבער פון רומעניע.

געבוירן אין מאָלדעווישן שטעטל ה א ר ל ו י, יאַסער קרייז, אין יאָר 1887. עטלעכע יאָרן, האָט ער געפּראַוועט לערעריי אין מאָלדעווישע שטעטלעך ווי פּאַשקאַני למשל, ביז ער קומט אָן אין דער שטאָט מיט אַ טראַדיציע פאַר יידיש־באָטאָשאַני. קיין באָטאָשאַני איז צום ערשטן מאָל אַראָפּגעקומען וועלוול זבאַרזשער־דער פאָלקס־דיכטער און טרובאַדור; אויפן בוידעם פון אַ באָטאָשאַנער קרעטשמע, האָט זיך אַברהם גאָלדפאַדען אויסבאַהאַלטן פון די כאַפּערס, וועלכע האָבן געבושעוועט בעתן רוסיש־רומעניש־טערקישן קריג, און דאָרט, אָנגעשריבן זיין פּיעסע „דער ערשטער יידישער רעקרוט". אין באָטאָשאַני האָט ראובן אשר ברוידעס ארויסגעגעבן דעם זשורנאַל „יהודית", און אַלץ דאָ, אין באָטאָשאַני, האָט יצחק יואל ל י נ ע צ ק י. דער מחבר פון „פּוילישן יינגל" ארויסגעגעבן אַ יידיש וואָכנבלאַט נאַציאָנאַל וואָס האָט געהאַט אַ משכילישן און חובבי־ציונדיקן כאַראַקטער, צווישן די יאָרן 1886-1889 זענען דערשינען 212 נומערן אָבער די מאַטעריעלע און פּאָליציייִשע שוועריקייטן, צווינגען לינעצקין

אָפּצושטעלן די צייטונג, ליקווידירן די אייגענע דרוקעריי און ווידער זיך באַזעצן אין אָדעס. פון באָטושאַני און פון באָטושאַנער קרייז שטאַמען גרויסע פּערזענלעכקייטן פון דער רומענישער קולטור און קונסט, פון דער רומענישער ליטעראַטור. איך וועל דערמאָנען בלויז איינעם דעם געניאַלן רומענישן דיכטער מיכאיל ע מ י נ ע ס ק ו!

פאַרשטייט זיך אַז די יוגנט און בעלי מלאָכות פון שטאָט, האָבן זיך באַטייליקט אין פאַרשיידענע פאַריינען, וואָס׳איז אָנגעגאַנגען אַן אינטענסיווע יידישע קולטור-טעטיקייט, באַזונדערס אינטערעסאַנט איז אָבער געווען די טעטיקייט פון „לעזע קרייז“ אין יענע יאָרן. משה לאַקס דערמאָנט די רעפעראַטן און די פּאָפּולאַריזאַטאָרן פון יידישער ליטעראַטור: יידאַלע ווײדענפעלד, דער לערער פון דער באָטאָשאַנער „איזראַעליטיש-רומענישע שולע“ יעקב גודעלמאַן, די באַקאַנטע מוכר-ספרימניקעס פון באָטושאַני עזריאל גרינבערג מיט די זין, די בעלי מלאָכות חיים שניצער און אַלטער קליין, וועלכע פלעגן פאָרלייענען אין „לעזע קרייז“ אָדער אילוסטרירן מיט רעציטאַציעס און פאָרלעזונגען די רעפעראַטן. איינער פון די רעפערענטן אין „לעזע קרייז“ פון באַטאָשאַני איז געווען אויך אונדזער משה ל א ק ס.

אַלס קולטור-געזעלשאַפטלעכער טוער איז משה לאַקס מיר באַקאַנט פון יאָר 1928, ער איז געווען אַ מיטגליד אין דער אָנפירונג פון דער יידישער קולטור-פעדעראַציע אין רומעניע, און פון דער בוקאַרעשטער קולטור-ליגע אין יענע יאָרן, ווען איך בין צום ערשטן מאָל געקומען און פאַרבראַכט כמעט אַ יאָר אין בוקאַרעשט, בין איך בייגעווען ביי אַלע רעפעראַטן פון אַליעזר שטיינבאַרג, שלמה ביקל, משה אַלטמאַן, יעקב שטערנבערג, באַרבו לאַזאַרעאַנו, לאָסקאַר שאַראַגאַ, יעקב גראָפּער א. אַנדערע. שפּעטער אין די טיפע דרייסיקער ביז מיט אַ קורצער צייט בין איך בייגעווען ביי לאַקס רעפעראַטן לעקציעס, וועלכע האָבן צוגעצויגן פאָלקס שיכטן און יינגנטלעכע אינטעליגענץ, ווייל לאַקס האָט געוווּסט ווי אַזוי אַרויסצוברענגען די סאָציאַלע אַקאָרדן וואָס וויברירן אין די ווערק פון די יידישע שרייבער, און אַזוי דערוועקט ניט נאָר אינטערעס צו די ווערק פון מאָרים ראָזענפעלד, דוד עדעלשטאַט, באָווּשאָווער און מאָרים ווינטשעווסקי נייערט ליבע דורך אויסלערנען אויסנווייניק אייניק לידער פון די דערמאָנטע דיכטער!

בעת דער לעצטער מילחמה, האָט זיך משה לאַקס באַטייליקט אין די אימפּאָזאַנטע ה ז כ ר ו ת, קולטור מאַניפעסטאַציעס אין די שילן פון בוקאַרעשט, באַנאַנד מיט אַנדערע פּראָגרעסיווע מענטשן ווי יעקב גראָפּער, באַרבו ל א ז א ר ע א נ ו, לאָסקאַר ש א ר א ג א, אין קינסטלערישן טייל האָבן רעציטירט

די באקאנטע קינסטלער בעאטע פ ר ע ד א נ אָ ו און אלעקסאנדער פ י נ צ י, קאראָלא העללער, שרה ע ט י נ ג ע ר און אנדערע.

דעם דריטן טאָג נאָך דעם אָנהויב פון אויפשטאנד קעגן די פאשיסטישע מושלים בעת ס'האָבן געהילכט די שיסערייען ניט ווייט פון בוקארעשט, האָבן מיר, א גרופע אלטע קולטור-געזעלשאפטלעכע טוער, משה לאקס, לאסקאר שאראגא, פינקו סעגאל און זיין זון סאמי, דער שרייבער פון אָט די שורות פארגומען צוריק דעם לאָקאל פון „איקוף" (פרץ ביבליאָטעק) און א דאנק די באמיונגען פון בארימטן שריפטשטעלער מלך ראוויטש, זענען אָנגעקומען פון קאנאדע צוועלף קאסטנס מיט ביכער, א מתנה פון דער יידישער געזעלשאפטלעכקייט פון קאנאדע, איז בארייכערט געוואָרן און אָנגעהויבן נאָרמאל צו פונקציאָנירן די ביבליאָטעק. וועכנטלעך זענען אָרגאניזירט געוואָרן רעפעראטן, מיט קינסטלערישע פראָגראמען וועלכע האָבן צוגעצויגן הונדערטער צושויער צו יעדער אימפרעזע. א סך רעפעראטן האָט געהאלטן משה לאקס. אין דער זעלבער צייט, איז ער געווען מיט-רעדאקטאָר ביי דעם „קולטור וועגווייזער", מיטגעארבעט אין די „איקוף-בלעטער", אין דער פאריזער „נייע פרעסע", אין דער ווארשעווער „פאָלקסשטימע", „יידישע קולטור", ניו-יאָרק, א. אנדערע. לאקס איז געווען רעפערענט אָדער קאָ-רעפערענט אין די גראנדיעזע קולטור און קונסט מאניפעסטאציעס פון „איקוף" אין זאל פון „אטענע", דער גרויסער קאָנצערט זאל פון בוקארעשט, אין זאל „דאלעס", ווו עס זיינען ארויסגעטראָטן אָנגעזעענע רומענישע קולטור-פערזענלעכקייטן באנאנד מיט יידישע ווי בארבו לאזארעאנו, דר. עמיל דאָריאן, מאקסי און אנדערע. אין אָט די אימפרעזעס האָט זיך באטייליקט דער „גרויסער איקוף כאָר" אָנגעפירט פון חיים שווארצמאן. אָט די קולטור און קונסט מאניפעסטאציעס האָבן פארשאפט אסך כבוד און הנאָה דער יידישער קולטור אין רומעניע און דער יידישער באפעלקערונג וועלכע איז אָנוועזנד געווען אין די טויזנטער.

און איצט לאָמיר איבערלאָזן דעם בן-מלך און זען די בת-מלכה, זיין בוך ניט לאנג דערשינען, א.ט. „מעמואריסטישע פעדער שפריצן". צווישן די ארבעטן אין בוך דערמאָנען מיר די באקאנטשאפטן מיט שרייבער ווי: מדרכי ספעקטאָר, חיים נחמן-ביאליק, ז. שניאור מיט די דיכטער יעקב כהן, אביגדור המאירי: מיט איליא ערענבורג, טודאָר ארגעזי, מיכאיל סאדאָוועאנו. אין אָט די ארבעטן גיט אונדז לאקס שטריכן, מאָגערע אָפּשאצונגען, זיכרונות פארפלאָכטענע מיט אנעקדאָטיק. היות דאָס רוב פון זיי זענען שוין אויף דער אמתער וועלט, ווילן מיר גלויבן אז לאקס איז געוויסנהאפט אין די דערמאנטע ארבעטן.

באַטש אינטערעסאַנטע אינפאָרמאַציע אין די ארבעטן וועגן לאַזאַר שיי־נעאַנו און דר. משה גאַסטער און אויך וועגן יעקב גראָפּער שאָקירט אונדזדער אספּעקט—הגם, ווירקט פיינליך לאַקס באַהויפּטונג אַז דער געלערנטער גאַסטער „איז געווען אַ גרויסער רודף אחר הכבוד" (ז.62) אַז שלום עליכם איז געקומען קיין רומעניע „דירעקט פון רוסלאַנד, ער איז אריבער די גרענעץ קיין רומעניע און איז אָנגעקומען קיין יאַס" ז. 13. די סיבה? לויט מ. לאַקס „ווייל פאַרבליבן אַ גרויסער בעל־חוב" ז. 13.

פון דער הקדמה פון ליבל ט ו י ב ש צו שלום עליכמס „סקיצן און בילדער" 32 זייטן גרויספאָרמאַט, דערשינענע אין ווין תר"פּ (1920) לייענען מיר: „שלום עליכם האָט געוווינט אין קיעוו און איז געוואָרן אַ קרבן פון פּאָגראָם אין 1905. כדי זיך צו ראַטעווען פון דעם ארץ הדמים האָט ער באַשלאָסן צו פאָרן קיין אמעריקע. אין אַ בריוו צום ניו־יאָרקער „טאָגבלאַט" שרייבט שלום עליכם: איך לאָז מיך אוועק מיט מיין פאַמיליע קיין אמעריקע און זיין איבער דער בייזער צייט„ און מיט זיין פאַמיליע איז ער אָנגעקומען קיין לעמבערג אין 1905. אין משך פון די עטלעכע חדשים וויפל ער האָט דאָרט געוויילט מ י ט זיין מ ש פּ חה האָבן אים זיינע פריינד איינגעאָרדנט אין אַ סך שטעט און שטעטלעך אין גאַלי־ציע און בוקאָווינע „שלום עליכם — אָוונטן", ז. IV פון דער הקדמה. לייבל טויבש איז געווען אַ הייסער שלום עליכם חסיד, אַ גוטער פּאָרלייענער פון ש'ע ווערק און זיין אימפּרעסאַריאָ פאַר דער צייט וויפל ער איז געווען אין לעמבערג, פּראָווינץ און אין טשערנאָוויץ. מיגלעך אַז אויך אין רומעניע. איך ווייס ניט פון וואו האָט לאַקס גענומען זיין אינפאָרמאַציע אָבער אונדזערע, גלוי־בן מיר, איז אַ באַגרינדעטע און ריכטיקע. קיין רומעניע איז ש'ע געקומען אין 1906, פון טשערנאָוויץ!

מיט אַ סך באַגייסטערונג זענען די ארבעטן וועגן זיינע נאָענטע פריינט, יעקב שטערנבערג, בארבו לאַזאַרעאַנו, ברוך האגער און מע לייענט זיי מיט אינ־טערעס. אינפאָרמאַטיוו איז די ארבעט "ווי מיר האָבן אין 1928, געפייערט דעם 20 יאָריקן יובל פון דער יידישער שפּראַך־קאָנפערענץ„ (ז. 106-112).

שרייבנדיק אויף אַלערליי טעמעס ווי למשל די קאָמפּילאַציע „די אוצרות פונעם יידישן פאָלקסליד" 113-125. לויט פאַרשיידענע קוואַלן (ניט אָן דער מחבר) איז וויניק וואָס מחדש אפילו אַז ער גיט אייניקע ביישפּילן פאַר אַ פאָרשער פון פאַרגלייכנדן פאָלקלאָר, יידיש־רומעניש.

לאַקס פּרעטענדירט נישט אַז ער ברענגט פאָרטרעטן נאָר „פּעדער שפּריצן" ער האָט יידיש וויסן און קענטעניש, דאָס זעט מען פון די פסוקים פון תנ"ך און ווערטלעך פון דער גמרא וועלכע ער פלעכט אריין אין זיינע ארבעטן פון בוך.

דעם מחבר און דעם פארלאג „קריטעריאָן" קומט א לויב שוין דערפאר, ווייל דער אינפאָרמאטיווער מאטעריאל פון בוך, איז א ביישטייער, כדי מען זאל נישט פארגעסן די שעפערישע גייסטער פון זיין דור, מיט וועלכע משה לאקס האָט געהאט פערזענלעכע קאָנטאקטן אין משך פון איבער א האלבן יאָרהונדערט.

איזאָ שאפּיראָ האלט „אז משה לאקס האָט באַרייכערט דעם יידישן עסיי מיט זיינע צוויי ביכער „ליטעראַרישע פיגורן" און „מעמואַריסטישע פּע-דערשפּריצן" באַרייכערט מיט אן אינטערעסאנטן אנאליז פון באַטייטיקע קול-טורעלע און ליטעראַרישע דערשיינונגען פון אונדזער צייט".

י. קאַרא

(איציק שווארץ)

זיין געזעלשאַפטלעכע טעטיקייט האָט ער אָנגעהויבן אין יאס, אין דער דאָרטיקער „קולטור-ליגע", אין 1924. איך האָב געטאָן ביבליאָטעק-אַרבעט און ער פלעג האלטן לעקציעס אויף די ליטעראַרישע אימפּרעזעס. איך בין יונגער פון אים מיט דריי און א האלב יאָר, געדענק איך, אז ער פלעג לייענען א סך, פון כל המינים: בעלעטריסטיק און פּאָליציסטישע ראָמאַנען, דראַמאַטישע ווערק וכדומה. לייענען פלעג ער מיט אן איבעראַשנדיקער שנעלקייט, ממש געשלונגען די זייטלעך פון די ביכער.

איך האב געהאט די געלעגנהייט צו זיין מיט אים אין ליטעראַרישע קרייזן, צו גאסט ביי זיינע מיטשילער, ביי א משפחה-יום-טוב פון איינעם פון זיי, און באלד באַמערקט אז, ווו ער קומט אריין, ווערט באלד די שטוב, דער זאל, פול מיט זיין פערזענלעכקייט, מיט זיין ליטעראַריש-וויסנשאַפטלעכער אינפאָרמא-ציע, מיט די מעשיות, וויצן, מיט דעם הומאָר וואָס ער ברענגט מיט זיך. אין אייניקע היימען פון שול-קאָלעגן, אָפּגעפרעמדטע קרייזן פון יידישע אינטעלי-גענטן, פלעג ער פאָרלייענען פון די ווערק פון אונדזערע גרויסע קלאסיקער און סטימולירט זיינעם א שול-חבר הערש פיקער, ער זאל איבערזעצן פון שלום עלי-כמ'ס ווערק. דערשינען זענען צוויי ביכעלעך אין דער פּאָפּולערער רומענישער אויסגאבע „ביבליאָטעקא דימינעאצא".

אין 1926 הייבט ער אָן זיין פּעדאַגאָגישע טעטיקייט. ער ווערט לערער אין די דעמאָלט „רומעניש-יידישע פאָלקס-שולן" פון יאסער קרייז. אין 1928 איז ער אנוועזנד אין טשערנאָוויץ אויף דער פייערלעכקייט לכבוד דער „טשערנאָ-וויצער יידישער שפּראַך-קאָנפערענץ" — אלס דעלעגירטער פון דער יאסער,

„קולטור-ליגע“ און אַ יאָר שפּעטער, פירט ער זיך איבער קיין טשערנאָוויץ, ווערט לערער אין דער יידישער פאַך-שול נומער פיר, פירט אָן די זו-מער קאָלאָניעס פון שול-פאַריין און איז מיטגרינדער פון „סעמינאַר פאַר יידישער ליטעראַטור און שפּראַכקענטעניש“, מיטרעדאַקטאָר אין איינעם מיט פּראָפ. חיים גינינגער, הערש סעגאַל און נטע מאַנגער, פון דער געשמאַקער, אַנטאָלאָגיע אין לאַטייני‎שער טראַנסקריפּציע „נייע יידישע דיכטונג“, דערשי-נען אין 1934, און לויט נתן מאַרק „יידישע ליטעראַטור אין רומעניע“, איז אויך דערשינען אַ צווייטע אויפלאַגע פון דער אַנטאָלאָגיע. אין טשערנאָוויץ פאַרענדיקט י. קאַראַ דעם פאַקולטעט פון ראָמאַנישער פילאָלאָגיע.

בלעטערט מען די בוקאַרעשטער „אונדזער וועג“, „די וואָך,“ „שויבן“; דעם סיגעטער „אויפגאַנג“, די „טשערנאָוויצער בלעטער“, ווו ער דרוקט רעצענ-זיעס, קריטישע סטודיעס, ווו זיין נאָמען איז אָן אָפּטער גאַסט געווען, דער-לויב איך מיר צו זאָגן, אַז ער איז איינער פון די סאָלידסטע נעמען פון די קריטיקער פון דער יידישער ליטעראַטור און פאַרגעם נישט דערביי יאַנקל יאַקיר, בנימין טושינסקי, וועמענס מאָנאָגראַפיעס האָבן געמאַכט אַ רושם און זענען באַקאַנט געוואָרן ווייט איבער די גרענעצן פון רומעניע, אויך שלמה ביקל דער קולטור-היסטאָריקער און פּאַמפלעטאַר.

כדי אָפּצושליסן די ערשטע תקופה פון י. קאַראַ'ס-לעבן, און אַרבעט, לויט מיין וויסן — 1924 — 1944, דאַרף מען דערמאָנען די רייפע וויסנשאַפט-לעכע אַרבעטן: „דער פּנקס פון דער וויזשניצער „חברה קדישא“, פונעם יאָר, תקכט“ (1768) אין די „ייוואָ בלעטער“ נר. 5 פון 1939, און אין זעלבן יאָר, און אויסגאַבע, אַ „רשימה פּנקסים פון רומעניע“. ער האָט מיטגעהאָלפן, אַלס רעדאַקטאָר, ביים אַרויסגעבן לייב דרוקערס „פון סופליאַר-קאַסטן“, מיטרעדאַק-טירט אָן אָנצוגעבן זיין נאָמען אויפן בוך, מאיר כאַראַץ, וואָלף טאַמבור, הערש לייב קאַזשבער, און אויך ביי אליעזר שטיינבאַרגס „מייסעלעך“, ווי א. קאַראַ טיילט מיר מיט.

....איך האָב אים ווידער געזען נאָך אַכט יאָר ווען ער איז צוריקגעקומען פון פראָנט. ער האָט געקעמפט אין דער סאָוועטישער אַרמיי קעגן די היטלערים-טישע חילות. דער דעמאָלט פערציק יאָריקער מאַן, האָט אויסגעזען געעלטערט, אויסגעמאַטערט. די האָר שיטערע און פאַרגרויטע, קענטיקע סימנים פון יסו-רים און ליידן, כאָטש אַזוי פול מיט האָפענונג, מוטיק.

אַ צייט אין דער עוואַקואַציע, דערנאָך אַלס זעלנער, וואָך געווען גאַנצע נעכט; געשלאָפן אויף בלויזער ערד. זיין לעבן האָט אָפּט געהאָנגען אויף אַ האָר וואָס האָט געקאָנט זיך סיי ווען איבעררייסן.

נסיונות: אָט איז ער א לעבעדיקער פארשיט פון א באָמבע-אויפרייס, א
פארוואונדעטער. פון די טיפענישן פון זיין ערודיציע איז ארויפגעשוואומען, דער
אָנדענק פון די טעבאידער מדבר זקנים, זייער שליטה אויף די ווילדע חיות. ווען
א פרוש האָט געהאלטן ביים שטארבן, פלעג קומען א לייב, און מיט די נעגל
אים אויסגראָבן א קבר... און דאָ ליגט ער זאטשמעליעט, א לעבעדיקבאגראָבע-
נער מיט א פארוואונדעטער האנט און שרייט, כדי ער זאָל נישט איינשלאָפן
און ווערן א קרבן פאר קראָען, חיות רעות אָדער נישט דערלעבן זאָלן זיי עם-
אריינפאלן אין די הענט פון שונא...
א שוידער נעמט אים ארום. מיט די לעצטע כוחות שרייט ער און שרייט.
ענדלעך גראָבט מען אים אויס און מע פירט אים אָפּ אין א פעלד שפיטאָל.
נאָך איידער די וואונד איז פארהיילט איז ער ווידער אין דער ארמיי.
אין מיטן פון אָט דעם גהינום האָט י. קארא געשריבן לידער וועלכע בארוי-
שן מיט זייער אָפּטימיזם. איך דערמאָן מיך אין אייניקע פון זיי „דורך פייער
און שטורעם“ „אני מאמין“ „קרעדאָ“.
ער האָט חתונה מיט דער באהאוונטער ליציי פּראָפעסאָרין פאר געשיכטע
אנא הערצאָג און פירט אָן מיט א קינדער-היים אין באקוי. סטימולירט פון זיין
פרוי הייבט ער אָן ארבעטן אויף א געשיכטע פון יידן אין רומעניע. די שווער
געפרוווטע, בעת דער לעצטער וועלט-מלחמה אנא הערצאָג שטארבט נאָך א
שווערער קראנקהייט, אין 1947. ער בלייבט אליין און געפינט א טרייסט אין
ארבעט.
אין די „ייוואָ בלעטער“ באנד 27 פון 1946, דערשיינט א קורצע אָבער אינ-
טערעסאנטע ארבעט א.ט. „אן אומבאקאנט ליד פון גאָלדפאדען“. אין בא-
קוי דרוקט ער א בראָשור אויף רומעניש “Mărturii din veacuri„
(עדות פון דורות) 1947, זז 32, מאטעריאלן צו דער געשיכטע פון יידן
אין רומעניע. א סטודיע וואָס איז צוליב פערזענלעכע סיבות, נישט אריין אין
די „בוקארעשטער זאמלביכער“ האָב איך געלאָזט דרוקן אין בראָשור פאָרם,
אין בוקארעשט, אליין געמאכט די קאָרעקטור, און געגעבן דעם טיטל „דרייסיק
יאָר יידישע ליטעראטור אין רומעניע“ זז 32, און אויפן פארלאנג פון י. קארא
אָנגעגעבן אויפן רעכטן שער „פריינט פון יידישן וויסנשאפטלעכן אינסטיטוט,
יאס“ — א ראשנדיקע ארבעט, די ערשטע פון דעם מין אין רומעניע.
היות אין אָט דער ארבעט גיט י. קארא קורצע און זאכלעכע אָפּשאצונגען
וויל איך זאָגן אז דער קריטיקער י. קארא, האלט פון קעגנזייטיקייט אין דער
אכטונג פון שרייבער צו קריטיקער. זיין עטישער און עסטעטישער באגריף פון
קריטיק“? נישט קיין מעלה-גרהטע קריטיק פון שבחים, פון אויסגערעכנט שמי-

רעכץ נאָר אויפריכטיקייט און אומטאָלעראַנץ צו גראַפאָמאַניע; אָבער ווען ס'איז די רייד פון עכטע שעפערס, איז זיין אָנערקענונג באַהויכט מיט באַגייס-טערונג.

א היפשע צאָל טיטלען פון וויסנשאַפטלעכע אַרבעטן זיינע, זענען שוין דערשינען אין רומעניע און איבער די גרענעצן, אין די וואַרשעווער „בלע-טער פאַר געשיכטע", אין די „ייווא בלעטער", אין די „יידישע קולטור" פון ניו יאָרק, אין דער בוקאַרעשטער „צייטשריפט" אין אויסגאַבעס פון דער רומע-נישער אַקאַדעמיע. אויסרעכענען זיי וואָלט פאַרנומען צופיל פּלאַץ. מיר דער-לויבן זיך צו זאָגן אַז זיי זענען אַ ס י נ ט ע ז פון קנאַפּע צוויי יאָר טויזנט, יידישן יישוב אין רומעניע. ...אַ מילדער ווינטער טאָג. די זון צעטאָפּעט דאָס ביסל געפאַלענעם שניי אויף די בוקאַרעשטער גאַסן. איך געפין מיך אין בוקאַ-רעשטער מלוכהשן הויפּט אַרכיוו, זוכן מאַטעריאַלן וועגן אַמאָליקע יידישע קלעזמער און יידישן טעאַטער. פּלוצים כאַפּט מיך אַרום עמעצער, ס'איז י. קאַראַ געקומען אַמטלעך פון יאַס, אין דעם זעלבן אַרכיוו. ער איז שוין דער ליטעראַ-רישער סעקרעטאַר פון ניי געגרינדעטן „יאַסער יידישן מלוכה טעאַטער". אַ צווייטע תקופה הייבט אָן אין י. קאַראַ'ס לעבן.

י. קאַראַ'ס טעאַטראַלע טעטיקייט

איך דערמאָן מיך אַז אין 1922, האָט איבערגעזעצט אַ פּיעסע „די באַ-לאַגערונג פון טולטשין", וואָס איז אויסגעפירט געוואָרן אין פאָדאָלאָי, עס האָבן מיטגעשפּילט גדליה וועסטלער פון יאַס און י. קאַראַ. עס איז געווען אָנ-הויב ווינטער און איך בין מיט אַ ביציקל, אויף אַ קאַלטן, שניידיקן ווינט, גע-פאָרן פון יאַס קיין פאָדאָלאָי, פון וואַנעט מיר שטאַמען, און אָנגעקומען, דאָרט ביים אָנהויב פון ספּעקטאַקל, אין דעם גרויסן זאַל, פון דער יידיש-רומענישער שול, אַ מידער פון דעם שווערן, מער ווי צוואַנציק קילאָמעטרדיקן וועג, פּוסט, צווישן טאָג און נאַכט.

י. קאַראַ האָט מיר מיטגעטיילט אַז ער שרייבט וועגן טעאַטער און איבער טעאַטער. ער האַלט אַז טעאַטער, איז אַ סעקטאָר פון יידישער געשיכטע אין רומעניע. אגב, באַמערקט ער, באַגעגנט ער אין די אַרכיוון, שפּורן פון מיינע פאָרשונגען אין שייכות מיט יידיש טעאַטער געשיכטע אין רומעניע.

אליעזר פרענקעל איז אַ צייט געווען ליטעראַרישער רעפערענט פון יאַ-סער יידישן מלוכה טעאַטער און איבערגעזעצט אייניקע פּיעסן און באַזונדערס מיטגעהאָלפן ביים מאָביליזירן דעם קינדער עולם צו די ספּעקטאַקלען פון דער פּופּן-סעקציע ביים יאַסער יידישן מלוכה טעאַטער.

א ברייטע, פאַרצווייגטע ארבעט פירט אויס י. קאַרא אַלס ליטעראַרישער סעקרעטאַר: קורסן פאַר יידיש, שרייבט און דרוקט אין די טעאַטער-העפטן, זיכרונות פון אַלטע טעאַטער פּאַטריאַטן, פּאָפּולאַריזירט יידישע און וועלט-קלאַסיקער, וועלכע מע שפּילט אין טעאַטער. גרייט צו די פּראָגראַמען פון יעדן ספּעקטאַקל, פון פאַרשיידענע אַנדערע אימפּרעזעס, דרוקט א קורס פון יידיש אין די פּראָגראַמען. אין 1948 האָט די פעדעראַציע פון יידישע קהילות, געדרוקט פאַר די לערער-קורסן פון יענעם יאָר, א "גראַמאַטיק פון דער יידישער שפּראַך" פון י. קאַרא.

דריי באַאַרבעטונגען: פון „ני בע ני מע„ (גאָלדפאַדען), פון שלום עליכם „דער פאַרכישופטער שניידער„, פון משה גערשנזאָנס „הערשעלע אָסטראָפּאָליער„, זיינען אויפגעפירט געוואָרן איןביידע מלוכה טעאַטערס, פון יאַס און בוקאַרעשט. מער ווי 30 עסטראַדע טעקסטן, אליין געשריבענע אָדער בשותּפות.

קרוב 53 פיעסן האָט ער פאַרן טעאַטער איבערגעזעצט פון רומעניש, רוסיש, פראַנצויזיש. ער האָט אויך געשריבן א צאָל רעצענזיעס פון דעם טעאַטערס ספּעקטאַקלען. פאַרשטייט זיך אַז אָט די פרוכטבאַרע טעטיקייטן האָט סטימולירט, און מיט מערערע אַרטיקלען-עסייען כמעט באַרייכערט דער דירעקטאָר פון יאַסער יידישן מלוכה טעאַטער, די באַקאַנטע יידישע קולטור-פּערזענלעכקייט, דער טעאַטער רעזשיסאָר און פּעדאַגאָג איזאַ שאַפּיראַ. אין דער זעלבער צייט האָט י. קאַרא געדרוקט מאַטעריאַלן צו דער געשיכטע פון יידישן טעאַטער (און דרוק-וועזן) אין רומעניע אין די ייוואָ-בלעטער, קולטור, און אנד.

איך האָב אים באַזוכט אין יענע יאָרן, אין זיין וווינונג, אין איינעם פון די יאַסער צענטראַלע בלאָק-הייזער. אין זיין אַרבעטס צימער האָבן מיר געהאַט אַ שמועס. ביים אָפענעם פענצטער, כאַפּ איך אַ קוק אויף דעם יאַסער שטאָט-צענטער, אויסגעפּלאַסטערט מיט מאָזאַיק. ס'בלאָזט א פרילינג-ווינטל. פון אונטן הייבן זיך און שוועבן פיינע ראַדיאָ-מעלאָדיעס פאַרפלייצן אויך דאָס צימער ווו מיר שמועסן.

י. קאַרא באַזיצט א רייכע ביבליאָטעק מיט יודאַיקאַ: ספרים, חפצים, אַלטע יידישע דרוק זאַכן, יאַסער דרוק-אויסגאַבעס, ביבליאָפילישע זעלטנהייטן; אויף די ווענט פון צווייטן צימער, הענגען בילדער פון פריינט-מאָלער אַרטור קאָלניק, שלמה לערנער, וו. דאָבריאַן, איזו שערף.

שמועסנדיק טיילט מיר מיט י. קאַרא אַז ער גרייט פאַרשיידענע אַרבעטן. די טענדענץ פון זיי, איז ברענגען א בילד פון דער היסטאָרישער אַנטוויקלונג

פונעם יידישן ישוב אין רומעניע, אין זיינע שטרעבונגען און קאַמפן, דעם טראָפּ שטעלט ער, אויף עקאָנאָמישער און קולטור געשיכטע. די קוואַלן? די רייכע, היסטאָרישע ליטעראַטור דער עיקר דאָקומענטן, זאַמלונגען וואָס דערשיינען אין דער סאָציאַליסטישער — רעפּובליק-רומעניע. אָט דער קוואַל איז אַ רייבער אומאויסשעפּלעכער אויך פאַרן היסטאָריקער פון יידן אין רומעניע.

מיטן צוזאַמענגוס פון יאַסער און בוקאַרעשטער יידישן מלוכה טעאַטער, בלייבט י. קאַראַ אַ יאַסער און ס׳ע הייבט אָן די דריטע תקופה אין זיין שעפער-ישן לעבן, נאָכן יאָר 1962.

י. קאַראַ דער היסטאָריקער

פון דער גרויסער צאָל מאַטעריאַלן צו דער געשיכטע פון די יידן אין רו-מעניע, ווילן מיר דאָ דערמאָנען לדוגמא, בלויז עטלעכע: „חסידות און השכלה אין רומעניע”, נעמט אַרום אַ צייט-אָפּשניט פון 150 יאָר געזעלשאַפט-לעכע באַוועגונגען און יידישע קולטור-געשיכטע אין רומעניע. די סאָציאַל-עקאָנאָמישע סטרוקטור פון רומענישע יידן איז באַהאַנדלט אין דער סטודיע פּעאָדאַלע אינסטיטוציעס פון יידן אין רומעניע”; יידישע צעכן אין רומעניע, אין 18-טן 19-טן יאָרהונדערט; „יידישע האַנדלס-קאָרעספּאָנדענץ אין מאָל-דעווע”. ווי ער אינפאָרמירט מיך, האָט ער פאַרענדיקט זיין „געשיכטע פון יידן אין רומעניע אין צוויי טיילן: ביז 1848 און דער צווייטער טייל פון 1848 ביז 1917, אויף רומעניש און יידיש.

די אָפּגעדרוקטע ערנסטע ביישטייערן, וועלכע זענען מודיע דער וועלט, די יאָרהונדערטער געשיכטע פון שעפערישן, אַקטיוון רומענישן יידנטום, פאַר-דינען אָנערקענונג און דאַנקבאַרקייט.

אינטערעס ווייזט אַרויס י. קאַראַ אויך דעם יידישן פאָלקלאָר און דער יידי-שער פאָלקסקונסט און אַ ריי אַרבעטן, אָפּגעדרוקטע אין צייטשריפטן, באַשטע-טיקן עס. קאַראַ איז אין דער שייגער טראַדיציע פון די היסטאָריקער ברידער שוואַרצפעלד, דר. מ. א. הלוי, ער איז זייערס אַ המשך.

לשם אינפאָרמאַציע, דערמאָנען מיר אַז זיין ביבליאָגראַפיע ציילט איצט 418 טיטלען, פּאָזיציעס אַ היפּשע צאָל אויך אויף רומעניש, וואָס זענען שייך רומענישע געשיכטע און קולטור-געשיכטע.

די פאַרברייטערטע טעטיקייטן פון שעפערישן י. קאַראַ, דעם בן שבעים, און די דריי צייט אָפּשניטן באַרעכטיקן אונדזערע דערוואַרטונגען פון נייע סטודי-עס וועגן „שבט רומעניע”, אין די ווייטערע יאָרן, וועלכע מיר ווילן זיי זאָלן זיין לאַנגע, געזונטע מיט נאָך גרעסערע דערפאָלגן.

אין פארלאג קריטעריאָן" פון בוקארעשט איז אין 1976 דערשינען י. קאַ־דאס „א מאָלדעוויש יינגל" (בילדער און געשטאלטן) אין אן אויספירלעכער רעצענ־זיע, אנאליזירט דער עסייסט איזאַ שאפּיראָ דאָס בוך, און הייבט ארויס די פּאנאָראמישע פארפלעכטונג פון וועלט־געשעענישן מיט אָרטיקע פּאסירונגען, די רייכע בילדערישקייט און צארטן הומאָר, די היימישע, צוגעלאָזטע שפּראך, די סובטעלע שטריכן פון די פאנאנדערגעפירטע פערזענלעכקייטן פון יידישן לעבן אין רומעניע. וואָס מאכן בולטער זייערע כאראקטערן. אויך וואָלף טאמ־בור האָט אין א רעצענזיע פּאָזיטיוו אָפּגעשאצט י. קארא'ס פּראָזא־בוך. אין דער היגער ווי אין דער אויסלענדישער יידישער פּרעסע, זענען דערשינען אייניקע דערציילונגען פון בוך.

שלום רובינגער־לאונער

לעקטאָר, איבערזעצער און פּובליציסט — א בן שבעים

בלעטערנדיק מיין זכרון, געפין איך, אז שלום רובינגער לאונער האָב איך צום ערשטן מאָל געזען אין טשערנאָוויצער „מאָרגנרויט". אין „ביים פענצטער", דערמאנט אזוי דער באנאבטער דערציילער יוסף בורג, די פיר־שטאָקיקע געביידע, וואָס האָט א מאָל געטראָגן דעם ראָמאנטיש־קלינגענדיקן נאָמען: „מאָרגנרויט":

„...זי איז געווען ווי א שטערן פאר מאסן יידישער יוגנט, פארליבטע אין דער שיינקייט פון לעבן א שטערן, וואָס האָט אין א ווילד צעפּייניקטער צייט באשיינט דעם פאָרוים פון א נייער וועלט..."

אינעם לייען־זאל פון דער רייכער ביבליאָטעק וואָס אויפן ערשטן שטאָק, זיצן שטיל און לייענען שרייבער ווי: יעקב פרידמאן, ה. קאזשבער־וויינשטיין, יחיאל פריזמאן, פּראָפ. הערש סעגאל, יונגע סטודענטן און ארבעטער, יעדן זייער פריינדלעך אויפגענומען און צוגעשטעלט די פארלאנגטע ביכער, האָט די טיכטיקע ביבליאָטעקארין סאבינא איילגיסער. (היינט אין ישראל).

אין „מאָרגנרויט" האָט מיך פארבעטן צו א גענעראל־פּראָבע מיט פּרץ הירש־ביינס „נבלה", מיין פריינד מענדל קויפמאן, אליידנשאפטלעכער פארליבטער אין יידישן טעאטער און פעיקער אקטיאָר־אמאטאָר. דאָרט האָב איך געזען שלום־רובינגער־לאונער. א הויכער, שיינער בחור, ציכטיק געקליידט. אן אליינלער־נער, זיין וועזן פול מיט איינגעשפּארטן שווייגן. ער איז געווען דער אָנפירער

פון דער יוגנט-סעקציע ביים „מאָרגנרויט“, געהאַלטן רעפעראַטן אויף יידישע ליטעראַרישע טעמעס, דאָרט און אויך אין אַנדערע בוקאַווינער און בעסאַראַבער שטעט און שטעטלעך.

רובינגער אַלס לעקטאָר

כדי צו פאַרזיכערן די גוטיקע קאַדערס פאַרן יידישן מלוכה טעאַטער, איז געשאַפן געוואָרן אַ יידישע טעאַטער-סטודיע פאַרן יונגן נאָכוווּקס. צווישן די לערערס מיט גוטער פּעדאַגאָגישער און פאַכמענישער צוגרייטונג איז געווען, פאַר דער צייט, וויפל די סטודיע האָט עקסיסטירט 1957 — 1960, שלום רובינגער, לעקטאָר פאַר יידישער ליטעראַטור.

אויף די ליטעראַריש-קינסטלערישע פרימאָרגנס אין בוקאַרעשטער יידישן מלוכה-טעאַטער, האָט רובינגער געהאַלטן אַ היפּשע צאָל לעקציעס, וועגן וועלכע מיר האָבן די לעצטע 15 יאָר באַריכטעט באַריכות אין דער אויסלענדישער יידישער פּרעסע.

כאַראַקטעריסטיש פאַרן לעקטאָר שלום רובינגער-לאַונער, זענען לויט אונדזער מיינונג, די רייכע פאַרבן, מיט וועלכע ער שילדערט דעם באַהאַנדלטן שרייבער און מענטש, זיין סביבה, די טרעפלעכע, כאַראַקטעריסטישע ביישפּילן, מיט וועלכע ער אילוסטרירט זיינע באַהויפּטונגען אויך בנוגע די מקורים און סובסטאַנץ פון זייערע שאַפונגען, דעם טיפן סאָציאַלן ווערט און באַטייט פון זייער שאַפן. לדוגמא דערמאָנען מיר זיין רעפעראַט „ווי אַזוי אַ פאָלק לאַכט“ וועגן שלום עליכם און זיין טרויעריק-האַרציקן, עכטן און ליבעפולן שלום עליכם-הומאָר.

אונדזערע באַהויפּטונגען באַשטעטיקן אויך אַנדערע רעפעראַטן זיינע ווי למשל „הונדערט יאָר מאָדערנע יידישע ליטעראַטור“, אין וועלכן רובינגער האָט אָנגעוויזן אויף דער ראַשיקער אַנטוויקלונג פון דער מאָדערנער יידישער ליטעראַטור אין די לעצטע הונדערט יאָר, וועגן דעם וועג פון צווייטן דור שרייבער נאָך די קלאַסיקער — בערגעלסאָן, ביאַליק, לייוויק, אָפּאַטאָשו, שלום אַש און אַנדערע שרייבער מיט וועלכע עס וואָלט געקאָנט שטאָלצירן יעדע ליטעראַטור. רובינגער האָט ברייט אַנטוויקלט די טעזע וועגן צוויי גרויסע אַנטדעקונגען פונעם קאָלומבוס פון יידישן קינסטלערישן רעאַליזם — פון מענדעלען: די יידישע ווירקלעכקייט און די יידישע שפּראַך.

אין זיינע רעפעראַטן ציטירט רובינגער ברייט, גוט אויסגעוויילטע עפּיזאָדן, אָפּשיקן צו ווערק שייכותדיקע צו דער באַהאַנדלטער טעמע, קאָמפּעטענטע אָפּשאַצונגען, אַ וויסנשאַפטלעכן אינסטרומענטאַרום, וואָס מאַכט בולט די

טעמע. ניט סתם ציטאַטן, נאָר ער ברענגט זיי אין אַ צוזאַמענהאַנג און מיט אינטערעסאַנטע, אייגענע קאָמענטאַרן, וואָס גיבן אַווירקלעך, ווערטפולן בילד פון באַהאַנדלטן שרייבער, פון זיין צייט און שאַפונג. זיינע רעפעראַטן זענען אָנגענעם צו הערן צוליב זייער דידאַקטישקייט, רייכע אינפאָרמאַציע, צוליב זיין קלאָרער דיקציע.

באַזונדערס איינגעקריצט האָט זיך אין מיין זכרון, רובינגערס אויספירלעכער, גרונטיקער אַנאַליז פון מענטש און קינסטלער שלום אַש. זיין לעבן און שאַפונג. דעם רעפעראַט האָט דער לעקטאָר אָנגעהויבן מיט אַ שפּאַציר איבער דעם גאָרטן פון דער יידישער ליטעראַטור, אין דער צייט ווען שלום אַש האָט געשטעלט זיינע ערשטע טריט, זיין ערשטן אויפטו אויף דער שוועל פון 20-טן יאָרהונדערט. דעם איבערגאַנג פון צווייפל צו גלויבן, פון סאַטירע און נייִ-זאַגעריי, צו בילדער וואָס ווערן געמאָלן מיט סימפּאַטיע, מיט גרויס ליבשאַפט, ווי אין זיין „שטעטל".

בדרך אגב האָט רובינגער דערמאָנט די „אַש-סקאַנדאַלן", וועלכע האָבן דערפירט „מחרים" זיין אַשן פאַר זיינע „עבירות" און אָנגעוויזן אַז די אמתע סיבה איז געווען, אַש'ס" לינקער, „אָפּנויג", בעת דער לעצטער וועלטמלחמה, ווען ער האָט באַזונגען אין זיינע ווערק פון יענע יאָרן די העלדנטאַטן פון דער סאָוועטישער אַרמיי.

אַנאַליזירנדיק אַש'ס „מיסיאָנערע" ווערק ווי „דער מאַן פון נצרת", פאַר די קריסטן זייער אויסלייזער, קומט ער צום אויספיר אַז אין תוך איז ער געווען אַ טיף רעליגיעזער יידישער מענטש, פונקט אַזוי ווי די אַפּאָסטאָלן אָבער אין זיין נאָמען, האָט די קריסטלעכע רעליגיע, וועלכע האָט דאָמינירט די פעאָדאַלע און טיילווייז אויך די בירגערלעכע געזעלשאַפט, אָנגעטאָן עניים קשים זיין פאָלק.

דער רעפערענט האָט ניט פאַרשוויגן די ווידערשפּרוכן און ווידעראַנאַנדן וועלכע האָבן באַהערשט דעם גרויסן קינסטלער שלום אַש, ווייל גרויסע מענטשן זענען מסוגל אויף גרויסע פעלערן.

רובינגער באַהויפּטעט, אַז אַש האָט אין דער כלל ישראלדיקער טעמע, אַריינגעבראַכט מער דיפערענצירטקייט און אָנגעוויזן, אַז זיין ווערק אין „משיחס צייטן", זענען שוין דאָ פאַרשיידענע טיילן-דורות, שיטות, גרופּירונגען... די אַמאָליקע אחדות איז „צעזייט און צעשפּרייט". שלום אַש שפּיגלט אָפּ ניט נאָר דעם „רים" פון דעם יונגן דור מיט דעם אַלטן, נאָר אויך פון קלאַסן-גרופּעס און ריכטונגען. פאַרשטייט זיך, אַז ער טוט דאָס אויף אַ מייסטערהאַפטן אופן. די אונטערשטע שורה: שלום אַש פירט די יידישע ליטעראַטור אויפן ברייטן

שליאך און בלייבט א שטיק צייט, דער ערשטער און איינציקער אמבאסאדאָר פון דער יידישער ליטעראַטור ביי די אומות העולם, ביז צו די שלום-עליכם פיי-רונגען אויף א וועלט-מאסשטאב.

צום סוף האט שלום רובינגער אנאַליזירט דעם „קידוש השם"—מאָטיוו ביי שלום אש, וואס ציט זיך דורך אלע זיינע ווערק. און באזונדערס שיין געשיל-דערט איז „דער ברענענדיקער דאָרן", וואָס איז גלייכצייטיק אויך דער שענ-סטער דענקמאָל, דער קדיש נאָך אונדזערע זעקס מיליאָן קדושים.

איך האָב מיר דערלויבט צו ציטירן איינעם פון זיינע אינטערע סאנטע רע-פעראטן, אין וועלכע ער ברענגט א רייכן, קלאָרן, קאָנדענסירטן, גוטגעסדרטן מאטעריאל.

ביי דער יידישער עמיסיע אין דעם רומעניש ן ראדיאָ

פון די 25 יאָר וויפל ס'האָט עקסיסטירט די יידישע עמיסיע, איז שלום רובינגער-לאנגער געווען רעדאקטאָר און שפּיקער, און 15 יאָר פון זיי — הויפּט רעדאקטאָר. פאר דעם קינסטלערישן ליטעראַרישן טייל פון דער עמיסיע, האָבן קינסטלער פון בוקארעשטער יידישן מלוכה טעאטער ווי בנימין סאדיגור-סקי, דינה קעניג, סעווילא פּאסטאָר און אנדערע, פאָרגעלייענט, רעציטירט, געזונגען, פּערל פון דער יידישער קלאסישער און מאָדערנער ליטעראַטור פון אונדזער פאָלקס שאפונג.

רובינגער — דער איבערזעצער

פארן בוקארעשטער יידישן מלוכה טעאטער, האָט ער איבערגעזעצט א צוואנ-ציק פּיעסן. מיר דערמאנען בלויז א טייל פון זיי: בערטאָלד ברעכט: „דריי גראָשן אָפּערע" (אין איינעם מיט אלעקסאנדער שפּיגלבלאט), „מוטער קוראזש" פון זעלבן מחבר. לעסינגס „נתן חכם" (מיט י. בערקאָוויטש), סימאָנאָווס „גע-שיכטע פון א ליבע", „דאָס טאָג-בוך פון אנא פראנק". מיר דערמאנען אז אנא פראנקס טאָג-בוך איז דערשינען אין בוכפאָרם אויף יידיש, די איבערזעצונג צייכנט שלום רובינגער און אל. שפּיגלבלאט.

כדאי צו דערמאנען זיין איבערזעצונג אויף יידיש פון יאָן קאלוגערו'ס ראָ-מאן „די קינדער—יאָרן פון א לא יצלח", א געלונגענע איבערזעצונג, וואָס ער האָט צוגעשיקט צו דער „נייע פרעסע". סע וואָלט זיך געלוינט די מי, זי אָפּצוזוכן און דרוקן אין המשכים.

געזעלשאפטלעך איז רובינגער טעטיק פון די טיפע צוואנציקער יאָרן, אַזוי אַז מע קאָן אים באַטיטלען אַ וועטעראַן פון יידיש קולטור-געזעלשאַפט-לעכער אַרבעט אין רומעניע.

אין דער קאַטאַסטראָפאַלער ערד—ציטערניש פון מערץ 1977, האָבן זיך רובינגער און זיין פרוי, געראַטעוועט זייערע לעבנס, על פי נס. עס זענען אים אָבער פאַרברענט געוואָרן אָדער צעמאָלן געוואָרן אונטער דער משא פון די צונויפגעפאַלענע ווענט, די ביבליאָטעק מיט ביכער, כתבים, די קאָרעספּאָנדענץ מיט וויכטיקע יידישע פּערזענלעכקייטן — דאָס גאַנצע האָב און גוטס!

געבוירן איז שלום רובינגער—לאַונער אין קאַלינעשטי בוקאָווינע, דעם ערשטן מאַי 1908, איז ער הייסט עס אַ בן שבעים — עד מאה ועשרים!

וועגן וועלט-באַרימטן פילאָלאָג און לינגוויסט

ה. (היימאַן) טיקטין

געבוירן איז ער אין ברעסלאַו, שלעזיען, (היינט ווראָצלאַוו, פּוילן), דעם 9-טן אויגוסט 1850, אין אַ באַרימטער [רבנישער] משפּחה. אין עלטער פון 19-יאָר, אַראָפּגעקומען קיין יאַס, רומעניע. מיר זענען זיך משער אַז צוליב אַ שידוך. גבירים פּלעגן אַראָפּברענגען פאַר זייערע טעכטער, געלערנטע יונגעלייט פון יענע קאַנטן. אַזוי איז טיקטין געוואָרן דער איידעם פון מייערהאָפער. קודם איז ער אַלס בחור געווען פּראָפעסאָר פאַר דייטשער שפּראַך אין יאַסער „ליציי נאַציאָנאַל,“ ווו ער האָט געהאַט אַלס שילער דעם שפּעטערן קלאַסיקער פון דער רומענישער ליטעראַטור מיכאַיל סאַדאָוועאַנו, דעם שפּעטערן אוניווערזיטעטס פּראָפעסאָר אויגען העראָוואַנו, דעם דיכטער ענריק פעקעלמאַן און אַנדערע. אַלע דערמאַנען זיך אין זיינע קענטעניש און איידלקייט, גייסטיקע ווי פיזישע. מיט די ייִנגערע פּראָפעסאָרן פלעג ער פירן פילאָלאָגישע דיסקוסיעס. פון דער צייט, פּלאַנירט טיקטין זיין לאַנגיאָריקע אַרבעט, דעם רומעניש-דייטשן ווערטער בוך.

צי דער קליינער פּראָפעסאָר-לוין האָט אים ניט געקלעקט אָדער זיין חתונה מיטן גביר מייערהאָפערס טאָכטער האָט משפיע געווען, טיקטין פאַרלאָזט די קאַטעדרע פון ליציי און מיטן געלד פון זיין שווער גרינדעט ער אַ פאַבריק פון בענקלעך. די פאַבריק האָט ער אַ נאָמען געגעבן „פאָרטונאַ“, לויט אַ לאַטייני שער סענטענץ „וואָס באַטייט“ די וואָס וואָגן, שטעלן איין, קומט זיי דאָס מזל, צו

הילף" און געלאָזט דרוקן אונטער דער פירמע „פאָרטונא", אויך די פאָרמולאַרן פון דער פאַבריק.

דער באַשיידענער גוטער טיקטין, פלעג נאָכן אויסרעכענען אַ פאַקטור, זיך אָפּגעבן מיט שרייבן קליינע צעטלעך מיט גראַמאַטישע רעגלען האָט איין מאָל דערציילט, אַ געוועזענער באַאַמטער פון טיקטינס פאַבריקס ביוראָ, אַ געוועזער אַלבערט. די פאַבריק האָט אויפגעהערט צו זיין אַ פרנסה-געבערן פאַר טיקטינגען.

פאַר טיקטינען, האָט אין רומעניע פון די יאָרן 1850-1840, דערגרייכט-יוליו באַראַש גרויס אָנזען און אָנערקענונג, מיט זיינע גרויסע קענטענישן אויפן געביט פון נאַטור-וויסנשאַפט, געשאַפן די קאַטעדרע פון נאַטורוויסנשאַפט און אַרויסגעגעבן וויכטיקע וואָגיקע ביכער אויף דעם געביט און געווען אויך טעטיק אַלס ייד אין קולטור געזעלשאַפטלעבן לעבן פון דער קהילה אָבער אין טיקטינס צייטן, האָט זיך די לאַגע געביטן. ער האָט געפּרוווט באַקומען אַן אוניווערזיטעט-קאַטעדרע און זיך אפילו געשמדט דערצו, באַקומענדיק דעם נאָמען האַריטאָן... אָבער ס׳האָט נישט געהאָלפן ניט אין רומעניע און נישט אין דייטשלאַנד!

ווי די טאָכטער זיינע, גערטרודע, טיילט מיט אין אַן אַרטיקל, זאָל איר, פאָטער האָבן געגרינדעט די ערשטע רומעניש-יידישע שול אין יאַס „קולטורא", אַ צייט זי אָנגעפירט, צוגעגרייט די דידאַקטישע קאַדערס, געשריבן און באַאַרבעט די נויטיקע לערנביכער, פאַרשטייט זיך אַן שום האָנאָראַר, באַלויגונג. אָבער נאָך די שלימזלדיקע געשעפטן מיט דער פאַבריק, ווען ער האָט פאַרלוירן דאָס געלד, האָט מען אים אָפּגעזאָגט אויפצונעמען אויפן ניי געשאַפענעם פאָסטן פון אינספּעקטאָר פון די יידישע שולן! מען האָט אַ אַנדערן, אַ ניט היגן אויפגענומען! ווער סע זאַמלט אויף אַ סך חכמה, האָט אויסצושטיין אַ סך צרות...

אין 1889, צוואַנציק יאָר נאָך זיין אָנקומען קיין יאַס, דערשיינט טיקטינס ערשטע אַרבעט. צו קיין שום אַנדערן פון אונדזערע לינגוויסטן, פילן מיר זיך נישט אַזוי צוגעבונדן, ווי צו ח. טיקטין. פאַראַן פּראָבלעמען וואָס מע קאָן נישט באַהאַנדלען אָן זיך צו באַראָטן מיט די ווערק פון דעם אָדער יענעם געלערנטן, אין טיקטינס אַרבעטן, נויטיקסטו זיך תמיד. סיי דורך זייער נאַטור ווי דורך זייער וויסנשאַפטלעכן ווערט, מוזן טיקטינס אַרבעטן זיין תמיד ביי דער האַנט און, מע קאָן נישט אָנהויבן אַ פאָרשאַרבעט, אָן זיך צו ווענדן קודם-כל צו די פון אים אָנגעזאַמלטע פאַקטן שרייבט פּראָפעסאָר י. ביק, ער אַליין אַ גרויסע קאַפּאַציטעט אויפן געביט פון רומענישער פילאָלאָגיע און לינגוויסטיק, אין דער רומענישער צייטשריפט (ווי אַזוי מיר ריידן) ב. 1, נומער 4, יולי 1949.

אויפן געביט פון גראמאטיק למשל, דארף מען גרופירן אין שריפטן וואָס זענען געאייגנט פאר די ספעציאליסטן און אזעלכע וואָס אינטערעסירן א ברייטערן עולם.

צו די ערשטע געהערן, דער ערשטער טייל פון טיקטינס „שטודיען צו רומענישער פילאָלאָגיע", דערשינען אויף דייטש, אין לייפציג, אין יאָר 1884.

צו דער טעמע, „די רומענישע שפראך אין איר אנטוויקלונג", האָט טיקטין געדרוקט א ריי שטודיעס צווישן די יאָרן 1885-1890, אין דער ראָמאניסטישער צייטשריפט פון האללע, דייטשלאנד, „צייטשריפט פיר ראָמאנישע פילאָלאָגיע".

אן אלגעמיין בילד פון די ראָמאנישע שפראכן איז טיקטינס „גרונדריס דער ראָמאנישן פילאָלאָגיע" (עלעמענטן פון ראָמאנישער פילאָלאָגיע) 1904.

פון טיקטינס צוויי בענדיקן האנטבוך אויף רומעניש „די רומענישע גראַמאטיק", דערשינען אין א סך אויפלאגעס, די ערשטע אין יאס, 1891, האָבן זיך מערערע דורות שילער געלערנט, און אָט די גראמאטיק האָט יאָרנלאנג געדינט ווי א וועגווייזער ביים שטודירן די רומענישע שפראך.

אָבער טיקטינס לעבנסווערק און הויפט-אויפטו איז זיין „רומעניש דייטש ווערטערבוך.". וועגן, אָט דעם ווערק, גיט דער אקאדעמיקער אלעקסאנדרו גראור פאָלגנדע אָפּשאצונג: „זינט דער דערשיינונג פון ערשטן בויגן, ביז היינט געפינט זיך אָט דאָס ווערטערבוך, שטענדיק אויפן ארבעטס-טיש, פון אלע די, וואָס פאָרשן די רומענישע שפראך".

אונטער פארשיידענע אויסרעדן האָט מען ארויסגעצויגן דאָס ארויסגעבן פון די דריי בענד פון ווערטערבוך. צווישן די יאָרן 1895 ביז 1925 א האַלבן יאָרהונדערט האָט טיקטין געארבעט אויף אָט דעם ווערטערבוך, וואָס איז דאָס וויכטיקסטע ווערק וועגן רומענישער לעקסיקאָגראפיע. אויף די 1800 זייטן שפּיגלט אָפּ דער אינהאלט פון ווערטערבוך, אספעקטן פון דער רומענישער שפראך, אין משך פון פיר הונדערט יאָר, מיט דער געאָגראפישער פארשפרייטונג פון יעדן וואָרט מיט אירע מאָרפאָלאָגישע אייגנארטן, דעם באטייט, זין פון וואָרט ביז אין די פיינסטע ניואנסן, אונטערשטרייכנדיק די אנטוויקלונג פון וואָרט פאראלעל מיט דער געשיכטע פון מאטעריעלן און סאָציאלן לעבן פון רומענישן פאָלק.

טיקטן איז א דאנק זיין וויסנשאפטלעכן פאָרשונגס מעטאָד, אריינגעדרונגען טיף אין די לינגוויסטישע פענאָמענען, אין זייער גאנצער קאָמפּליצירטקייט. און דאָס האָט אויפגעטאָן א מענטש וואָס האָט ערשט צו צוואנציק יאָר אויסגעלערנט רומעניש!

טראָץ די גרויסע פאַרדינסטן זיינע פאַר דער רומענישער פילאָלאָגיע און לינגוויסטיק, איז אים נישט צוגעטיילט געוואָרן אַ אוניווערסיטעט קאַטעדרע און ניט אַמאָל די פּרעמיע „נאַסטורעל״, כאָטש דער רעפערענט יאָן ביאַנו, האָט אָנגעוויזן אַז די פּרעמיע „וואָלט געווען אַ אָנערקענונג פאַר דער אומדערמיד-לעכער ארבעט און גרויסן ווערט פון ווערק (דאָס גרויסע רומעניש-דייטשע ווער-טערבוך) פאַר וועלכן דער הער טיקטין, האָט אוועק געגעבן דעם גרעסטן טייל פון זיין לעבן, אויס ליבע צו דער רומענישער שפּראַך״. טיקטין איז אויך דער מחבר פון צוויי דייטש לערנביכער אין רומעניע. אַלע פּרוון פון טיקטינען, מע זאָל אים געבן אַ פּאָסטן פון דאָצענט אָדער אַ פּאָנד, ער זאָל קאָנען רואיק פאַר-זעצן און פאַרענדיקן זיינע וויסנשאַפטלעכע ארבעטן, זענען געבליבן אָן אַ פּאָזיטיוון רעזולטאַט. דערפאַר האָט ער אָנגענומען דעם פּאָרשלאַג צו ווערן, „ערנהאַפטע לעקטאָר״, אין בערלין, אין הארבסט 1905, פאַר רומענישער שפּראַך ביים סעמינאַר פון אָריענטאַלישע שפּראַכן.

אין אָט דעם סעמינאַר, האָט ער געהאַלטן פּאָרטראַגן וועגן רומענישער שפּראַך און ליטעראַטור, ווי טיקטין האָט מיטגעטיילט, אין אַ נאָטיץ, אין רשות פון זיין משפחה האָט ער געצילט צו „פאַרשפּרייטן קענטעניש וועגן דער רו-מענישער שפּראַך און ליטעראַטור״ אין די מערבדיקע לענדער, כדי צו דער-וועקן דעם אינטערעס פאַר רומעניע און פאַרן רומענישן פאָלק״. ער האָט אויך איבערגעזעצט אויף דייטש. פון די רומענישע שריפטשטעלער עמינעסקו, קרע-אַנגאַ און אַנדערע.

אין 1919 איז טיקטין אויסגעוויילט געוואָרן אַלס ערן-מיטגליד פון דער רומענישער אַקאַדעמיע. כאָטש דאָס איז געווען אַן אָנערקענונג פון זיינע וויסנ-שאַפטלעכע פאַרדינסטן, האָט עס אים פאַרהאָלפן זיך צו פאַרבעסערן די מאַטע-ריעלע לאַגע. די פּאָרטראַגן אין סעמינאַר, האָט ער געהאַלטן ביז 1924 ווען ער איז שוין געווען 74 יאָר אַלט!

אין 1926 האָט אים, ענדלעך, די רומענישע אַקאַדעמיע אויסגעצייכנט מיט אַן „אויסערגעוויינלעכער פּרעמיע״ פון הונדערט טויזנט ליי, פאַרן ווערטערבוך און אין 1928, אויסגעצייכנט מיטן גאָלדענעם מעדאַל „בענע מערענטי״.

באַזונדערס שווערע זענען געווען די לעצטע יאָרן זיינע. אָן גענוגנדע לעבנסמיטלען, די פּענסיע האָט אים קוים געקלעקט צו באַצאָלן דירה-געלט, איז ער געצוווּנגען געווען צו פאַרקויפן די ביכער פון זיין ביבליאָטעק, וועלכע ער האָט מיט שווערע מאַטעריעלע מיטלען אָנגעזאַמלט אין משך פון צענדליקער יאָרן האָרעוואַניע. די קרוב אַ האַלבן מיליאָן פּישן, צוזאַמענגעשטעלטע פאַרן ווער-

טערבוך, האָט אָפּגעקויפט דער „מוזיי פאַר דער רומענישער שפּראַך" פון קלוזש רומעניע.

טראָץ אַלע נויטן און צרות וואָס האָבן אים באַלאַגערט, כמעט בלינד, האָט אויף אַ ווײַלע נישט אויפגעהערט זײַן ליבע און לײַדנשאַפט פאַר דער פאָרשונג פון דער רומענישער שפּראַך.

מיט דעם קומען צו דער מאַכט פון די נאַציס, האָבן זיך די רדיפות געוואָנדן אויך קעגן טיקטינען. מען האָט אים אַרויסגעשטעלט פון דער „פילאָלאָגישער געזעלשאַפט", ווי פון אַלע פאַרײַנען אין וועלכע ער איז געווען טעטיק. מען האָט אים אויך צוגענומען די פּענסיע, דאָס אײנציקע לעבנסמיטל זײַנס...

אין גרויסער נויט און עלנט איז טיקטין געשטאָרבן דעם 13-טן מערץ 1936. ווען אין דער ערשטער זיצונג נאָך טיקטינס טויט, האָט מען אין דעם „פאַרבאַנד פון פילאָלאָגן", מיטגעטײלט די טרויעריקע בשורה, און דער ענגליסט א. בראַנדל האָט געפּראָוואָווט אַרויסברענגען די פאַרדינסטן פון גרויסן געלערנטן, האָט די פאַשיסטישע אָנפירונג פון „פאַרבאַנד" אים פאַרווערט עס צו טאָן.

אין רומעניע, זענען דערשינען אַ סך אַרטיקלען נאָך טיקטינס טויט. אינעם הספד פון דער רומענישער אַקאַדעמיע, געהאַלטן פון איר פאָרזיצער, אַקאַדעמיקער הומאַניסט ראַדולעסקו-מאָטרו, ווערט געזאָגט: „די רומענישע אַקאַדעמיע וועט אויפהיטן איר ערן-מיטגליד ה. טיקטין, אַ פּיעטעטפולן אָנדענק, ווי סע געהערט זיך פאַר אַ גרינדער פון נאַציאָנאַלער קולטור. זײַן גוף איז געבראַכט געוואָרן צו קבורה אין זײַן געבורטס ערד, אָבער זײַן גײַסט, פאַרזייט אין די בײַטן פון זײַן ווערק, וועט ווײַטער קנאָספּן און פּרוכפּערן זיך, אויפן פעלד פון שטודיעס וועגן אונדזער שפּראַך, וואָס איז אים געווען אַזוי ליב".

ציגל צו א קונסט־היכל

עטלעכע הונדערט פּאָרטרעטן פון שוישפּילער, רעזשיסאָרן, סופליאָרן, דראַמאַטורגן, סצענאָגראַפן, מוזיקער — אינסטרומענטיסטן און קאָמפּאָזיטאָרן דיריגענטן, אַפּשאַצונגען פון ספּעקטאַקלען־רעצענזיעס, האָב איך פאַרעפנט־לעכט, פּובליקירט אין די לעצטע 25 יאָר.

א טייל פון אָט דעם מאַטעריאַל איז אריין אין מיין בוך „ליטעראַרישע דער־מאָנונגען", א טייל אין זלמן זילבערצווייג'ס „לעקסיקאָן פון יידישן טעאַטער" (אין די בענד פינעף, זעקס, זיבן) א טייל קומען אריין אין איצטיקן בוך „פּאָר־טרעטן און עסייען", און א טייל אין ווייטערע ביכער.

מיר ברענגען דאָ פּאָרטרעטן פון וויכטיקע מיטגלידער פון דער יידישער, טעאַטער משפּחה פון אַמאָליקן און היינטיקן רומעניע, דאָס באַנייטע לאַנד וואָס האָט דורכגעמאַכט וויכטיקע היסטאָרישע שינויים אין סאָציאַלן, עקאָנאָמישן און פּאָליטישן לעבן, דערגרייכט הויכע שטאַפּלען אין דער קולטור־אַנטוויקלונג פון לאַנד. א מדרגה אין דער טעאַטער קונסט פון רומעניע, איז געווען דאָס יידישע מלוכה טעאַטער.

לאַנגע יאָרן, פון 1945 אָן אויפהער, פאָרש איך די מלוכהשע ארכיוון פון בוקארעשט און יאַס, און פאַרעפנטלעך נייע מאַטעריאַלן צו דער געשיכטע פון יידישן טעאַטער אין רומעניע,

שרייבן געשיכטע, מיינט יאָרן, צענדליקער יאָרן ווייקן אין דער טעמע, קענען דעם געדרוקטן מאַטעריאַל, און ביכער אָדער פאַרשיידענע אויסגאַבעס.

איך פאַרמעסט מיך נישט אויף א קולטור־געשיכטלעכן סינטעז אָבער איך האַלט אז די זיכערע און דעטאַילירטע, פּרטימדיקע ידיעות, האָבן א היסטאָרי־אָגראַפישן ווערט.

דער געלערנטער

דר. משה גאסטער

אלס רעצענזענט פון יידיש טעאטער אין רומעניע

מען האָט א סך געשריבן וועגן דער שעפערישער ביאָגראפיע פון דעם וויב־טיקן קונסט־צווייג אין דעם יידישן קולטור לעבן פון רומעניע—וועגן יידישן טעאטער. מען האָט אבּיסל איבערגעכאפּט די מאָס ביים אָפּשאצן דעם בייטראָג פון יעקב שטערנבערג וועלכער זאָל האָבן דערצויגן דעם עולם, די יידישע אינ־טעליגענץ, פאר די פאָרשטעלונגען פון דער „ווילנער טרופּע" און פון די אנדע־רע גרויסע קינסטלער פון דער יידישער בינע, און אז אין זיין רעווי־טעאטער איז — געפירט געוואָרן א פארביסענער קאמף קעגן אלטן טעאטער.

אין דעם קאמף קעגן אלטן טעאטער, באצייכנט אלס „שונד־טעאטער", האָט שטערנבערג בעת זיין באזוך אין 1965, אין בוקארעשט, אבּיסל רעווידירט זיין שטעלונג. ער האָט שוין געהאלטן אז מע דארף מיט יראת הכבוד קוקן אויף דעם אמאָליקן יידישן אקטיאָר און אמאָליקן נאַיוון רעפּערטואר, וועלכע זענען געווען א נויטיקער עטאפּ אויפן וועג צו א בעסער, מאָדערן יידיש טעאטער אין רומעניע.

שטערנבערג האָט טיפער פארשטאנען דאָס „שונד־טעאטער" ווי מע פלעג עס זינדיק רופן, און דערזען אז עס פארמאָגט אין זיך פאָלקסטימלעכקייט, פאָל־קס פרייד, יידישן שטייגער און ער איז נישט דער איינציקער וועלכער האָט רעווידירט זיין שטעלונג צום אמאָליקן יידישן טעאטער:

ווי נישט יושרדיק עס איז צו באצייכענען דאָס יידישע טעאטער פון א מאָל אלס שונד־טעאטער באווייזן די רעצענזיעס פון מיכאיל עמינעסקו, ג. אבראמ־סקי, דר. גאסטער. דער לעצטער ווערט דערמאנט אלס דר. ג. און מיר האָבן פעסטגעשטעלט אז ס'איז דער געלערנטער דר. משה גאסטער.

אין די „ייוואָ־בלעטער", צווייטער באנד נאָוועמבער־דעצעמבער 1391, ז' 259, ווילנע, דערציילט זלמן רייזען אז אין א פריוואטן שמועס מיטן געלערנטן

דר. משה גאסטער, אין נאָוועמבער 1931, האָט אים גאסטער געזאָגט אז אויך ער האָט געשריבן אין א רומענישער צייטונג, רעצענזיעס וועגן יידישן טעאטער און אהין געבראכט די רומענישע אינטעליגענץ. זלמן רייזען באמערקט אז מע זאָלט באדארפט די דאָזיקע רעצענזיעס אויפזוכן אין די רומענישע פרעסע-ארכיוון.

בלעטערנדיק די קאָלעקציע פון רומעניש יידישן וואָכנבלאט „Fraterni-tatea" (ברודערלעכקייט), געפינען מיר אין די נומערן 33 פון 7-טן סעפּטעמבער 1884 און נומ. 10 פון 8-טן מערץ 1885, צוויי גינסטיקע רעצענזיעס וועגן די פאָרשטעלונגען פון משה האָראָוויצעס טרופּע אין גאָרטן „זשיגניצא" מיט דער חתומה דר ג. וועלכער איז ווי מיר האָבן פעסטגעשטעלט, דר. גאסטער.

מיר ברענגען אין אונדזער יידישער איבערזעצונג די ערשטע רעצענזיע: „דאָס יידישע טעאטער". „זינט עס איז געגרינדעט געוואָרן דאָס יידישע טעאטער, האָב איך אָפט געהאט די געלעגנהייט צו זען ווי שטרענג מ'האָט עס געמשפּט, אפילו מיט א געוויסן פאָראורטייל, מיט צו גרויסע עסטעטישע פאָדערונגען, פאַר-געסנדיק לחלוטין דעם קולטורעלן שטאנדפּונקט."

וואָס מיך באטרעפט, האָב איך אין משך פון מערערע יאָרן נאָכגעפאָלגט די אנטוויקלונג פון אָט דעם טעאטער האלטנדיק אפילו אז עס זענען צולאָזלעך די חסרונות און דעם פּרימיטיוון כאראקטער וואָס עס טראָגט, כאָטש אזוי, איז מיין אורטייל ווייט נישט קיין פיינטלעכער, פארקערט, א גאָר גינציקער און אָט פארוואָס. קודם כל דארפן מיר פעסטשטעלן אז דאָס יידישע טעאטער, דורך די פּיעסן וואָס עס שפּילט, אויף דער בינע, האָט באמת א דערציערישן און מאָראלישן צוועק; ווייל ערשטנס שטעלט עס פאָר סצענעס פון אונדזער געשיכטע, פון וועלכער, ווי באקאנט, עס ווייסן גאָר א קליינע צאָל, אויפפרישנדיק אזוי ארום דעם זיכרון פון די יאָרהונדערטער. והשנית, ווייזט עס אונדזערע חסרו-נות וואָס מיר האָבן ווי אלע מענטשן, אָבער נישט מיטן צוועק צו טרעפן אין אונדזער ווערדע, מיט בייזוויליקייט, נייערט מיט גייסטיקער איראָניע, וואָס דיקט נישט די פאָרשטעלונגען אויף אנדערע בינעס, וועלכע פארוווּנדיקן אונדז, ווייל דאָרט שפּילט דער ייד א דעגראדירנדיקע ראָלע. מיר דערמאָנען לדוגמא „די דאָרפס פּיאווקעס" אָדער די גאָר נייע פּיעסע מיטן טיטל „דאָס ארייג-דרינגען פון די יידן אין רומעניע".

וועגן אנדערע פּיעסן צי געלעגנהייטן פון פארווייילונג אָדער פרייד איז שווין אָפּגערעדט. עס איז גוט באקאנט אז גאָרנישט מאָראליש איז פון דאָרט צו לערנען.

מיין באהויפּטונג וועגן דער מאָראַליזאַטאָרישער ראָלע פון יידישן טעאַטער שטיצט זיך נישט אויף א פשוטער השערה, נאָר עס באשטעטיקט אונדז דער פאַקט, וואָס דער נישט איבעריק געבילדעטער טעאַטער-עולם אפּלאָדירט שטורמיש יעדעס שיינע משל אָדער מאָראַלישע מימרא, סענטענץ, וואָס ווערט ארויסגערעדט אויף דער בינע, וואָס דרינגט ארויס פון די נאָכאַנאַנדיקע געשעענישן, ביי וועלכע ער איז אָנוועזנד. איך קאָן מיר נישט דערלויבן צו ציטירן דאָ, ביישפּילן ווי למשל די גאָר שיינע דערקלערונג פונעם וואָרט ציוויליזאַציע, וואָס מע גיט ביי דער פאָרשטעלונג פון דער פּיעסע „שבתי צבי," וועגן וועלכער מיר רעדן ווייטער. אזעלכע ביישפּילן זענען אומצייליקע.

א חוץ דעם, אנטוויקלט דאָס טעאַטער בהדרגהדיק דעם עטישן געשמאַק אפילו ביי יענעם שיכט פון דער באַפעלקערונג, וואָס האָט אפשר ביז איצט, ניט א מאָל געהערט אפילו דאָס וואָרט עסטעטיק.

דאָ זעט דער טעאַטער-באַזוכער צום ערשטן מאָל א טעאַטער און באַקומט חשק צו גיין אין טעאַטער און סע אנטוויקלט זיך אויך דער אינטערעס פארן רומענישן נאַציאָנאַל טעאַטער, און פאַר דער אָפּערע. פאַרטון אין זיינע מאַטעריעלע ענינים, וואָלט דער יידישער טעאַטער-עולם קיינמאָל נישט אהין דערגרייכט..."

דר. ג. איז דער וועלט בארימטער געלערנטער דר. משה גאסטער, איינער פון די ערשטע וואָס האָט באהאנדלט יידישן פאָלקלאָר, און Beiträge zur vergleichenden sagen und märchenkunde; (Folk-Loree in the miodle ages), און אנדערע. דר. גאסטער בארימטער אָריענטאַליסט אויסגעצייכנטער פאָרשער און קענער פון רומענישן פאָלקלאָר און רומענישער פאָלקס-ליטעראַטור, האָט ארויסגעוויזן, דורך זיינע רעצענזיעס, גרויסן אינטערעס פארן יידישן טעאַטער אין רומעניע. וועגן בינע-לשון יידיש, האַלט ער אז עס איז: „דאָס איינציקע מיטל ווי אָנצוהאַלטן א פאַרבינדונג מיט די פאָלקס שיכטן. צו דערגרייכן אויך א זיכערן וועג, צו פאַרשפּרייטן אין פאָלק סיי בילדונג סיי געשיכטע.

...די טרופּע פון הער האָראָוויץ, וועלכע שפּילט איצט אין גאָרטן „זשיגניצא", באשטעטיקט ווידער מיינע באהויפּטונגען. די טראַגעדיע „טיסא עסלאַר", ווייזט אונדז אין וואָס פאַר א יאָרהונדערט מיר לעבן. „שבתי צבי", די צווייטע פּיעסע, דעמאַסקירט דעם צבועקישן פאַנאַטיקער, אָנווייזנדיק אז דאָס אמתע מענטשלעכע און רעליגיעזע, קער זיך גאָרנישט אָן מיט דעם אויסערלעכן אויסזען פון די מלבושים.

די מאַרטירערשאַפט פון די יעניקע וועלכע האָבן זיך אַליין פאַרברענט אין וואָרמס, אין דער צייט פון די קרייצצוגן, ווערט פאַרגעדענקט דורך דער פּיעסע „קידוש השם".

אין משך פון יאָרן איז פאַרפולקומט געוואָרן די שפּילקונסט פון די אַקטיאָרן-אויטאָדידאַקטן כאָטש אַזוי, האָבן זיי ווייטער נאָך דעם חוב צו לערנען כדי צו דערגרייכן שלמות. מיר דאַרפן דערמאַנען לשבח, די פרוי האַראָוויץ און די משפחה (אַקטיאָרן י.ש.) גרינבערג.

דער טעאַטער עולם האָט נאָך אַ חוץ, די געלעגנהייט צו הערן לידער אויסגעפירטע אויף אַ קינסטלערישן אופן. אויך דאָס גרייט דעם עולם צו אַן אָפּערן ספּעקטאַקל, צו אַ פּערפעקט טעאַטער.

בכן, נישט מיט פּאָראַורטיילן דאַרף מען אַנטקעגנקומען דעם יידישן טעאַטער, נאָר מיט דעם וואָס כאַראַקטעריזירט דעם געבילדעטן מענטש — מיט מידת-הרחמים, אינדולגענץ און מיטן אָנערקענען דעם אמתן ניצן וואָס עס, ברענגט די אַרבעטנדיקע שיכטן און אויך אַנדערע, אַביסל העכערע, ווייל דאָס מזל האָט זיי צוגעשפּילט, ווייל זיי האָבן מצליח געווען". (געחתמעט דר. ג.),

אָט אַזוי האָט אויסגעזען דאָס יידישע טעאַטער פון רומעניע אין די אויגן פון אַ מענטשן מיט טיפן פאַרשטאַנד, אין די מיטעלע אַכציקער יאָרן פון פאַריקן יאָרהונדערט. דר גאַסטער האָט אָנערקענט דעם טאַלאַנט פון די געבענטשטע כהנים פון דער יידישער בינע, זייער שפּיל און נגינה, זייער נאַטירלעך-שפּרודלדיקע בינע-קונסט, פייער און טעאַטער בלוט, וואָס האָבן פאַרשאַפט אַזוי פיל פרייד דעם פאָלק.

אַקטריסעס און אַקטיאָרן פון גאָלדפאַדען-פּאָרמאַציע

במתי מעט, מיט ווייניק געשולטע מענטשן, האָט אַברהם גאָלדפאַדען, אָנגעהויבן זיין שטענדיק יידיש טעאַטער, צוריק מיט הונדערט יאָר, אין יאַסער גאָרטן „פּאָמול ווערדע", גרינער בוים, וואָס האָט געהערט צו שמעון מאַרק.

טראָץ די עליות און ירידות, די פריידיקע דערשיינונגען און אַנטוישונגען טראָץ די שווערע נסיונות וואָס דאָס יידישע טעאַטער איז אויסגעשטאַנען אין פאַרלויף פון זיין הונדערט יאָריקער עקסיסטענץ, איז זיין וועג, זיין זיג-זאַגישער וועג, אין לעצטן סך הכל, אַ באַרג אַרויפיקער און אויפשטייגנדיקער.

גאָלדפאַדענס טעאַטער, האָט באַגינסטיקט דאָס אויפקומען פון נייע אַקטיאָרן, נישט נאָר אין רומעניע, אין כמעט אַלע יידישע יישובים. אַ וויכטיקן ביישטייער צו דער אַנטוויקלונג פון די טעאַטער קאַדערס האָבן די דילעטאַנטן־געזעלשאַפטן ווי „יובל" אין יאַס למשל, משוררים פון שילן און ליבהאָבער־פאַרוויילער מיט פאַרשיידענע שפּילן יום־טובים, אויף שמחות, חתונות און באַזונדערס די פאָלקס־זינגער אין קרעטשמעס און אין זייערע זומער־גערטנער, פון יאַס און בוקאַרעשט, גאַלאַץ אַ. אַ.וו.

שכר גאָלדשטיין און משה זילבערמאַן, זעליק מאָגולעסקו, מעכאַלע גליקמאַן, לייזער צוקערמאַן, אַבאַ שיינגאָלד, דוד קעסלער לדוגמא באַשטעטיקן אונדזער באַהויפּטונג. אונטער אַברהם גאָלדפאַדענס דירעקטער ווירקונג, זענען זיי אויסגעוואַקסן אַקטיאָרן ווייט באַקאַנטע, אייניקע אַפילו מיט אַ שם אויף דער גאָרער וועלט.

אָט די אַקטיאָרן פון גאָלדפאַדען־פאָרמאַציע, האָבן געשפּילט אין די שווערסטע באַדינגונגען, דעם גאָלדפאַדען רעפּערטואַר, אין די רעאַליסטישע פאַמיליען־דראַמעס פון יעקב גאָרדין, און אַפילו אין די אָפּערעטקעס, געבויטע אויף לידלעך, טענצלעך און קאָמישע סצענעס, און געגעבן מענטשלעכע, רעאַלע, געשטאַלטן, מיט זייערע איבערלעבונגען און פּראָבלעמען.

דערפאַר האָט דאָס יידישע טעאַטער זיך צעוואַקסן, זיך איינגעוואָרצלט אינעם לעבן פון יידישן פאָלקס־מענטש. דאָס לערנייִנגל אָדער מיידל, די באַלמעלאָכעס האָבן ביי דער אַרבעט נאָכגעזונגען ניגונים, לידלעך, נאָכגעזאָגט ווערטלעך, מימראות אָדער קאָמענטירט געוויסע אידעען און געשעענישן פון די, געזעענע ספּעקטאַקלען אין גאָלדפאַדענס יידישן טעאַטער. אַזוי איז עס געוואָרן אַ ווירקונגס־מיטל, אויף דעם פילן, דענקען און האַנדלען פון פאָלקס־מענטש.

דאָס פּראָפעסיאָנעלע טעאַטער האָט דערוועקט דעם חשק צו שפּילן ביי אַ סך מענטשן, באַזונדערס ביי דער יוגנט. אַזוי זענען אַנטשטאַנען די אַזוי גערופענע „דילעטאַנטן געזעלשאַפטן", שפּעטער גוט אָרגאַניזירטע „דראַמאַטישע קרייזן" ביי פאַרשיידענע קולטור פאַריינען ווי למשל ביי די „קולטור ליגעס" אין רומעניע, צווישן ביידע וועלט מלחמות און ביים „איקוף פאַרבאַנד", נאָך דער לעצטער וועלט מלחמה, אין רומעניע. פון דער פּרעסע ווייסן מיר אַז אָט די דראַמאַטישע פאַריינען זענען אַ מאָסן דערשיינונג, מיט קינסטלערישע דערגרייכונגען, אין אַלע לענדער ווו עס לעבן קאָמפּאַקטע יידישע מאַסן.

פון אָט די פאַריינען זענען אויסגעוואַקסן, נאָכן איבערגיין אין פּראָפעסיאָנעלן יידישן טעאַטער אַ היפּשע צאָל קולטורעלע און שעפערישע אַקטיאָרן, וואָס האָבן פאַרשאַפט כבוד דעם יידישן טעאַטער, דער יידישער טעאַטער־משפּחה,

געוויינטלעך זאָגט מען און מע שרייבט, אז די ערשטע יידישע אקטריסע איז געווען סאָפי קאַרפּ. ווי זאָגט שלום עליכעם א פּערסאָנאַזש אין „גרויסן געווינס" — די ערשטע נישט די ערשטע, אָבער איינע פון די ערשטע!

דאָס ערשטע בוך וועגן גאָלדפאַדענס יידישן טעאטער, איז דערשינען אין 1877 אָדער אָנהויב 1878 מיט א העברעישן טיטל „במת ישחק או גי חזיון סאַלאָן" פּאָמול ווערדע", אָבער געשריבן איז עס אין יידיש פון א רוסישן יידן וואָס האָט א צייט געלעבט אין רומעניע-א ב ר א מ ס ק י.

אבראמסקי באהאנדלט די אויפפירונגען פון די ערשטע גאָלדפאַדען פּיעסן צען אין צאָל: „די מומע סאָסיע, שמענדריק, איקס-מיקס-דריקס; דער קאָטער, די שטומע כלה, די אינטריגע, א גלאָז וואסער, דער לעבעדיקער טויטער, שוסטער און שניידער און ברײנדאלע קאָזאק". אבראמסקיס אָפּשאצונגען באווייזן אז ער באזיצט א הויכן קולטור-ניוואָ.

לויט ג. אבראמסקי, איז די „מומע סאָסיע", איינע פון די בעסטע דראמאַטישע ארבעטן וואָס גאָלדפאַדען האָט ביז דעמאָלט געשטעלט, אין ערשטן יאָר פון יידישן טעאטער, ווייל אין איר, באגעגענען מיר ווירקלעכע, מענטשלעכע געשטאלטן.

אבראמסקי איז ביי דער מיינונג אז די ראָלע פון דער מומע סאָסיע, האָט גוט אויסגעפירט די אקטריסע ראָזא פ ר י ד מ א ן כאָטש אביסל איבערטריבן. ס'האָט מיך געפרייט, שרייבט ג. אבראמסקי, וואָס אן אקטריסע פארשטייט אזוי גוט דעם מחברס כוונות. האָפנטלעך וועט זי זיך תמיד אויסצייכענען אין אזעלכע ראָלעס. ראָזא פרידמאן איז די ערשטע יידישע אקטריסע וואָס ווערט דערמאנט אין א רעצענזיע, מיטן נאָמען און פאמיליע נאָמען. אקטיאָרן פון דער „אלטער גווארדיע", האָבן מיר מיט יאָרן צוריק דערציילט, אז ראָזא פרידמאן, פלעג אזוי גוט שפּילן בתין, מירעלעס שטיף-מאמע, פון גאָלדפאדענס „די כישופמאכערין", אז, אייניקע יידענעס, פלעגן זיך נעמען שטארק צום הארצן און זיך אָננעמען פאר מירעלען, די געפּלאָגטע יתומה, וועלכע די שטיף מאמע שעלט און שלאָגט אָן אויפהער, און סטראשען ראָזא פרידמאן-די שטיף מאמע, בעתן שפּילן: „— מירן שוין זען ווען דו וועסט ארויסקומען!"...און צום סוף פון ספּעקטאקל, האָבן די דערמאנטע יידענעס מיט זייערע מענער און באַקאנטע, אָפּגעווארט די שטיף מאמע אליאס ראָזא פרידמאן, מיט שטיינער אין די הענט...

אונדזער באהויפּטונג אַז ראָזאַ פרידמאַן איז די ערשטע פרוי אויף דער יידישער בינע, באַשטעטיקט אויך מאָגולעסקו, אין זיינע דערינערונגען. ראָזאַ פרידמאַן האָט פריער געזונגען און געטאַנצט אין די איסטאַמבולער קאַפע-הייזער, אין די אַזוי גערופענע „קאַפע-קאָנצערט"-פּראָגראַמען.

סאָפי קאַרפּ, איינע פון די ערשטע יידישע אַקטריסעס אין יידישן טעאַטער

שרה סעגאַל, נאָך איר חתונה האָבן מיט שכר גאָלדשטיין-שרה גאָלדשטיין און שפּעטער נאָכן חתונה האָבן מיט מאַקס קאַרפּ שוין פאַרבליבן אין דער געשיכטע פון יידישן טעאַטער מיטן נאָמען סאָפי קאַרפּ, האָט דעביוטירט ביי גאָלדפאַדענען אין „די באָבע מיטן איניקל". ווי גאָלדפאַדען גיט אָן האָט זי דעביוטירט אין „די אינטריגע דער דוואָסיע, די פּליאָטקע מאַכערין", אין דער ראָלע רחל, אין פעברואַר 1877, אין גאַלאַץ, רומעניע. מיר האָבן געבלעטערט אַ היפּש ביסל צייטונגען און צייטשריפטן פון רומעניע, אויף יידיש און רומעניש, און גישט געטראָפן איר נאָמען דערמאָנט אין אַ רעצענזיע... און זי איז דאָך געווען דאָס שיינדל פון דער גאָלדפאַדען טרופּע, די פּרימאַדאָנע, אָבער, נאָר אַ קורצע צייט. נאָך עטלעכע טורנעען איבער אייראָפּעישע שטעט, ווערט זי אַרויסגענומען קיין אַמעריקע פון איר שפּעטערן מאַן, דעם אַקטיאָר און טעאַטער דירעקטאָר מאַקס קאַרפּ. איר קאַריערע האָט זיך אַנטוויקלט ראַשיק.

אין אירע זכרונות גיט איבער, בערטאַ קאַליש אַז סאָפּיאַ קאַרפּ איז געווען „שיין אָנציענד, רייצנד און אַן אויסגעצייכנטע שוישפּילערין". באָריס טאָמאַשעווסקי כאַראַקטעריזירט זי אַזוי „אַ גאַנצע וועלט מיט חן, איז געווען אין איר שמייכל. מיט איר שיינעם זינגען, האָט זי געפאַנגען די הערצער פון דעם טעאַטער עולם". בעטי טאָמאַשעווסקי דערמאָנט סאָפּיאַ קאַרפּס אַ שוואַכקייט: „זי האָט גערעדט „דייטשמעריש", אַ דייטשמעריש וואָס האָט דערמאָנט אָן דעם באַרימטן „קאַלוואַריער דייטש". די ראָלעס שולמית, דינה און אַנדערע ראָלעס פון יידישע טעכטער, האָט זי געשפּראָכן אויף „דייטשיש".

איינע פון די ערשטע אַקטריסעס, שעפערין פון דער שמענדריק פיגור גאָלדיצאַ דורסט-וויים

אין זלמן זילבערצווייגס „לעקסיקאָן פון יידישן טעאַטער" זענען פאַראַן קנאַפּע ידיעות פאַר „גאָלדיצאַ". איר אמתער נאָמען איז געווען גאָלדיצאַ דורסט און פיגורירט 30 יאָר אויף די אַפישן פון דער „זשינגיצאַ". אַזוי למשל,

זענען אויף דער רשימה פון פערסאָנאַל, אַקטיאָרן-באַשטאַנד, פון דער יידישער טרופּע אין זאַל „פּאַמול ווערדע“, אויף קאַלעא וואַקאַרעשטי נומער 20, פאַר דעם סעזאָן 1878 — 79, איבערגעגעבן דער הויפּט-פאַרוואַלטונג פון די טעאַטערס אין רומעניע, און באַשטעטיקט די דערלויבעניש צו שפּילן דעם 3-טן ביז 15 נאָוו. 1878 פאָלגנדיקע אַקטריסעס אָנגעגעבן: סאָפי גאָלדשטיין, אַמאַליאַ מאָגולעסקו, פרייליין פּאַולינאַ פינקעלשטיין, פרייליין ג. (גאָלדיצאַ) פרוי ערנעסטינאַ זילבערמאַן.

באַטש מאָגולעסקו האָט פאַר זאָלדיצאַן געשפּילט עטלעכע מאָל שמענדריקן האָט גאָלדיצאַ דורסט געשטאַלטיקט שמענדריק אַזוי אַז אַלע יאָרן האָבן פּרויען אין טראַוועסטי, געשפּילט די ראָלע און געהאַט שטורמישע אָוואַציעס. איך דערמאָן מיך אין דעם ריזן-דערפאָלג פון מאַלי פּיקאָן אין יאָם אין 1922 אין דער ראָלע שמענדריק. גאָלדיצאַ ווערט אָפּט אַנאָנסירט צווישן די „אַנדערע שוישפּילערינס-אַנהייבערינס“ פון גאָלדפאַדענען, אויף דער רשימה פון פּיעסן און קינסטלערישן פּערסאָנאַל, איבערגעגעבן דער הויפּט-פאַרוואַלטונג פון די רומעניישע טעאַטערס אונטערן נומער 490 פון 25 יולי 1878. גאָלדיצאַ „פיגו-רירט מיט דעם נאָמען אויפן קינסטלער-פּערסאָנאַל אין סאַלאָן „פּאַמול ווערדע“ און אין דער „זשינגיצאַ“ צווישן 24 אַפּריל — ביז אָנהויב סעפּטעמבער 1877 אין איינעם מיט פרייליין ביצאַ (?) וועלכע זינגט שאַנסאָנעטן, אין איינעם מיט, פרייליין ליזאַ טייטעלבוים שפּעטער איינהאָרן, מאַדאַם ב א ב ע ט א (?). אָט די ידיעות לייענען מיר אין בוקאַרעשטער „יידישן טעלעגראַף“ פון 11 סעפּטעמבער 1877. גאָלדיצאַ איז געווען אַ באַגאַבטע אַקטריסע, אַ באַשיידענע, אַן אָרעם קינד אַ יתומה, האָט זי געטאָן נישט תמיד דאָס בעסטע כדי צו קאָנען לעבן, אָבער ביי דער „זשיגניצאַ“ און אין אירע טרופּעס האָט זי זיך אויסגעלעבט אַלע יאָרן אויף אַן אַפיש פון זונטיק 28 מאַי 1900 — (אין מיין רשות) צום ספּעקטאַקל פּאַראָדיע „שוליק אויפן פּוילישן טראָן“, 5 אַקטן, 11 בילדער, ליברעט פון י (יוסף לאַטיינער, מוזיק זעליק (זיגמונט) מאָגולעסקו, שפּילט גאָלדיצאַ דורסט (אויפן אַפיש אָנגעגעבן פרייליין אוריקאַ דורסט) די ראָלע פון בראַלינאַ, די פרוי קעניג שטעפאַן באַטאָרי. אגב איז דער ספּעקטאַקל לטובת „איין בענע-פיס, פאַר אַ יידישער פאַמיליע, וואָס זאָל קאָנען אויסוואַנדערן קיין אַמעריקע“. דער אַפיש איז אויף רומעניש.

כדאי צו דערמאָנען אַז דוד הירש, דער באַקאַנטער קאָמפּאָזיטאָר, כאָר דיריגענט אין יידישן און אין בוקאַרעשטער נאַציאָנאַל-טעאַטער, האָט צוליב פּרנסה, שוין אין די ערשטע טעאַטער— יאָרן, בימי גאָלדפאַדען, געשפּילט ווי אַן אַקטיאָר. אויף אַן אַנדערן אַפיש, (אין מיין רשות), פון 11 מאַי 1920, אין ספּעקטאַקל „דער קאַמף פאַר קונסט“, „צווישן פאַרמעגן און ליבע“, „דוד׳ס פי-

דעלע" (נאָר לעצטע צוויי ווערטער מיט יידישע אותיות) טעקסט י. לאַטיינער, מוזיק זעליק מאָגולעסקו, שפּילט דור הירש די ראָלע טוביה — א גביר).

אויף דער עלטער אונטערן נאָמען „אוריקא" (גאָלדיצא אויף רומעניש) איז זי געווען קאָבינירע, וואָס באַדינט די פרויען-שוישפּילערינס.

כדאי צו דערמאָנען אַז אַוועקפאָרנדיק קיין אַדעס האָט גאָלדפאַדען איבער־געלאָזט א טרופּע אונטער דער לייטונג פון זיין ברודער נפתלי. איז אויף דער רשימה פון פּערסאָנאַל, איבערגעגעבן דער גענעראַל-דירעקציע, אַפּריל 1882, צום ערשטן מאָל אָנגעגעבן דער נאָמען פּעפּי גאָלדשטיין שפּעטער ליטמאַן, די באַרימטע קופּלעטיסטין אויף דער גאַנצער וועלט.

נייע דאַטן וועגן סאַבינאַ לאַקסער

דאָס ערשטע וווּנדער-קינד אין יידישן טעאַטער, די ערשטע שאַנסאָנעטיס־טין (אין עלטער פון 11 יאָר!). די איידעלע, אויסשטודירטע אין קאָנסערוואַ־טאָריע און געבילדעטע אַקטריסע פון יידישן טעאַטער. אין זלמן זילבערצווייגס לעקסיקאָן איז נישט ריכטיק אָנגעגעבן דאָס געבורטסיאָר 1871. אין א ביטע, וואָס זי גיט איבער דער הויפּט-פאַרוואַלטונג פון די טעאַטערס אין רומעניע, רעגיסטרירט אונטערן נומער 277 פון 19/7 מיי 1883, ווייזט זי אָן:

„סאַבינאַ לאַקסער, אין עלטער פון 15 יאָר (געבוירן 1868) אין דער שטאָט בוקאַרעשט (נישט יאַס) מיט דער וווינונג אויף גאַס מאָשילאָר נומער 26, שילע־רין אין דער דראַמאַטישער קאָנסערוואַטאָריע". אין אַפּריל 1884 איז זי אַנגאַ־זשירט מיט גאַזשע און נאָך א חודש חתמעט זי א קאָנטראַקט מיט דער גענעראַל דירעקציע פון די רומענישע טעאַטערס אַלס אַקטריסע פון רומענישן נאַציאָ־נאַל טעאַטער, מיט 80 ליי א חודש פאַרן טעאַטער סעזאָן 1884-1885. אין איר ביטע פון 31/19 יולי 1886, נומ. 392, ווייזט זי אָן, אַז זי איז 18 יאָר אַלט, וווינט שוין אויף גאַס שטירבעי וואָדע נומער 9. זי מאָנט מע זאָל איר באַצאָלן מיט גאַזשע און אַז זי וויל נישט מער זיין אין כאָר. געחתמעט סאַבינאַ לאַק־סער.

דער נייער קאָנטראַקט פון 12/31 יולי 1886 ווערט זי אַנגאַזשירט מיט גאַזשע פון 150 ליי חודשלעך, אויפן טעאַטער-סעזאָן 1886-1887. אין אויגוסט 1884/6 שפּילט זי מיט אָנגעזעענע רומענישע אַקטיאָרן אין גאָרטן" ראָשקאַ" פון בו־קאַרעשט, אין דער טרופּע באַטייליקט זיך די יידישע אַקטריסע פאַנשעט וועו־מאַן אין מיי 1884 שפּילט סאַבינאַ לאַקסער אין דער טרופּע פון באַקאַנטן קופּ־לעטיסט י.ד. י אָ נ ע ס ק ו, אין די קאָמעדיעס פון רומענישן קלאַסיקער אַלעק־

סאנדרי, אין וואָדעווילן און דראמעס, אין געוועזענעם גאָרטן „סטאוורו“. אויף א ביטע פון די „סאָסיעטארן“, שטענדיקע מיטגלידער פון טעאטער־אנסאמבל ביי די נאציאָנאלע טעאטערס פון רומעניע, מיט הויכער קינסטלערישער טעטיקייט, ק. נ אָ ט א ר א, געאָרגע קארזשע, יאָן פּעטרעסקו און אנדערע, חתמעט אויך סאבינא לאקסער. זיי בעטן מע זאָל אויסבאָרגן קאָסטיומען פון גארדעראָב פון נאציאָנאל טעאטער, פאר א פאָרשטעלונג, וואָס זיי גיבן לטובת הכלל. אין זומער סעזאָן אָנהויבנדיק פון 1 יוני 1886 שפּילט זי אין גאָרטן „ראָשקא“ גלייכצייטיק אָבער געוועזן אנגאזשירט אין נאציאָנאל טעאטער און זומער נישט באקומען קיין געהאלט, דעמאָלט.

אין בוקארעשטער „היועץ“ פון 2 סעפּטעמבער 1881, נומער 338, איז אנאָנסירט אז די גאָלדפאדען טרופּע איז רעאָרגאניזירט און עס זיינען צוגעקומען יוסף (זינגער) לאטיינער, מאדאם (סאָפי) גאָלדשטיין, פריילין אקסעלראד, פריילין סאבינא לאקסער. און היות סאבינא איז זייער באליבט ביים עולם איז זי די איינציקע וואָס דערשיינט אויף די רעקלאמעס פון גאָלדפאדענס ספּעטאקלען, ווי למשל אין „הויועץ“ נר. 316 פון 17 יוני 1881“ וויר געבן זיך אללע מעגליכע מיה דעם געהערטן פּובליקום צו פריעדען צו שטעללען און ערשפּארען קיינע שפּעזען, און האבען דיא בעריהמטע שאנסאָנעטען זינגערין, פריילין סאבינא לאקסער בעצויגן, וואס זיין ווערט בייא דער צוקונפטיקער פאָרשטעללונג די צוהערער מיט איר שען זינגען פערגניגען מאכן“. אויך אין רומענישן טעאטער איז זי ריכטיק אָפּגעשאצט געוואָרן. זי האָט ווי ווייניק אנדערע אקטריסעס אין יענע יאָרן, געשפּילט דראמע, קאָמעדיע אָפּערעטע, געזונגען און געטאנצט, קינסטלעריש געזאָגט א קופּלעט, געזונגען א ליד.

צו די אקטיאָרן פון גאָלדפאדען־פאָרמאציע דארף מען דערמאנען י. וויינבערג, א ברודער פון מאטילדע וויינבערג, די ערשטע דראמאטורגין אויף דער יידישער בינע. ער איז געווען א סטודענט אוף דעם וועטערינארן פאקולטעט און גלייכצייטיק געשפּילט אין גאָלדפאדענס טרופּע א צייט, אויך אין טראוועסטי ער איז געווען א שיינער בחור אינטעליגענט, מיט א שיינער טענאָר שטימע. נאָך א פּאָר יאָר פארענדיקט ער די שטודיעס און ווערט דאָקטער וועטערינאר, ציט זיך צוריק פון טעאטער. אין איר רומענישן פּעריאָד האָט סאבינא לאקסער באגייסטערט און אנטציקט דעם טעאטער עולם. אין אמעריקע האָט זי חתונה געהאט מיטן בארימטן קאָמפּאָזיטאָר יוסף רומשינסקי און געשפּילט מיט דערפּאָלג אויף דער יידישער בינע. געשטאָרבן איז די איידלע, באגאבטע, פילזייטיקע קינסטלערן אין יאָר 1927.

אלבערט סעגאלעסקו איז א טיפּישער אקטיאָר פון דער גאָלדפאדען פּאָרמאציע. פריער מער אריינגעטאָן אין גאָלדפאדען, שפּעטער אין גאָרדין רעפּערטואַר. ער איז געווען דער זון פון די גאָלדפאדען-אקטיאָרן אמאליא און מרדכי סעגאלעסקו. אלבערט האָט זיך באזונדערס אויסגעצייכנט אין דער ראָלע שלמהקע שארלאטאן. ער האָט געהאט א ריזיקע שטימע, ממש א שאגת אריה, און פון דער אָפּערעטע איז אים פארבליבן א נייגונג צו מעלאָדראמע.

זייער באגאבט מוזיקאליש פון קינדווייז אָן האָט ער פארענדיקט די בוקא-רעשטער מוזיק קאָנסערוואטאָריע אין 1906, מיט א צווייטער פּרעמיע. דער פאָטער נעמט אים אריין קודם אין כאָר פון „זשיגניצא" טעאטער, באלד שפּילט ער קליינע ראָלעס און וואקסט אוים א גוטער אקטיאָר. געשפּילט „טוביה דער מילכיקער", און א סך אנדערע, פאר וועלכע, ער האָט נאָך זיין אָפּפאָרן אין סאָוועט רוסלאנד, באקומען דעם טיטל פארדינסטפולער קינסטלער פון דער מאָל-דעוועשער סאָוועטישער רעפּובליק. ער האָט קאָמפּאָנירט מוזיק צו מערערע פּיעסן און טעקסטן פון יידישע דיכטער ווי יעקב גראָפּער א אנד. אין 1941 איז ער געשטאָרבן פון טיפוס אין דער עוואקואציע.

יידיש טעאטער

אין דער מאָלדעווישער קרוינשטאָט יאס

מאטעריאלן צום הונדערטסטן יובל פון יידישן טעאטער אין רומעניע

ביי לאנגע הילצערנע טישן, מיט א געבראָטן שטיק פליישאון א גוט גלעזל קאָטנארער וויין, זיצן „פּראָסטע" מאָלדעווישע יידן. פאָלקס-זינגער אָדער די „בראָדער זינגער", די ערשטע פריילעכע יידישע אקטיאָרן ווי מאנגער באצייכנט זיי, באגלייט פון א יידישן פידלער אָדער צימבלער, זינגען לידלעך, אין הארץ פינקלט טרויער אָבער אין כוס זינגט דער וויין, ווערן די שווערע געמיטער-פריילעך, און קוויקן זיך מיט בערל בראָדערס שיינע, קלוגע לידלעך. מען האָט בערלען ליב און האלט אים פאר אן אייגענעם, אן אונדזערן, א יאסער...

פארן טרובאדור וואָלף ערענקראנץ-זבארזשער, כאָטש מען רופט אים ווי אן אייגענעם „וועלוואלע" האָט מען דרך-ארץ. געקליידט איז ער טאקע ווי א פּריץ מיט א פראק און הענטשקעס, א צילינדער אָבער אין זיינע לידלעך חוזקט ער אָפּ פון די צבועקישע קהלישע אָדער קלעריקאלע רעדל-פירער, וועלוואלען האָט מען ליב ווייל מיט זיינע לידלעך, ווי למשל וועגן מצבה-שלעגער, א. אנדערע,

אין וועלכע ער הייבט ארויס די חשיבות פון מלאכה. פאר אים, האָט מען שוין אין גאָרטן, צונויפגעקלאפט א שטיקל בינע. דער עולם קאָכט פאר געלעבטער פון חוזק גלעקעלע וואָס ווערן בינדט אָן די גאָטס-סטראפּטשעם און זיפצט גלייבט זיך אויס די פּלייצעט ווען ער זינגט וועגן מלאכה, מענטשלעכע ווערדע.

צו זיי דארף מען דערמאנען די גרופּעם פּורים-שפּילער און טעאטער-אמאַ-טאָרן, וואָס שאפן ביי פארשיידענע געלעגנהייטן „שפּילן", אויף ביבלישע, אָדער וועלטלעכע טעמעס, אוון זענען משמח דעם עולם אויף חתונות, קערמעש-לעך, יום טובים. אייניקע זענען אַזוי באריסמט אז מע רופט זיי נישט ביי זייערע אמתע נעמען נאָר ביי די פערסאָנאזשן וואָס זיי שפּילן יאָרנלאנג ווי למשל איציק המן און איציק המגס אייניקלעך....

די ראָבוסטע וויטאליטעט פון די רומעישע יידן, גוטיקט זיך אין א יידיש טעאטער, ווי ביי די רומענער, א טעאטער וואָס זיי באזוכן אגב זייער אָפט, א טעאטער אין דער פאָלקס-שפּראך יידיש.

יאס איז א וויכטיקער קולטור צענטער. אהין קומען אראָפּ אין וויכטיקע קולטור-געזעלשאפטלעכע שליחות פּרץ סמאָלענסקי און אברהם-בער גאָטלאָ-בער, רעדאקטאָרן פון העברעישע צייטשריפטן ווי מיכאל לוי ראדקינזאָן, וואָס באזוכט רומעניע כדי צו שאפן אבאָנענטן פאר זיין „הקול" וכדומה. קיין יאס איז אויך גאָלדפאדען אראָפּגעקומען כדי ארויסצוגעבן א צייטונג אָבער געראטן פון יצחק ליברעסקו באשטימט ער צו שאפן דעם ערשטן פּערמאנענטן יידישן רעפּערטואר טעאטער. אזוי האָט י א ס, געהאט די זכיה צו ווערן דאָס וויגעלע פון יידישן טעאטער אויף דער גאָרער וועלט.

דער קוואטער און אויך הויפּט באזאָרגער פון די נויטיקע מזומנים איז פאר-שטייט זיך, געווען יצחק ל י ב ר ע ס ק ו. געווען איז ער א ס א מ ע ש דאָס הייסט דער פארוואלטער-קאסירער פון די שטייערן אויף א דיסטריקט און נישט ווי א סך האָבן געשריבן, אז דאָס וואָרט באטייט א שמש (שאמעס) א שול-דינער!....

ליברעסקו איז געווען אן אָנגעזעענע קולטור-געזעלשאפטלעכע פערזענ-לעכקייט. אָנפירער פון פאריין „לבנון", איינער פון די גרינדער פון אגודת „שומ-רי שפת עבר", לעבן דעם געלערנטן מתתיהו שמחה בן יהודה ראבענער און דעם שעפער פון דער „התקווה", וואָס האָט א צייט געלעבט אין יאס, נפתלי הערץ א י מ ב ע ר. ליברעסקו האָט דראמאטיזירט אייזיק מאיר ד י ק'ס מעשה „די צוויי קאטערינטשיקעס", אלס פּיעסע אין פיר אקטן, אונטערן נאָמען „די דערפולטע ליבע". די פּיעסע איז אויפגעפירט געוואָרן אין יאס פון יוסף לאטיי-נערם א טרופּע, אין גאָרטן „פּאָמול ווערדע", אין 1876. אגב איז כדאי צו

דערמאנען אז ליבערסקו׳ס זון, דער בארימטער פּראָפעסאָר דר. בן-ציון, ליבער האָט אויך געשריבן אן אָריגינעלע דראמע „דער זומפּ“, וועגן וועלכער מיר ווייסן נישט דערוויל, קיין פּרטים.

זומער האָבן געשפּילט יידיש טעאטער קליינע טרופּעס מיט גוטע אקטיאָרן אין פאָלגנדע יאסער גערטנער: אין שיל-הויף, אויפן קלעזמערישן געסל ביי שירמאנען, און אין שלום שייקעלעס (טאמאסים) גאָרטן, אויף רופּעני (נאָך דער אייזערנער בריק); אין צענטער: גאָרטן "Chateav aux fleurs", „שפּעטער טאָנאסאקע, פאמול ווערדע, ווו סע זענען אויפגעטראָטן מיט א ריזן דערפאָלג קלארא יאָנג, מאלי פּיקאָן, פּריזאנט און גיזי היידען, אנא יאקובאָוויטש, סידי טאל, דינא קעניג און סעווילא פּאסטאָר, פּאול באראטאָוו און מישא פישזאָן, מיכאל מיכאלעסקאָ און פיל אנדערע. אויף דער בריק פיר גערטנדלעך.

ווינטער-צייט האָט מען געשפּילט שטענדיק. אין זאל „ליריק“, טיוואָלי די אקטיאָרן, היגע ווי שלמה און פּינקו פרידמאן גיזעלא נעגרעאנו, די אקטיאָרן משפּחה וויטש שפרה גאָלדענבערג, ראָזא און איציק העללער משה גאָלדענבערג, זשעני זעלצער קארל איסקאָוויטש, קאנאפּאָוו, פּאָכאנסקי, זאַכאראָוו און אנדערע, פלעגן זיך אויפהאלטן חדשים לאנג, אין יאס, אָט די אקטיאָרן זענען געווען פער „דו“ מיטן עולם, א באווייז פון נאָענטקייט און ליבע מצד דעם עולם. קיין גליקן האָט מען נישט געמאכט!

די וואָס האָבן איבערגעלעבט די גרויסע שחיטה; די לעצטע וועלט-מלחמה, און זענען צוריקגעקומען אָדער זיך באזעצט אין יאס, האָבן ממש געשלינגען יעדע פאָרשטעלונג. אימפּראָוויזירטע טרופּעס מיט א מינאָרן רעפּערטואר ווי אויך דאָס „איקוף טעאטער“ פון בוקארעשט, וואָס שפּילט א חודש צייט, נאכט ביי נאכט און שבת, זונטיק אויך נאָכמיטאָג, מיט א הויך קינסטלערישן רעפּערטואר און קאָלעקטיוו באווייזט אז דער געשמאק פון עולם, זיינע פאָדערונגען פון טעאטער, זענען געוואקסן. דערפאר איז נאָך עטלעכע יאָר געגרינדעט געוואָרן, מיט דער פולשטענדיקער מאטעריעלער און מאָראלישער אויסהאלטונג פון דער רומענישער מלוכה, דאָס יאסער יידישער מלוכה טעאטער.

ווי א דירעקטאָר און רעזשיסאר איז באשטימט געוואָרן איזאָ ש א פּ י ר א. אָרגאניזאטאָרישע און פּעדאגאָגישע פעיקייטן פעלן נישט שאפּיראן. ער שטעלט צונויף דעם אנסמבל. עטלעכע פּראָפעסיאָנעלע אקטיאָרן צו וועלכע ער ציט צו עלעמענטן פון די ליבהאָבער-קרייזן. שאפּירא באשטימט צו דערעפנען דאָס טעאטער מיט אונדזער געניאלן שלום עליכם מיט זיין קאָמעדיע „דער אוצר“.

פאר דער פּרעמיערע האָט מען געארבעט צו 12-14 שעה יעדן טאָג. קיין טענה האָט קיינער נישט געהאט, ווייל מ׳האָט געפילט אז עס זענען טעג פון

פריליגנדיקן פארזיי, טאָר מען נישט קארגן קיין מי, צייט... דער אומדערמידלעכסטער פון אלע איז געווען איזאַ שאַפּירא.

טראָץ דער אָנגעשטרענגטער ארבעט, האָט אין טעאטער געהערשט א פרייוויליקע דיסציפּלין, א שעפערישע אטמאָספער. א סטאביל טעאטער מיט גוטער אויסשטאטונג, אָן דאגות פּרנסה, האָט פארוואנדלט אלע מיטארבעטער אין א פעסטן קאָלעקטיוו, וועלכער איז פון ספּעקטאקל צו ספּעקטאקל, געוואקסן אידעיש און קינסטלעריש.

צוגרייטנדיק א קאָליר-רייכן רעפּערטואר, פון קלאסיש יידישע און וועלטלעכע פּיעסן, פון היינטצייטיקער און היימישער דראמאטורגיע, שאפנדיק אן אייגנעם, אייגנארטיקן טעאטער-סטיל, איז איזאַ שאַפּיראן געלונגען צו פארזיכערן א ברייטע באזוכערשאפט, פאר אלע טעאטער ספּעקטאקלען פון יאסער יידישן מלוכה טעאטער. ווי אין די ששת ימי בראשית פון „פאטער" גאָלדפאַדען-טעאטער איז אין יאסער יידישן מלוכה טעאטער געגאנגען א גרויסער עולם, אינטעליגענץ און ארבעטער, יונג און אלט. דאָס טעאטער האָט א ווירקונג. אין דער פּרעסע דערשיינען רעצענזיעס וועגן יעדן ספּעקטאקל. די פּרעסע שענקט אויפמערקזאמקייט די אקטיאָרן און דעם טעאטער אויף זיין סטאבילן אָרט-יאס און אין טורנעען איבערן גאנצן לאנד. עס האָט גרויסע דערפאָלגן, באקומט א שם, איז א נײַ יידיש טעאטער. מיט זיינע פאָלקס-שפּילן, מיוזיקלס, רופט מען זיי היינט, האָט ער פארשאפט א סך נחת-רוח, פרייד די טויזנטער און טויזנטער באזוכער-שטאם-געסט פון יידישן טעאטער. כדאי צו אונטערשטרייכן אז שאַפּירא אלס רעזשיסאָר, בארייכערט אידעיש אלע זיינע ספּעקטאקלען, זעטיקט זיי אָן מיט עמאָציעס דערפירט זיי צו קינסטלערישער אָפּגעשליפנקייט, צו שלימות. דאָס טעאטער האָט אויך א דערציערישן באטייט.

שטארקע עמאָציעס דערוועקן ביים עולם דאָס שפּיל פון די אקטיאָרן, די געראָטענע דעקאָרן פון קינסטלער איזיו שערף, טענץ פון דער מייסטערין נוצי גרונעא, דער אָרקעסטער מיט גוטע מוזיקער אָנגעפירט פון קאָמפּאָזיטאָר און דיריגענט בערל סעגאל. פאר די ספּעקטאקלען קאָמפּאָנירט אויך דער פּיאַניסט משה פידעל און דער פידלער-אקאָרדעאָניסט הארי סעגאלאָוויטש און אנדערע אין טעאטער אנטוויקלטע מוזיקער. די רעקלאמע פון טעאטער איז, נישט געווען קיין שרייעריש-פילדערישע-א נאָרמאלע. פאר אלע ספּעקטאקלען, און האָט אלע מאָל געהאט א פּעולה, ווייל מען האָט נישט אָפּגענארט דעם עולם נאָר אקעגן זיינע דערווארטונגען, די דערווארטע עמאָציעס.

אָט זענען די רעזולטאטן פון 14 יאָר טעטיקייט, ביז זיין צוזאמענגוס מיטן בוקארעשטער יידישן מלוכה-טעאטער, פון דער גרינדונג סוף 1949 ביז אָנהויב:

1963, אינסטאטיסטישע ציפערן: הונדערט פרעמיערעס, 3258 ספעקטאקלען אין יאס און אין די טורנעען, אכטהונדערטויזנט צושויער! שלום עליכמס בינע-ווערק האָבן געזען 114.164 צושויער! גאָלדפאדענס פיעסן 46.561; הערשעלע אָסטראָפאָליער פון משה גערשענזאָן, האָבן געזען 47.492 צושויער, גאָרדינס „גאָט מענטש און טייוול", א הויך קינסטלערישער ספעקטאקל און „כאסיע" 17. 142 צושויער.

און בנימין דער דריטער, לויט מענדעלע מוכר ספרים, פון יוליאן שווארץ און י. בערקאָוויטש האָט געבראכט 4444 צושויער נאָר אין יאס.

צווישן די אקטריסעס האָט רחלע געשפילט אין מער ווי א העלפט פון די הונדערט פרעמיערעס, רחלע העללער שאפירא האָט אין רוב פון זיי געשפילט די הויפט ראָלן אָבער אויך קינסטלעריש געשטאלטיקט עפיזאָדן-ראָלן. זי האָט אויך אין די צען פופן-שפילן, וואָס דאָס טעאטער האָט געשטעלט זיך אקטיוו באטייליקט, און א צאָל ספעקטאקלען אין טעאטער אויך רעזשיסירט. די זעלבע מיגלעכקייט האָבן געהאט אויך אנדערע אקטיאָרן ווי אברהם ניימארק, שמערל לינשע און אנדערע. דאָס רוב אקטיאָרן פון יאסער יידישן מלוכה טעאטער זענען אריין אין בוקארעשטער יידישן מלוכה-טעאטער, נאָכן צוזאמענגוס, און היינט נאָך, זענען אייניקע ווייטער אקטיוו אָדער אויף עמעריטור.

דער באשטענדיקער טעאטער עולם געשאפן פון שאפיראן אין יאס איז אויך אָנוועזנד אויף די ספעקטאקלען פון בוקארעשטער יידישן מלוכה טעאטער בעת זיינע טורנעען איבערן לאנד.

די טעטיקייט פון יאסער יידישן טעאטער, אן אָנהויב פון א ניי טעאטער, האָט געשאפן, אינטערעסירט, געווירקט אויף א ניי פובליקום פון יידישע ארבעטער, סטודענטן יוגנט און קינדער. ארטיקלען, רעצענזיעס דערשינענע אין לאנד און אויסלאנד, פון אָנגעזעענע פערזענלעכקייטן, פאכלייט, דערלויבן אונז צו באצייכענען אָט די טעאטער טעטיקייט, אונטער דער קינסטלערישער לייטונג פון איזאָ שאפיראָ, ווו א קאפיטל יידישע טעאטער-געשיכטע אין רומעניע.

פאָרזעצערס פון דער גאָלדפאדען-טראדיציע

אין זין פון זיך צופאסן צו דעם געשמאק פון די טעאטער-באזוכער אָדער ווי אקטיאָרן פון דער אלטער גווארדיע וועלכע האָבן געשפילט מיט אלע אברים גאָלדפאדען-פארשוינען; ווי אקטיאָרן וועלכע האָבן געשאפן געשטאלטן אין דעם רחבותדיקן שפיל-פעלד פון גאָלדפאדענס פיעסן — אלס אזעלכע, וועלן מיר דערמאנען אייניקע עלטערע אקטיאָרן, מיט וועלכע כ'האָב געהאט דעם

כבוד, יאָרנלאַנג זיך אָנטאָן אין דער זעלבער קאַבינע (טעאַטער־צימער ווו אַקט־יאָרן טועון זיך אָן) און שמינקען זיך, גרימירן ביים זעלבן טישל און שפּיגל.

אין דער ערשטער ריי, דער אָנגעזעענער אַקטיאָר ברוך רינצלער. אַט דער „פּון גאָט געבענטשטער אַקטיאָר“, ווי די אַקטיאָרן זאָגן אויף אַ פּילזייטיקן, טאַלאַנטירטן אַקטיאָר, איז נישט אַריין אין זלמן זילבערצווייג׳ס „לעקסיקאָן פון יידישן טעאַטער“, „ווייל ער האָט מסתמא נישט געוואָלט מע זאָל אים פאַר־אייביקן“.

ווי אַ מענטש, איז ברוך רינצלער געווען אַ „טשודאַק“, אַ מאָדנע מענטש, אַ קאַפּריזנער, אָבער אויף דער בינע, האָט רינצלער, מיט זיין שפּילן, מיט זיין קונסט, באַצויבערט דעם עולם.

דעם 13־טן אַפּריל 1946, בין איך בייגעווען אין זאַל „באַראַשעום“ ווו,ם׳ איז אויפגעבויט דאָס היינטיקע בוקאַרעשטער יידישע מלוכה טעאַטער) ביי דער פייערונג פון ברוך רינצלערס פערציק יאָר אין דינסט פון יידישן טעאַטער, אין דער צייטונג „אונירעאַ“ (איינקייט) פון 7 יוני 1946, האָב איך געשריבן אין שייכות מיט אַט דער פייערונג.

„ביי אַנדערע פעלקער, ווערט אַזאַ קינסטלערישע געשעעניש, געפייערט מיט באַזונדערן גלאַנץ און דער אַקטיאָר ווערט באַלוינט מיט אַ פּענסיע, וואָס פאַרזיכערט אים מיט אַ זאָרגלאָזער עלטער.

די וואָס האָבן זיך אָוועקגעשאָנקען דעם יידישן טעאַטער מיט באַגייסטערונג און מסירת־נפש זענען נישט באַזיגט געוואָרן פון אומגינסטיקע צייטן, פון מענטשלעכע בייזוויליקייטן, פאַר זיי באַטייטן פערציק יאָר טאָג־טעגלעכע אַרבעט, אין די שווידערלעכע באַדינגונגען פונעם אַמאָליקן יידישן אַקטיאָר פון ערשטן דור נאָך אברהם גאָלדפאַדען, אַמתער מוט, אַ באַוויז פון איבערגעגעבנקייט צום יידישן וואָרט און קולטור פון ליבע צום יידישן פאָלק.

אונדז איז גוט באַקאַנט דער מצב פון יידישן אַקטיאָר. מיר שטוינען פון זיין אַרבעטס־כּוח, פון זיין אויסדויער אין שווערסטע צייטן. שפּילן יידיש טעאַטער, צוריק מיט יאָרן, איז געווען אַ טאָפּעלטע לייד פאַרן יידן וואָס האָט זיך אָוועקגעשאָנקען דער בינע.

ברוך רינצלער האָט געמוזט אַדורכגיין די שבעה מדורי גהינום, ביז מע האָט אים אָנפאַרטרויעט אַ ראָלע. באַזיצנדיק אַ קרעפּטיקע שטימע און אַ שיינעם, טענאָר, אַ קלאָרן דיבור, האָט ברוך רינצלער שטאַרק אויסגענומען ביים עולם אפילו אין מינאָרן רעפּערטואַר. אין די רייפע יאָרן, האָט ער געשאַפן די ראָלע משה, אין לערמאַנטאָווס „שפּאַניער“, און חיים אין „באַפרייונג“ קלמן אין גערשנזאָנס „הערשעלע אָסטראָפּאָליער“, דעם בלינדן יידישן מוזי־

קאנט הערשעלע, אין משה פינטשעווסקי׳ס „איך לעב", האָצמאַך אין גאָלדפאַ־דענס „כישופמאַכערן" א.א. א גרויסע צאָל ראָלעס אין אָפּערעטעס, מעלאָדראַמעס, וואָס ער האָט אויך רעזשיסירט. די פּרעסע ווי דער עולם, האָבן אַלע מאָל מיט לויב און ליבע אויפגענומען רינצלערס קינסטלערישע געשטאַלטן, זיינע רעאַליסטיש מענטשלעכע שפּיל־קונסט.

אין מעלאָדראַמע צי אָפּערעטע, קאָמעדיע אָדער הערויִשע דראַמע, גייט רינצלער אַדורך גאַנצע גאַמעס פון מענטשלעכע געפילן, ער באַרירט די דינסטע פיינסטע, סטרונעס. אויפטרייסלענדיק אונדז, אויפרודערנדיק אונדז ביז אין די טיפן פון דער נשמה. למשל אין משה פון „שפּאַניער", הערשעלע קלעזמער פון „איך לעב". פול מיט לעבן, רייסט ער אונדז מיט אין זיין קלמן פון הער־שעלע אָסטראָפּאָליער אָדער אין משל פון חזיר פון „איך לעב", אָדער דורך פיל־זייטיקער געשטאַלטיקונג פון סאָציאַלע טיפן — ווי אין קצב לייזער וואָלף פון „טוביה דער מילכיקער".

אין א סביבה, אין וועלכער ס׳האָט געהערשט אָפּט אויבערפלאַכלעכקייט און קאַבאָטיניזם, איז ברוך רינצלער געווען א יושרדיקער אַקטיאָר, א געוויסנ־האַפטער קינסטלער, פאַר וועלכן די בינע האָט געהאַט א קיום, נאָר דורך איר גלאַנץ און גרייטקייט זיך מקריב זיין פאַר איר. ברוך רינצלער פלעג דיסציפּלי־נירט אויסטראָגן די האַרבע צוגרייטונגס־צייט פון א ספּעקטאַקל".

בעת מיין באַזוך אין ישראל, אין 1969, האָב איך באַזוכט רינצלערן אין זיין גאָר אָרעמער וווינונג פון יפו, אויף א בוידעם.

ס׳איז מיר געלונגען אים איבערצייגן, ער זאָל מיר אָנפאַרטרויען זיין טאָג־בוך, פון די יאָרן אין גהינומדיקן פאַרשיקונג־אָרט טראַנסניסטריע און ביז זיין אָנקומען קיין ישראל.

בלעטערנדיק זיין טאָג־בוך, פון וועלכן א קאָפּיע און דער אָריגינאַל געפי־נען זיך אין „ייוואָ" פון ניו־יאָרק און „יד ושם", דערלויב איך מיר צו זאָגן מיין באַשיידענע מיינונג, אז ברוך רינצלערס טאָג־בוך, האָט א דרייפאַכן באַטייט. איינס, פּערזענלעכע איבערלעבונגען, דערמאָנונגען פון רינצלערן און זיין מש־פּחה. צוויי: היסטאָרישע פאַקטן פון דער שואה, פון דער לעצטער קאַטאַסטראָפע וואָס האָט געטראָפן אונדזער פאָלק; דריי: פאַר דער געשיכטע פונעם יידישן טעאַטער — א היסטאָרישער דאָקומענט.

ווען מיר לייענען רינצלערס איבערלעבונגען אין זשמערינקע, בעת ער איז געגאַנגען איבער די דערפער בעטלען עטלעכע קאַרטאָפל און די שלעק וואָס ער האָט באַקומען ווען מ׳האָט אים געכאַפּט, וואָס ער האָט פאַרלאָזט דערצו דאָס

געטאָ. איין מאָל האָט ער שיער ניט באַצאָלט מיטן לעבן פאַר זיין עקשנותדיקן ווילן צו בלייבן לעבן.

ברוך רינצלער איז געווען אַ מיטלוווקסיקער פעסט געבויט, ממש אַן אַט־לעטיש אויסזען, אַ גרויסן קאָפּ מיט רויטע האָר און גערעדט גיך, מיט רייכער האַנט זשעסטיקולאַציע און אויף אַ קול, אַן אומגעצוימטער טעמפּעראַמענט.

דער קינסטלער ברוך רינצלער האָט צוגעצויגן די אויפמערקזאַמקייט ניט נאָר פון טעאַטער־עולם, נאָר אויך פון דער אַקטיאָרן־משפּחה פון דער פרעסע, וואָס האָט זיך מיט דרך־ארץ באַצויגן צום רייפן טאַלאַנטפולן קינסטלער, און ווי געהריק אָפּגעשאַצט זיינע לייסטונגען.

בנימין סאַדיגורסקי

צווישן די פאַבלען פון אונדזער אליעזר שטיינבאַרג, איז פאַראַן אַ משל „שיכל, ביכל, טיכל, אין וועלכן עס ווערט דערציילט וועגן אַ פּשוט טיכל, וואָס האָט אויף דער גרויסער וועלט אויפגעטאָן „איין קליינים־קייט איך האָב אָפּגעווישט פון אויג אַ טרער!"

צו אָט דעם קליינעם אויפטו פון דעם פּשוטן טיכל קאָן מען צוגלייכן בנימין סאַדיגורסקי׳ס פּשוטע, רעאַליסטישע שוישפּילערישע קונסט.

אין קלמן שדכן פון א. גאָלדפאַדענס „צוויי קוני־לעמלס" אין „שלומקע שאַרלאַטאַן"־1920, אין לוי מאָזגאָוואָיער פון שלום עליכם׳ס „די גאָלדגרעבער" אָדער דער אוצר אין יעקב שטערנבערג׳ס דראַמאַטיזאַציע און רעזשי, אין 1929, אין „שימעלע סאָראָקער" פון שלום עליכם׳ס „200.000, אין דער רעזשי־פון איזאָ שאַפּירא אין 1948, אין ליאַפּקין־טיאַפּקין פון גאָגאָל׳ס „רעוויזאָר. רע־זשי שאַפּירא. אין 1949 אין די עסטראַדע ספּעקטאַקלען אַלס אינטערפּרעט פון פאָלקס־לידער אָדער פון זעליק באַרדיטשעווער׳ס שאַפונגען, האָט דער עולם אויפגעהערט קרעכצן און גענומען פריידיק שמייכלען, האַרציק לאַכן, ווען בני־מין סאַדיגורסקי האָט אָנגעהויבן באַווייזן זיינע העלדן" אויף דער בינע. דער־פאַר האָט אים דער טעאַטער־עולם ליב באַקומען און ניט נאָר דער טעאַטער באַזוכער נאָר אויך די אַקטיאָרן.

ניט נאָר אַ ביישפּיל פון רעאַליסטיש אופן שפּיל, איז ער געווען פאַר אונדז עלטערע און ייִנגערע אַקטיאָרן, נאָר אויך אַ מוסטער פון דיסציפּלין, פון געוויסנהאַפטיקייט בעת דער אַרבעט.

צו דער פאָרשטעלונג, איז ער אַ לעבנלאַנג געקומען פריער מיט אַן אַנדערט־האַלבן שעה, זיך גרימירט אָן צו רעדן אַ וואָרט. נאָכדעם, פלעגט ער אַ גאַנ־

צע שעה ארומשפאצירן אליין, די הענט פארלייגט אויף הינטן, שפאצירן איבערן גרויסן זאל (רעצעפציע-זאל) פון טעאטער און זיך קאָנצענטרירן אויף דער ראָלע.

בנימין סאדיגורסקי איז געבוירן דעם 27-טן אויגוסט 1892 אין קאלאראש-בעסאראביע. זיין לעבן איז דאָס לעבן פון איינעם פון דער גרויסער מישפחה „בלאָנדזנדע שטערן“. צו 15 יאָר הייבט ער אָן שפילן אלס ליבהאָבער (אמאטאָר) און צו 20 יאָר אלס פראָפעסיאָניסט. בעת דער ערשטער וועלט-מילחמה שפילט ער אויך אין אייניקע יידישע פילמען געמלעך: דעם רב אין פילם „קאנטאָניסטן“ (1916), שמש אין פילם „צום אלטן גאָט“ און מאָטל אין שלום עליכמ׳ס „מאָטל פייסי דעם חזנס“ (19/1918).

צווישן די אלטע אקטיאָרן, פלעגט בנימין סאדיגורסקי האָבן א שם פון א קינסטלעריש-ליטעראָרישן אקטיאָר. נישט נאָר א פארברענטער לייענער פון יידישע קלאסיקער נאָר אויך א מייסטעריש ווארעם-הארציקער אינטערפרעט-פאָרלייענער פון זייערע ווערק. אין דער יידישער שעה פון דעם רומענישן ראדיאָ איז סאדיגורסקי געווען אן אָפטער גאסט און א פרייד פאר די צוהערער.

בנימין סאדיגורסקי האָט אלעמאָל געטרוימט פון א בעסער טעאטער און ארויסגעוויזן אינטערעס צו די פארשיידענע פראָגרעסיווע טעאטער פאָרמאציעס און פרווון, אין רומעניע, ווו א יעקב שטערנבערג א. אנד האָבן געפרווט ארויסשלעפן דעם טעאטער-עולם פון די שונד-זומפן. אין אָט די פרווון, איז סאדיגורסקי געווען א שטענדיקער, חברישער מיטארבעטער.

אונטער יעקב שטערנבערגס רעזשי האָט סאדיגורסקי אויסגעצוויטעט א ריי פאָלקסטימלעכע געשטאלטן. אין בוקארעשטער יידישן מלוכה טעאטער האָט סאדיגורסקי פאר אונדז אויפגעלעבט, אין די יאָרן 1948-1953 א ריי ביז גאָר אינטערעסאנטע טיפן פון דער קלאסישער יידישער און רוסישער, ווי אויך פון דער הייגטצייטיקער דראמאטורגיע. באזונדערס עקספרעסיוו און חנעוודיק איז דער טאלאנטפולער אקטיאָר בנימין סאדיגורסקי, געווען אינעם שלום עליכם רעפערטואר.

אויף א גרויסער קינסטלערישער הייך זיינען זיינע געשטאלטן שימעלע סאָראָקער און לוי מאָזגאָוואָיער. די פאסיקסטע כאראקטעריסטיק פאר בנימין סאדיגורסקיס גאנצער שעפערישער ביאָגראפיע איז: אן אויסגעשפראָכענער שלום עליכם - אקטיאָר.

בנימין סאדיגורסקי האָט באזעסן דעם סוד פון הומאָר און בייסנדיקער סאטירע. צומאָל פלעגט ער באנוצן שארפע גראָטעסק מיטלען. אלס ביישפיל קאָנען דינען די פיגורן פון ליאפקין-טיאפקין, קלמן שדכן.

מיר האָבן שוין דערמאנט און שטרייכן אונטער נאָכאמאָל סאדיגורסקיס אינ־טערעסאנטע, אָפטע שלום עליכם פאָרלעזונגען און זיין אייגנארטיקע, מייסטערישע אינטערפּרעטאציע פון יידישן פאָלקסליד.

ביי דער; „ווילנער טרופּע" צי אין שטערנבערגס הויך קינסטלערישן, מאָדערנעם טעאטער, האָט סאדיגורסקי זיך גוט געפילט, זיך געטובלט פון דעם בּיליקן רעפּערטואר און טעאטער, אין וועלכן ער האָט קיינמאָל נישט באַלאנזט צומאָל, ווען עס פלעג אים נמאס ווערן דאָס אמאָליקע ביליקע טעאטער, אין. וועלכן ער האָט געשפּילט הויפּט ראָלן און אָפט אויך „רעזשיסירט, „פלעגט ער נעמען אין די הענט זיין פידל צי דאָס דיריגענטן שטעקעלע, פאר וועלכע ער האָט געהאט א ווארעם פילנדיק הארץ און די אדעסער מוזיק קאָנסערוואטאָריע. בנימין סאדיגורסקי איז געווען מוזיקאליש ביז אין די טיפסטע פארבאָרגענישן פון זיין נשמה.

א לעבנלאנג האט ער געחלומט א דאך איבערן קאָפּ, א שטענדיקע היים פאר יידיש טעאטער. דערפאר פלעג ער קוקן קינדיש־פארגאפט, אויף דעם הײמיש־חנעוודיקן זאל און בינע פון אונדזער בוקארעשטער יידישן מלוכה טעאטער, צו דעם גרויסן אויפנעמזאל, זיך פרייען מיט די גראָמע קאבינעם ווו אקטיאָרן קליידן און גרימירן זיך, צו די אלע איינריכטונגען אין דעם באנייטן, טעאטער־בנין, און זאָגן: „העי קינדער אפילו אין חלום האָבן מיר אזוינס נישט געהאט!" און מיט שעלמיש שטיפערישע בליקן, אָנהייבן דערציילן אן עפּיזאָד פון אקטיאָריש אָדער קלעזמעריש לעבן.

מיר אקטיאָרן, יינגערע ווי עלטערע, פלעגן אָנשפּיצן די אויערן, ווייל „ניומטשיק", אזוי פלעגן אים פארציען די עלטערע חברים זיינע, פלעגט באַפּארבן, זיינע זיכרונות מיט די פאָלקסטימלעכע פּסוקים און ווערטלעך, וויצן און המצאות פון די טוביה'ס און שימעלע סאָראָקערס, פון די מנחם־מענדלס און שיינע שיינדלס...

דעם 3־טן פעברואר 1953, אין א שטורעמדיקן ווינטער־טאָג איז בנימין סאדיגורסקי אוועק אויף דעם וועג פון וועלכן קיינער קערט זיך נישט אום. געבליבן איז אָבער דער אָנדענק פון מייסטער, פון סאמע פאָלקסטימלעכן יידישן אקטיאָר פון דער רומעניש־יידישער טעאטער משפחה—בנימין סאדיגורסקי, וועלכן מיר וועלן אלע מאָל דערמאנען מיט כבוד און ליבע.

די יידישע רעווי אין רומעניע

די פראנצויזישע ענציקלאָפּעדיע „לארוס", גיט פאָלגנדיקע דעפיניציע דער רעווי: „א טעאטערשטיק אין וועלכן מע פירט פארביי אונדזערע אויגן, אויף א קאָמישן אופן, די הויפּט־געשעענישן פונעם יאָר".

פון פראנקרייך האָט זיך די רעווי איינגעבירגערט אויך אין רומעניע. קודם זוי א לייכטער זשאנער פון טעאטער־קונסט, מיט שטארקן אקוסטישן און אָפּטישן צו־ציכוח, מיט דזשאז און ווערטן (סטארם) און באלעט־מיידלעך (גירלס) אָבער מיט ווייניק אינהאלט.

דער פאָטער פון דער רומענישער רעווי איז קאָנסטאנטין טאנאסע. ער האָט לעבן פארביקייט און פארשיידנקייט, געגעבן דער רעווי טרעפיקע, סארקאסטישע געזעלשאפטלעכע קריטיק. באגאבטע רעווי פענען זענען געווען אין רומעניע. מיר דערמאנען די ברידער באקאלבאשא, ניקושאר קאָנסטאנטינעסקו, ניקו קאנער, יאָן פריבעאנו, עודזשען מירעא, נ. סטראָיע, ח. ניקאָלאידע, א. אנד

די יידישע רעווי, די יורשטע פון די פרים־שפּילער, פון די בדחנים, ווערטל־זאָגער, לצים, אקראָבאטן און פּאָקוסניקס (סקאמאטאָרן) — די פארוויילערס פון „פראָסטן" — פּאָלקס מענטש, האָבן ניט נאָר אמוזירט אויף זייער קאָמעדי־אַנטישן אופן, נייערט אויך דערמוטיקט, געוועקט די ווערדע ביים פאָלק, טאד־לענדיק שארף די אומיושרדיקייט פון די „פני", ארויסהייבנדיק דערביי די חשיבות פון פראָדוקטיוון בעל מלאכה.

אָנערקענונג און דאנקבארקייט פארדינען די אָבות פון דער יידישער רעווי, די פריילעכמאכער—משפחה, די טאלאנטפולע פאָלקס קינסטלער, די בדחנים. זיי האָבן בארייכערט דאָס לעבן פון פאָלק, פארשאפט אזוי פיל פרייד די צוהערער. מיט זייערע לידער צו וועלכע זיי פלעגן אויך שאפן די מעלאָדיעס, מיט זייער וויסן, מיט זייערע וויצן, גלייכווערטלעך, קאלאמבורן, אנעקדאָטן. מיר דערמאנען זיך אין אונדזער היימישן הערש לייב סיגעטער (גאָטליב), וויפל רדיפות, צרות איז ער אויסגעשטאנען דער מארשעליק הערש־לייב, וויפל וויסן האָט ער פארמאָגט, און דאָך אזוי ווייניק געשאצט געוואָרן אויב נישט פאראכ־טעט פון אָפּגעשטאנענע „פני". מיר וועלן זיי, די פאָרגייער, די פריילעכמא־כער משפחה, תמיד דערמאנען מיט כבוד און ליבע.

ניט נאָר מיט ביבלישע סוזשעטן א ון געשטאלטן האָט אברהם גאָלדפאדען פארשטאנען זיך צו באנוצן כדי אָנצוווארעמען, באגייסטערן נאציאָנאל און, סאָציאל דעם יידישן טעאטער־עולם, נייערט אויף דעם סאטירישן קופּלעט, סקע־טש, שארפן וויץ, ווי „בראוואָ", „צאָלן" און אנדערע. דאָס באגאבטע וווּנדער־קינד סאבינא לאקסער פּאָפּולאריזירט אָט די קופּלעטן „מיט א מיין". בארימטע קופּלעטיסטן זענען אויך ראָזא פרידמאן, פעפי גאָלדשטיין־ליטמאן, ספּיוואַ־קאָווסקי און אנדערע, אמת, ניט איבעריק צוגעקליבענע קופּלעטן.

זאָל אונדז דערלויבט זיין צו ברענגען, א נישט פארעפנטלעכטן קופּלעט פון אברהם גאָלדפאדען, וואָס איז דעקלאמירט געוואָרן טאקע פון מחבר. איך

האָב איך אויפֿגעשריבן פֿון אן עלטערן ייד צוריק מיט א 25 יאָר. דער עפֿעקט פֿון דער גוטמוטיקער איראָניע, כמעט פּאראָדיע, אין „בראַוואָ", איז באזונ־דערס קאָמיש ווייל מע רעדט וועגן יידישע זאכן אויף גויש. „בראַוואָ" איז א צווייישפּראכיק ליד העברעיש־רומעניש:

„דימינעאצא קאנד מ׳אם סקולאט,
דע טרעי אָרי פּע מעיני מ׳אם ספּאלאט;
טלית שי תפילין יעו אם לואט,
שי לא שיל אם אלערגאט — בראַוואָ!

שי מזוזה אם סערוטאט, בראַוואָ,
טלית שי תפילין אם עמבראקאט, בראַוואָ,
„מה טובו אהלך, אם סטריגאט, בראַוואָ,
שי לא „ברכו מ׳אם אינקינאט — בראַוואָ.

לא דער „שמונה עשרה" יעו מ׳אם רוגאט — בראַוואָ,
לא „ויאמר משה" ציצית אם סערוטאט,
שי לא „סלח לנו" אין פּיעפּט אם דאט,
לא „אלהי נצור" אינאפּאָי מ׳אם דאט,
שי לא „עלינו לשבח" יעו אם סקויפּאט, בראַוואָ".

„אינדערפֿרי ווען איך בין אויפֿגעשטאנען,
האָב איך מיר דריי מאָל אָפּגעגאָסן די נעגל,
גענומען טלית און תפילין
און אין שיל געלאָפֿן, בראַוואָ!

און די מזוזה כ׳האָבן געקושט, בראַוואָ,
טלית און תפילין כ׳האָב אָנגעטאָן, בראַוואָ,
„מא טובו אהליך" כ׳האָב אויף א קול געזאָגט, בראַוואָ,
און ביי ברכו", זיך פֿארנויגט — בראַוואָ.
ביי דער שמונה עשרה, זיך געבעטן, בראַוואָ,
ביי „ויאמר משה" די ציצית געקושט, בראַוואָ,
ביי „סלח לנו", זיך געקלאפּט אין דער ברוסט,
ביי „אלהי נצור" צוריקגעגאנגען
ביי „עלינו לשבח", אויסגעשפּיגן, בראַוואָ.

אין „שייוועכס קרעטשמע“ אויף דער יאסער „רויטער בריק“. ס'איז שבת נאָך טיש. ארום די הילצערנע טישן, ביי ערדענע קריגן מיט „רויטן“ אָדער „גאָלדענעם“ וויין, זיצן בעלי מלאכות, געזעלן, קליינע סוחרימלעך. מע עסט גערייכערט פלייש — פאסטראמע, און פארטריגקט אָדאָבעשטער אָדער קאָטנארער וויין. דער פּאָפּולערער פאָלקסזינגער לודוויק זינגט לידער פון די בראָדער, זבארזשער און אליקום צונזער. ער איז שוין א ביסל מיד, ער זינגט שוין פון עטלעכע שעה, ווארט ער, הערן וואָס דער עולם וויל

— זינגט מיר, איך בעט אייך, ליבער לודוויק „אוי ווי מיין כשר ווייס פערד“, רופט אוים אן עלטערער קעטיוגעניק.

— און איך וואָלט געבעטן, ברודערל, זאָלסט זינגען „א פאסטעכל מיט זיינע שאָף“ זאָגט א סוחרל, אביסל בגילופין.

— טו מיר צוליב, טייערער קאָלעגע, און זינג בעסער „דער דייטש און דער חסיד“, זאָגט אויף א קול, יחיאל בורדע, א באשיידענער אקטיאָר פון גאָלדפאַדענס צייטן, היות דאָס ליד נעמט אוים ביים עולם, שטימען אַלע צו. און כדי לודוויק זאָל האָבן „קוראזש“, איז מען אים מכבד מיט א פאָר גלעזלעך „רויטן“ אלע שפיצן אָן די אויערן. די פּנימער לייכטן אויף, ווען לודוויק גיט נאָר שיין א זינג נאָר ער שפּילט אויך אוים, אינטערפּרעטירט דאָס ליד: „די דייטשן-גוין, זיי קאָנען ניט חסידים זיין“. דעם צושפּיל:

ווייל לעבעדיק און לוסטיק,
ברייט און ברוסטיק,
א טאַנץ און א זינג,
א העפּקע און א שפּרינג,
און א זיפּ פון דער כוסה,
איז א מצווה א גרויסע!
נו, לאָמיר אלע פריילעך זיין,
און טרינקען א גלעזעלע וויין!“

זינגט מען שוין בציבור, די אַנוועזנדע און דער זינגער לודוויק. — און איצט, טוט מיר צוליב, הער לודוויק, און זינגט וועלוועלס א ליד, איר ווייסט שוין וועלבעס... דערנענטערט זיך א געזעלן, מיט א פערטל אין דער האנט, אין גיט עם לודוויקן: לחיים! לודוויק הייבט אָן זינגען וועלוול זבארזשערס:

קום נאָר אהער דו פילאָסאָף
מיט דיין קעצישן מוחל

קום נאָר אהער צום רבינס טיש
און לערן זיך ביי אים שכל".

אלע קענען שוין דאָס ליד אויף אויסנווייניק, זינגען זיי אויך מיט הנאה און אויף א קול: דעם צושפּיל:

„טשירי בים באָם,
טשירי באָם באָם באָם
טשירי בים באָם באָם באָם באָם".

...דער שבת איז שוין אוועק און דעם אנדערן טאָג, מוז מען פרי צו דער ארבעט גיין. צעגייט מען זיך ווער אראָפּ צו דער סאָקאָלע און ניקולינעגאסן, ווער ארויף דורך דער אַלטער וואמע צו דער ציגאַנימע אָדער דורכן מארק און פאָדו-וועקי גאס צום שיל הויף, צום קלעזמערישן געסל.

די קילע נאכט גיכטערט צו ביסלעך אויס דעם עולם. א גרויסע לבנה, אויפן אויסגעשטערנטן הימל, באלייכט דעם וועג צו די באשיידענע, ציכטיקע היימען.

אין 1917 יאָר, בעת דער דייטשער אָקופּאציע, האָבן יעקב באָטאָשאנסקי און י. שטערנבערג, געשאפן טעאטער וואס האָט צוגעצויגן די אינטעליגענץ און די אריסטאָקראטיע, און ברייטע פאָלקס שיכטן. און די פּרעסע האָט געשריבן ניט נאָר רעצענזיעס, נאָר אויך ארטיקלען וועגן אָט דעם רעווי-טעאטער.

באָטאָשאנסקי האלט, אז ס'איז געווען מער געשפּילטע צייטונג. אלע מאָדערנע, נאציאָנאל-פּראָגרעסיווע לאָזונגען זענען דאָ פּראָקלאמירט געוואָרן. מ'האָט אינעם דערמאנטן טעאטער, אויך פּאָפּולער געמאכט יענע פערזענלעכקייטן, וואָס האָבן באשיינט דאָס לעבן פון די רומעניגישע יידן ווי: וועלוול זבארזשער, אברהם גאָלדפאדען, יעקב פּסנתיר, סאָפיע קארפּ, שלום עליכם, מענדעלע מוכר ספרים א. אנד.

עס איז כדאי צו פיקסירן פארן לייענער, די נעמען פון די 14 רעוויסטן, געשריבענע פון יעקב באָטאָשאנסקי, משה אלטמאן און י. שטערנבערג: „בוקארעשט-ירושלים"; „אינמיטן-דערינען"; „אויפן בוידעם א יאריד"; „פּאָאיע ווערדע—גרינע בלעטער"; „הערשעלע אָסטראָפּאָליער", „קו-קו-רי-גו"; „שלום עליכם"; „פּורים-קאבארע", „חצי שלי — חצי שלך"; „ראָזשינקעס מיט מאנדלען"; „ס'קאָצל קומט" און „טעאטער אין פלאמען".

אין דער רעווי „קו-קו-רי-גוט, ריכטיקער, לויט דעם רומענישן טעקסט אין אונדזער רשות, „חצות„ שמועסן צוויי הענער מיט א קוואָטשקע וועגן יקרות, וועגן פליישלאָזע טעג, מאנגל אין לעבנסמיטלען.

די פאָזיטיווע שטעלונג פון דער יוגנט צו געזונטער, פּראָדוקטיווער ארבעט, די חלוצים וואָס גרויסן זיך מיט זריעה, געראַטעניש און זוניקן שניט און פירן דעם אקער איבער פעלד מיט זייערע הענט. ווערן דערמאנט מיט זייער טון, און טריישאפט פארן אידעאל, וועלכן זיי אָפּפערן אָפּט דאָס בעסטע — זייער לעבן!

אן אנדער בילד פון „חצות" איז „די ציגארעטע" וועגן דעם האנדל מיט מיידלעך אין די שאנדהייזער, וועגן פרויען, וואָס הורן פאר א שטיקל ברויט. עס ווערן אריינגענומען אין שפיל די „מאָראל" און די קאָנטראבאנדע, דער שמו-גל, די אויסגעלאסנקייט, דאָס יקרות, וואָס בליען אין צייטן פון מאנגל, נויט. שמחה שווארצ'ס „קאמעלעאָן" האָט אין 1932 יאָר, געגעבן א דערפאָלגרייכע רעווי „שאנדרע באנדרע". צוויי אקטן מיט צייט-קריטיק, געזעלשאפטלעכע שארזש און סאטירע, אקטועלע מאָנאָלאָגן, אָריגינעלע טעקסטן און מוזיק פון שמחה שווארץ. דער אָנקום פון גרויסן שטורעם איבערן פאָלק ישראל, איבער אלע פעלקער, ווערט בארירט אין סקעטשן. אין קופּלעטן ווי למשל „אחד מי יודע" — איינס איז די וואָנציע, היטל מיט דער שמאָנציע. שארפע קריטיק קעגן די קהלישע פירער, זייער שטעלונג, זייער ניט פריינדלעכע שטעלונג צו יידיש, צו יידישער קולטור. אין דער רעווי „שאנדרע-באנדרע" האָט מען אָפּגע-לאכט פון אָפּגעשטאנענעם, פון אסימילאנטן. איך געדענק א פראגמענט פון א קופּלעט:

„...די אסימילאנטן זענען גרויסע נאראָנים,
זיי ווילן זיך פארשטעלן פאר יעוואָנים,
מע זאָל זיי ניט דערקענען
זשידעס אז זיי זענען,
דויטש — איז זייער שפּראך
יידיש א מיאוסע זאך,
...וואָס טוט מען אָבער מיט דער נאָז?
איעדער פרעגט דאָך, וואָס איז דאָס?

סאָציאלע קריטיק ווערט אָנגעווענדט אין טעאטער פאָרשטעלונגען. מיג-לעך אז די סופליאָרן, די „געשווירענע קעפּ", האָבן זי אריינגעשמוגלט אין אן

אָפּערעטע. אָט געדענק איך למשל א פראגמענט פון אזא קופּלעט: „א גוטן אָוו־נט, מיינע זיסע יידן/ אפשר זענט איר מיטן נאָמען ייד ניט צופרידן/ און ווילט הייסן „דאַמנול, סער, מ׳סיע צי מיסטער/ אויף דעם אמת גיסט ער?” (...) דער רעפרען: „אין משה ביקס געסעלע/ טרינקט מען פון א פעסעלע./ די קולטור האָט דאָ א קרענק/ און געזונט איז נאָר דער שענק!”

מיט זייער פאַרגעשריטענער געזעלשאפטלעכער ליניע, האָבן די דאָזיקע רעוויסטן אויפגעוועקט און זענען געוואָרן א מעכטיקער פאקטאָר אין לעבן פון ברייטע שיכטן פון יידישן פאָלק אין רומעניע.

די מלוכהשע טעאַטערס פון רומעניע, דאָס יאסער ביז זיין צוזאמענגוס מיטן בוקארעשטער יידישן מלוכה־טעאטער, האָבן אין זייער ברייטן רעפּערטואר, אויך מוזיקאלישע, רעווי ספּעקטאקלען. די רומענישע יידן האָבן ליב מוזיק, געזאנג און טאנץ. די יונגט איז עמפינדלעך צום יידישן וואָרט, צום יידישן, ליד, צום יידישן פאָלקלאָר צו לייכטע ספּעקטאקלען מיט א יידיש פנים, פאַר־שטייט זיך אויך רעוויען.

אין די יאָרן נאָך דער צווייטער וועלט מלחמה, אין רומעניע, האָבן בייגע־טראָגן צום שאפן רעווי־ספּעקטאקלען, י. בערקאָוויטש, אי. קארא, י. בערג, יוליאן שווארץ מ. באלאן מ. יאָסיפּאָוויטש, סימעלע שניידער, שמואל פישלער און אנדערע.

אָט די רעווי־ספּעקטאקלען זענען טעמאטיש רייך, עס פילט זיך אין זיי דער אָטעם פון דער היינטצייטיקייט. די סאטירישע סקעטשן האָבן ארויסגע־רופן רעאקציע, געלעכטער ביים עולם און דערמיט באוויזן א דערציערישע ראָלע.

אָפט געלינגט דער רעזשי און די מחברים צו שאפן א הארמאָניע צווישן תוך און פאָרעם און אויב מע גיט צו פארב, אין א ריכטיקער מאָס, מאכן אלע צוזאמען, קלאָרער דעם ספּעקטאקל.

די קאָמישע סטרונע אין אָט די רעווי־ספּעקטאקלען, איראָניע, וויץ, שטעכ־ווערטל, גראָטעסק, איז אויסגעגליכן צו דער גוטער אויסשטאטונג. אין יאסער טעאטער פלעג די מייסטערין נוצי גרונעא, שאפן פרעכטיקע כאָרעאָגראפיע צו די ספּעקטאקלען, יידישע סטיליזירטע טענץ, מוזיק האָבן געשאפן בערל סעגאל, ח. שווארצמאן, עמיל סעקולעץ אורעל דזשיראָוועאנו, אויגען קאָפּ־לער, משה פידעל, ה. סעגאלאָוויטש, און אנדערע. די געראָטענע מעלאָדיעס, אייניקע פאָלקסטימלעכע, הארציקע, ווערן נאָך היינט געזונגען.

א חוץ היינטצייטיקע פּראָבלעמאטיק איז אין די רעווי־ספּעקטאקלען פאראן יידישער פאָלקלאָר און דער אבן טוב איז דער יידישער פאָלקס־הומאָר.

מיטן צוועק צו פאַרווירקלעכן סצעניש, דעם אוצר יידישן פאָלקלאָר און פאָלקס-מוזיק, האָבן זיך צווישן ביידע וועלט-מלחמות, געזאמלט ליבהאָבער ארום דראמאטישע קרייזן, פאַריינען, און מיט דער הילף פון מער באהאוונטע אין אָט דער קונסט, אדורכגעפירט ספעקטאַקלען אין זייערע ווינטערטער, צו מאָל אויך אין די ארומיקע שטעטלעך.

דעם גאלאצער דר. יאָסי ראָזענבערג, א ליבהאָבער, אין איינעם מיט ארי קליינער האָבן געשאפן א קליינקונסט-בינע„די גרינע פאווע", וועלכע האָט געגעבן עטלעכע ספעקטאקלען אין גאלאץ און ארויסגעפאָרן אויף איין ספעקטאקל קיין קעשינעוו, אין זאל„אָדעאָן". דער אָפקלאנג איז געווען א באשיידענער און די„גרינע פאווע" איז נאָך עטלעכע ספּאָראדישע ספעקטאקלען פארשוווּנדן, אין זעלבן יאָר תר׳׳צ — 1929 — 1930.

דר. יאָסי ראָזענבערג האָט אין פּראָגראם פון דער פאָרשטעלונג געשריבן: „דער יודאיזם, אין זיין גאנצן מהות, איז א וווּנדערבארע רוי-שטאָף פאר ראַפינירטע קונסט, וועלכע שטרעבט דאָך זיך אומצוקערן צו פרימיטיווּיטעט. ווער ס׳איז באקאנט מיטן יידישן הומאָר, מיט דעם פּאראדאָקסאל-נאיוון, טראָגט זיין גאנצער ראפינירטקייט (ס׳איז קיין סתירה דערביי). ווער — זאָג איך — עס איז באקאנט מיט דער יידישער לעגענדע, מיטן יידישן פאָלקלאָר, ווער עס שאצט די יידישע מוזיק, דאָס פאָלקסליד, ווער סע שאצט די אלע אוצרות, וואָס שטעלן מיט זיך פאָר א טייל פונעם גייסטיקן יודאיזם — דער קאָן עס באגרייפן, דער קאָן עס תופס זיין".

דאָס ערשטע פּראָגראם פון„דער גרינער פאווע" איז צוזאמענגעשטעלט געווען פון ניין נומערן, סעפּאראטע סצענעס, אָפּהענגיקע יעדע איינע פון אן אנדערן מאָטיוו, מיט אן אנדערער קאָנצעפּציע, באנעם, און אן אנדער פארקערפערונג, געשטאלטיקונג. אָט זענען די 9 נומערן:" סעדרעכעס, שארזש פון יאָשקען (יאָסי ראָזענבערג), יאָשקע, פאָלקסליד, אז דער רבי אלימלך, חסידישע פאנטאזיע, אין א שטאָט קישנאָט, לאָקאליזירט פון יידל מלמד (יידל וויינשטיין) אז דער רבי לאכט, גראָטעסק, משיח, פלגי מיים, העברעיש ליד פון שלמה בן גבירול, משכיל שארזש פון דר. י. ראָזענבערג, גנבים, הומאָרעסקע.

די„גרינע פאווע" וויל אָט מיט דעם פּראָגראם„פארווירקלעכן די יידישע גאס, ווו די בלאָנדזנדע נשמה פון אייביקן ייד, ווערט ווידער געפינען דעם צדיק, דעם בדחן מיט זיינע מעלאָדיעס, די חסידים מיט זייער נאיוויטעט, די קבצנים מיט זייער גראָטעסק — די סצענישע געשטאלטיקונג פונעם פאָלקלאָר, פון חוזק

און פון דער גאנצער שאפונג פון דעם אומבאקאנטן מחבר — דאָס פאָלק, דאָס איז אונדזער ציל".

די „גרינע פאווע" איז געווען א באַלעבאַטישע גרופע. דיפּלאָמירטע און גבירישע יונגעלייט. רעזשיסאָר איז געווען דר. יאָסי ראָזענבערג, מוזיק האָט געשאַפן דער באַקאַנטער מוזיקער טעאָדאָר פוקס און עריק שינדלער-ווין, דעקאָרן זאב אדאם און דבורה השומר (פסעוודאָנימען פון די אָנטיילנעמער אין ספּעקטאַקל פון דער משפּחה קליינער און גאָלד, שפּעטער אָנגעזעענע יידישע געזעלשאַפטלעכע טוער!). קאָנפעראַנסיע — ארי קליינער, קאָסטיומען לאה זהב (גאָלד), מאַקיאַזש (גרימירט האָט פרויקע סאַראַקין). די זעלבע האָבן אויסגעפירט די ראָלעס, אין פּראָגראַם זענען נישט אָנגעגעבן זייערע נעמען!

קליינקונסט-טעאַטער קאָן מען רעכענען אויך די יידישע רעווי-ספּעקטאַקלען א מין לעבעדיקע טעאַטער-צייטונג, א פּאָפּולערער זשאַנער, וואָס איז אריבערגעקומען קיין רומעניע פון פראַנקרייך, לויט שלמה ביקל.

די טעאַטער-ליבהאָבער פון דער „גרינער פאווע„ האָבן געגעבן אַן אקטועלע רעווי, א פּאָליטישן קאַבאַרעט א.ט. „שוואַרצער קאָטער", אויך אין בוקאַרעשט. דער קינסטלערישער ניוואָ פון „קאַבאַרעט" האָט ניט באַפרידיקט דעם רעצענזענט, און אין דער רומעניש-יידישער חודש-שריפט „האַסמאָנעאַ" פון דעצעמבער 1928, ז. 24 שרייבט ער: אז ער האַלט, אז זיי דאַרפן בלייבן ביי קליינקונסט".

מיט שמחה שוואַרצס נאָמען איז פאַרבונדן דאָס ערשטע קלייקונסט-טעאַטער אין רומעניע. ער איז געווען דער רעזשיסאָר, געשריבן די טעקסטן און די מוזיק. געמאַכט די דעקאָרן און אויך מיטגעשפּילט.

די קליינקונסט-בינע „קאַמעלעאָן", דער געלונגענער טעאַטער-פּרוּוו, איז געווען ניט נאָר חנעוודיקע קליינקונסט-בינע מיט פיין סטיליזירטע בילדער פון יידישן שטייגער, נאָר א טעאַטער, וואָס האָט משפּיע געווען אויף צוויי דור ׳ אין זיין בוך „רומעניע" שרייבט שלמה ביקל, אויף ז. 343:

„... „קאַמעלעאָן" און די פּיזלייטיקע, קינסטלערישע אַרבעט אַרום אָט דער קליינקונסט-בינע האָבן שמחה שוואַרצן געמאַכט פאַר איינעם פון די וויכטיקע יידישע קולטור-פיגורן. (...). דורך „קאַמעלעאָן" איז שמחה שוואַרץ נישט בלוי באַקאַנט געוואָרן אין דער יידישער רומעניע, נאָר ער האָט אויך משפּיע, געווען דו יונגט און האָט אויפגעשטעלט פיל תלמידים, וואָרום די טעאַטער-טרופּע „קאַמעלעאָן", איז גלייכצייטיק אויך געווען א דראַמאַטישע שול, וווּ מען האָט געקנעלט מיט יונגע באַגאַבטע שוישפּיל-קאַנדידאַטן, די קונסט פון דראַמע און טעאַטער. עטלעכע פון שמחה שוואַרצס שילער זענען דערנאָך אָנגעקומען

אין דער מאָסקווער יידישער טעאַטער סטודיע וואָס איר אָנפירער איז געווען שלמה מיכאָעלס.

אין די „קאַמעלעאָן" ספּעקטאַקלען, איז יעדער" נומער" געווען אַן אויפטו, אויסגעפורעמט געוואָרן מיט אַ סך פאָלקסטימלעכן הומאָר, פול מיט געשמאַק, פאַרשטענדעניש און טאַלאַנט.

אין די „קאַמעלעאָן"-ספּעקטאַקלען האָבן געפינקלט מיט זייער חן און טאַלאַנט משולם סורקים, אבנר באַראַק, דער ערשטער ווי אַ קאָנפעראַנסיע דער צווייטער — ווי אַ פילזייטיק באַגאַבטער שוישפּילער. צווישן די יונגע באַגאַבטע קאַמעלעאָן-שפּילער, געדענקען מיר דעם שפּעטער באַוווסטן און באַליבטן רעציטאַטאָר לייבו לעווין, מיט אַ סך אחריות און קינסטלערישע דערגרייכונגען פּאַרצייכענען מיר די קאַמעלעאָן-שוישפּילער: צילי קויפמאַן (די שוואַרצע נאַטאַשאַ). זייער אויסגענומען האָט זי מיט שמחה שוואַרצס „ציימונגס פּאַרקויפער" פּיליפּ העכט און זיין שוועסטער אדעלע העכט, ק. בובים (די שאַלטיקעס) אָטאָ פּאָפּער, ה. שערצער, נאָרבערט האָראָוויץ, מ. שוסטער, משה גערשזאָן, שלימע ברוכים שבע, לייבאָוויטש איזיו. שפּעטער זענען צוגעקומען, אָנהויב יאָר 1931 סטעלאַ צאָרעף-בירנבערג, דאָראַ ווייגשטיין (די פרוי פון קובי וואָהל), שיינע אייזענפעלד (פּאָרט אַ חסידל צום רבין), מוני פרידמאַן (דער שפּעטער באַקאַנטער דיכטער מ. פריד וויינינגער), יוסף ערענקראַנץ און לויט אדעלאַ העכטקולאַ, זאָל אויך יוסף שמידט ביים אָנהויב האָבן מיטגעאַרבעט אין „קאַמעלעאָן" (אין אליעזר שטיינבאַרגס אַ פּיעסע פאַר קינדער).

דער רעפּערטואַר חנעוודיקע, פיין סטיליזירטע בילדער פון יידישן שטייגער פון וועלכע ס'האָט ניט געפעלט פיינער סאָציאַלער גראָטעסק, פאָלקסלעגענדע אקאָרדן (באַלאַדע,) לעבעדיקייט, פאַרביקייט, (אידיליע), עכטער פאָלקסהומאָר (בעל-עגלה), אידעיש-קינסטלערישע נומערן ווי „נאַכטשיכט", „ציימונגס-פּאַרקויפער". דאָס רוב „קאַמעלעאָן" — נומערן זענען פּאָפּולער ביז פּאָפּולאַריזאַציע.

בעת דער צוואַנגס-אַרבעט אין דער לעצטער וועלט מלחמה, פלעגן זיך די אויסגעמאַטערטע יידישע יינגלעך, דערמונטערן מיט די „קאַמעלעאָן"-נומערן. אין די האַלב-איינגעגראָבענע, הילצערנע באַראַקן, אין וועלכע זיי פלעגן נעכטיקן, ביים שיין פון אַ צאַנקענדיקן ליכטל, פלעגן אויפלייכטן די פּנימער זיך דערוואַרעמען די הערצער, ווען סע פלעגן זיך צעזינגען צוערשט סאָלאָ, דערנאָך אַלע, געדעמפּט און ס'האָט זיך צעגאָסן אויף דעם פינצטערן אַרום: „קומען וועט אַ טאָג, העי, וועט ער קומען"! פון שמחה שוואַרץ'ס „ציימונגס-פּאַרקויפער".

די „קאמעלעאָן“ — נומערן פלעג מען אָפּשרייבן אָן א דערלויבעניש פון מחבר, בעת זיי פלעגן זיין אין לויפנדיקן ספעקטאקל, אויפגעפירט געוואָרן איבער גאנץ רומעניע. אין א „מעלדונג“ פון שמחה שווארץ דערשינען אין „די וואָך“, נומער 11-12, 1-טער יאָרגאנג, פון אפריל 1936, שרייבט ער:

„ווי איך ווער געוואָר, ווערן אין פארשידענע ערטער אויפגעפירט בילדער פון די קליינקונסט-פראָגראמען פון „קאמעלעאָן“, אָן דער דערלויבעניש פונעם אויטאָר. כדי צו פארמיידן מיספארשטענדענישן, גיב איך ווייטער א רשימה, פון א טייל פון מיינע טעקסטן, וועלכע ס'איז פארווערט אויפצופירן אָן מיין הסכמה: 1) דער ליובאק, 2) באלאדע, 3) נאכטשיכט, 4 צען ברידער. 5 די איינִיקלעך, 6) סערענאדע. 7) דער טשעמאָדאן. 8 דער צייטונגס-פארקויפער. 9) דער רעקרוט. 10) שויפענסטער. 11) די סגולה. 12) אונטער א קליין ביימעלע. 13) דער באלעגאָלע. 14) דוגיא. 15) אידיליע. „וועגן אויפפירונג-רעכט דארף מען זיך ווענדן צום .מחבר. פארשטייט זיך, אז מחבררעכט זענען אים קיין מאָל ניט באצאָלט געוואָרן און אפילו אין אונדזערע צייטן... די רשימה האָט איך געבראכט כדי אויפהיטן כאָטש די טיטלען פון די נומערן, וואָס ער האָט געשאפן פארן „קאמעלעאָן“. ער האָט געשאפן א פרעכטיקע סאטיריש-געזעלשאפטלעכע רעווי „שאנדרע-באנדרע“ און באארבעט יידישן פאָלקלאָר.

זיין טעאטראלע טעטיקייט איז אויסגעוואקסן ערשט ווען ער האָט זיך באזעצט אין פאריז, און געשאפן דאָרט זיין מאריאָנעטן-טעאטער „הכל-בכל“. קיינער האָט דער מאריאָנעטע פון יידישע טיפן ניט געגעבן אזא עקספרעסיוויקייט ווי ער, איז א חידוש וואָס די פרעסע, די אָנגעזעענסטע טעאטער-קריטיקער, פון פאריז, ישראל, האָבן זיך אָפגערופן מיט התפעלות וועגן „הכל בכל“, געשאָנקען גאנצע זייטן, באגלייט מיט בילדער פון די ספעקטאקלען, וואָס האָבן געלויבט דעם קינסטלערישן אויפטו פון דראמאטורג, מוזיקער, דעקאָראטאָר, רעזשיסאָר, אקטיאָר שמחה שווארץ אפילו אין דער שווייץ, ווו ער האָט זיי געראטעוועט בעת דער נאצי-אָקופאציע אין פראנקרייך, האָט ער געגרינדעט א קליינקונסט טעאטער „נע ונד“ א סינטעז פון זיינע פופן און מאריאָנעטן-ספעקטאקלען, וועלכער איז געווען טעטיק צווישן 1942 — 1945. מיטגעארבעט האָט זיין פרוי רות, היינט אויך א באקאנטע פסיכאָלאָגין.

אונדזער ארבעט שעפט נישט אוים די טעמע און וויל זיין נאָר אן אָנרעג פאר אנדערע פאָרשער, וועלכע זאָלן בארייכערן, אויסברייטן דאָס קאפיטל יידישע קליינקונסט-בינע אין רומעניע פון דער געשיכטע פון יידישן טעאטער אין לאנד.

גאָלדפאדענס סאָציאַלע פיגור און פיעסע „שמענדריק“ און „VLĂDUȚU MAMII“

מיר פרוּוון א ליטעראַרישע עקספּעדיציע, אויף די שפּורן פון גאָלדפאדענס סוזשעטן און טיפּן. הײנט ווילן מיר אָנווײַזן די קוואַלן פון גאָלדפאדענס „שמענדריק“.

אייניקע ווילן אונדז אײַנרעדן, אַז גאָלדפאדען האָט אויסגעבאָרגט דעם סוזשעט פון א רומענישער פּיעסע און זי פאַרייִדישט.

אַלע אומות העולם האָבן אין זייער בינע-רעפּערטואַר זייער שמענדריק. די רומענער וולאַדוצו מאַמיי, די רוטענער האָבן זייער „סטעצקאָ“, די רוסן פאָן וויזינס „ניעדאָראָסיל“.

אין זיין לעצטן אויטאָביאָגראַפישן אַרטיקל ווייזט אָן גאָלדפאדען, אַז שמענדריק איז דער פאַרייִדישטער ניעדאָראָסיל. (אַרכיוו פאַר ייִדיש טעאַטער, ז. (268).

„שמענדריק וויל א כלה“, קלינגט ענלעך צו דעם ניעדאָראָסילס „איך וויל זיך ניט לערנען, איך וויל א כלה. און איצט צום ענין גופא.

מען וויל אונדז אײַנרעדן, אַז גאָלדפאדען האָט געהאַט ווי א פאָרבילד צו זיין סאָציאַלער פּיעסע „שמענדריק“, א רומענישע פּיעסע מיטן נאָמען „וולאַדוצו מאַמיי“ (וולאַדוצו דער מאַמעס), וועלכע ער זאָל האָבן נאָכגעמאַכט, איבערגעמאַכט.

פאַרן פאַרזיכטיקן פאָרשער קאָן דינען ווי אַן אָנהאַלטספּונקט, דער פאַרגלייך פון די צוויי טעקסטן.

אין דער ביבליאָטעק פון דער אַקאַדעמיע פון דער סאָציאַליסטישער רעפּובליק רומעניע, אין בוקאַרעשט, האָבן מיר געטראָפן און דורכגעלייענט די רומענישע געדרוקטע פּיעסע: לופּעסקו יאָאַן, „וולאַדוצו דער מאַמעס“, (קאָמעדיע מיט געזאַנגען, אין איין אַקט, פאָקשאַני 1875). בסך הכל 23 זייטלעך, קלייַנער פאָרמאַט. די פאַרשוינען פון אָט דער פּיעסע זענען וולאַדוצו, א דאָרפסשילער; איפּטימיע-זבאַרטשיאַנו, אַן אַלטער וואַלדהיטער; קאָסטיקאַ שוימעסקו — א יונגער פריץ; סעוואַסטאַ, וולאַדוצו׳ס מוטער; סמאַראַנדאַ, די טאָכטער פון איפּטימיע; פּויערים און פּויערטעס. די האַנדלונג קומט פאָר אין א דאָרף. דעקאָראַציע: א טיר און א פענצטער מיט א לאָדן-טיש, אויף וועלכן עס זענען אויסגעשטעלט טעפּ, פלעשלעך, גלעזלעך, בייגל. דאָס איז סמאַראַנדאַס קלייטל.

דער סיפּור המעשה; (סוזשעט): וולאַדוצו, דער בן יחיד פון דער סוחרטע סעוואַסטאַ, א דעגענעראַט, וויל חתונה האָבן מיט סמאַראַנדאַן, דעם וואַלדהיטערס טאָכטער, אָבער זיין מוטער וויל זי נישט, ווייל זי איז אָרעם.

סמאראנדא באגעגנט זיך פלוצים מיטן פריץ קאָסטיקא שוימעסקו, און אנטוישטער פון א ליבע מיט א שטאָטישער... און הייבט אָן ליב האָבן סמאראנדאן, מיט וועלכער ער האָט חתונה און זיי באזעצן זיך אויף זיין גוט. פויערים און פויערטעס ווינטשן זיי פיל גליק.

מיינע באמערקונגען: אין די 29 מצענעס פון די 230 קליינע זייטלעך פון, געדרוקטן רומענישן טעקסט, איז די האנדלונג נישט דינאמיש, די שפּראך פון די פערסאָנאזשן נישט ניואנסירט, דאָס איז איינס.

והשנית: א חוץ דער טרופּע פון יאָאן לופּעסקו, וועלכע שפּילט די פּיעסע און גיט אָן לופּעסקון אלס מחבר, שפּילן מערערע טרופּעס א פּיעסע מיטן זעלבן אינהאלט און טיטל, און גיבן נישט אָן דעם נאָמען פון יאָן לופּעסקו. דער קאָנסערוואטאָר פון בוקארעשטער „מוזיי פון נאציאָנאַל טעאַטער“, זשאָרזש פּראנגא, פארזיכערט מיך, אז אין טעאטער-מוזיי איז פאראן א כתב-יד „וולאדוצו מאמיי“ פון איינעם דומיטרו מיקלעסקו. אין דער אָפיציעלער יאסער שטאָטישער „Curierul de jassy“ (וואָס פלעג דערשיינען 3 מאָל אין דער וואָך) אין נומער 137 פון דעצעמבער 1875, ווערט דערמאנט „וולאדוצו“, איינאקטער מיט געזענגע, פון איינעם י. סטאנעסקו. אין דער אָפּטיילונג „מאנוסקריפּטן“ (כתב-ידן) פון דער אקאדעמיע פון דער סאָציאליסטישער רעפּובליק רומעניע, פון איר ביבליאָטעק, האָבן מיר געטראָפן אונטערן נומער 2974, אין דער מאפּע „רעפּערטואר פון דער טרופּע געאָרגע קאראדזשיאלע“, א פּיעסע „וולאדוצו מאמיי“ פון י. סטאנעסקו. דער כתב-יד איז איבערגעשריבן געוואָרן, אין שטעטל אָלטעניצא, דעם 23-טן סעפּטעמבער 1875, פון אלינעם ניקלאי אל. דראגולעסקו (מסתמא דער סופליאָר פון דער טרופּע. 15 בלעטער פון וועלכע פיר דער שער, פערסאָנאזשן.

דריטנס: אין די רומענישע טעאטער געשיכטעס, אין וועלכע עס ווערן דערמאנט פארגעסענע אָדער פארשוויגענע מחברים, פון א מאָל, ווערט לופּעסקו לחלוטין נישט דערמאנט, כאָטש אויף זייטל 3 פון זיין רעווי (דער קאָמיקער“, דערשינען אין פאָקשאני, סעפּטעמבער 1885, ווייזט אָן לופּעסקו, אז ער האָט „180 כתב-ידן פון קאָמעדיעס, מאָדערנע מעלאָדראמעס, אייגענע אָריגינעלע אָדער באארבעטונגען!...“.

אפילו דער גרויסער רומענישער דיכטער מיכאיל עמינעסקו, האָט אויך געפּרווט שרייבן אן ענלעכע פּיעסע: „גאָגוצו דעם טאטנס“. אינטערעסאנט אין אָט דעם פּרוו איז דאָס וואָס א הויפּט פּערסאָנאזש „לייזער זאָלסט זיין געזונט“ רעדט יידיש! א באווייז, אז עמינעסקו, אויפגעוואקסן אין באָטאָשאני, מיט א צאָלרייכער יידישער באפעלקערונג, האָט געקענט אויך יידיש.

פון די ביז איצטיקע אָנגעוויזענע פאַקטן, קומען מיר צו דער מסקנא, „צום אויספיר:

דער פאַקט וואָס עס זענען געשפּילט געוואָרן עטלעכע „ווּלאַדוצו׳ס „מיט פאַרשיידענע מחברים, דער פאַקט וואָס לופּעסקו האָט נישט פּראָטעסטירט, דער פאַקט וואָס אויף קיין שום אַפיש פון מאַטעי מילאָ׳ס טרופּע אין יאַסער גרויסן טעאַטער נישט אין אָנאָנס וואָס איז דערשינען דעם 29 דעצעמבער 1876, און ניט אין די פאַרשטעלונגען פון דער טרופּע ניקאָלאיע לוקיאַן בעת איר טורנע אין קעשינעוו, צווישן 20 נאָוועמבער 1868 און 15 מערץ 1869 און פילע אַנ-דערע טרופּעס שפּעטער, איז נישט אָנגעגעבן דער מחבר פון „ווּלאַדוצו מאַמיי", איז א באַווייז, אז עס איז נישט קיין אָריגינעלע רומענישע פּיעסע, נייערט א לאָקאַליזאַציע פון א פרעמדער (פראַנצויזישער?) פאַרם, איינע פון די הונדער-טער, ביים אָנהייב פון טעאַטער אין רומעניע, וועלכע מע פלעג איבערזעצן, אָדער „באַאַרבעטן". דאָס רוב פון זיי נאַיווע איבערזעצונגען. עמינעסקו, ווייזט אָן אויף אָט די פעלערן פון טעאַטער רעפּערטואַר אין יענע יאָרן. אין א פּאָלע-מישן אַרטיקל, גרייפט ער אָן דעם פילזייטיקן שריפטשטעלער פרעדעריק דאַמע. אָט ווי אַזוי מע פלעג א מאָל מאַכן א לאָקאַליזירונג, געבן א היימישן, לאָקאַלן כאַראַקטער: מע נעמט א פראַנצייזישע פּיעסע, מע מאַכט א כאַפּ-לאַפּ איבער-זעצונג, מע פאַרבייט די אָריגינעלע נעמען אויף רומענישע און דערנאָך, צי ס׳פּאַסט צי ניט, אין דריי טעג איז פאַרטיק די לאָקאַליזירונג. צווישן די מחברים, וועלכע מ׳האָט אַממיינסטען „באַאַרבעט", קאָן מען דערמאָנען סקריב׳ן, לאַבי-ש׳ן, און קאָצעבוס מעלאָדראַמעס.

ס׳איז אָנצונעמען אז אויך גאָלדפאַדען מיט זיין פרוי פּאַולינא, וועלכע האָבן באַהערשט די פראַנצויזישע און דייטשע שפּראַך, האָבן איבערגעזעצט פון אָריגינאַל אייניקע פּיעסן אָבער תמיד אָנגעגעבן „איבערזעצונג פון פראַנ-צייזישן אָדער דייטשישן".

מיר באַהויפּטן אז גאָלדפאַדענס „שמענדריק", א פּיעסע אין דריי אַקטן, אויף פּערציק זייטן, איז נישט אינספּירירט אָדער נאָכגעמאַכט לויט דעם נעבעכ-דיקן איינאַקטער „ווּלאַדוצו מאַמעי", ווו די כאַראַקטערן זענען קאַריקאַטוראַל געצייכנט; די אינטריגע — א נאַיווע; די סביבה אָן אָרעמע, די שפּראַך א ניט דיפערענצירטע לויט די פּערסאָנאַזשן. מיר דערמאָנען בדרך אגב, גאָלדפאַ-דענס א באַאַרבעטונג „דער ליגנער אָדער טאָדרעס בלאַז", אינספּירירט פון, גאָגאָלס „רעוויזאָר", וואָס איז אָנגעטאָן אין א יידישן לבוש, אין א יידישן אָרט דענקען, אין א יידישער לעבנס-פילאָסאָפיע. גאָלדפאַדען האָט דעם „רעוו-יזאָר" אָריגינעל באַאַרבעט, אַזוי פאַרייִדישט, אַריינגעלייגט אַזויפיל סאַטירע,

אז ער האָט באַקומען א ביז גאָר באַזונדער פּנים. פאַר גאָלדפאַדענען איז דער אָריגינאַל בלויז א קאַנווע.

גאָלדפאַדענס „שמענדריק" [1] איז א באַווייז, וואָס א באַגאַבטער דראַמאַטורג קאָן שאַפן פון א פרעמדן מוסטער. ווי אַזוי גאָלדפאַדען האָט אין דער פּיעסע, ווי איבעריקנס אין אַלע זיינע פּיעסן, אָפּגעשפּיגלט ברענענדיקע אינטערעסן און פאָדערונגען פון דער יידישער ווירקלעכקייט, ווי אַזוי גאָלדפאַדענס פּיעסן זענען פאַרבונדן מיטן אַרומיקן לעבן.

פאַר מיינע אויגן ליגט דער טעקסט געדרוקט אין וואַרשע, אין דער ליטאָגראַפּיע פון יוסף לעווענזאָן אין 1890: „שמענדריק אדער דיא קאָמישע חתונה", אָפּערעטע אין 3 אַקטן מיט געזאַנגען און טענץ פון א. גאָלדפאַדען". פערציק זייטן, פאָרמאַט 23 14-1/2. די פּיעסע האָט מען געשפּילט אונטער מערערע נעמען. אַזוי למשל, אַז אַפּיש פון דער טרופּע העלמאַנעסקו-קעסטין, אין „קעללים האלל" שפּילט שבת 6 יאַנואַר 1894, מאַטינע 2 אוהר נאָכמיטאָג, די קאָמישע פּיעסע „דער מאַמעס קדישל". (געמיינט שמענדריק).

די פּערסאָנאַזשן פון גאָלדפאַדענס „שמענדריק": ברײַנע — א יידענע, אַן אַלמנה, א רייכע רענדאַרקע; שמענדריק — איר בן־יחיד; זרח — איר ברודער; צירעלע — זיין טאָכטערש; ר' יצחק — פּרנס חודש, א געפּאַלענער נגיד; ראָזאַ — זיין טאָכטער; דוד איר געליבטער; פּתחיה — א שדכן, אַן אַלטער ייד פּיי־ווישל.

שמענדריקס א חבר; א בדחן, געסט, פּויערים, כּלי־זמר, יידן, יידענעס קינדער, מיידלעך און ווייבלעך.

אָט איז דער סוזשעט פון „שמענדריק": די אויפגעקומענע גבירטע, א פּרוי פון יחוס, האָט אַן איינ־און איינציקן זון־שמענדריק, דער איינציקער אין לעבן פון צוועלף געבוירענע קינדער. ער איז א פולשטענדיקער דעגענעראַט. ברײַנע זיין מוטער, וויל אים חתונה מאַכן מיט דער טאָכטער פון ר' יצחק פּרנס חודש, ראָזאַ, א מיידל וואָס איז געלערנט „אין אַלע זאַכן."

צו שמענדריקן שדכנט זיך צירעלע, די טאָכטער פון ברײַנעס ברודער זרח, וועלכער פאַררופט זיך אויף דער צוואה פון זייער פאָטער, און פאָדערט, דער שידוך זאָל געשלאָסן ווערן. ברײַנע וויל ניט איר ברודערס טאָכטער. וויל ניט

---

[1] אינעם אַרכיוו פון דער גענעראַל דירעקציע פון די רומענישע טעאַטערס, מאַפּע 536 פון 1879, איז פאַראַן די ביטע פון יאָן לופּעסקו, אין וועלכער ער בעט די דערלויבעניש צו שפּילן אין גאָרטן „אוניאַן סוים" פון בוקאַרעשט. אין רעפּערטואַר איז אָנגעגעבן אויך וולאַדוצו מאַמיי נאָך א באַווייז אַז נישט לופּעסקו איז דער אמתער מחבר!

וויסן פון דער צוואה און וויל די טאָכטער פון יחוסדיקן פּרנס-חודש-ראָזאַ, וועלכע „טינקט זיך אין יחוס פון קאָפּ ביז פיס“, לויט יענער צייט, באמת געבילדעט, קען פרעמד-שפּראַכן.

ראָזאַ האָט געהאט א געליבטן נאָך וועלכן זי בענקט, אָבער זי ווייסט ניט גאָרניט וואָס מיט אים טוט זיך. זי טרוימט וועגן העברים, העברים און ניט צו שמענדריקן. דער פּרנס חודש רעדט צו דעם שידוך מיט שמענדריקן, ארגומענטירנדיק „מסתמא איז דאָס א זיווג פון גאָט“ און „מאטעריעלע סיבות“, „שוין א צייט פון צוויי יאָר, אז איך האָב ניט פארדינט און פּלאָג מיך“. ראָזאַ איז קיין מאָל ניט ארויסגעגאנגען פון איר פאָטערס רייד, פאָלגט אים אויך איצט.

אין טאָג פון דער חתונה מיט שמענדריקן, קומט צו פאָרן דוד, ער דערקלערט די סיבה פון זיין לאנגן שווייגן, אז ער האָט ניט געקאָנט צוזען די אָרעמקייט וואָס איז געוואקסן אין ראָזאַ'ס שטוב. ער איז אוועק און זיך געפּלאָגט דריי יאָר אין א פאבריק. „זיך ניט פארגינען א גרייצער צו פארצערן“ און צונויפגעקליבן א קאפּיטאַל“.... „און איצט בין איך געקומען דיך גליקלעך מאכן“-

דוד האָט חתונה מיט ראָזאַן און שמענדריק מיט זיין שוועסטער-קינד צירעלע. דאָס קומט פאָר א דאנק דעם אָפּרעדן זיך פון דוד, מיט זרחן, אונטערפירן אונטער דער חופּה ניט ראָזאַן, נאָר צירלען, זיין שוועסטערקינד. דאָס איז דער אינהאלט פון גאָלדפאדענס ערשטלינג, איינס פון זיינע ערשטע דראַמאטישע ווערק.

גאָלדפאדענס „שמענדריק“ איז א שפּיגלבילד פון דער סביבה פון זיין צייט, פון דער סאָציאַלער סביבה. יעדער פערסאָנאַזש איז א סינטעטישע מאסקע, א גרים וואָס שאפט דאָס קאָמישע, ווי דער גרים פון צירק-קלאון. צו זיין שמענדריק, באציט זיך גאָלדפאדען מיט הומאָר און פיינער איראָניע.

שמענדריק איז גאָלדפאדענס אָריגינעל ווערק, ניט נאָכגעמאכט!

זיידל יהודה העלמאַן

אקטיאָר, פּובליציסט, חזן און לערער

אָנהויב צוואנציקער יאָרן, אין יאַס. נאָענט צו דער „אייזערנער בריק“ וווּ, כ'האָב געוווינט איז געווען א לאנג געסל פּאנטעלימאָן, אויף יידיש „דאָס-מת-געסל“. דורך דעם געסל, פלעג מען פירן די לוויות צום יאָרהונדערטער אלטן בית עולם טשיורקי, אינעם פערטל טאטאראַש. אויף דעם געסל, האָב איך צום ערשטן מאָל געזען זיידל יהודה העלמאַן. א מיטלוווקסיקער ייד מיט א ראזירט

פּנים (נאָר אויף יומים נוראים פּלעג ער זיך פאַרלאָזן אַ קליין שפּיציק בערדל!) מאָדנע געקליידט: אַ רעדינגאָטע (סאַלאָן ראָק) מאָדעל 1880, שטייפן קראַגן, אַן „אַקטיאָרישע" טשופּרינע מיט געקרייזלטע, האָר, אַ הארטן מעלאָן הוט, מיט אַ טאַש ביכער אָדער כתבים... אַזוי האָט אויסגעזען אָנהויב צוואַנציקער יאָרן זיידל יהודה העלמאַן, דער אַקטיאָר, חזן פון גיישאַץ-טעמפּל, פּובליציסט און לערער!

געבוירן אין יאַס, אין יאָר 1855. לויט דעם שטייגער פון דער צייט, באַקומען אַ פרומע דערציונג. דער פאָטער איז געווען אַ העפּטער פון שטערנטיכלעך אָבער פון דעם פאַך אַליין, ניט געקאָנט שפּייזן זיין מישפּחה, האָט ער געהאַט אַ ביי־פאַך: געווען אַ חזן און פאַרבליבן אַ חזן ער יום פּטורתו.

דער צווייטער מאַן מיט וועלכן העלמאַנס מוטער האָט חתונה געהאַט איז געווען אַ ייד אַ למדן מרדכי בר' יהושע, וועלכער האָט געלערנט מיט קינדער ש'ס און פּוסקים. אָט דער שטיף פאָטער, האָט העלמאַן צוגעגרייט אַ גוטע פּר־נסה... געלערנט ער זאָל ווערן אַ שוחט! ווען העלמאַן איז אַלט געוואָרן 16 יאָר, איז דער שטיף־פאָטער געשטאָרבן און זיידל יהודה איז געוואָרן אוים שוחט...

העלמאַן באַזיצט אַן אָנגענעמע שטימע, אויטאָדידאַקט־לערנט ער דייטש, רומעניש און באַקומט אָנזען צווישן די דילעטאַנטן. ער שאַפט אַ דראַמאַטישן פאַריין „יובל", ציט צו אויך אייניקע יונגע אַקטיאָרן און שפּילט וועכנטלעך מיט זיי פאַרשיידענע פּיעסן: גאָלדפאַדנס, לאַטיינערס, שמר'ס און אייגענע פּיעסן. ער פאָרט אויך איבער דער פּראָווינץ, באַזונדערס אין די מאָלדעווישע שטעט און שטעטלעך.

אַן אַפיש אין אונדזער רשות מעלדעט: „אין יאַסער גאָרטן „שלום שייקע־עלעם" (טאַמאַסים) שפּילט „די יידישע דילעטאַנטן געזעלשאַפט מיט דער מיט־ווירקונג פון בערימטען אַרטיסט און פּערפאַסער הערר ז. העלמאַן. צום ערשטן מאָל אויף דיעזער בינע, „אַ פּאַטש פאַר אַ פּאַטש" גראָסע קאָמעדיע אין 4 אַקטן און 8 בילדער פון שמ'ר. די ראָלע פון נפתלי שפּילט אַרטיסט ז. העלל־מאַן", דינסטיק דען 30 טען יולי 1896 אַן אַנדערער אַפיש מעלדעט אין זעלבן גאָרטן, ז. העללמאַנ'ס „דער בעל נס", פיר אַקטן. „בעל שם" 5 אַקטן, אַ רעווי־ספּעקטאַקל „גוג ומגוג" אין פיר אַקטן און די צוויי איינאַקטערס „יריד אין הימל" און דאָס ליטוויקל" זענען געשפּילט געוואָרן שפּעטער. אַלס פּראָפעסיאָנעלער אַקטיאָר האָט ער געשפּילט עטלעכע יאָר אין רומעניע אין 1890 אין אַמעריקע, מיט אָנגעזעענע אַקטיאָרן ער האָט זיך ניט געקאָנט צופּאַסן צום אַמעריקאַנישן לעבנס־ריטם און צוריק געקומען קיין יאַס, ווערט ער אַ לערער פון העברעיש אין די יידישע שולן און אַ שטענדיקער חזן אין „גיישאַץ־טעמפּל".

ער האָט געשריבן אַ סך קופּלעטן צווישן וועלכע עס זענען פּאָפּולער געוואָרן און אריין אין רעפּערטואַר פון ב.ל. זינגער און אַנדערע זינגערס זענען „ישמחו," די „וועלט מילחמה" דער ווין און די טיי" (אַ משל). ער, העלמאַן איז געווען מער אַ לידל פאַרפאַסער און לידער זינגער ווי אַן עכטער פּאָעט. אַליין געשאַפן די ניגונים פאַר זיינע אייגענע לידער. ער פלעג ארויסטרעטן מיט דערפאָלג אויף מאַסן פאַרזאַמלונגען און ארבעטער פייערונגען. אין „גאָרטן פערזשאָיע" פון יאַס, שבת דעם 22 טן יוני 1896, גראָסעס פאָלקספעסט" מעלדעט דער אפיש אין יידיש, מיט העלמאַנס ליטאָגראַפיש בילד אין דער מיט, נעמען אָנטייל", דער דראַמאַטישער דילעטאַנטן פאַריין „יובל" מיט דעם באַליבטען ארטיסט העלמאַן, און דער כאָר פון „למוינא" (דער סאָציאַל-דעמאָקראַטישער פאַריין פון יאַס) ווירד שעהנע סאָציאַליסטישע לידער פאָרטראַגען".

העלמאַן פלעג אויפטרעטן מיט דעקלאַמאַציעס פון מאָריס ראָזענפעלד, ווינטשעווסקי, באָווּשאָווער, עדעלשטאַט ביי פאַרשיידענע אימפּראָוזעס פון יידישע און ארבעטער פאַריינען. אין דער חודשלעכער אויסגאַבע „לומינא" (דאָס ליכט) נר. 7 (25) צווייטער יאָרגאַנג, 1897, זייטל 69, ווערט באַריכטעט וועגן דער פייערונג פון ערשטן מיי 1897 אין יאַסער גאָרטן Lunca פון פּערטל טאַטאַראַש, ביי דער אָנוועזנהייט פון איבער טויזנט מענטשן, פון אַלע סאָציאַלע קאַטעגאָריעס. אַז די באַלעבטע, פריילעכע פייערונג, האָט געדויערט ביז 12 באַנאַכט און מ'האָט זער גוט פאַרבראַכט. צווישן עולם אַ סך יידן, אויך דאָ האָבן זיך באַטייליקט די דילעטאַנטן מיט העלמאַנען.

כדי צוציען צו דער סאָציאַל דעמאָקראַטישער באַוועגונג די קאָמפּאַקטע יידישע מאַסע, באַשליסט דער קרייז „לומינא," ארויסצוגעבן אַ צייטונג אין יידיש. אַ גרויסע פאָלקס פייערונג, כדי צו שאַפן אַ פאָנד פאַר דער צייטונג, קומט פאָר אין גאָרטן „עליזעו", שבת דעם 2-טן סעפּטעמבער 1895. „דער וועקער איז דערשינען פון ערשטן מיי ביז דעם 2-טן סעפּטעמבער 1897 איז רעדאַקטירט געוואָרן פון דר. לעאָן געלערטער, לעאָן געללער, מאַקס וועקסלער און, זיידל העלמאַן.

פון די יאָרן ווען זיידל העלמאַן פלעג קומען אין די ארבעטער-פאַריינען זענען אויך דאָ השפּעות אין זיינע לידער, משלים, דראַמאַטישע שריפטן. מיר וועלן ציטירן אייניקע אין וועלכע ער דריקט אויס סימפּאַטיע, סאָלידאַריטעט און אפילו פּראָטעסט קעגן עוולות: אין זיין „המבשר" נר. 1, יאַס 1903, סיון תרס"ג ז. 2 אין „אויפרוף", „מענער און פרויען זאָלן מוריד דמעות זיין איבער דעם הרג רב", די אומגעבראַכטע אין דער שחיטה-שטאָט-קעשענעוו אין 1903. אין נומער 2 פון „המבשר", פּראָטעסטירט ער קעגן דעם פאַקט וואָס תל-

מוד תורה ייִנגלעך און אָרעמע מלמדים רויבט מען אוועק דעם רו טאָג שבת. די מנגהיגים פון דער תלמוד תורה די משגיחים און פאַרהערער זאָלן דאָנערשטיק פאַרהערן, דאָס הייסט זיי טראָגן דעם פאַרהערער אָפּ די תורה אַהיים זאָלן די קינדער, אָרעמע געפּלאָגטע קינדער, ניט וויסן דעם חילוק בין קודש לחול? זאָלן זיי און די אָרעמע מלמדים נאָך דער שווערער וואָך אַרבעט ניט האָבן קיין רו? זאָלן זיי זיין ערגער ווי בהמות? ז. 6.

פיינע איראָניע, ווען אפילו צום סוף אביסל פּיקאַנט, איז העלמאַנס ליד „ישמחו" דידאַקטישקייט, מאָראַל, פעלט בכלל ניט אין העלמאַנס שריפטן. מעגן זיי זיין קינסטלעריש ניט תמיד געראָטן. דער פאַקט וואָס זיי זענען געווען זייער באַליבט און בשעתם געזונגען געוואָרן פון פאָלק, אין אַמאָליקן יידישן טעאַטער-רעפּערטואַר, באַרעכטיקט אונדזער אָפּהאַנדלונג וועגן העלמאַנען. מיר ציטירן פון „ישמחו" אייניקע פערזן: „ווען מען סע פעלט אין הארץ די אמונה /דער טוט שוין אַלעס שלא כדינאָ" /אָדער: „אָבער מיר חסידים ריין פון תאוות /נאָר תוקן-משקה טוט אונז א בריה / מיר טאַנצן, פּליעסקען מיט התלהבות / פריילעך זינגען מיר ישמחו/ וועגן דעם רבינס נשמה יתירה, אויף וועלכן עס רוט די שכינה": „דאָס איז ניט משיג דער פּראָסטער עולם/ ווי קומען זיי גאָר דען דערצו/ נאָר איך און מיין רבי און דער ליימענער גולם/דערפאַר זינגען מיר ישמחו". ז. 1-2 פון סעפּאַראַט אָפּגעדרוקטן קופּלעט.

אין „יום טוב בלאַט", שנת תרפּז) אין ליד „די וועלט מילחמה" „ווייל דער נביא האָט געקלאָגט און פאַר אַלע אַזוי געזאָגט: צעברעכט די שפּיזן, שווע-רט,/ מיט די אייזנס, אַרבעט ערד"... יאָ..!. אַזוי זאָגט דער פּראָפעט איך זע די צייט גאָר שפּעט... אַלע רעדן איין שפּראַך ווי ברידער איז מען גלייך!" נו לאָז שוין זיין א סוף צו מאָרדן מענטש, הערט אויף!" ז. 14-15.

אין זיין אַלעגאָריש בילד „דער יריד אין הימל", געדרוקט אין שוין דערמאַנטן, יום טוב בלאַטט „ זיינעם 6-7 דערמאַנט העלמאַן מיט פּיעטעט די יאַסער באַ-רימטע חזנים פון צוריק מיט הונדערט פופציק יאָר און זייער נוסח, עברי, נגינה אין אָנהויב נייִנצנטן יאָרהונדערט: משה הירש, חזן פון מאיר שמחה'ס קלויז. דער „אַלטער" ר„מרדכי חזן פון בית הכנסת סאַנדלער. ר' מרדבי חזן פון די מאַראַרעם (עפּל-סוחרים) שיל, ר„יעקל חזן פון דער גרויסער שיל, ר'משה'לע חזן פון דער רויטער בריק". וועגן זייער ערלעכקייט באַמערקט העלמאַן „צו סליחות און פאַר תקיעת שופר פלעגן זיי גיין אין מקוה אַריין, געווען לומדי תו-רה; א שפּעטערע צייט זענען באַרימט געווען אין יאַס: „יעקב שמעון פון דער שניידערישער (שיל, אפרים פון די טשיזמאַרער שוסטער-שיל, ירוחם פון כהנא'ס שיל, זיידל שוחט (א ברודער פון זעליגן) ביידע זענען געווען גוטע מנגנים, געקאָנט

אי דאוועגען אי זינגען, געהאט משוררים. זייער רעפּערטואַר? די קאָמפּאָזיציעס פון ר׳ ניסן באַרדיטשעווער, ברוך שאָר, אַברהם קאָליכניק, זיידל ראַבענער; העלמאַן גיט צו: ריינע יידן מיט געפּוצטע שטיוול אָבער גוטע חזנים און יידן״.

אלס א קוריאָז ציטירן מיר פון זעלבן בילד „דער יריד אין הימל״: יאָ, יאס מאַכט אויף צוריק, אויף ראשי תיבות סוף ארץ ישראל.״ אוי יאס״ יאס! ניט אומזיסט הייסט דו יאס! וואָס מאַכט אויף ראשי תבות יושביה אנשי סדום! „א צאָל פּשוטע מענטשן ווי מירל די שענקערין אין קעלער איז ליהודים (פרייליך) דאָרט זיצט הירש דער רויטער, וואָלף שקאָץ און מנשה דער גראָבער ביי א גלאָז ביר און מע שוויצט ביי די קאָרטן. ר׳משהלע א גרויסער עוסק במצוות וועלכער זאמלט אלע וואָך נדבות פאַר אָרעמע לייט אָדער קראַנקע א מאָל אויף פּדיון שבוים (פאַר געפאַנגענע) אגב, שונאים זאָגן אז 3 טייל פון דעם געזאמלטן געלד, נעמט ער פאַר זיך „ער קומט זיי זאגן מוסר ער האָט געהאַט כבוד ווייל ער איז געווען דער זון פון דעם קלוגן ייד, און גרויסן חריף דעם אלטן דין. ער, העלמאַן דערמאָנט פּעסע-מלכה די פירזאָגערין און ריינע די טוקערין. צו אָט די פּשוטע מענטשן דאַרף מען דערמאַנען אויך מירלס טאָכטער: „ווי גייט מען אוועק פון א גוט גלעזל ביר וואָס ווערט אלע מאָל פריש דערלאַנגט פון אזא פיין הענטל ווי אסתר, מירל׳ס 17 יאָריקע בתולה האָט?״

געדרוקט האָט העלמאַן א טייל פון זיינע שריפטן. „יום טוב בלאַטט (שנת תרפ׳ז) 16 זייטן. „כתבי״ הזמן נומ. 1 און 2 צו 16 זייטן יעדע בראָשור. „המ-בשר״ נר. 1 און צוויי צו 16 זייטן יעדעם העפט, מיי און יוני 1903. קופּלעטן און לידער אויף סעפּאַראַטן דרוק. אין כתב-יד, אין מיין רשות: גוג מגוג רעווי אין דריי אקטן. „בעל נס„ קאָמעדי מיט געזענגע און טענצע״ אין 4 אקטן: „טילע בענדיט״, קאָמעדיע מיט טענצע און געזענגע, אין 4 אקטן. אויף דער לעצטער 48 זייט, פון מחבר: „פערפאסט און פילאַדעלפיא 19 יאַנואַר 1894 פאָן ז. העלמאַנעסקו (הזמ׳ן). איבערגעשריבן אין יאס 23 סעפּטעמבער 1896 הייסט עס אז העלמאַן איז אין אמעריקע געווען פון 1890 ביז 1895. אן אנדערע פּיעסע איז „פאַנטעלימאָן דער באַנדיט פאַנטאַסט״ און אייניקע קופּלעטן.

דער באַקאַנטער מוזיקאָלאָג שלום פּערלמוטער האַלט העלמאַנען פאַר „איינעם פון די ערשטע יידישע טעאַטער קאָמפּאָזיטאָרן״. העלמאַן האָט פאַרפאַסט א 150 לידער, און צו א טייל פון זיי קאָמפּאָנירט אויך די מוזיק. מיינסטנס האָבן זיי מער א ליטעראַריש-היסטאָרישן ווערט. אין זיינע שאַפונגען פּראָטעסטירט ער קעגן אומרעכט היפּאָקריטסווע פון קהלישע רעדל פירער מאָנט א בעסער לעבן פאַר די פאָלקס מענטשן. מיט זיין שריפטשטעלערישער, געזעלשאַפטלע-

כער און קינסטלערישער טעטיקייט, געהער ער צום קאפיטל יידישע קולטור־געשיכטע פון יידן אין רומעניע, פון סוף פאַריקן און אָנהויב איצטיקן יאָר־הונדערט.

דער הומאָריסט

ריקו בלאו

זיינע א שוועגערין היט אויף אלע זיינע כתבים און האָט מיך פארבעטן איך זאָל זיי איבער לייענען. צוועלף העפטן האָב איך געבלעטערט־געלייענט. ריקו בלאו כאראקטעריזירט אזוי זיין שרייבן:

„מיין שרייבן איז ווי א שפיגל קלאָר,
איז קא סחורה־איז נאטור,
אָנגעגרייט פאר יענער וועלט,
וואָס שאצט דאָס שרייבן מער ווי געלד.“
און איך קאן קא פאלשקייט טראָגן,
מוז דעם אמת ארויסזאָגן;
יעדעס וואָרט מוז זיין א שטאָך,
וואָס קרענקט ניט, אין היילט גאָר נאָך.

פון פאך א רייזנדער, האָט פארבראכט עטלעכע יאָר אין בולגאריע אָבער דער דיבוק פון שרייבן האָט אים ניט צורו געלאָזט. שרייבט ער:

„ווען איר חשק האָט צו לאכן“
קומט אריבער באלד צו מיר,
איך וועל אייך דערציילן זאכן,
איר זאָלט לאכן אָן א שיער.“

זיינע הומאָריסטישע סאטירישע לידער לייענט ריקו בלאו פאר זיינע קאָלע־גן, אין פאריינען, אויף שמחות און אפילו אויף חתונות. אייניקע פון זיינע פערזן, האָבן א מוסר השכל.

די סאטירע איז ביי ריקו בלאו דער הויפט־נערוו פון זיינע יידישע און רו־מענישע לידער. אין סאָפיע, בולגאריע, איז ער מיטגרינדער פון א פאריין „שלום עליכם“, וועלכער העלפט אים ביים ארויסגעבן א באנד לידער, אין לאטיי־

נישע רטראנסקריפציע, א.ט. „פרײלעכע מאָמענטן“, סאָפיע, 1931, ז״ 65, און מיט סלאַווישע אותיות, לירישע לידער אין בולגאריש-יידישע אויסגאבעס.

זיינע שטיפערישע לידער, ווי למשל „חיימל דער שדכן“, „די חוזק מאַ-כערן“ פון וועלכע מיר ציטירן:

„ווען עמעצן גייט גוט
ווערט זי פון דאגות מיד;
ווען עמעצן גייט שלעכט,
דענצמאל איז איר ערשט רעכט.“

דער הומאָריסט האט ליב זיינע ארומיקע מענטשן:

„איך ליב און וויים ניט ווען,
איך ליב די גאנצע וועלט,
איך ליב ניט נאָך די נעמען,
און אויך ניט לויטן געלט. (מענטשנליבע)“

ער האָט ניט קיין רו ביז ער שרייבט ניט עפּעס אָן:

„עס שרייבט זיך אויף פּאַפּיר
גלייך ווי פון זיך אליין,
דאָס וואָס איך פיל אין מיר
און אלצדינג וואָס איך מיין“.

און פאַרענדיקט:

עס קראצט און קריצט מיין בליי,
עס לאכט און וויינט מיין הארץ,
און מאָלט זיך אויס געטריי,
מייך טיפע פרייד און שמארץ.“

אינעם ליד „אריסטאָקראטן“, לאכט ער אויס מיט ביטערן שפּאָט די רשעות, ביטערקייט, חסרונות פון די קהלישע רעדל-פירער און גבאים:

גרויס מאכט אייך דאָס געלד... דער ליגן...
איר זענט קליינער נאָך ווי פליגן“.

אָט ווי ריקו בלאו שילדערט אין לייכטע פערזן, אין א לעבעדיקן סטיל צוּ מאָל מיט דער קורצקייט פון א סענטענץ, די אידעען און שטימונגען פון א געוויסער געזעלשאפטלעכער קאטעגאָריע קאָמערציעלע אפאָריזמען:

„דער סוחר — איז דעם באנקירס פאציענט.
דער באנקיר איז דעם סוחרס כירורג.
די לייוועראַנטן די כירורגישע אינסטרומענטן;
דער מארק איז דער אָפּעראַציע זאל;
דער קאפּיטאל — א סאָציאלע מכה, א בראנד.“

וויציק, אפּאָריסטיש, שרייבט ער וועגן מענטשן און זייער פירונג, פון א־מאָל:

„פריינטשאפט“ — איז דער אינטערעס וועלכער פארבינדט צוויי אָדער מע־רערע פערזאָנען מיט ענלעכע צבועקישע געפילן.“

„צביעות — איז דאָס מפּילע פון אן אויפריכטיקער פריינטשאפט
אינטערעס — איז איבערטריבענע פריינטשאפט.
אויפריכטיקייט — איז אן אנטפּלעקטער סוד.“
וועגן מאן און ווייב־באציונגען שרייבט ער:
„מאן און ווייב־לעבן, דאָס איז א בייטעוודיקער באראָמעטער;
ליבע — איז א פרילינג ווינטל;
די משפחה — אן אָנגעלאָדענע אטמאָספער.
די קריגעריי — עלעקטרישע אויסלאָדונג.
א געשלעג — א שטורעם — רעגן.
דאָס איבערבעטן זיך — א רעגנבויגן.“

פון זיינע פּאָליטישע אפּאָריזמען ציטירן מיר:

„וויילער — אן אומבאוווסטזיניקער זעלבסט־מערדער.
אָפּשטימען וואָטירן — מיינט זיך מאכן די צוואה, אין דעם וויילערס טעסטאמענט.
דער וואל־בלייער — איז א גראָבער שטעקן.

ריקו בלאו זעט אלץ דורכן שפּיגל פון דערווירקלעכקייט פון אלע גע־זעלשאפטלעכע אָפּטיילן:

א נוליטעט — איז א מוח אינוואליד, מעדיאָקריטעט, א מיטלמעסיקייט.

די געטלעכקייט פון די נוליטעטן — אן אויפגעקומענער גביר.

„ער קוקט אויף יעדן מענטש פון אויבן
גיט זיך א שטעל, גיט קוים א לאַך,
יעדער איז פון הינטערן אויוון
נאָר ער איז קלוג וויל... ער איז רייך".

מיט זיינע וויציקע לידלעך און סאטירע, געהער ריקו בלאו צו דער משפחה פריילעכמאכער פון רומעניע.

דער עפּיגראמיסט

בערנארד שפּיגל

די קורצע לירישע געדיכטן, געוויינטלעך פון פיר פערזן, מיט א געוויסן סאטיריש-דידאקטישן אינהאלט — די עפּיגראמע, האָבן אויך אין רומעניע, צווישן אנדערע, געשריבן ג א ָ ל ד נ ע ר—דזשיאָרדאנאָ, דר. שטויערמאן, ראָדיאָן, וו ע ר אָ, זינגפריד-לאָכאָדע פון די עלטערע, און א גרעסערע צאָל רומעניש — יידישע עפּיגראמיסטן אין די יאָרן נאָך דער צווייטער וועלט-מלח-מה, צווישן וועלכע מיר ציטירן פון זיכרון: האַראָוויץ, וואלענטין סילוועסטרו, פרעד פירעא, ב. שפּיגל-ספּיק און אנדערע.

*

יאם די שטאָט פון טרובאדורן, די וויג פון יידישן טעאטער, מיט א פאר-הארעוועטן אָבער מיט לעבן-פולסירנדן עמד, איז אויך א פּ ע פּ י נ י-ע ר ע, (א בוים און פלאנצשולע,) פון פאָלקזינגער פאָלקס קינסטלער, א פּע-פּיניערע פון כל-ערליי פריילעכמאכער: בדחנים, גראמען-מאכער און זאָגער, וויצלער און שווארצקינצלער,

בערנארדס פאָטער, דער סוחר פון צעלניק-יצחק, איז געווען א בבודי-קער באלעבאָס און א מענטש מיט א סך הומאָר. דערפאר האָט מען אים געגעבן א צונאָמען „א ציקל מיט די וווערטלעך". איז דעם זון בערנארד אריבער בי-רושה, איראָניע, סאטירע, וויץ, וועלכע ער האָט פארוועבט אין די קרוב פיר טויזנט עפּיגראמען וואָס ער האָט געשריבן אין משך פון א פופציק יאָר פון זיין לעבן.

בערנארד שפּיגל׳ס עפּיגראַמען זיינען צו מאָל אַ ווערטער־שפּיל, אַ געראטענער. צו מאָל אַ נעראָטענער פּאָרטרעט מיט ווערטער. אנדערע זענען פּאָפּולערע, געלעגנהייט־עפּיגראַמען.

שפּיגל איז אַן אינספּירירטער עפּיגראַמיסט, כ׳מיין אַז דעם שטאָף פאַר זיינע עפּיגראַמען, נעמט ער פונעם טאָג־טעגלעכן פּרט, דעטאַל, פון אַן ענגן קרייז און באַטייט.

כאָטש אַזוי איז צו באַמערקן אַז אין זיינע עפּיגראַמען, לייגט ער אריין פּליים, מי, ער גיט זיך אַ דיראַקטישן זין. אַ שאָד וואָס אין די איבער פיר טויזנט עפּיגראַמען זיינע, קלאַפּט נישט דער דופּק פון ספּעציפיש־יידישער טעמאַטיק טראַצדעם וואָס ער קומט אין יידישע קרייזן, קען די יידישע סביבה, לעבט צווישן יידן, אפילו רעליגיעזע... ווענדט ער זעלטן זיין בליק, און שעפּט זעלטן שטאָף פאַר זיינע עפּיגראַמען, פון אָט דעם קוואַל.

שפּיגל שרייבט רומעניש. די פּאָר ביישפּילן פון זיינע עפּיגראַמען, וואָס מיר ווילן ברענגען, זענען פון מיר איבערגעזעצט געוואָרן אויף יידיש.

ער כאַפּט אַ דעטאַל, וועלכער וואַרפט אַ ליכט אָרעד אַ שטן, גיט אַ שטריך פון אַ כאַראַקטער, זיינע האַנדלונגען, קאָמפּאָרטאַמענט, זיין עטיק:

איינעם אַ „וואָרטסמאַן”, וועלכער האָט פאַרגעסן אָפּצוברענגען געבאָרגטע ביכער:

„צייט גענוג געהאַט האָסט זיכער
צו בלעטערן די ווערטער־ביכער;
אַ שאָד וואָס ניט געזוכט האָסט דאָרט,
דעם וואָרן טייטש פון... ערנוואָרט”

איינעם, אין וועלכנס הויז דער שטויב ליגט אָנגעלייגט אויף אַלץ, איבעראַל...

„אַ מענטש וואָס הויכט אויס זיין נשמה,
קערט זיך אום אין שטויב־אדמה;
פרעגן וויל איך איצטער אויב,
לעבן, מוז ער אויך אין... שטויב?”

בייטן די וווינונג, ראָט מען אים, כדי פּטור ווערן פון די שכנים מיט וועלכע ער קומט נישט אויס. דערויף שרייבט ער פאָלגנדיקע עפּיגראַמע:

„ווי ביי מיר איז ניש ביי קיינעם:
אַ דירה האָב איך, אַ פּאַלאַט;

און אויב די רעדע איז פון א בייט
בייטן וואָלט איך נאָר די שבנים!"

דעם חזן פון דער שיל ווו ער דאַווענט, דעם חזן וואָס פאַרשפּעטיקט תמיד שיקט ער א פייל:

„אַנשטאַט א גוטן טאַשן-זייגער,
אזא מתנה, ניחה איז תמיד —
שוין פּאַסיקער א וועקער — זייגער,
זאָלסט נישט פאַרשפּעטיקן ביים עמוד."

איינעם „אָן אויסגעהונגערטן". ווידמעט ער פאָלגנדיקע עפּיגראַמע:

„ביסט ניט מיט אַלעמען מיר דאַכט,
א פּנים, נאָר ווי ביי א מת:
עסט איין מאָל נאָר אין א מעת-לעת.
פון אינדערפרי ביז אויפדערנאַכט."

און אָט אן עפּיגראַמע צו א ... ביטניק, צו איינעם וואָס פאַרלאָזט זיך באָרד און פּאות, לויט דער לעצטער מאָדע...

„ס'העלפן ניט קיין טענות, דעות,:
וואָס פאַרצייכנט, דאָס באַשערט,
ניט מאָדערן „מער האָר געשערט"
— אַלע טראָגן באָרד און פּאות!"

ווי מיר זעען, גריבלט זיך ניט שפּיגל אין לאַבירינט פון מענטשלעכער און געזעלשאַפטלעכער פּראָבלעמאַטיק, נאָר מיט א חוש פאַר דעם אומנאָרמאַלן, כאַפּט ער אויף באַשיידענע אַספּעקטן פון טאָג-טעגלעכקייט, צו מאָל קאַריקאַטורעל צו מאָל שפּירט מען א געוויסע שטייפקייט — דעם מאָראַליסט.

שפּיגלס עפּיגראַמען זענען ריטמישע און דערביי אויך איינפאַכע, פאָלקסטימלעכע. מע זעט אין זיי דעם טיפן ערנסט און פאַראַנטוואָרטלעכקייט פון עפּיגראַמיסט.

בערנאַרד שפּיגל—ספּיק איז געבוירן אין יאַס, מאָלדעווע דעם 11-טן מיי 1891 און געשטאָרבן אין בוקאַרעשט.

ראָזא זיגלער

ראָזא ראָזענשטיין איז געבוירן געוואָרן דעם 25 דעצעמבער 1888 אין דער „אַלטער שטאָט מיט ווינקליג-קרומע גאַסן וווּ ס'האָט געבליט טרובאַדורן ליד און לייד" יאַס, אין אַ היים פון יידישער ארבעט, אָרעמקייט און נגינה. די מאַמע איז געווען אַ ווייס-וועש נייערן און דער טאַטע אַן אַפּישן קלעפּער און די דריי ברידער: אברהם, שמואל און לייזער — פאָלקס-זינגער.

ווען די הויפּט פּרנסה-געבערן — די מאַמע, איז שווער קראַנק געוואָרן (פּאַראַליזיע) האָט די 9 יעריקע ראָזא אָנגעהויבן זינגען אין די קאַפעהייזער פון יאַס. און נאָך אַ קורצער צייט — בעת מרדכי סעגאַלעסקו מיט זיין טרופּע שפּילן אין יאַס — ווערט זי אויפגענומען אַלס כאָריסטן און פאַר קינדער ראָלן אין דער טרופּע.

צען יאָר האָט ראָזא געשפּילט אין דער בוקאַרעשטער „זשיגניצא". געש-ילט אונטער די ערגסטע באַדינגונגען. לויט די באָרדעראָס-חשבונות פונעם גאָרטן „זשיגניצא" דאַטירט דינסטאַג 26 סעפּטעמבער 1900 (בענעפיס) אַק-טעראַד און סאָלאָמאָנעסקו מיט דער פּיעסע „בלימאַלע", און שבת 3 אוגוסט 1902 (מיט דערזעלבער פּיעסע). באַקומט ראָזא ראָזענשטיין 1 ליי פאַר אַ פאָר-שטעלונג. בישעת אַ מעסיק פּלאַץ אין זעלבן טעאַטער קאָסט 3 ליי.

אַלס כאַראַקטער-קאָמיקערן, זינגערין און טענצערין האָט זי געשפּילט פאַראַנטוואָרטלעכע ראָלעס אין אַלטן רעפּערטואַר — אין דער אָפּערעטע ווי אין דער דראַמע.

פון איינציקע אַפּישן און פּראָגראַמען — וועלכע געפינען זיך אין מיין רשות — דערוויסן מיר זיך אַז זי האָט געשפּילט פאָלגענדע ראָלן:

1) אַ „פּאַזש" אין י. לאַטיינערס „בלימאַלע" מיט סאָלאָ בראַנדעסקו, 29 מערץ 1897.

2) „פּאַכומע" אין מ. הורוויצס „בן הדור", 31 דעצעמבער 1904.

3) „סאַנקאַ" — אַ גאַסן-זינגערין אין י. לאַטיינערס „שטן אין גן-עדן", 24 אַפּריל 1905.

4) „אַ פּאַזש" אין „שוליק", דעם 28 מאַי 1900.

5) „עווא" — אחיעזר'ס אין, מ. סייפערט'ס „קעניגין פון סאַבאַ" 1906.

6) „ליזאַבעט דאַווידאָוונאַ" — אַ סטודענטקע — אין „אַ חתונה אויף אַ שפּאַס", 7 יאַנ. 1907.

7) „מאַניעטשקע" אין י. גאָרדאָנס „סאַפאָ" אין 1907, גאָרטן זשיגניצא, בוקאַרעשט.

8) „שורון" אין יעקב טער׳ס „דער נייער משיח אָדער דוד אלראי". זשיג-ביצא 1907.

9) „יהודית" אין הורוויצ׳ס „שלמה המלך".

לויט משה זיגלער זאָל זי נאָך האָבן געשפּילט:

דעזדעמאָנא (אָטעלאָ), מאמארא (אייזיק שעפּטל) ציליע (קרויצער סאָנאטע) זוי אויך פּינסקי׳ס „מוטער", פּרצ׳ס „שוועסטער„ א. א.

איך האָב זי געזען אין ביליקן רעפּערטואר. זי האָט פּארמאָגט סצעניש טעמפּעראמענט, אקטיאָריש בלוט, יידישן ברען און פלעג אויסנעמען ביים עולם, מיט איר לוסטיקן שפּילן און באזונדערס מיט איר פּאָלקסטימלעכן זינגען.

אין 1904 האָט זי חתונה מיטן יידיש-רומעניישן שוישפּילער א. גרינוואלד-געאָרגיו, פון וועלכן זי באקומט א טאָכטער — די היינט צו טאָג פּארדינסטפולע שוישפּילערין סעווילא פּאסטאָר. אין 1908 האָט זי חתונה מיט משה זיגלער און האָט מיט אים די טאָכטער ערנא. פון זיין ערשטער פרוי חנה, האָט זיגלער געהאט א טאָכטער עלאָ, אלע דריי טעכטער האָבן דעביוטירט און געשפּילט אין זייערע עלטערנס טרופּע.

אין איינעם מיט משה זיגלער שפּילט ראָזא א קורצע צייט ביי מ. סעגאלעסקון דאן ביי אקסעלראדן אין טשערנאָוויץ און ווייטער אין עסטרייך, טשעכאָסלאָוואקיע, אונגערן, א. א. וו.

די פאשיסטישע מושלים פון לאנד האָבן זי פּארשיקט אין 1941 אין דער אוזיגערופענער טראנסניסטריע, אין איינעם מיט איר מאן משה זיגלער און טאָכטער סעווילא פּאסטאָר.

די 3 1/2 יאָר אין זשמערינקע האָבן זי אָפּגעשוואכט פיזיש און געקירצט די יאָרן אירע. דאָך ביי דער ערשטער געלעגנהייט האָט זי אויך דאָרט, אין לאגער, געשפּילט טעאטער.

א טרופּע אין וועלכער ס׳האָבן זיך באטייליקט:

סעווילא פּאסטאָר, ראָזא און משה זיגלער, ברוך און לייקע רינצלער, שמואל און מאניא וואָלפענזאָן, מישא און סאלי בערנשטיין, גוסטא און קארל טעפנער, בעט,. מארקאָווא, מארקו לייבאָוויטש, ערנא עטינגער (מיט איר יינגעלע פּרץ אין קינדער ראָלן).

דער אָרקעסטער איז באשטאנען פון:

שמעון (שימעלע) וואָלפענזאָן ערשטער פידלער און דיריגענט

חנהלע רינצלער — פידלערין

א פּיאַניסטקע
מישאַ, א פּויקער } אַרטיקע מוזיקער.
בינע טעכניקער: בערנאַרד האַרטנשטיין
מאָלער: אַן אַרטיקער יונגערטאַן.

שימעלע וואָלפענזאָן, ערנאַ עטינגער און סעווילאַ פּאַסטאַר טיילן פּאָל־גענדיקס מיט אין שייכות מיט די „טראַנסניסטריער„ טעאַטער־פאַרשטעלונגען פון די יאָרן 1942—1944.

„אין זשמערינקע האָבן מיר לויט א שטילן אָפּמאַך מיט דער יידישער קהלה אָנגעהויבן שפּילן יידיש טעאַטער אין ווינטער — 1942—1943. דעם רעפּערטואַר האָבן מיר צוזאַמענגעשטעלט פון זכרון. דער אָרקעסטער איז באַשטאַנען פון צוויי פידלערס, א פּויקער און א פּיאַניסטקע וועלכע האָט געשפּילט „פון געהער", אָן נאָטן. פאַר אירעט־וועגן האָט שימעלע וואָלפענזאָן צוגעטראַכט א נאָטאַציע — סיסטעם מיט אותיות און אויפגעשריבן די פּיאַנאָ־שטימע.

דער כאָר איז באַשטאַנען פון מיידלעך און יינגלעך וועלכע פלעגן קומען נאָך דער אַרבעט, מידע און הונגעריקע ווי דער גאַנצער „אַנסאַמבל" און אויסלערנען די כאָרן.

די קליידער האָבן באַזאָרגט די צושויער און באַקאַנטע אוקראַאינישע פרויען. אָפּט פלעגט מען זיך איינהילן מיט דראַפּעריען (רוימיש!...) דעקאָרן פלעג מען מאַכן פון אַלטע זעק. פּאַרוקן, בערד, האָט מען געמאַכט פון וואַטע אָדער וואָל פון קאָלדרעס.

די באַלויכטונג איז געווען אַן עלעקטרישע. נאָר איין מאָל, בעתן פאַרמאַרש פון דער רויטער אַרמיי, האָט א באָמבע פאַרניכטעט די עלעקטרישע סטאַנציע פון זשמערינקע, האָבן מיר פאַרענדיקט די פאַרשטעלונגביים שיין פון די טאַשןלעמפּלעך וועלכע דער עולם האָט געווענדט צו דער בינע.

דער „רעפּערטואַר" איז באַשטאַנען פון עטלעכע און זיבעציק „פּיעסן". געשפּילט האָבן מיר שבת און זונטיק פון 7 ביז 9 אָוונט און ניי — יאָר צו צוויי פאַרשטעלונגען:
פון 8 ביז 10 און פון 10 ביז 12 ביינאַכט.

די הכנסה איז אויפגעטיילט געוואָרן אַזוי:
70 פּראָצענט פון דער הכנסה פאַר דער קהלה
30 פּראָצענט דעם גאַנצן קאָלעקטיוו.

ס'איז כדאי אָנצווייזן אַז מ'האָט די 30 פּראָצענט אויפגעטיילט אויף גלייכע חלקים („קיפּקעלעך" פלעגן זאָגן די אַקטיאָרן!). ערנאַ עטינגער פלעגט באַקומען עטלעכע מאַרק מער פאַר איר קינד.

דער טעאטער־„זאַל„ אין לאָקאַל פֿון אַ פּאָליקליניק.

מיט זייער שפּיל האָבן די אַקטיאָרן מיטגעהאָלפֿן הויך האַלטן די מאָראַל פֿון די געפֿאַנגענע אין לאַגער, גובר צו זיין די מרה־שחורה.

די באַליידיקונגען, יסורים, רציחות, דער גרויל און גרויזאַמקייט פֿון דער איבער־געלעבטער טראַנסניסטריע־טראַגעדיע — אַ נייע רינגעלע אין דער קייט פֿון ליידן — האָט פֿאַרשנעלערט איר טראַגישן סוף.

דעם 16־טן מיי 1947 איז זי געשטאָרבן אין בוקאַרעשט.

העכער פֿערציק יאָר איז ראָזאַ זינגלער געשטאַנען אין דינסט פֿון יידישן טעאַטער פֿאַר וועלכנס אויפֿהאַלט זי און אַנדערע פֿילע פֿאַרגעסענע און באַ־שיידענע האָבן געקעמפֿט און געליטן.

סעווילאַ פּאַסטאָר

צו 13 אָר האָט מען איר אָנפֿאַרטרויט אַ מאָנאָלאָג, וועלכער האָט זיך פֿאַר־ענדיקט מיט אַ קופּלעט. דעם אמת געזאָגט, האָט מען נישט שטאַרק געהאַלטן פֿון דעם מיידעלעם טאַלאַנט. געוועזן אפֿילו אַזוינע, וואָס האָבן געזאָגט, אַז זי פֿאַר־מאָגט נישט קיין סימן פֿון טאַלאַנט. ביי אַזאַ מיינונג איז אויך געווען איר מאַמע ראָזאַ, בעת די רעפּעטיציעס פֿון גאָלדפֿאַדענס „עקדת יצחק“, אין וועלכער בת־שבעלע האָט געשפּילט אַ מלאך.

...וויפֿל מאָל אירע עלטערן קומען מיט דער טרופּע קיין יאַס, באַזוכט זי איר משפּחה — אין דער געגנט, פֿון נויט און אָרעמקייט, קוקט זיך צו ווי מענ־טשן נייען, רעדן, זשעסטיקולירן. מיט אירע קרובים אָדער פֿריינד באַזוכט זי די שפּילפּלעצער פֿאַר יידיש טעאַטער, דעם אַלטן סאַלאָן און גאָרטן „שלום שיי־קעלעס“ (טאַמאַסים) אין עק קלעזמערישן געסל, דעם באַרימטן גאָרטן ווו אברהם גאָלדפֿאַדען האָט צום ערשטן מאָל געשפּילט יידיש טעאַטער, דעם זומערגאָרטן „פּאָמול ווערדע“ (גריגער בוים) אַנטקעגן דעם יאַסער נאַציאָנאַל — טעאַטער, די גערטנער פֿון דער „רויטער בריק„ ווו מען פֿלעגט שפּילן יידיש טעאַטער — אַלע ערטער וואָס האָבן געהאַט אַ שייכות צו יידיש טעאַטער און זיין געשיכטע.

פֿאַר בת־שבעלעס אויגן שוועבן פֿאַרביי די, וועלכע האָבן איר, אַ געבוירענע אין יאַס, די ערשטע אַנטפּלעקט אָט די היסטאָרישע פּלעצער. עס לעבט אויף אין איר געמיט די באַבע אירע — די וועש־נייטעריז, דער זיידע — דער אָפּיש — קלעפּער, איר מאַמע, וואָס פֿלעגט אַלס קינד זינגען אין

די קאַפּע-הייזער, אירע פּעטערס אבדהם, שמואל און לייזער ראָזענשטיין — די פֿאָלקס — זינגער. עס לעבן אויף די יידישע געסלעך מיט זייערע נידעריקע, קאָסע שטיבעלעך — היימען פון יידישער ארבעט, אָרעמקייט און נגינה...

סעווילאַ פּאַסטאָר (דאָס איז געוואָרן שפּעטער איר קינסטלערישער נאָמען) געדענקט ווי שווער עס איז איר אָנגעקומען אריינצודרינגען אין טעאטער — היכל. זי האָט ארויסגעוויזן אַ סך מוט איבערגעגעבנקייט, עקשנות און ליבע צום טעאַטער — ביז זי האָט געפונען דעם קאָנטאקט מיטן עולם און בהדרגה האָט זיך אָנגעהויבן איר קינסטלערישער וווקס.

סעווילאַ פּאַסטאָר פינקלט מיט איר חן און טאַלאַנט, אפילו אין איר אמאָליקן רעפּערטואַר, אין וועלכן זי פּאַבריצירט קאָמיזם, געפינט אַלץ נייע קאָמישע עפעקטן אין די פלאַכסטע טעקסטן. זי אנטוויקלט שפּעטער איר קינסטלערישע אינדיווידואַליטעט שאַפנדיק אַ ריי טיפּן אין שטערנבערגס רעוויען און אונטער זיין רעזשי.

אַ כאַראַקטעריסטישער עפּיזאָד: אין 1934 יאָר האָט די זיגלער-טרופּע פּאַרבעטן יעקב שטערנבערגן, ער זאָל שטעלן זיין רעווי „סקאָצל קומט" (אָנגעשריבן אין איינעם מיט משה אַלטמאַן). די רעפּעטיציעס זענען אַ צייט לאַנג אָנגעגאַנגען גאַנצע טעג און אין דער וואָך פון דער פּרעמיערע — אויך דורך די נעכט. ערב דער פּרעמיערע רעפּעטירט מען אַ גאַנצן טאָג און אַ גאַנצע נאַכט ביז זעקס אין דער פרי, ווען די טרופּע מיטן רעזשיסאָר גייען טרינקען טיי. היות אין אָוונט איז די פּרעמיערע, בעט ער אַלע אקטיאָרן זיי זאָלן מיטאָגצייט זיין אין דער „זשיגניצא", אויף אַ לעצטער רעפּעטיציע.

— פּאַר אייך, סעווילאַ, האָב איך אָנגעשריבן אַ ניי ליד, וואָס קאָן ווערן אַ דערפאָלג — רופט זיך אָן שטערנבערג.

— ווען וועל איך עס אויסלערנען? — קלאָנט זיך סעווילאַ — איך בין מיד, צעבראָכן און אין אָוונט איז די פּרעמיערע...

— קומט מיט מיר צוריק אין גאָרטן, וועט איר זיך דאָרט אויסרוען. — און ביידע גייען שוין געאָרעמט צו דער „זשינגיצא". סעווילאַ לייגט זיך אויפן גראָז און אזוי ליגנדיק... לערנט זי אויס די פריש געשאַפענע מוזיק פון דעם קאָמפּאָזיטאָר און דיריגענט מאקס האלם צו י. שטערנבערגס שלאַגער „וויטשיול בלאָנד", (די פּארדאָרבענע בלאָנדינקע).

קודם כל: ווער איז די „פּאַרדאָרבענע בלאָנדינקע„? אויף קאַלעא וואקאַרעשט (יידישער קוואַרטאל אין בוקארעשט) האָט זיך געיאַוועט בעת דער ערשטער וועלט-מלחמה אַ קליינוווקסיקע פרוי, אַ קאָסאָקע, הינקענדיקע באַשעפּעניש. מיט אַ קוישל אין האַנט האָט זי געשריגן: „ניסלעך, ניסלער!„

— איך קאָן נישט אויסלערנען מער ווי דריי סטראָפן און דערצו זאָל מיר שיקע סופלירן, (שיקע גאָלדענבערג, דער טרופּן — סופליאָר) זאָגט סעווילא א פאַרצווייפלטע. — חוץ דעם, ווען וועט מען מאַכן דעם גייטיקן קאָסטיום?

שטערנבערג פּיפּקעט איין ציגאַר נאָכן אַנדערן, טרינקט קאווע און ענטפערט:

— אין אָוונט וועט איר האָבן אַלץ וואָס נייטיק... דערווייל, זייט מוחל, ליבער האלם, שפּילט דעם אריינפיר צו דער רומבא.

סעווילא מאַכט א פּאָר באוועגונגען, דרייט זיך אַדורך די בינע, זינגט.

— ווידער אָנהויבן! — פאָדערט שטערנבערג און באמערקט — ס'פעלט ע־פּעס... עפּעס א כאראקטעריסטישער זשעסט פאַרן פּערסאָנאַזש.

— אוי, כ'האָב שוין נישט קיין כוח! זאָגט סעווילא צו עמעצן הינטער די קוליסן.

— אזוי לעבט זיך א שוישפּילער — ענטפערט א קול פון הינטער דער ראַמפּע.

— אויך מיר א לעבן, פע! ענטפערט סעווילא און מאַכט דערביי א זשעסט, פון וועלכן שטערנבערג שפּרינגט אונטער פאַר פרייד:

און רעפּעטירט אים מיט דער אקטריסע אזוי לאַנג, ביז ער ווערט איר איינגן.

צו דער פּרעמיערע, אין אָוונט, איז דער גאָרטן „זשיגניצא„ איבער — פולט. יעדער נומער פון דער רעווי ווערט אויפגענומען מיט אַפּלאָדיסמענטן. סעווילא האָט שוין באוויזן איר „יידישן פּיעראָט“ און „מאדמם טשאטארליי“ און אויסגענומען אין ביידע בילדער. איצט גייט „די פרוי פון דער נאַכט“ פון־נעם בילד „קעניג הונגער„. אין די קוליסן וואַרט שוין אויף איר די אָריגינעלע קליידונג פונעם פּערסאָנאַזש „די פאַרדאָרעבענע בלאָנדינקע„. א פיבערדיקע פון עמאָציע, בעת די אַפּלאָדיסמענטן גייען נאָך אָן, טוט זי אָן דעם כאַלאַט און דעם מאַנטל, א געלבלאָנדן, פּאַריק, נעמט דאָס אריגינעלע קוישל. די מוזיק גיט דעם „איינגאַנג„ צו רומבא. סעווילא ווייזט זיך פאַרן עולם און מאַכט א פּאָר שריט, הוידעט זיך, זשעסטיקולירט און וויל אָנהייבן זינגען... אָבער אין גאָרטן שטורעמט שוין פון אַפּלאָדיסמענטן און געלעכטער. מ'־האָט דערקענט דעם פּערסאָנאַזש פון דער גאַס. די מוזיק גיט עטלעכע מאָל דעם איינגאַנג ביז דער עולם בארויקט זיך און סעווילא הייבט אָן: „אויף וואַ־קאַרעשט-רעשט„. פון יעדער פּראַזע אין ליד א געלעכטער-שאָס און ווען זי פאַרענדיקט, איז שווער צו באשרייבן וואָס ס'טוט זיך אין זאַל. דאָס איז סע־ווילאַס גרויסער דערפאָלג.

אונטער שטערנבערגס רעזשי מאַכט זי אין א קורצער צייט א געוואַלדיקן שפּרונג.

...יאָרן לויפן. אין 1940 יאָר נעפינען מיר זי אין „טשערנאָוויצער יידישן מלוכה-טעאַטער„ ווו דער רעזשיסער מ. מ. ניקאָלאַיעווסקי פּאַרטרויט איר די הויפּט-ראָל אין א. גאָלדפאַדענס „כישופמאַכערין“, גאָלדען אין שלום עלי- כמס „טביה דער מילכיקער„ און אַנדערע ראָלעס, אין אַלע האָט זי דערפאָלג.

אין טשערנאָוויץ ווי שפּעטער אין בוקאַרעשטער יידישן מלוכה-טעאַ- טער איז איר באַציונג צו דער סצענע א מוסטער: זי קומט פרי צו דער פאָר- שטעלונג, איז דיסציפּלינירט, אַרבעטזאַם, אַרבעט אויס יעדע ראָלע ביז די קלענסטע פּרטים, ביז די ראָלע „גייט אַריין אין איר“.

...זומער 1941 פאַרכאַפּן די נאַציס מיט זייערע אַרויסהעלפערס טשער- נאָוויץ. סעווילאַ פּאַסטאָר מיט אירע עלטערן, משה און ראָזא זיגלער, און אַנ- דערע יידישע אַקטיאָרן ווערן דעפּאָרטירט אין דער אַזוי גערופענער טראַנס- ניסטריע.

אין זשמערינקע, ווו זיי געפונען זיך אין לאַגער, נוצן זיי אויס די ערשטע געלעגנהייט צו שפּילן טעאַטער. מיט זייער שפּילן העלפן זיי גובר זיין די מרה- שחורה פון די געפאַנגענע, לינדערן די יסורים.

...סעווילאַ פּאַסטאָר מיט אירע עלטערן און אייניקע אַנדערע אַקטיאָרן קומען צוריק אין באַפרייטן רומעניע, צוערשט שפּילן זיי אין דאָראָהוי. פון דאָרט קומען זיי קיין בוקאַרעשט. זיי הייבן אָן שפּילן זומער 1945 אין אַזא רע- פּערטואַר: גערשענזאָנס „הערשעלע אָסטראָפּאָליער“, „דאָס זעקסטע ווייב“, א מאָנטאַזש, סקעטשן און לידער א. ד. ט.: „לאַכן איז געזונט“ און גייען איבער צום ביליקן רעפּערטואַר.

עס קומט אָן דאָס יאָר 1948. עס גרינדעט זיך דאָס בוקאַרעשטער יידישע מלוכה-טעאַטער. דאָ ווערן פאַרווירקלעכט סעווילאַס קינסטלערישע חלומות און בענקשאַפטן. שוין לאַנג האָט סעווילאַ פּאַסטאָר געוווּסט אַז דער חוב פון יידישע טאַלאַנטן, וואָס קומען פון א יידישער סביבה און קענען יידיש, איז צו שפּילן אויף א יידישער בינע א גוטן רעפּערטואַר. דערפאַר טאַקע האָט זי זיך אָפּגעזאָגט אָנצונעמען דעם פאָרשלאַג צו שפּילן אין דער דייטשער אָפּע- רעטע אין יאָר 1936; דעם זעלבן ענטפער האָבן באַקומען די וועלכע האָבן איר נאָך פריער אין 1932 פאָרגעשלאָגן איבערצוגיין צו דער אונגערישער אָפּערע- טע, מיט א גוטן יאָר — לוין. ביז זי וועט זיך אויסלערנען אונגעריש. דעם פאַרשטאָרבענעם רומענישן רעזשיסאָר וויקטאָר יאָן פּאָפּא, וועלכער האָט זי געוואָלט אַנגאַזשירן פאַרן רומענישן טעאַטער, האָט זי געענטפערט: „אויב איך בין א גוטע אַקטריסע, פאַרוואָס זאָל דאָס יידישע פּובליקום נישט הנאה האָבן פון מיר?“

סעווילא פאסטאַר איז גלייך צוגעשטאַנען צום בוקארעשטער יידישן מלוכה־טעאטער. דאָ האָט זי געשאַפן אירע קרעאציעס אין די פּיעסן: „די בישופּמאַ־כערין“, „די באבע יאכנע“, „איז א גאָלדפאַדען־חלום“, „פלאָטאָן קרעטשעט“, „דער שטורעם“, „הערשעלע דובראָוונער“, „משפחה גרינוואלד“, „דור המדבר“, „200.000“, „טביה דער מילכיקער“, „בלאָנדזשענדע שטערן“, „נקמה נעמער“ „דריי גראָשן־אָפּערע“, „פראנק דער פינפטער“, „שווינגער און שנור“, „דער זינגער פון זיין טרויער“, און צענדליקער ראָלן אין די עסטראַדע־און קליינ־קונסט־ספּעקטאַקלען, וועלכע דאָס טעאטער האָט געשטעלט פאר די אכצן יאָר פון איר מיטארבעט.

ווען סעווילא פאסטאַר באַווייזט זיך אויף דער בינע, ווערן די צושויער פאַרכאַפּט. און ווען זי שפּילט לעבט אַלץ: איר מימיק, אירע גרויסע גוטמוטיקע, לעבעדיקע אויגן, איר קערפּער — אין זשעסט און באַוועגונג מיט אַקראָבאַ־טישער דיסציפּלין פון געניטקייט, איר שטים — מאַטעריאַל. ווי שיין עס קלינ־גט אין סעווילא פאַסטאָרס מויל אונדזער מוטער־שפּראַך, סאַרא קלאָרע דיק־ציע, ווי פּאָלקסטימלעך און קרישטאָל־ריין עס קלינגט יעדער זילבּ, יעדעס וואָרט, וואָס קומט ארויס פון איר מויל.

אָנערקענענדיק אירע גרויסע פאַרדינסטן פאר דער קונסט פונעם לאַנד, האָט די רומענישע סאָציאַליסטישע רעפּובליק זי אויסגעצייכנט מיט אָרדנס און מעדאַלן און אין 1954 יאָר — מיט דעם הויכן טיטל: „פאַרדינסטפולע שוי־שפּילערין פון דער רומענישער סאָציאַליסטישער רעפּובליק“.

איר שפּיל פאַרשאַפט נחת־רוח דעם צושויער, און פאר דעם גרויסן נחת־רוח זענען מיר איר דאַנקבאַר.

א לעבן פאר דער יידישער בינע:

דינה קעניג

ביום א. השבועות, פאַרטאָג, 17 מיי 1964, איז דינה קעניג׳ס חומר, ווי־דער אריין אין די אָרעמס פון דער מאמע־ערד, וועלכע האָט זי ווי א קינד א־רומגענומען און איינגעוויקלט.

פאַרן יידישן, טעאטער, פאר די קונסט־ליבהאָבער, פאר דער טעאטער־משפּחה פון רומעניע, וואָס האָבן זי געקענט, געשאַצט און ליב געהאַט; פאר איר לאַנגיאָריקער קינסטלערישער טעטיקייט, פאר איר רייכער גאַמע ווערט־פולע געשטאַלטיקטע העלדן און פערסאָנאַזשן אין דער יידישער און וועלט־

קלאסיק, אין דער היינט-צייטיקער דראמאטורגיע, אין דעם מוזיקאלישן ספּעק-טאקל, איז זי געבליבן „בצרור החיים„, אויף אייביק א לעבעדיקע.

יאָרנלאנג, באזונדערס אין די טורנעען, פלעגן, מיר שפּאצירן און זי פלעג פאר מיר צעוויקלען דאָס קלעצל פאָדעם פון איר זיכרון...

אָט איז זי, דינה-לע, ווי מיר פלעגן זי רופן, פאַרצויגן: מיטלוווקסיק, ענערגיש, א סך חן אין לעבן ווי אויף דער בינע, א קלוגע און גישט איבעריק ריידעוודיק. זלמן זילבערצווייג, גיט איבער פאָלגנדיקן עפּיזאָד: „אין 1925, אויפן וועג קיין ארץ ישראל, האָב איך אין קאפע-הויז אין טשער-נאָוויץ, נאָך א פאָרשטעלונג פון דער „ווילנער טרופּע", געטראָפן א זייער שיינע, העכסט אינטעליגענטע יונגע דאמע, אָנגעטאָן שטארק טעאטרא-ליש, וועלכע איז געזעסן מיט מיר און דעם אקטיאָר שלמהלע קאָן און גערעדט צו מיר זייער היימיש, ווי מיר וואָלטן געווען גוט באקענטע. זי האָט בשום אופן זיך ניט געוואָלט לעגיטימירן, און וואָס מער זי האָט גערעדט און דערמאנט עפּיזאָדן וועגן מיין טעאטראלער טעטיקייט, אלץ מער פאראינטערעסירט האָט זי מיך, אָבער זי האָט בשום אופן ניט געוואָלט זאָגן ווער זי איז. ערשט ביים געזעגענען זיך האָט זי געזאָגט, אז זי איז דינה קעניג, וועלכע איז געקו-מען באזוכן דעם שוישפּילער יוסף קאמען מיט וועלכן זי האָט שפּעטער חתונה געהאט. "(ייד. טעאטער לעקסיקאָן, ב. 6, עמוד 5202).

קרוב צוואנציק יאָר, האָב איך זי געזען טאָג-טעגליך. געפירט פּריוואטע שמועסן, באוווּנדערט איר בינע-קונסט. פּארא קרעפּטיקע שטימע, מימיק-שטור-מישן טעמפּעראמענט, איר פארליבטקייט אין יידיש, איר באוועגלעכקייט. ווי פּריש און יום-טובדיק איז די בינע-מייסטערין דינה קעניג!

לאָמיר דורכבלעטערן אייניקע זייטן פון איר לעבנס-בוך: געבוירן איז זי דעם 8-טן אויגוסט 1907, אין דעם פּוילישן מישנטשעסטער — לאָדזש. די על-טערן הערשל און אדעלא קעניג, זענען געווען טעאטער-שניידערס און אלע זייערע יאָרן געווען אָנגעשטעלטע אין לאָדזשער גרויסן טעאטער, אָנגעפירט פון יצחק זאנדבערג.

פון דער פריעסטער יוגנט האָט דינה אָנגעהויבן איר טעטיקייט אין טעאטער, געווען א „וווּנדער-קינד" און ביי 5 יאָר, אין 1912, געשפּילט די ערשטע ראָלע מיט טעקסט, „דאָס קינד", אין ז. ליבינס" צעבראָכענע הערצער". אין דער פּיעסע איז פאראן א סצענע, ווען מע לייגט דאָס קינד שלאָפן, האָט די שוישפּי-לערין עמיליע אדלער, איר מאמע אין דער פּיעסע, געמיינט אז דינה איז אין דער אמתן איינגעשלאָפן, ווייל דאָס קינד האָט געהאלטן די אויגן גוט געשלאָסן. צום סוף פון אקט האָט דאָס קינד געדארפט אויסשרייען „מאמע! „עס גייט שוין

צו דער ענדע און עמיליע ברעכט זיך די הענט. דאָס האַרץ לאָזט זי נישט זי זאָל חלילה דערשרעקן דאָס קינד אויפוועקנדיק עס. ווידער אויב עס שרייט ניט „מאמע", איז באַגראָבן דער שלום-אַקאָרד. אָבער פּונקט צו דער צייט, צו דער רעפּליק, עפנט דינה די אייגעלעך, און שרייט „מאַ-מע!" עס איז ספּאָנטען אויס-געבראָכן אין טעאַטער אַ שטורמישער אַפּלאָדיסמענט.

דינה'ס גוטער זכרון האָט אויפגעהיט אַפילו פּרטים וועגן דעם באַשטאַנד פון דער טרופּע וועלכע האָט געשפּילט די דערמאַנטע ליבין פּיעסע. געמלעך יוליוס אַדלער און ליפּאָווסקי אַלס אָנפירער, און אין פערסאָנאַל, משה ליפּמאַן, סיעראַצקי, זינאַ גאָלדשטיין, יערמאַלאָווא, און אַנדערע, אָנגעזעענע אַקטיאָרן.

ווי דינהס עניג האָט מיר מיטגעטיילט בעת אונדזערן אַ שמועס, איז צו איינע פון די פאָרשטעלונגען אין לאָדזשער „סקאַלאַ" — טעאַטער, אונטער דער ליי-טונג פון יוליוס אַדלער, געקומען י. ל. פּרץ און דערביי איז פאָרגעקומען אַזאַ עפּיזאָד: אין טעאַטער האָט מען גערעדט, אַז פּרץ איז געקומען אונטערהאַנד-לען וועגן דער שטעלונג פון זיינס אַ פּיעסע, איינגעלאַדן פון יוליוס אַדלער. דינה האָט געשפּילט דאָס קינד אין פּרצס „שוועסטער". בעתן ספּעקטאַקל האָט דינה געקוקט פון די קוליסן צו פּרצן און אַזוי געדענקט זי אים אין 1914: „אַ קליינוואוקסיקער, אַן עלטערער מענטש מיט אַ גרויסן קאָפּ האָר, מיט אַ סאַמע-טענעם, שוואַרצן ראָק, גרויסע שלייפן, מיט אַ „לאַוואַליע-קראַוואַט". גערעדט האָט ער שטיל מיט אַ ליטווישן אַקצענט".

ווען ס'איז געקומען דינה'ס ריי, זי האָט געשפּילט די ראָלע פון אַ מיידעלע, אין אַ סצענע ווו זי האָט געהאַט אַ רעפּליק: „איך גיי צו מיין שוועסטער אויפן בית עולם" דער אופן ווי זי האָט די ווערטער אַרויסגערעדט, האָט טיף גערירט דעם עולם און דעם סענטימענטאַלן פּרץ. ווען אויף דעם פאַרלאַנג פון טעא-טער-עולם, האָט זיך צום סוף פון ספּעקטאַקל פּרץ באַוויזן אויף דער בינע זע-נען אויסגעבראָכן שטורמישע אַפּלאָדיסמענטן.

נאָך דעם וואָס פּרץ האָט געדאַנקט די אַקטיאָרן פאַר זייערע קינסטלערי-שע לייסטונגען, האָט פּרץ באַמערקט דאָס מיידעלע וואָס האָט געשפּילט אַ קינד אין דער פּיעסע. אַ שיין יידיש מיידעלע, מיט גאָלדבלאָנדע קוטשעראַווע האָר מיט בלויע אויגן, ציכטיק געקליידט. אַ מיידעלע ווי קוועקזילבער — זי שפּילט, טאַנצט, זינגט. פּרץ רופט צו דאָס מיידעלע, גלעט איר די האָר. קושט איר ראָז-לעך פּנים און פרעגט וועמענס זי איז? דינה מאַכט אַ קניקסעלע, טאַקע ווי אַן אמתע שוישפּילערין, און ענטפערט:

— איך בין דינה קעניג, דעם טעאַטער-שניידערס טעכטערל: פּרץ האָט זיך גוטמוטיק צעשמייכלט און זיך אָנגערופן:

— וועסט אויסוואקסן א גרויסע ארטיסטין!

אויפן בילד וואָס א פאָטאָגראַף האָט אויפגענומען לזכר פּרצס באזוך אין יידישן טעאטער „סקאלא“ פון לאָדזש, שטייט לעבן דעם גרויסן שרייבער די קליינע דינה...

כדאי צו באמערקן: אז אין דער עלטער פון 7-5 יאָר, ווען מיידלעך הייבן זיך אָן שפּילן אין „קלאַסעס“, איז דינה א וווּנדער-קינד, שפּילט קינדער-ראָלן, אין פאַרשידענע טרופּעס, אין אלערליי זשאַנערס, דראַמע, אָפּערעטע, וואָדע-ווילן (פאר די עלטערן אירע. איז דאָס געלד וואָס דינה האָט געקראָגן פאַר שפּילן קינדער ראָלן, געוועזן ניט ארויסצוווארפן). דינה איז ליידנשאַפטלעך פאַרליבט אין טעאַטער, קוקט זיך צו צום שפּילן פון די גרויסע, עלטערע שוישפּילער, און טראָץ דעם גרויסן פאַרגעניגן קומט איר אוים נישט איין נאכט איבערצו-שלאָפן אויף דער בינע.

פון דער ערשטער באגעגעניש מיט פּרצן, איז דינה'ן פאַרבליבן א לידל וואָס ער האָט אימפּראָוויזירט און איר עס געשאָנקען:“

„וואָס איז א מענטש?
נאָר ערד און שטויב,
פאַר ווערעם א רויב!

היינט אין שטוב,
מאָרגן אין גרוב,
און שטום און טויב!“

נאָך א צייט האָט ז. ווינאקור געשאַפן מוזיק דערצו און דינה האָט אָפט געזונ-גען דאָס לידל.

פּרץ זאָל האָבן געאַנט די קינסטלערישע קאַריערע פון דער שפּעטער באַקאַנטער מייסטערין דינה קעניג?

פון יאָר 1914, דערציילט זלמן זילבערצווייג פאָלגנדיקס וועגן דינה קע-ניג: „איך געדענק זי אין מיינער א פּיעסע. דאָס איז געווען אין 1914, אין לאָ-דזשער „סקאלא-טעאַטער“, יוליוס אדלער האָט דעמאָלט אויפגעפירט מיינע און מיין ברודער נח'ס, א דראַמאַטיזאַציע פון א סענסאַציאָנעלן ראָמאַן“ די שרעקלעכע סודות“ פון ל. שרייבער (א. ל. יאַקובאָוויטש), וואָס האָט זיך געדרוקט אין דער צייטונג „לאָדזשער טאָגעבלאַט“. דינה איז דעמאָלט אַלט געווען ניט מער ווי זיבן יאָר אין דער פּיעסע איז איר אויסגעקומען דורכצופירן א קינדער-ראָלע“, וואָס האָט געשפּילט גאָר א וויכטיקע ראָלע אין דער פּיעסע. זי האָט

שוין דעמאָלט אויף זיך געצויגן דעם אויפמערק פון אַלעמען. מ'האָט געקאָנט גלייך באַמערקן, אַז זי האָט אין זיך אַקטיאָריש בלוט. (ייד. טעאַטער לעקסיקאָן, ב, 6., עמוד 5201)

אין דינה קעניג'ס הצלחדיקן וועג אויף דער יידישער בינע, וועלן מיר כראָנאָלאָגיש נאָכאַנאַנדיק, פּרווון כאַראַקטעריזירן עטלעכע עטאַפּן פון איר קינסטלערישער טעטיקייט, אין משך פון א האַלבן יאָרהונדערט. טאַלאַנט איז ווי רוי-ערד: מע דאַרף אים פיל און גוט באַאַרבעטן, כדי צו באַקומען פון אים א גוטן שניט, גוטע פירות. אויך דינה קעניג באַשטעטיקט אָט דאָס געזעץ.

אירע עלטערן האָבן זיך געראַטן מיט קאָמפּעטענטע מענטשן און געזאָרגט פאַר איר פּראָפעסיאָנעלער אויסבילדונג. דער קינסטלער מיכאַל מיכאַלעסקו, האָט זי געלערנט ווי מע אינטערפּרעטירט יידישע לידער, דער טעאַטער דירעקטאָר בערנשטיין-דייטשע און פוילישע לידער, און דער פוילישער באַלעט-מייסטער נאָוויצקי-טענץ. די עלטערן האָבן איר אויפגענייט ספּעציעלע, שיינע קאָסטיומען און אין 1914—1915 זינגט זי אין לאָדזשער קינאָ „אַרקאַדיאַ“ יידישע, פּוילישע און דייטשע קופּלעטן און שאַנסאָנעטן, באַגלייט מיט טענץ.

די דראַמאַטישע קונסט וואָס אירע לערערס האָבן איר איבערגעגעבן, זענען איר נוצלעך אין דער ריכטיקער געשטאַלטיקונג פון א ריי ראָלעס וואָס ווערן איר אָנפאַרטרויט אין די יאָרן 1916—1920, אין לאָדזשער יידישן טעאַטער: „פּיסטאָל„ אין אל. דיומאַס "קין"; „אומשולד“ און „יעדע פּדוי“, ליפּטבאָי אין די „רויז פון איסטאַמבול“ און באַטייליקט זיך אויך אין טורנע איבער גאַנץ פוילן וואָס די טרופּע פירט אדורך מיט דערפאָלג. נאָכן אוועקפאָרן פון יוליוס אדלער קין אמעריקע, ווערט דינה קעניג אנגאַזשירט אין וואַריעטע-טעאַטערס און באַקומט א שם אזוי אז דעו' טעאַטער-דירעקטאָר דור צעלמייסטער אנגזשירט זי פאַר א רעווי-טעאַטער אין בוקאַרעשטער „טעאַטרול נאָו“, וו זי טרעט אויף אין א רעווי פון בן-אלי א. ט. „בוקאַרעשט-ניו יאָרק“ און אין דיווערטיסמענטן פון איר אייגענעם רעפּערטואַר. אין דער רעווי „האָקוס-פּאָקוס„ פון באַקאַנטן רומעניש-יידישן רעוווי-שעפער יאָן פּריבעאַנו.

אין אָט דעם ספּעקטאַקל זינגט זי לידער אין רומעניש, און נעמט שטאַרק אוים. זי ווערט אנגאַזשירט אין גרעסטן קאַבאַרעט פון בוקאַרעשט אלס זינגערין און טענצערין אָבער זי ציט פאָר צו שפּילן יידיש טעאַטער. דער טעאַטער-אימפּרעסאַריאָ און דיריגענט בערל סעגאַל, אנגאַזשירם דינה קעניג אלס צווייטע סוברעטין, אין א טרופּע וו סע שפּילן: וויערא קאָניעווסקאַ. שמחה און נעמי נאַטאַן, מוני סערעבראָוו, אדאָלף טעפּנער און אנדערע. אין א לאַנגן טורנע איבער גאַנץ רומעניע, שפּילט מען „בערעלע באָסיאַק“, מיט גרוים דערפאָלג.

פאָלנדיקער עפּיזאָד, אילוסטרירט ווי פּאָפּולער דינה קעניג איז געווען, איר קליינקונסט רעפּערטואַר (קופּלעטן, פאָלקסלידער, טענץ): שפּילנדיק אין מאָלדעווישן שטעטל פאָלטיטשעני, די אָפּערעטע „שרה'קע א דאָקטער" מיט דער אויבן דערמאַנטער טרופּע, איז נאָכן פאַלן פון פאָרהאַנג, נאָכן צווייטן אקט, האָט פּלוצים, ספּאָנטאַן אָנגעהויבן דער טעאַטער-עולם צו מאָנען, שריי־ען אויף א קול: „דער פּאַרפוס", דינה'ס א רעווי קופּלעט וואָס האָט שטאַרק אויסגענומען.

וויערא קאָניעווסקא, דיסטאַרין, דער שטערן פון דער טרופּע, האָט זיך שטאַרק אויפגערעגט, געסטראַשעט דינה'ן אז זי, קאָניעווסקא, וועט נישט דער־לאָזן און... געחלשט.

דינה האָט זיך צעוויינט און געטענהט אז זי וויל נישט זינגען, ווייל דער קופּלעט האָט נישט קיין שום שייכות צו דער אָפּערעטע, אין די קוליסן א סקאַנ־דאַל און אין זאַל, הערט נישט אויף דער עולם צו פאָדערן ענערגיש אז דינה זאָל זינגען דעם קופּלעט.

כדי איינצושטילן דעם טעאַטער-עולם, האָט מען געמוזט צוזאָגן אז דינה וועט זינגען צום סוף פון ספּעקטאַקל. אינצווישן האָט מען פאַרענדיקט דעם לעצטן אקט. דינה האָט אָנגעטון די געבראַכטע קליידער פון האָטעל, דעם ספּע־ציעל אויפגענייטן קאָסטיום, פאַר אָט דעם ליד „דער פּאַרפוס".

דעם צווייטן טאָג איז דער ספּעקטאַקל אויספאַרקויפט. וועראַ קאָניעווס־קא האָט געדאַרפט שפּילן „דאָס חופּה-קלייד „אָבער א שטאַרקע קאָפּ-ווייטיק האָט איר געשטערט. האָט דער אקטיאָר שמחה נאַטאַן און דער מוזיק-דיריגענט זשאַן-פּאָליאַקאָוו, געבעטן דינה קעניג זי זאָל פאַרטרעטן די קאָניעווסקא. דינה האָט ניט געהאַט קיין ראָלע אין דער פּיעסע, האָט מען איר איינגערעדט: „נאָר דורך א צופאַל קאָנסטו ווערן א סטאַר, א בינע-שטערן" און... מ'האָט זי אי־בערצייגט.

א גאַנצן נאָכמיטאָג האָט זי געלערנט די ראָלע, און אין אָוונט, מיט צוויי סופליאָרן, האָט זי פאַר עמאָציע, אַזוי געשריגן, אז צום סוף פון ערשטן אקט, האָט זיך דער עולם דערשראָקן... אָבער היות זי איז געווען באַליבט, האָט מען איר גוט אַפּלאָדירט.

זומער 1924, איז זי שוין די ערשטע אקטריסע, דער שטערן פון דער טרו־פּע וואָס שפּילט אין טשערנאָוויצער „דויטשן-האַוז" און אין ווינטער 1924, איז זי אנגאַזשירט אין בוקאַרעשט, אין זאַל „טאָמיס: אין בן-אלי'ס רעווי „וואָס, ווער, ווען". דינה זינגט יידישע און רומענישע קופּלעטן און לידער.

אין דער טרופּע איז די באַקאַנטע רעווי-אַקטריסע מאַרילענאַ באַדעסקו, דער קאָמיקער בערגער א. אַנדערע. דער ספּעקטאַקל האָט געהאַט דערפאָלג.

אָנהויב 1925 שפּילט זי אין יעקב שטערנבערג'ס רעווי „חצי שלי, חצי שלך" דעקאָרן האָט געשאַפן דער באַוווּסטער מאָלער געאָרג לעווענדאל. און איידעלע, ליטעראַרישע רעווי, ביים אָנהויב פון ספּעקטאַקל האָט דער שריפטשטעלער באַרבו לאַזאַרעאַנו געהאַלטן א גייסטרייכן „ספּיטש", דערנאָך זענען געקומען שיינע סקעטשן, קליינקונסט בילדער, ווי: „משיח מיט לבנה", „נח אין דער תבה" און אַנדערע וואָס האָבן באַגייסטערט די אינטעליגענץ און די פּרעסע, אָבער דער ברייטער עולם איז נישט געקומען, האָט דער ספּעקטאַקל געהאַט נאָר א מאָראַלישן דערפאָלג.

די אַקטיאָרן דאַרפן לעבן און פון מאָראַלישע דערפאָלגן איז נישטאָ אויף פּאַפּע. איז מען אַרויסגעפאָרן ווידער איבערן גאַנצן לאַנד מיט דער רעווי „וועך, וואָס, ווען" און דער טורנע איז אַדורך מיט דערפאָלג ביז קיין טשערנאָוויץ. דאָ האָבן די אַפּישן געמאָלדן אַז מען וועט שפּילן אין זאַל פון „מוזיק-פאַריין". אָבער א באַנדע שוואַרצמאַהניקעס זענען באַפאַלן אין אָוונט פון ספּעקטאַקל די אַקטיאָרן, צעשלאָגן זיי, צעריסן אויף שטיקלעך די דעקאָרן פאַרבאָטן צו שפּילן און כדי זיכערער צו זיין, האָבן זיי פאַרנומען די בינע...

די טרופּע פאָרט צוריק קיין בוקאַרעשט און פון דער שווערער מאַטעריעלער לאַגע ראַטעוועט זיי אַרויס קלאַרע יאָנגס-רעפּערטואַר ווי אויך די געשפּילטע פּיעסן פון מאַלי פּיקאָן: „פּופּכען", „יאַנקעלע", „כאַנציע אין אַמעריקע" „ציפּקע פייער" און אַנדערע.

זומער 1927 האָט דינה חתונה מיט יוסף קאַמען און זיי ווערן אַנגאַזשירט קיין לעמבערג ביי מאַשקאָוויטש אָבער זי טרעט אַרויס פון דער טרופּע ווו זי דאַרף דער עיקר זינגען לידלעך און איז בעסער מסכים צו זיין א סטאַטיסטקע א יאָר צייט אין דער „ווילנער טרופּע". שפּעטער הייבט זי אָן צו שפּילן ראָלעס ווי „אָלעטשקאַ" אין אָסיפּ דימאָוו'ס „יאָשקע מוזיקאַנט", אין „שדים-צוג" און „פּעריפּעריע". זי באַטייליקט זיך אין די טורנעען פון די ווילנער איבער עסטרייך, טשעכאָסלאָוואַקיע, און רומעניע שפּילנדיק אונטער דער רעזשי פון דוד הערמאַן, יעקב שטערנבערג, און אליהו שטיין דזשעסיקאַ אין שעקספּירס „שיילאָק", לאה אין אַנ-סקי'ס „דיבוק" און אַנדערע ראָלעס מיט וועלכע זי ציט אויף זיך די אויפמערקזאַמקייט פון עולם נישט בלויז פון וואַרשע, פון פּוילן, נאָר אומעטום ווו די „ווילנער" שפּילן.

ווען איר שפּילן אין דער ווילנער טרופּע שרייבט נחמן מייזל:" פון די אַקטיאָרן האָבן זיך אַרויסגערוקט דינה קאַמען, פיין און מיט האַרץ אַדורכגע-

פירט איר ראָלע און איבערהויפּט אין 3-טן און 4-טן אקט, ווי די דינסט אין מעבלירטע צימערן. אין פּרעגער׳ס „נסיון״-חורבה-כלה״ א״ר פון דוד הערמאַן.

א ריזן דערפאָלג האָט זי געהאַט מיט ליב דרוקערס „רייזל מאַכט קאַריערע״ (לויט דער פּיעסע „אָרעם ווי א קירכנמויז״) און מיט דער מוזיקאַלישער קאָמעדיע״ דעם שניידערס בת-יחידקע״, פון זעלבן מחבר. די מוזיק האָט געשאַפן דער באַנאַבטער קאָמפּאָזיטאָר און מוזיקער אויגען זשאָסע זינגער.

דינה קעניג איז באַרימט געוואָרן מיט אירע אָפּערעטן-קופּלעטן רעפּערטואַר. אין 1940 פּאָרט זי אַריבער קיין קישינעוו וו זי טרעט אַריין אין מאָלדעוויִשן יידישן מלוכה-טעאַטער. דאָרט שפּילט זי אין שטערנבערגס רעוויו „רוטע פּאָמעראַנצן״, רעזשיסירט פון מחבר, אין פּרץ מאַרקישעס „כל נדרי״ די, טאָכטער, רעזשי י. שטערנבערג, אין א. גאָלדפאַדנס „בישופּמאַבערין„ די ראָלע „מירעלע״, רעזשי אבא לעוו, צייטל אין שלום עליכמס „טוביה דער מילכיקער״ רעזשי אַלבערט סעגאַלעסקו.

פון 1941 ביז 1945 איז דינה אין עוואַקואַציע אין מיטל-אַזיע. אין 1946 קומט זי צוריק קיין רומעניע און זי שפּילט רעווי, אָפּערעטע, דראַמע, אין פאַרשיידענע טרופּעס. ביז זי טרעט אַריין, אָנהויב 1948, אין ניי געשאַפענעם יידישן מלוכה-טעאַטער„ פון בוקאַרעשט.

דאָ פאַרפולקומט זי איר רייכע בינע דערפאַרונג און מאַכט דורך א גרויסן קינסטלערישן וועג, וועלכער פאַרזיכערט איר איינס פון די ערשטע ערטער אין טעאַטער-לעבן פון רומעניע און איז ממש א צווייג פון בוים פון יידישן טעאַטער.

ווער געדענקט נישט איר אינטערפּרעטאַציע פון יידישע פאָלקסלידער ווי למשל „די דריי טעכטערלעך״! דעם וואַרעמען ציטער און מאָדולאַציע פון איר קול! ווי נאַטירלעך און ווי רייך אין ניואַנסן האָט דינה געזונגען, אינטערפּרעטירט דאָס יידישע פאָלקסליד!

ס׳אַרא פאַרשיידנאַרטיקע גאַלעריע טיפּן, האָט דינה קעניג געשאַפן אין בוקאַרעשטער יידישן מלוכה טעאַטער אין די זיבעצן יאָר קינסטלערישע טעטיקייט! מער ווי פּופּציק ראָלעס, יידישע און נישט-יידישע פערסאָנאַזשן, און אין אַלע האָט זיך אַנטפּלעקט איר מעבטיקער, גאָט-געבענטשטער טאַלאַנט! געשאַפענע ראָלעס: די פּשוטע עטי-מעני פון שלום עליכמ׳ס „200.000״, 1948, רעזשי איזאָ שאַפּירא; די שטאָלצע, גיפטיקע קאַבאַנאָווא, פון א. נ. אָסטראָווסקי׳ס „דער שטורעם״, רעזשי פראַנץ אויערבאַך; די ענגלישע (צעפּוילטע) ליידי מילפאָרד פון פר. שילערס „אינטריגע און ליבע״,

רעזשי מאוריציו סעקלער; אין ישראל בערקאָוויטש און יוליאַן שווארצס דראַ־מאַטיזאַציע פון מענדעלע מוכר ספרים׳ס „בנימין דער דריטער". זי איז די המונישע, קרעפטיקע באטשיקאראָווא פון א. קאָרנעיטשוק׳ס „פּלאַטאָן קרעט־שעט". די פרוי מאמלאָק אין פרידריך וואָלפ׳ס „פּראָפעסאָר מאמלאָק", רעזשי פראַנץ אוערבאך. דינה קעניגס קרוין־ראָלן אין בוקארעשטער יידישן מלוכה טעאַטער זענען מירעלע אפרת פון יעקב גאָרדין, רעזשי איזאָ שאַפּירא און „מוטער קוראַזש," רעזשי מאוריציו סעקלער.

ווער קאָן פאַרגעסן אין דינה קעניגס רעציטאַציע־קונסט? איר געצוימטע, טראַגישע פּאַטעטיק, איר דראַמאַטישע דינאַמיק און קוואַליקן חן?

פאַר איר לאַנגיאָריקער טעטיקייט און הויכער מייסטערשאַפט, האָט זי די מלוכה אויסגעצייכנט מיט אן אָרדן אין 1954 און זי באַלוינט מיטן ערן־טיטל „פאַרדינסטפולע שױשפּילערן פון דער רומענישער סאָציאַליסטישער רע־פּובליק", אין יאָר 1956.

מיט איר רייכער גאַמע געשטאַלטיקונגען פון יידישער און וועלט קלאַסיק, פון הײנטצייטיקער דראַמאַטורגיע ווי אין די מוזיקאַלישע ספּעקטאַקלען, האָט די מייסטערין דינה קעניג, אַרייַנגעשריבן א גלענצנדיק בלעטל אין דער גע־שיכטע פונעם יידישן טעאַטער אין רומעניע.

א ליבער גאַסט אין בוקארעשט: די פאַרדינסטפולע קינסטלערין

סידי טאל

אין לעבן, אין טאָג־טעגלעכן לעבן, געדענק איך נישט זי זאָל געווען באַנוצן קאָסמעטישע מיטלען צי אַנדערע שמד־שטיקלעך און דאָך איז זי פול חן.

איבער איר נשמה זענען דריי קולטורן אַריבער מיט די אקער אייזנס: די רומענישע, יידישע און רוסישע, און אַלע האָבן איבערגעלאָזט זאָמען אָבער פון דער יידישער קולטור זענען אויסגעוואַקסן בלומען! סידי טאַל׳ס אומפאַר־געסלעכע אינטערפּרעטאַציעס פון יידישער, קלאַסישער און מאָדערנער דראַ־מאַטורגיע, די פון איר געשאַפענע געשטאַלטן אויף דער יידישער בינע, זענען טרעפּ צו דער הויכער קינסטלערישער מדרגה און אָנגעזעענעם פּלאַץ, וואָס־זי פאַרנעמט אין דער יידישער טעאַטער וועלט.

טשערנאָוויצער מיידלעך, אירע „קאָלעגינס" אין קינדער־גאָרטן פון לע־רער פוקס, ערגעץ אויף דער גאַס סבירא 22, געדענקען די טעאַטער „פאָרשטע־

לונגען" אין וועלכע שרהלע בירקענטאל פלעג באווייזן אירע קאמעדיאנטישע באגאבונגען, אלס קינד, אלס וואונדער-קינד!

גישט קיין יארן זענען פארביי, און דאס וואונדער-קינד שרהלע בירקענטאל איז געווארן די אקטריסע סידי טאל. איך געדענק זי שוין אלס סוברעטין, אין אירע דעביוט-יארן, אין יאסער „פאמיל ווערדע" גארטן, ווו כ'האב געמאכט פיגוראציע אין „באנצע פון אמעריקע", אין דער טרופע אנא יאקובאוויץ, און אלס ליציי שילער געווען שטאלץ דערמיט. א חוץ סידי טאל, זענען אין דער טרופע, געווען גוטע אקטיארן ווי יחיאל אוכאלעווסקי, א גוטער קאמיקער וועלכער האט זייער אויסגענומען ביים עולם ,היימאן יאקובאוויץ, רעגיא סי מאוויץ, נאר געפעלן באזונדערס, אויפגענומען און אפגעגאנגען פון יעדן אויפטריט מיט אפלאדיסמענטן, נאר די צארטע, איידלע, טעמפעראמענט-פולע סידי טאל, וועלכע האט ארויסגעבראכט פון מויל קיילעכדיקע ווערטער. ווי שיין האט געקלונגען איר יידיש! זי האט געזונגען, געטאנצט, נאטירלעך און אויסערלעך באמערקבארן אנשטרענג; דערפאר האט איר שטימע מיט איר פיינעם טעמבער, אפגעקלונגען ביז טיף אין דעם צוהערערס נשמה.

זעלטן האט א יידישע אקטריסע אין רומעניע געהאט אזויפיל גיט יידישע צושויער, רעצענזענטן! בלעטערן מיר די טעאטער פרעסע פון די דרייסיקער יארן, איז זי פול מיט שבחים פאר דער גרויסער קונסט פון דער קליינער סידי טאל און די רעצענזענטן זענען גדולים אין דער ליטעראַרישער ווי אין דער טעאטער וועלט: וויקטאר עפטימיו, טודאר ארגעזי, בארבו לאזארעאנו, פ. אדערקא, א. מונטע, גבריאל שעפלער, און אנדערע.

איך בין איין מאל בייגעווען א זיצונג פון דער גרופע „יידישע זשורנא-ליסטן און ליטעראטן פאריין", אין טשערנאוויץ, פארבעטן פון מיין פריינד לייב דרוקער. עס זענען אנוועזנד געווען דר. מאקס דיאמאנט (וועלכער האט געשריבן אויך טעאטער רעצענזיעס און אויך וועגן סידי טאלס טרופע), י. ד. איזראעל, חיים געלער, דר. מ. קרעמער, לייב דרוקער און דאכט זיך אויך יצחק פאנער. האט מען זיך צעשמועסט וועגן מצב פון יידישן טעאטער אין רומעניע און באצייכנט ווי א דערפרייענדיקע דערשיינונג, די קינסטלערישע דערגריי-כונגען אין שלום עליכם'ס „אוצר" און אין „געלן שאטן" פון אונדזער סידי טאל. יא, יא, זיי האבן געמוזט אנערקענען איר קינסטלערישן אויפשטייג, טראץ איר יונגקייט אין יארן און אין טעאטער סטאזש, שטאלצירן מיט איר און בא-זוכן אירע ספעקטאקלען.

פארוואנדלט אין רעגלמעסיקע באזוכער פון יידיש טעאטער, האט זיי, טאקע סידי טאל, מיט איר גוטן רעפערטואר, קינסטלער פערסאנאל און אין

דער ערשטער ריי, מיט איר איבערגעגעבנקייט בלב ובגוף צו דער יידישער בי-
נע-מיט איר קולטורעלן טעאטער.

ווער געדענקט נישט איר „עלקע“ פון שלום עליכמ׳ס „אוצר“, אין יעקב
שטערנבערג׳ס באארבעטונג און וויזיע? אין איר געשטאלט, האט סידי טאל
פארקערפערט שלום עליכמדיקן חן און פיינעם סאָציאלן גראָטעסק.

צו די אָריגינעלע, פילפארביקע געשטאלטן, וועלכע די קינסטלערין האט
געשאפן ביז דער צווייטער וועלט-מלחמה, דארף מען דערמאָנען, לעבן די אינ-
טערעסאנטע גלאנץ-ראָלן פון „כאסיע“ אין יעקב גאָרדין-שטערנבערג ספעק-
טאקל אונטערן טיטל „קאָרפוס דעליקטי“, ראָסיטאָ“ אין ל. מלאך-י. שטערנ-
בערג׳ס „געלער שאָטן“ מלכהלע, די יונגע רביצין און צביה, דעם באגרעבערס
פארחושכטע טאָכטער, אין י. זינגער׳ס „יאָשע קאלב“. מיר געדענקען אי-
דע קרעאציעס אין די רעווי ספעקטאקלען ווי למשל, אין „טעאטער אין פלא
מען“ איר ראָלע „קארמענטשיטא“, אירע ראָלעס אין „מינאָרן-רעפּערטואר (אָ-
פערעטקעס, מעלאָדראמעס, וכדומה) ראָלעס וועלכע סידי טאל האט באארייבערט
מיט איר אינטויציע און טאלאנט, מיט איר שיינעם געזאנג און פלאסטיצי-
טעט, מיט איר טראגישן אָדער קאָמישן זשעסט, מיט איר פשטות און פאָלקסטימ-
לעכקייט. די אָפט סכעמאטישע געשטאלטן האט סידי טאל פארוואנדלט אין
מענטשלעכע, פולבלוטיקע געשטאלטן, מיט נאטירלעכע נישט פארקריפלטע
מימיק און זשעסט, דיבור און האנדלונג, אויסגעמיטן ביליקע עפעקטן כדי
צו „געפעלן“ דעם טעאטער עולם.

סידי טאל׳ס קינסטלערישער וועג איז אָנגעפיקעוועט מיט פאר-
שיידנארטיקע ראָלעס. צופאסן ראָלעס פאר איר איז נישט געווען שווער ווייל
די ערנסטע אקטריסע און שטארקער טאלאנט, האט באלד געטראָפן דעם עצם
פון איר ראָלע און געשטאלטיקט דעם נויטיקן פערסאָנאזש. ווי געראָטן זענען
די געשטאלטן, וואָס זענען זיך מזווג מיט סידי טאל׳ס טאלאנט!

זי קאָן זיך צופאסן צו סיי וועלכער ראָלע איר געבן א תיקון. זשאנער, סטיל,
פערזענלעכקייט, געפינט מען אין אירע קינסטלערישע געשטאלטיקונגען. א
פיינער קינסטלערישער טערצעט זענען איר דיקציע, געזאנג און פלאסטיצי-
טעט.

אין ראמען פון דער טשערנאָוויצער פילהארמאָניע, ווו איר מאן פנחס
פאליק, דער באקאנטער, לאנגיאָריקער טעאטער-טוער איז געהילף-דירעק-
טאָר, איז טעטיק דער אנסאמבל אָנגעפירט פון סידי טאל. פון א סך יאָרן בא-
דינט זי די גרויסע צענטערס און ווערט אומעטום אויפגענומען מיט א סך ליבע,
כבוד, ווי א דערפרייענדיקע דערשיינונג, ווי א לעבעדיקער גרוס פון יידיש

שעפערישקייט. פאר איר לאנגיאָריקער קינסטלערישער טעטיקייט, האָט זי באקומען דעם הויכן טיטל „פארדינסטפולע קינסטלערין", אָרדנס און מעדאלן.

זיכער קאָן מען נישט אין די ראַמען פון אזא באשיידענעם ארטיקל, ארומנעמען די לאנגיאָריקע, אומדערמידלעכע קינסטלערישע טעטיקייט פון אזא גרויסער, אייגנארטיקער קינסטלערין, מיט אזא רייכער ראָלעם פאלעטע, טראגישע און וואָדעוויל ראָלעם, מעלאָדראמע און קאָמעדיע ראָלעם.

סידי טאלס וואונדערבארער טאלאנט, רירט נישט נאָר די צושויער נאָר אויך די פען-מענטשן, טעאטער פאכלייט. וועט זיין די אויפגאבע פונעם שרייבער פון אָט די שורות, ארויסצובורענגען די מיינונגען וואָס זענען דערשינען אין דער פרעסע פון רומעניע.

דערווייל האלטן מיר פאר וויכטיק צו דערמאָנען עטלעכע נעמען פון שוישפילער און קינסטלער, מיט וועלכע סידי טאל האָט מיטגעארבעט. מיט די מאָלערס א. קאראמאנלאָו, יוסף פעראכים און משה רובינגער; מיט מוזיקער, קאָמפאָזיטאָרן, דיריזשאָרן: מאקס האלם, י. זשאן פאָליאקאָוו, מארטשעל קרייזלער, אדריאן לייבאָוויטש; מיט די שרייבער משה אלטמאן, י. שטערנבערג, מאָטל סאקציער, הערץ ריווקין (גייזינגער); לייב דרוקער האָט פאר סידי טאל אָנגעשריבן א פיעסע „שרה'לע" וועלכע סידי טאל האָט אויפגעפירט און געשפילט מיט דערפאָלג. אין איר קינסטלערישן פערסאָנאל זענען גוטע שוישפילער און קולטור מענטשן ווי דער יונג פארשטאָרבענער אברהם בערקאָוויטש, לייבו לעווין, ברוך רינצלער, סאמי שמילאָוויטש, פרויקע סאָראָלין, בנימין סאריגורסקי, אדאָלף טעפנער, יעקב יאקובאָוויטש, בן-ציון רויטמאן. די אקטריסעס: ראָזא פאכלער, שיפרע גאָלדענבערג, לידין מיט זיין פרוי אונדאָס „וואונדער-קינד" לייבעלע, לאהקע רינצלער. סופליאָרן אין סידי טאלס טרופע זענען געווען: שיקע גאָלדענבערג, זלמן רויטמאן, חיים קליימאן. בינע טעכניקער: וואָלף ראָזענצווייג, י. קערענסקי.

מיר גדענקען די ליטעראריש-קינסטלערישע אימפּרעזעס, אין בוקארעשטער זאל „באראשעוס", פון דער קינסטלערין סידי טאל מיט די שוישפילער אברהם בארקאָוויטש, לייבו לעווין, יאקאָב יאקאָבאָוויטש, ביי דער מיטארבעט פון יחיאל שרייבמאן, דער היינט באקאנטער שרייבער. די ליטעראריש-קינסטלערישע אָוונטן און פרימאָרגנס האָבן פאָפולאריזירט די שאפונגען פון די יידישע קלאסיקער און פון די סאָוועטישע יידישע דיכטער און פראָזע מייסטער.

א טייל פון דער יידישער טעאטער משפחה אין רומעניע, האָבן מיט איר מיטגעשפּילט און אויפגעהיט אין זכרון און אין הארצן, סידי טאַל'ס גוט־הארציקייט, חברישקייט פון אלע יאָרן.

אין שייכות מיט איר רעציטאַציע קונסט, ווייסן מיר פון דער פרעסע, אז זי האלט אין איין פארברייטערן דעם האָריזאָנט פון איר רעפּערטואר. נישט איינער פון די סאָוועטיש־יידישע דיכטער האָט באקומען א תיקון אין סידי טאלס אינטערפּרעטאציע!

זי זאָגט אירע זאכן פון אויסנווייניק. עס וואָלט כדאי געווען, אויפצונעמען אויף פּלאַטעס (רעקאָרדירן) אירע רעציטאַציעס, ווייל קינסטלערינס לעבן נישט אייביק... און זאָלן קומענדיקע דורות נישט נאָר געוואָר ווערן אז עס איז געווען א גרויסע קינסטלערין און רעציטאַטאָרין סידי טאַל, נאָר אז עס איז געווען א הערלעכע יידישע ליטעראַטור, א הויך קינסטלעריש יידיש טעאטער.

א סך פון אירע פאַרערער אין רומעניע וואָלטן געוואָלט זי זען דאָ, מיט א רעציטאַל־קאָנצערט, פון אירע לעצטע, קינסטלערישע שאפונגען. איך גיב צו: הלוואי קומט זי נישט נאָר אויף א פּריוואַטן באזוך!

אין דינסט פון דער יידישער בינע:

סיידי גליק־ריפּעל

אין צענטר פונעם שטעטל שטייט דער אימפּרעסאַריאָ פון דער טרופּע וועלכע דאַרף באלד אָנקומען. פּעטער יאָשע ווי זיי רופן אים, האָט מיט א מענטשן אויסגעקלעפּט עטלעכע געדרוקטע אפישן און איצט זאמלען זיך מענטשן ארום זיי. ער טוט א פּעטשן שמעק טאַבעקע, כאַפּט ארויס זיין גאָר לאַנגע פאַטשיילע, רייבט זיך די נאָז, ניסט עטלעכע מאָל, ציט זיך פאַרן אויער און קוקט ארויס אויף דעם אוטאָבוס מיט דער טרופּע. א טעאטער־פּאַטריאָט לייענט אויף א קול דעם אפיש.

> ס'רעד זיך אזוי נאָר 2 פּאָר שטעלונגען, ס'רעד זיך אזוי
> 2 לייטישע מענטשן אויף 1 בילעט
> אידישע אָפּערעטן טרופּע עטינגער — סעגאַל
> פרייטיק דעם 22 אָקטאָבער 1935 שבת דעם 23 אָקטאָבער
> ווערט געשפּילט אבימאַלע
>
> | | |
> |---|---|
> | עקדת | די פאַרגעסענע |
> | יצחק | מאַמע |
> | אָפּערעטע אין 3 אַקטן | ווייי איז מיר |
>
> פּרייז פון 20 ביז 50 ליי

פון וויטנס זעט רויכיגע רינגען, וועלכע וואקסן אויס און פארוואנדלען זיך אין א ריזיקער כמארע. דער מוראדיקער רעש פון אנקומענדיקן אוטא מישט זיך אויס מיט די געוואלדן פון די קינדער און יונגען וועלכע לויפן זיך צונויף, אין קורצן בלייבט שטיין די איבערגעלאדענע מאשין ברענגענדיק א רגע פון קאכעניש און דינאמישקייט אין דעם שטילן שטעטל, און פון דעם גע־דראנג, באווייזן זיך די אקטיארן. די סוברעטע איז א צארט מיידעלע, א „וווּנ־דער־קינד„, א לעבעדיק־רידעוודיק קינד. עס מאכט א פאר שפאן און ווארפט א בליק אויפן פלאקאט, צעלאכט זיך אויף א קול:

— וואס איז דאס, פעטער יאשע?

— זעסט נישט, א פלאקאט, ענטפערט יאשע עטינגער און שמעקט ווייטער טאבעקע.

— זייט מיר מוחל פעטער יאשע, אבער ס'איז... חוזק, באמערקט דאס מיי־דעלע, מיט פארדראס, דרייט זיך האסטיק אויס, און גייט צו די אקטיארן.

דאס מיידעלע איז סיידי (שרה־סאלאמעא) גליק־ריפעל, וועלכע געהערט צום דריטן דור שוישפילער אין דער משפחה גליקמאן. געבוירן אין סטאניס־לאוו, פוילן, דעם 19 מערץ 1922.

אלס דריי־יעריק קינד איז זי שוין אויף דער בינע אין א טרופע מיט קוט־נער און מיט אירע עלטערן, וועלכע שפילן אין ביאליסטאק. ביז אין 1928 שפילט סיידי קינדער־ראלעס אין פארשיידענע טרופעס, אין פוילן. אין זעלבן יאר פארן אירע עלטערן אריבער קיין רומעניע און אין די טרופעס פון יעקב רעכטצייט, פאול באראטאוו, היימי פריזאנט, שפילט זי קינדער־ראלעס ביז 1931.

אויף אן אפיש, וועלכער געפינט זיך ביי סיידי גליק, מעלדעט די „פאר־אייניקטע יידישע אפערעטן־טרופע", אין ארטיסטן פאריין פון ווארשע, אין יאר 1927, „מיטן אנטייל פון 5 יאריקן וווּנדער־קינד גליקמאן אין די ראלעס פון אסתר". נאר היות ס'האט געשווירבלט מיט „וווּנדער־קינדער" אין רומעניע, אין בוקארעשט למשל איז געווען א וווּנדער־קינד יאנקעלע, וועלכער האט באלד ווי ער איז רייף געווארן, נישט געשפילט מער אין טעאטער, ווילן מיר דערמאנען וואס דער פובליציסט משולם סורקיס (מ. וואהל), האט געשריבן וועגן סיידי גליק, אין ש. א. סופר'ס „טשערנאוויצער בלעטער", אין יאר 1933:

„...אַט דאָס קוים 11 יעריקע מיידעלע, איז ווערט דעם נאָמען וווּנדער-קינד און פאַרדינט מע זאָל עס זען". ווייטער שרייבט דער זעלבער: „זי איז אויף אַזויפיל פעיק, אַז אינטויטיוו גיט זי שוין אָן אייגענעם חותם, איר אייגענע נאָטע". ענלעכע אָפּשאַצונגען זענען דערשינען אונטער דער חתימה פון דר. י. גרעק, א. מונטע, אין דער בוקארעשטער רומענישער פּרעסע און אין דער טשערנאָוויצער דייטש-יידישער פּרעסע.

אין 1931 פּאָרט סיידי גליק ארום מיט שלמה פּריזאמענט, גיזי היידן, אירע עלטערן, מיט קליין-קונסט פּאָרשטעלונגען איבער גאַנץ בעסאראַביע. סיידי זינגט קונציק-חנעוודיק יידישע אינסצענירטע פאָלקסלידלעך, און דאָס קאָן פאַררעכנט ווערן אַלס איר שוישפּילערישער דעביוט. אין זומער 1932 שפּילט זי מיט שלמה, פינקו און פריידע פרידמאַן איבער דער מאָלדאָווע, איר ערש-טע ראָלע: יידעלע אין באַרים טאָמאַשעווסקים: „בר מיצווה". אין זעלבן יאָר פּאָרט זי ארום מיט שרה און יאשע עטינגער, פּאולינא קאַנטאָר, קארל אים-קאָוויטש, און די „קליינע סאָלאָמעא" ווי מען פלעגט זי דעמאָלט אַנאָנסירן, שפּילט „יאַנקעלע" אין דער אָפּערעטע מיטן זעלבן נאָמען, פרידלען אין אַב-רהם גאָלדפאַדענס „צענטער געבאָט", יצחק אין „עקדת יצחק" פון זעלבן מחבר.

דאָס קינד סיידי, איז טרויעריק אין לעבן, זי טאָר זיך נישט שפּילן מיט קינדער פון איר עלטער ווייל „דו ביזט א סטאר נישט קיין גאסן-קינד„ מוסרן זי די אימפּרעסאַריאָס, און מע רייסט זי אוועק פונעם קינדער-שפּיל, נאָך וועלכן זי לעכצט אַזוי. זומער 1933 שפּילט זי אָפּערעטן אין טשערנאָוויץ מיט לע-רעסקו, טעפּנער א. אנד. הארבסט 1933 איז זי אין קעשינעוו און איבער גאַנץ בעסאַראַביע מיט י. אוכאַלעווסקי, מוני צווייט, אבראַם-איש, וועלוול וולאַדיר, א. אנד. זומער 1934 אין דער בוקארעשטער „זשינגיצא", אין די יאָרן 1935 — 1937 פאָרט זי ארום מיט א טרופּע איבער דער מאָלדאָווע, בוקאָווינע און בע-סאַראַביע, קומט צוריק אין 1938 און שפּילט אין בוקארעשט מיט איציקל גאָל-דענבערג, שלמה און פ. פרידמאַן, עפּים גאָלדענבערג און זלמן רויטמאַן. צווישן אַנדערע ראָלעס שפּילט זי אָליעטשקע אין „זינגער פון זיין טרויער", לאה פון „דיבוק", די דראַמטגייערן פון „מאָטקע גנב".

וועגן דער ראָלע לאה פון „דיבוק" שרייבט דער באַקאַנטער רומעניש-יידישער-שריפטשטעלער אורי בן-הדור, אין דער רומעניש-יידישער צייטשריפט „אדאם" פון נאָוועמבער 1938: „...ס'איז מיר געווען באַשערט, איך זאָל פּלוצים דער-זען א טרוים-דערשיינונג: סיידי גליק. אין יענעם הייסן זומער-אָוונט, איז זי געווען די אומגליקלעכע כלה פון חנן, און אין איינעם מיט זיין נשמה האָט זי

באקומען אויך דעם אויסזען וואָס צוריק מיט יאָרן האָט ביי די „ווילנער" געהאט, שטיין: אסקעטיש, ווי א נזיר, דורכזיכטיק, פארקלערט, טראנספיגורירט, אן אויסזען פון א מתמיד".

אין 1939 שפילט זי מיט סידי טאל ביז מע פארוועדט דאָס יידישע טעאַטער אין 1940. צווישן די יאָרן 1941—44, באטייליקט זי זיך אין די אזוי גערופענע הזכרות, קולטור-מאניפעסטאציעס אין די שילן פון בוקארעשט, מיט רעציטאציעס.

הארבסט 1944 און פרילינג 1945 שפילט סיידי גליק-ריפעל אין ערשטן רעווי-ספעקטאקל נאָך דער באפרייונג, „מזל-טוב". אין זעלבן יאָר מיט סעווילא פאסטאָר! מיט דינה קעניג און ליא שטערלינג ביז 1947. אין זעלבן יאָר מאכט זי א טורנע אין לאנד מיט שלמה פרידמאן, שרה עטינגער, מאנאָ ריפעל אאַנד. און אין אָנהויב 1948, ווערט זי אנגאזשירט אין ניי-געשאפענעם יידישן טעאטער „איקוף", שפּעטער „דאָס יידישע מלוכה-טעאטער", ווו זי ארבעט אויך איצט.

אין די קנאַפּע 30 יאָר זינט זי ארבעט אין מלוכה-טעאטער האָט זי געשפּילט א ריי וואָגיקע ראָלעס צווישן אנדערע: דוואָסיע אין „הערשעלע אָסטראָפּאָליער" פון משה גערשנזאָן, די הויפט ראָלע אין א. גאָלדפאדענס „כישוף-מאכערין", ליבאלע אין די „צוויי קוני-לעמל", עלקען אין שלום עליכמס „אוצר", ארכיפּאָוונא אין „פּלאטאָן-קרעטשעט", די משוגענע אין אָסטראָווסקיס „שטורעם", די מעל-יידענע אין „200.000", די באבע אין „וואָיצעק", טעמעגיטל אין „פארכישופטן שניידער", אירען מאלאי אין טארטאָן אוויל-דערס „די שדכנטע", קאראָלינא אין דעם וואָדעוויל „קאפריזנע כלה" פון ישראל בערקאָוויטשעס „גאָלדענער פאָדעם", זעלדע אין מענדעלע מוכר ספרים „בנימין דער דריטער", דראמאטיזירט פון י. בערקאָוויטש און יוליאן שווארץ און פיל אנדערע ראָלעס אין די קליינקונסט און מוזיקאלישע ספּעקטאקלען.

זי איז אויך געזעלשאפטלעך טעטיק: יאָרנלאנג געווען מיטגליד אין שטאָט-ראט.

פאר אירע קינסטלערישע לייסטונגען האָט זי די מלוכה אויסגעצייכנט מיט עטלעכע מעדאלן און אָרדנס.

מיר ווינטשן אונדזער חברטע און קאָלעגין סיידי גליק-ריפעל פיל געזונט און ווייטערע יאָרן מיט דערפאָלגרייכע שאפונגען פארן יידישן טעאטער.

מאַנאָ ריפּעל

אויפן בוידעם פונעם טשערנאָוויצער יידישן „פּאַוויליאָן-טעאַטער“ ליגט אַ 13-יאָריק יינגעלע, מיט אַ קאָפּ פּעך-שוואַרצע האָר, גרויסע, טונקעלע אויגן און קוקט אַראָפּ אויף דער בינע. לויט דעם אויסדרוק פון יינגלס פּנים און זיינע פרייד אָדער באַוווּנדערונג-אויסרופן איז קענטיק, אַז ער קוקט צו אַ טעאַטער-פאָרשטעלונג. עס שפּילט סידי טאַל אין איינער פון אירע אָפּערעטעס. דאָס יינגעלע האָט זיך אַריינגעגנבעט אין טעאַטער, דערפאַר קוקט ער זיך אַלע מאָל אַרום ווען ער דערהערט פרעמדע טריט.

אינגיכן וועט ער ווערן אַ לעגאַלער צושויער-סטאַטיסט. מיט אַמאַטאָרן האָט ער אפילו געשפּילט ראָלן. די פאָרשטעלונגען זענען פאָרגעקומען אין „שניידער-זאַל“. די רעווי-ספּעקטאַקלען „געזאַנג פון שטערן“; „ליד פון דער נאַכט“; „אַרענדאַטאָרס טעכטערל“ (אָפּערעטע) האָט אָנגעשריבן און רעזשיסירט דער טראַניש-אומגעקומענער שרייבער און טעאַטער-סופליאַר לייב דרוקער.

עטלעכע יאָר זינגט מאַנאָ ריפּעל אין כאָר, סטאַטירט ביי בעני אַדלער, אָסיפּ רוניטש, דינה קעניג, סעווילאַ פּאַסטאָר, חיימי פּריזאַנט א. אַנד. אַלס פּראָפעסיאָנעלער אַקטיאָר ווערט ער אַנגאַזשירט פון פּאַול באַראַטאָוו אויף אַ טורנע איבער רומעניע-פון אָקטאָבער 1936 ביז מיי 1937. ער שפּילט דעם דינער אין סטרינדבערגס „פאָטער“, די ראָלע פון שינדל-דעקער און אַניטאַטאָר אין ערנסט טאָלערס „הינקעמאַן“, אין „אַליאָשקאַ דער הויקער“, אין „מאָשקע חזיר“, אין ה. לייוויקס „שמאַטעס“. מיט די אַקטיאָרן ב. סאַדיגורסקי, מ. לאַזניק א. אַנד. פאָרט ער אַרום איבער די בוקאָווינער קורערטער, שפּילט ביליקע אָפּערעטן און מעלאָדראַמעס, און היות דער „דירעקטאָר“ רייש, אַ באַוווּסטער אימפּרעסאַריאָ אַלאַ שטשופּאַק, אַ שווינדלער און קאָרטן-שפּילער האָט נישט צו באַצאָלן פאַר די זאַלן, בלייבט מען „שטעקן“ אין דאָרנאַ וואַטראַ, און די יונגע מיידלעך און יינגלעך הונגערן צו אַ היפּש ביסל.

דער אָפּמאַך מיט ריישן איז געווען „מאָנאַטלעכער געהאַלט, גערעכנט 30 טעג אַ חודש„. איז געווען אַ חודש 31 טעג פלעגט רייש צאָלן פאַר 30, אָבער ס'איז געקומען פעברואַר מיט 28 טעג און דער יונגער מאַנאָ ריפּעל האָט פאַרלאַנגט, מען זאָל אים באַצאָלן לויטן מינדלעכן אָפּמאַך, האָט רייש געענטפערט: פאַר צוויי טעג, וואָס דו האָסט נישט געאַרבעט?

אין 1939-טן יאָר פאָרט מאַנאָ ריפּעל אַרום מיט וואַנדערנדיקע טרופּעס איבער בעסאַראַביע, באַזונדערס מיט מישאַ בערנשטיין, אַנאַ קעסטענבערג און מיטן באַקאַנטן רומעניש-יידישן אַקטיאָר שלמה ווייגנאָלד (ספּירידאָן וואָיקו),

וועלכן די פאשיסטישע באנדעס האָבן שפּעטער אויפגעהאנגען אין יאסער שעכט-הויז.

ריפּעל דערציילט אייניקע „שטיק“ פונעם „דירעקטאָר“ רייש, וועלכע גע-הערן צו דער טעאטער-אנקדאָטיק אין רומעניע.

רייש אבאָנירט איין מאָל דורך א גרויסער, שרייענדיקער רעקלאמע א סיל-וועסטער-פייערונג אין דער טשערנאָוויצער „טויגבעהאלע“ מיטן אָנטייל פון דעם בארימטן „ראָנאבער וואריעטע“ פון ווין. דער עולם האָט זיך א ביסל געחידושט, וואָס נאָר איין אָוונט אָבער בילעטן מיט הויכע פּרייזן, 100 ליי א בילעט, זענען אויסגעכאפּט געוואָרן. אין אָוונט, ווען דער ספּעקטאקל האָט געזאָלט פאָרקומען מיט די ראָנאבער, איז דער עולם געקומען אָנעטאָן אין פראק, אָבער ארויסגעקומען זענען עטלעכע אקראָבאטן פון צירק, וואָס האָט דעמאָלט גראָד געוויילט אין טשערנאָוויץ. דער עולם, אז אויפגערעגטער, האָט אָנגע-הויבן פייפן, שרייען. איז רייש ארויס אויף דער בינע און זיך געווענדט צום עולם בזה הלשון: איר פייפט? אין די העלדזער זאָל אייך פייפן! פראָפעסאָר האָק-מייער — רופט ער זיך אָן צום קאפּעלמייסטער — שפּילט „טראיאסקא רעדזשע-לע“ (דעם קעניגלעכן הימן). דער עולם האָט זיך בארואיקט, אזיפגעשטא-גען...

רייש קומט אראָפּ אין א שטעטל מיט דער באקאנטער קינסטלערין סידי טאַל. פּרייזן צו זיבן און צען ליי. אין אָוונט קומט א גרויסער עולם-מאַנט ער זיבעצן ליי פאר איין בילעט. סטייטש, טענהן די צושויער, עס שטייט דאָך בפי-רוש צען און זיבן ליי. — טאקע אזוי — ענטפערט ער קאלט — צען און זיבן איז נישט זיבעצן?...

וועגן זיין וואנדער—לעבן קאָן ריפּעל דערציילן טעג און וואָכן און מ׳וועט אים אויסהערן מיט אינטערעס. דאָ מוזן מיר זיך באגרענעצן מיט די פּאָר עפּי-זאָדן.

אין 1940 יאָר ווערט מאנאָ ריפּעל אויפגענומען אין טשערנאָוויצער יידישן מלוכה-טעאטער. דאָ שפּילט ער אן עפּיזאָד — א כמעט שטומען — דעם סענע-גאלער קאָלאָניאלן זעלנער, אין דער פּיעסע „אינטערווענץ“ און נעמט זייער אוים.

אין די יאָרן 1941 — 1944 איז ער אויף צוואנגס-ארבעט אין פארשיידענע לאגערן פון בעסאראביע און רומעניע, די מידע, דערנידעריקטע מענטשן מונטערט אויף דער יונגער אקטיאָר מאנאָ ריפּעל מיט א טעאטער אָדער פאָלקס-ליד און שבת-צו-נאכט, ווען די עלטערע אָפיצירן זענען נישטאָ אין לאגער צינדט ער אָן צוויי ליכט און פירט אוים גאנצע קינסטלערישע פּראָ-

גראמען מיט לידער פון איציק מאנגער, י. ל. פרץ, מאָרים ראָזענפעלד; אַנ־דערע טרעטן ארויס מיט פאָרלעזונגען פון שלום־עליכם, מיט לידער פון אי־ציק פעפער. מען זוכט אין יידישן קינסטלערישן וואָרט מוט און בטחון.

צוריקגעקומען נאָך דער צוואנגס־ארבעט, נאָך דעם 23־טן אויגוסט 1944, באטייליקט ער זיך אין ספּאָראדישע ספּעקטאקלען, אין בענעפיסן פאר די אקטיאָרן אשכנזי, שרה עטינגער און אנד. אין די קינסטלערישע פרימאָר־גנס, וועלכע עס אָדרנט איין די היברידע פאָרמאציע „ביפּט" (בוקארעשטער יידישער פאלקס־טעטער) מיט דער ברייטער הילף פון יידישן קולטור־פאר־באנד, ביז עס קומען צוריק פון דעפּאָרטאציע און עוואקואציע אייניקע יידישע אקטיאָרן און מען טרעט צו בילדן א פּראָפעסיאָנעלן אנסאמבל אָנהויב 1945־טן יאָר.

פון 1945 ביז 1948, ווען עס גרינדעט זיך דאָס „איקוף־טעאטער", שפּי־לט מאנאָ ריפּעל אין די טרופּעס פון ליא שטערלינג, דינה קעניג, סעווילא פּאס־טאָר. ער האָט חתונה מיט סיידי גליק און אין איינעם מיט זיין פרוי מאכט ער דורך א לענגערן טורנע, אין וועלכן ער שפּילט אין דעם „יידישן קיניג ליר" און אנסקים „דיבוק".

אָנהייב 1948 טרעט ער אריין אינאיינעם מיט זיין פרוי אין ניי־געשאפענעם יידישן קונסט־טאעטער „איקוף", וועלכער וועט אינגיכן פארוואנדלט ווערן אין „בוקארעשטער יידישן מלוכה־טעאטער". דאָ הייבט אָן מאנאָ ריפּעל זיין אמתע בינע־קאריערע. זיין טאלאנט קריגט גינציקע באדינגונגען צו וואקסן און דער שוישפּילער וואקסט טאקע גיך אויס. די סאָלידע יסודות פונעם טעאטער, וועל־כן די מלוכה האלט אויס, גיבן מאנאָ ריפּלען א מיגלעכקייט צו ציגלגעווענדטע שטרעבונגען, צו שטילן זיין קינסטלערישן הונגער, צו אנטפּלעקן זיין שעפערישן אקטיאָרישן טאלאנט. מיט יעדער ווייטערדיקער ראָלע ווערט רייכער זיין בא־גער צו שטייגן העכער, פארקערפּערן אין טעאטראלן בלוט און פלייש זיך אליין און זיינע פערסאָנאזשן.

מער ווי 50 ראָלן האָט ער געשפּילט אין יידישן מלוכה־טעאטער אין בו־קארעשט אין די 31 יאָר וואָס דאָס טעאטער עקסיסטירט. ער ווייזט ארויס א ברייטן דיאפּאזאָן. ער שפּילט אין שילערס „אינטריגע און ליבע", מזיק אין גאָרדינס „גאָט מענטש און טייוול", כלעסטאקאָוו אין גאָגאָלס „רעוויזאָר", „פּלאטאָן קרעטשעט" סענדער בלאנק, האָצמאך, יאָשקע אין דימאָווס „זינגער פון זיין טרויער", און א גרויסע צאָל אנדערע ראָלעס. ער איז א מייסטער אין קאָנפעראנסע, לעבעדיק אין קופּלעטן, באטייליקט זיך תמיד אין די רעווי — און קליין — קונסט — ספּעקטאקלען.

אין זיינע אַן ערך 30 יאָר קינסטלערישע טעטיקייט אין דינסט פון יידישן טעאַטער אין רומעניע האָט דער באַגאַבטער קינסטלער און ארבעטזאַמער אקטיאָר מאַנאַ ריפּעל אָפּגעהאַלטן איין נצחון נאָכן אנדערן, און ס׳איז באַרעכטיקט דאָס בכבודיקע אָרט, וואָס ער פאַרנעמט אין סאַמע אויבנאָן אין אונדזער קינסטלערישן קאָלעקטיוו, ס׳איז באַרעכטיקט די אָנערקענונג פון די הויכע מלוכהשע אָרגאַנען, וועלכע האָבן אים באַלוינט מיט מערערע אָרדנס און מע-דאַלן.

איך האָב בכיוון געלאָזט צום סוף די ארויסזאָגונג פון דעם קאָמפּעטענטן טעאַטער-קריטיקער פראַנסואַ באָנדי וועגן „פראַנק דער פינפטער", וואָס איז אָפּגעדרוקט געוואָרן אין דער „נייער ציריכער צייטונג" פון 18-טן נאָוועמבער 1964. אָט וואָס ער שרייבט וועגן מאַנאַ ריפּעל אין דער ראָלע פון פּערסאָנאַל-שעף עגלי:

„...אויך דאָ האָט די נישט גלייכמעסיק גוטע באַזעצונג דעם אקצענט מערק-ווירדיק איבערגעפירט, ווייל דער פערסאָנאַל-שעף עגלי, אויסגעפירט פון מאַנאַ ריפּעל, וועלכער דערמאָנט אין גוסטאַוו קנוט, האָט מיט זיין דאָמינירנדיקער לייס-טונג פאַרנומען דעם אויבנאָן, אין צענטער זיך אוועקגעשטעלט."

מען זאָגט „אַ גאַסט קומט אויף אַ ווייל און דערזעט אויף אַ מייל". דער רע-צענזענט האָט פון איין ראָלע, נישט פון אַ הויפּט-ראָלע, אָנגעטאַפּט דעם קינסטלערישן דופק, ריכטיק אָפּגעשאַצט דעם שעפערישן כוח פון אונדזער קינסטלער.

רחל העלער-שאַפּירא

צו דער משפחה פון די בלאָנדזשענדיקע שטערן אין רומעניע האָבן גע-הערט אויך די אקטיאָרן ראָזאַ און איציק העלער. ווי אַלע אקטיאָרן האָבן זיי געוואַנדערט פון שטאָט צו שטעטל. מיט זיי זענען געפאָרן אויך די קינדער. קינדער פון יידישע אקטיאָרן פלעגן עפענען די אויגן, זען די ליכטיקע וועלט קודם ביים שיין פון די רעפּלעקטאָרן. אָט די אילוזאָרישע וועלט איז געווען זיי-ער וואונדער — וועלט, וועלכע האָט געדינט אַלס קאַדער פאַר זייער רעאַלן לעבן.

געבוירן אין יאַס ביי אַ יידישער אקטיאָרן-משפחה

די קליינע, שוואַרץ-חנעוודיקע טאָכטער פון די דערמאָנטע יידישע אקטיאָרן, איז געבוירן געוואָרן אין 1920 אין יאַס; די שטאָט, ווי ס׳איז גע-

בוירן געוואָרן ראָס יידישע טעאטער, די אַלטע שטאָט מיט ווינקלדיק קרומע גאַסן, ווו עס בליען נאָך זכרונות וועגן בערל בראָדער, וועלוול זבארזשער, אַב-הם גאָלדפאַדען — די צויבערער פון יידישן רומעניע.

די רירעוודיקע רחלע האָט אין ווינגל שוין „געשפּילט" טעאטער. אַזוי וויסן מיר, אַז זי האָט געשפּילט קינדער-ראָלעס, אָנהויבנדיק פון יאָר 1928, ביי לידיא פּאָטאָצקאַס טרופּע מיט היימי פּריזאַנט און מיכאַל מיכאַלעסקאָ. אין דער זעלבער צייט האָט זי געזונגען אין כאָר, געטאַנצט מיטן אַנסאַמבל. אָבער איר אמתער דעביוט קומט פאָר ביי מישא בערנשטיין אין „דזשאַז זינ-גער". ווייטער שפּילט זי שוין ראָלעס אין די טרופּעס פון פּינקו און שלמה פריד-מאַן, משה זינגער, איציקל גאָלדענבערג, מיט דינה קעניג, בנימין סאַדי-גורסקי, סעווילאַ פּאַסטאָר און אַנדערע.

איר אמתער קינסטלערישער אויפשטייג באַקומט אָנזען, ווערט אָפּגעשאַצט ווי געהעריק ערשט אין די ביידע יידישע מלוכהשע טעאַטערס פון רומעניע, פון 1948 ביז היינט.

די געוויסנהאַפטע און באַגאַבטע רחלע העלער-שאַפּירא (די פרוי פון באַ-ווסטן רעזשיסאָר איזאַ שאַפּירא) שאַפט אַ גאַלעריע טיפּן, געשטאַלטן פון קעמפערינס און קאָקעטקעס, פון פאָלקס-טיפּן און אַדעליקע. זי צייכנט זיך אוים אַלס חוה פון שלום עליכמס „טוביה", אַלס עליזאַ פון באַראַנגאַס „אַ סגולה צו גליק", אין אַרבוזאָווס פּיעסע „טאַניאַ": אַלס מיראַנדאָלינאַ פון קאַרלאָ גאָלדאָנים „די באַלעבאָסטע"; אַלס פריידעניו פון יעקב גאָרדינס „גאָט מענטש און טייוול"; אַלס ביילקע אין שלום עליכמס „דאָס גרויסע געווינס".

נאָכן צוזאַמענגיסן ביידע טעאַטערס אינעם בוקאַרעשטער יידישן מלוכה-טעאַטער, באַווייזט זי נאָכמער אירע פילפאַכיקע קינסטלערישע מיגלעכקייטן. די טעאַטער-קריטיקער באַמערקן, ווען זי שפּילט ליזי אין בערגערס און מ. סעבאַסטיאַנס „דער מבול", „אַז, רחלע העלער-שאַפּיראַס קאָקעטערי אַנולירט נישט די צאַרטקייט פון די געפילן, וואָס שיינען פאַרהילט מיט שעמעוודיקייט וועגן איר ראָלע סטעפאַניאַ אין דער פּיעסע „דער פּאַרשפּעקטיקטער אויפרייס", פון רומענישן דראַמאַטורג פּאָל עוועראַק באַמערקן די רעצענזענטן: „זי האָט מיט פיינקייט, סענסיביליטעט און אינטעליגענץ אַרויסגעבראַכט די אַנטוויק-לונג פון דער העלדין; איר מעסיקע שפּיל האָט מיט דיסקרעציע בולט געמאַכט די קווענקלענישן פון דער העלדין".

אין 53 פּיעסעס אין יאַסער טעאַטער

בכדי צו פאַרענדיקן דעם יאַסער פּעריאָד אירן אין יידישן מלוכהשן טעאַטער, איז צו דערמאָנען, אַז זי האָט געשפּילט אין 53 פּרעמיערעס פון 55 געשטעל-

טע פיעסעס, אין דער צייט וויפל דאָס טעאַטער האָט פונקציאָנירט אין יאַס.

זי האָט אויך געשטעלט צען מוזיקאַלישע און קאָמעדיע-ספּעקטאַקלען.

אין בוקאַרעשטער יידישן מלוכה-טעאַטער האָט זי געשפּילט א היפּשע צאָל אָנגעזעענע ראָלעס ווי: אירא גרין אין סאַווינס סאַטירע „פּיניטא לאַ קאָ-מעדיא". א טעאַטער-רעצענזענט האָט געשריבן: „רחלע העלער-שאַפּירא אלס אידא גרין איז אין די אַנטווישטע, שלימזלדיקע מאָמענטן, וואָס כאַראַקטערי-זירן די גרינס, נאַיוו ביז קינדישקייט און אויסטערליש אומבאהאָלפן. זי ברענ-גט אַרויס די קאָמישע טראַגיק פונעם פּערסאָנאַזש אין פּריוואַלן שפּאַס, אירע בלאָע אויגן פאַרמאָגן א באַזונדערן האַרציקן אומעט. איר שטימע איז זיידן ווייך".

אין „זינגער פון זיין טרויער" פון אָסיפּ דימאָוו, האָט זי געשפּילט די ראָלע שיינע די אַנאַלפאַבעטקע, מיט ברוישנדיקן טעמפּעראַמענט און ליי-דנשאַפט. די רעצענזיע אין דער „נייע פּרעסע" פון 15-טן יאַנואַר 1965 שטריי-כט אונטער:

„רחלע העלער-שאַפּירא האָט אונדז געוויזן די דינאַמישע, דראַמאַטיש-פּאַרטיפּטע שיינע, וועלכע האַלט אין שפּאַנונג דעם עולם. איר שיינקייט איז א באַווייז פון איר וואַקסנדיקער קינסטלערישער רייפקייט".

אין שלום אשס „יחוס" האָט זי געשפּילט די ראָלע ראָזא גאָרקיכער.

מיט איר רייכער בינע-דערפאַרונג, אָנגענעם-יוגנטלעכן אויסזען, שווי-שפּילערישן טעמפּעראַמענט, פאַרוואַנדלט זי די ראָלע אין דער אַקס פון דער פּיעסע.

אלס זינגערין אין מוזיקאַלישע ספּעקטאַקלען

צו דער גאַלעריע טיפּן, געשאַפענע פון דער שוישפּילערין דאַרפן דער-מאַנט ווערן די לעבענסדורשטיקע און טעמפּעראַמענטפולע טיפּשעשאָקער אַל-מנה פון גערשענזאָנס „בעלעמער חכמים", אינטערפּרעטירט מיט א סך ניואַנסן און הומאָר.

מיר וועלן נאָך דערמאַנען איינע פון די אינטערעסאַנטע ראָלעס אירע. געמלעך אין טשעבאָוס דראַמע „איוואַנאָוו", וווּ זי שפּילט די געשמדטע יידיש-קע אויס ליבע-אַנאַ פּעטראָוונאַ אליאס שרה אבראַמסאָן. זי האָט אויפגעבויט איר ראָלע מיט געצווימטער ליידנשאַפט און פילבאַרקייט.

מיר ווע‌לן נאָך אונטערשטרייכן איר בייטראָג אלס זינגערין אין די מו־ניקאלישע ספּעקטאַקלען ווי זי ווירקט שטאַרק קינסטלעריש, האַרציק און אָנ־זענעם.

אירע מעלות און פאַרדינסטן זענען אָנערקענט געוואָרן פון דער מלוכה, וועלכע האָט זי אויסגעצייכנט מיט אָרדנס און מעדאַלען.

דער עולם נעמט זי אויף מיט סימפּאַטיע און שאַצט אָפּ ווי געהעריק אירע קינסטלערישע לייסטונגען דורך הייסע אַפּלאָדיסמענטן.

איזאָ שאַפּירא

אין דינסט פון יידישן טעאַטער

פאַרקנסט מיט יידישן טעאַטער איז איזאָ שאַפּירא פון אַ האַלבן יאָר־הונדערט אָבער אלס רעזשיסאָר נאָר פון פערציק יאָר. אין פּאַריז שטעלט ער צום ערשטן מאָל מיט אַ פּראָפעסיאָנעלן אַנסאַמבל, מיטן פּאַריזער יידישן טעאַטער אַנסאַמבל, דער שפּעטער באַרימטער „פּיאַט“, ביל בעלאָצערקאָווסקי׳ס פּיעסע „דאָס לעבן רופט“. די צווייטע פּיעסע איז געווען „דאָס פרעמיערע קינד“ פון שקוואַרקין און י. אַקסענפעלד׳ס „רעקרוטן“ באַאַרבעט פון ליפּע רעזניק. אין „פּיאַט“ האָט געמאָלן דעקאָרן און קאָסטיומען, געצייכנט דער באַקאַנטער קינסטלער גלעב. מוזיק האָט קאָמפּאָנירט בערלינסקי, א. אַנדערע. דער קינסטלער אַנסאַנמבל איז באַשטאַנען פון די שוישפּילער: אָסקאַר פּעס־לער, היינט פּראָפעסיאָנאַל און רעזשיסאָר אין בוענאָס־איירעס, אַרגענ־טינע, יאָשאַ אַראָנאָוויטש־יאַשאַר, רבקה גאַמער, משה קינמאַן (אַקטיאָר און רעזשיסאָר לעצטנס), ראָזאַ גלאָזמאַן (היינט אין ישראל,) לענסקי (היינט אין ניו־יאָרק), און אַנדערע.

עס הייבט אָן דער בירגער קריג אין שפּאַניע. שאַפּירא מיט אַ גרופּע־פּאָרן אַוועק אהין קעמפן. ער ווערט פאַרוואונדיקט און אין דער צייט פון קומען צו זיך פון די וואונדן אין אַלבאַסעטע, טרויט מען אים אָן צו שאַפן אַ פראָנט־טעאַטער פון דער אינטערנאַציאָנאַלער בריגאַדע. דאָס דאָזיקע טעאַטער האָט געגעבן פאָרשטעלונגען פאַר די פאַרוואונדיקטע אין די שפּיטאָלן, פון קאַטאַלאָניע ביז אַליקאַנטע און אויפן מאַדרידער פראָנט.

איזאָ שאַפּירא׳ס נאָכמילחמהדיקע רעזשיסאָרישע טעטיקייט הייבט זיך אָן אין האַרבסט 1944. ער אַרבעט אין „איקוף טעאַטער“ ביז 1948, ווען ער טרעט אַריין אין „בוקאַרעשטער יידישן מלוכה־טעאַטער“. די ערשטע פּרעמיערע פון ניי דערעפנטן יידישן מלוכה טעאַטער איז שלום עליכמ׳ס „אוצר“ „דאָס גרויסע געווינס“ אין דער רעזשי פון איזאָ שאַפּירא. דער ספּעקטאַקל האָט דער־

גרייכט קרוב צוויי הונדערט פֿאָרשטעלונגען אין בוקארעשט און אין די טורנעען אי־בערן לאנד. (צום 25-טן יובל פון יידישן מלוכה טעאטער האָט דעם זעלבן שלום עליכם טעקסט אין אן אנדער רעזשיסאָרישער וויזיע געשטעלט יעקב ראָטבאום).
דער צווייטער ספעקטאקל געשטעלט פון איזאָ שאַפּירא, מיט א ברייטער באַזוכערשאפט אין בוקארעשט און איבערן לאנד, בעת א לאנגן טורנע איז געווען „נקמה-נעמער", פון באקאנטן דראמאטורג חיים סלאָוועס. דער דריטער ספעקטאקל רעזשיסירט פון איזאָ שאַפּירא איז געווען „דער רעוויזאָר" פוון ·נ. גאָגאָל.

סוף 1949 ווערט איזאָ שאַפּירא דירעקטאָר און הויפּט-רעזשיסאָר פונעם ניי געגרינדעטן „יאסער יידישן מלוכה טעאטער". אין 1963 גיסן זיך צוזא־מען ביידע טעאטערס און שאַפּירא קערט זיך אום קיין בוקארעשט אלס רע־זשיסאָר פון בוקארעשטער יידישן מלוכה-טעאטער.

פֿאַר די פערציק יאָר האָט שאַפּירא געשטעלט אין ביידע טעאטערס מער ווי פערציק ספּעקטאקלען. פּיעסן פון דער יידישער און וועלט קלאסיק פון דער היימישער דראמאטורגיע, מאָדערנע פּיעסן.

כדאי צו דערמאָנען אייניקע פון אים געשטעלטע פּיעסן און זייערע מח־ברים: שלום עליכמ'ס „דאָס גרויסע געווינס" און „דער פארכישופטער שניי־דער„ (באארבעט פון אי. קארא); י. ל. פּרץ — „ביינאכט אויפן אלטן מארק"; אברהם גאָלדפאדען" די כישופמאכערן"; יעקב גאָרדינס „גאָט מענטש און טייוול", „מירעלע אפרת", י. ל. ברוקשטיינס „משפחה גרינוואלד" און „דור המידבר." טשעכאָווס „איוואנאָוו", אל. אָסטראָווסקים „נישט תמיד איז יום טוב." מאָליערס „דאָקטער קעגן זיין ווילן". מארק טוועגס „זאק מיט מציאות"; עווערא‎קס „פארשפּעטיקטע עקספּלאָזיע" און אנדערע.

היות דאָס רוב פּיעסן האָט איזאָ שאַפּירא געשטעלט אין יאסער יידישן מלו־כה טעאטער" איז כדאי צו דערמאנען אז דער אנסאמבל איז באשטאנען־פון עטלעכע פּראָפעסיאָנעלע אקטיאָרן צו וועלכע שאַפּירא האָט צוגעצויגן עלע־מענטן פון די ליבהאָבער קרייזן. א. טעאטער א מלוכהשער שטעלט נייע, פאר־שיידנארטיקע פּיעסן. דער רעפּערטואר מיט אברייטן פארנעם פאָדערט א גרוי־סן אנסאמבל. אָרגאניזאטאָרישע און פּעדאגאָגישע פעיקייטן פעלן נישט דעם נייעם דירעקטאָר און הויפּטרעזשיסאָר. ער הייבט אָן די ארבעט איבערן ער־שטן ספּעקטאקל. שלום עליכמס „דער אוצר".

טעאטער ארבעם איז נישט קיין נאָרמירטע. מע האלט דאָך ביי בראשית אין אלע הינזיכטן, פירט ער פאך-קורסן פאר דעם טעכנישן פּערסאָנאל און פאר די אקטיאָרן. צו דער פּרעמיערע האָט מען געארבעט צו 12 — 14 שעה יעדן טאָג, אלע טעג פון דער וואָך. קיין טענה האָט קיינער דערפאר געהאט ווייל מע

האָט געפֿילט אז עס זענען טעג פֿון פֿריילינגדיקן פּאַרזיי, טאָר מען נישט קארגן קיין צייט, מי... דער אומדערמידלעכסטער פֿון אַלע איז געווען איזאַ שאַפּירא. טראָץ דער אָנגעשטרענגטער ארבעט האָט אין טעאַטער געהערשט א פֿרייווי־קע דיסציפּלין, א שעפֿערישע אטמאָספֿער. א סטאַביל טעאַטער, שפּילן אין אן אייגענער היים, מיט אַלע אויסשטאַטונגען, אָן דאגות פּרנסה האָט פֿארוואַנדלט אַלע באַדינערס פֿון טעאַטער אין א פֿעסטן קאָלעקטיוו, וועלכער איז פֿון ספּעקטאַקל צו ספּעקטאַקל געוואַקסן גייסטיק און פּראָפֿעסיאָנעל.

ווי מיר האָבן שוין דערמאָנט, האָט איזאַ שאַפּירא געשטעלט ביז היינט מער ווי פֿערציק ספּעקטאַקלען. זאָל אונדז דערלויבט זיין צו זאָגן וועגן רע־זשיסאָר און זיינע ספּעקטאַקלען אייניקע מיינונגען, אָפּשאַצונגען.

מע פֿאַרוואַנדלט היינט גאָר ערנסטע פּיעסן אין מיוזיקלס, אָבער שאַפּי־רא טוט עס שוין פֿון לאַנג מיט זיינע פֿאָלקס־שפּילן. נעמענדיק אין אכט אז די וואָס קומען אין טעאַטער ווילן זיך אויך משמח זיין אויף א היימישן אופֿן, גיט זיי שאַפּירא אין זיינע ספּעקטאַקלען וואָס זיי גאַרן. שאַפּירא אַלס רעזשי־סאָר באַרייכערט אידעיש אַלע זיינע ספּעקטאַקלען, זעטיקט זיי אָן מיט עמאָציעס דערפֿירט זיי צו קינסטלערישער אָפּגעשליפֿנקייט. צו שלימות. זיין רעזשיסע־רישער מאַניער איז א געצוימטער אָבער יעדער ספּעקטאַקל זיינער קריגט נאַ־טירלעכקייט, אַנטוויקלט זיך פֿריי און דערפֿאַר רירט עס דעם צושויער, פֿאַר־שאַפֿט אים קינסטלערישן נחת רוח.

ווער געדענקט נישט די מינוטן־לאַנגע אָוואַציעס ביי דער פּרעמיערע אין בוקאַרעשטער יידישן מלוכה טעאַטער פֿון גאָרדינס „מירעלע אפֿרת“ מיט דינא קעניג אין דער הויפּט־ראָלע? די באַגייסטערונג פֿון די צושויער, ביי די ספּעק־טאַקלען מיט חיים סלאָוועסי „נקמה געמער“?

דער רעזשיסאָר איזאַ שאַפּירא למשל אין „פּיניטא לא קאָמעדיא“ פֿון ווילי סאַווין, לויט שלום עליכם, האָט א סך געהאָלפֿן דער פּיעסע. זיך אריינ־געמישט אין טעקסט, דערפֿירט אייניקע פּערסאָנאַזשן צו דראַמאַטישער גאַנצ־קייט. א שווערע עובֿדה פֿאַרן פּעדאַגאָג און רעזשיסאָר שאַפּירא אין יידישע פּיעסן צו צוימען די נייגונג צו איבערגעטריבענער זשעסטיקולאַציע, די ריכ־טיקע, דייטלעכע אויסשפּראַך.

מיר האָבן דערמאָנט איזאַ שאַפּיראַס נייגונג צו געבן געוויסע פּיעסן דעם כאַראַקטער פֿון א פֿאָלקס שטיק. אין אָסיפּ דימאָווס „זינגער פֿון זיין טרויער“ האָט ער אויסגעמיטן מעלאָדראַמאַטישע איבערטרייבונגען מיט וועלכע די פּיעסע איז געשטרויכלט און אריינגעטראָגן א נייעם פּאָעטישן טאָן, אקצענ־טירט די סאַטירישע און הומאָר סצענעס, אריינגעבראַכט געזאַנג, פּלאַסטישע

עוואָלוציעס, רעליעפירט די אידעע אויך מיט איינפּאַלערישע מיזאַנסצענעס, אַלעס אין איין האַרמאָנישער גאַנצקייט דורכגעטראַכט פון רעזשיסאָר. אונטערשטרייכנדיק דעם באַלאַדע כאַראַקטער פון דימאָווס פּיעסע, וועלכע האָט מיט פּערציק יאָר צוריק, אָנגעהויבן אין רומעניע איר טריומף־צוג איבער דער וועלט.

שטעלנדיק משה ג ע ר ש ע נ ס אָ נ׳ ס „כעלעמער חכמים“ האָט שאַפּירא באַזונדערס באַטאָנט די ליריש־פּאָעטישע און עטישע מאָמענטן אין דער פּיעסע. די קאָמישע טיפּן און סיטואַציעס האָט ער טראַקטירט מיט בייסיקער סאַטירע, אויסגעלאַכט די כלומרשטע חכמים. ליבע געפּלאַכטן מיט פרייל ע כקייט, דאָס איז די אַרביטע פון וועלכער קיינער שפּרינגט ניט אַרויס. בסך הכל האָט שאַפּיראַ׳ס רעזשי געשאַפן אַ שפּילערישע, אַמוזאַנטע, פאַרביקע אויפפירונג פון וועלכער עס ווייעט מיט אייגנאַרטיקער פאָלקסטימלעכקייט. מיר וועלן זיך נאָך אָפּשטעלן אויף דריי לויט אונדזער באַשיידענער מיינונג, זייער אינטערעסאַנטע רעזשיסאָרישע דערגרייכונגען, קינסטלערישע מדרגות, אין איזאָ שאַפּיראַ׳ס קינסטלערישן שאַפן.

דאָס זענען: „ביינאַכט אויפן אַלטן מאַרק“ פון י. ל. פּרץ. צוליב דער פראַגמענטאַרישקייט און צעפּיצלטקייט פון דער האַנדלונג איז זייער שווער, רעזשיסאָריש, צו שטעלן די פּיעסע. שאַפּיראָן איז געלונגען ג ו ב ר צו זיין אָט די פראַגמענטאַרישקייט און אַנטפּלעקן דעם קערן פון ס אָ צ י אַ ל ן קאָנפליקט. אין שאַפּיראַס ספּעקטאַקל שטייגט די האַנדלונג בהדרגהדיק. דער ספּעקטאַקל צעוויקלט זיך רעווי־אַרטיק, מיט רייכע, קינסטלערישע מוזיקאַלישע־כאָרעאָגראַפישע, צושטייער וועלכע האָבן פאַרוואַנדלט דעם פּרץ־ספּעקטאַקל אין אַ קולטור־געשעעניש.

אַ צווייטע רעזשיסאָרישע דערגרייכונג וועלכע איז פאַרבליבן אין זיכרון פון אַ סך יידישע טעאַטער באַזוכער, איז „בנימין דער דריטער“ (לויט מענדעלע מוכר ספרים) פון יוליאַן שוואַרץ און ישראל בערקאָוויטש. דער רעזשיסאָר האָט אין יאַסער יידישן מלוכה טעאַטער, אין 1955, ריכטיק אינטערפּרעטירט דעם טעקסט פון די מחברים, אויפגעפּאַסט די העלדן ווי ט ר ו י מ ע ר פון קבצנישע ווינקלען אין צאַרישן תחום המושב, מיט אַ סך ליבע, פאַנטאַזיע אין אַלגעמיין און באַזונדערס רייך מיט געשמאַק אויסגעשטאַט בנימינס חלום. אין חלום לעבן שיין און האָבן הנאה די בנימינס, חלום איז זייער שיינע וואָר!

די דריטע רעזשיסאָרישע דערגרייכונג איז ג אָ ר ד י ן אויף די בינעס פון יאַסער און בוקאַרעשטער יידישע מלוכה טעאַטער. איזאָ שאַפּירא האָט געשטעלט „גאָט, מענטש און טייוול“ אין יאַס, „מירעלע אפרת“ אין בוקאַרעשט.

אַט די צוויי מאָראַלישע, פּיעסן געבויט אויף קאָנפליקטן צווישן גוטס און שלעכ-טס, שפּיגלבילד פון א היסטאָרישער עפּאָכע אין א סאָציאַלער סביבה, האָט ריכטיק אויפגעפאַסט און קינסטלעריש ארויסגעבראַכט אין זיינע ספּעקטאַקלען דער רעזשיסאָר איזאַ שאַפּירא. ווער געדענקט ניט די מינוטן לאַנגע אָוואַצי-עס פאַר דינאַ קעניג און מיטשפּילער ביי „מירעלע אפרת"! ווי קינסטלעריש און גאָוואַטאַריש איז געווען און האָט געווירקט דער יאַסער ספּעקטאַקל!

שאַפּיראָס פּערציק יאָריקע רעזשיסאָרישע טעטיקייט איז א ביישטייער צו די קינסטלערישע דערגרייכונגען פון יידישן מלוכה טעאַטער אין רומעניע פאַר די לעצטע דרייסיק יאָר, א וואָגיקער ביישטייער צום שם און רעפּוטאַציע פון טעאַטער, פון מלוכהשן יידישן טעאַטער אין רומעניע איבער דער גאָרער וועלט.

טעאַטראַלע טעטיקייט פון

פראַנץ אויערבאַך

דאָס איידלע, בלאָנדע, שלאַנקע בחורל, פראַנץ אויערבאַך, איז שוין אין די העכערע ליציי-קלאַסן א סטאַטעטשנער גאַסט אין יידישן טעאַטער. ער האָט שוין געזען „דער זינגער פון זיין טרויער" און מאָליערס „דער קאַרגער" אין וועלכע יוסף בו-לאָוו און אייזיק סאַמבערג האָבן געהאַט שטורמישע דערפאָלגן. ביי גע-וועזן מע-דערע'מאָל ביי די גרויסע דערפאָלגן פון פּאָול באַראַטאָוו און פון דער זעלבער „וויל-נער טרופּע" ווי: „הינקעמאַן" פון ערנסט טאָלער און סטרינדבערגס „פּאָטער" ביי פּאָול באַראַטאָוו און „דער וואָס קריגט די פּעטש" פון לעאָניד אַנדרעיעוו און „שבתאי צבי" פון זשולאַווסקי-אַש, באַארבעט און רעזשיסירט פון בולאָוון, מיט איין וואָרט דאָס בעסערע, קינסטלערישע יידישע טעאַטער. פאַרשטייט זיך אַז ער באַזוכט אויך דאָס רומענישע טעאַטער, אויסלענדישע טורנעען פון גרויסע קינסטלער.

וואָס האָט געצויגן צום טעאַטער און באַצויבערט דעם ליציי שילער פראַנץ אויערבאַך? די אינטערסאַנטע קאָנסטרוקציעס פון די דעקאָרן? דער כישוף פון סופיט און פּיס-ליכט און די שפּיל פון פאַרבן אויף גרויסע לייוונטן? די דריטע דימענסיע פון מאַקס'ים דעקאָרן-קאָנסטרוקציע מיט טרעפּ, אויף וועל-כע די באַגאַבטע אַקטיאָרן, האָבן פלינק און זיכער געשטעלט די פּיס? דאָס צו-זאַמענשפּיל פון די אַקטיאָרן, זייער שטים-מאָדולאַציעס און רייכער רעגיס-טער, זייערע באַוועגונגען, קערפּער פּלאַסטיק? א ל ץ!

די אויפפירונגען זענען א נייעם פאר אים, אַנגענעם, לייכט פארשטענד-לעך. צוריק מיט עטלעכע יאָר האָט ער נאָך געווישט א טרער אויף יאָשקעס טראַגישן גורל און איצט וויל ער שוין וויסן מער וועגן טעאטער. ער קען שוין א טייל אַקטיאָרן פון דער ווילנער טרופּע וועלכע שפּילט א גאנצן סעזאָן אין זיין שטאָט, מיט אייניקע פון זיי איז ער היימיש. ער באַגריסט העפלעך די פּיל-זייטיק באגאַבטע פּאולע וואלטער, דעם אַלטן קאָוואַלסקי, וועלכן אַלע גיבן אָפּ כבוד, און חברט זיך מיט לעאָן (לאַנעק) ליבגאָלד, דעם געקומענעם פון די קליינקונסט-טעאטערס „סמבטיון" און „יידישע באַנדע". שמחה נאטאַנזאָן, ווע-מענס אַנוועזנהייט אויף דער בינע במשך פון פינף מינוט, אָן צו זאָגן א וואָרט, באַגייסטערט דעם יונגן פראַנץ אוערבאַך, וועלכער האָט פריינדלעכע באַצי-ונגען אויך מיטן שאַפער פון קינסטלערישע טיפּן אלס גרימידער און צו מאָל אויך אקטיאָר-דער טראַגיש אומגעקומענער פּרויקע סאַראַקין.

פראַנץ אוערבאַך איז שטאָלץ מיט זייער באַקאַנטשאַפט. מיט א צייט צוריק פּלעגט ער זיך אריינגעבענען כדי־צו הערן ווי מען רעפּעטירט אין טעאטער אין ווי דער רעזשיסאָר דערקלערט און גיט אָנווייזונגען, ווי מע שטעלט אוים די בינע, איצט פארשטייט ער שוין דעם ווערט פון אַן אַקטיאָר, דעם ווערט פון א פּיעסע, דעם ביישטייער פון רעזשיסאָר אין ספּעקטאַקל, מיט איין וואָרט-דאָס צו-פערבלאַט פון דער טעאטער פּראָפעסיע אפילו אירע קליינע און קאָמפּליצירטע ישרייפלעך.

פראַנץ אוערבעך האָט שטודירט אויף יוריסט און צום סוף... פארוויר-קלעכט א שיינעם חלום וואָס ער האָט אויסגעבאָוועט אין דער טיף פון זיין נש-מה, פון די יונגע יאָרן, -געוואָרן א רעזשיסאָר און טעאטער-דירעקטאָר!

א היפּשע צאָל פּיעסן האָט פראַנץ אוערבאַך געשטעלט אין די דרייסיק יאָר פון זיין טעאטראַלער טעטיקייט. מיר וועלן דערמאַנען אייניקע. פון דער וועלט קלאַסיק: מאָליערס „דער קאַרגער" און קאַרלאָ גאָלדאָניס „משרת ביי צוויי באַלעבאַטים"; אָסטראָווסקיס „דער שטורעם" און אַנסקי'ס „דיבוק"; איבסענס „בוימייסטער סאָלנעס" און מאַקסים גאָרקיס „שונאים" מארק טוועינס „זאַק מיט מציאות" און קארל גוצקאָווס „אוריאל אַקאָסטא". פון דער מאָדערנער דראמאטורגיע: בערטאָלד ברעכטס „שרעק און עלנט פון דריטן רייך". כדאי צו דערמאַנען אז דאָס איז איינער פון די ערשטע ברעכט ספּעקטאַקלען אין רומעניע. ער האָט אויפגעפירט פרידריך וואָלפס „פּראָפעסאָר מאַמלאָק" און האַנס פייפערס „דאָס לאַמ-טערנפעסט". דעם זעלבן ספּעקטאַקל האָט פראַנץ אוערבאַך געשטעלט מיט דערפאָלג אין 1958, אין דייטשן מלוכה טעאטער פון טימישאָארא. אוערבעך האָט אויפגעפירט וויקטאָר עפטימיוס סאַטירישע קאָמעדיע דער „מענטש וואָס

האָט געזען דעם טויט מיט די אויגן". סיי די פּרעסע, סיי דער מחבר, אַ באַרימטער רומעניִשער דראַמאַטורג און מיטגליד פון דער אַקאַדעמיע פון דער סאָציאַליס־טישער רעפּובליק רומעניע, האַלטן אַז דער ספּעקטאַקל איז איינער פון די גע־ראָטנסטע אויפפירונגען מיט דער דאָזיקער קאָמעדיע. לשם אינפאָרמאַציע: די קאָמעדיע איז געשפּילט געוואָרן הונדערטער מאָל אין אַ סך טעאַטערס פון רומעניע, אין פאַרשידענע רעזשיסאָרישע ווייזיעס!

אין יידישן מלוכה טעאַטער האָט פראַנץ אויערבאַך רעזשיסירט אַ היפּשע צאָל ספּעקטאַקלען. זאָל אונדז דערלויבט זיין צו געבן אייניקע אָפּשאַצונגען וועגן אייניקע פון זיי, דערשינענע אין טעגלעכע אָדער פּעריאָדישע אויסגאַבעס פון רו־מעניע, אייראָפּע, ביידע אַמעריקעס.

איינער פון די צוויי ספּעקטאַקלען מיט וועלכע דאָס בוקאַרעשטער יידישע מלוכה טעאַטער האָט גאַסטראָלירט אין 1968, אין ישראל, איז חיים סלאָוועס „צוויי ברידער זענען מיר געווען".

וועגן אָט דער פּיעסע און ספּעקטאַקל, איז דערשינען אין דער פּאַריזער „נייע פּרעסע" פון 21 — 22 אָקטאָבער 1967 פאָלגענדע פאַכטעכנישע אָפּשאַצו־נג: פון וועלכער מיר ציטירן:

„...רעזשיסאָר פון ספּעקטאַקל איז פראַנץ אויערבאַך וועלכער, האָט זיך באַמיט צו לייזן די נישט גרינגע פּראָבלעמען וואָס סלאָוועס דראַמע שטעלט פאַר דער רעזשי. אויערבאַך האָט געלייגט געוויכט אויף שטימונג און צוזאַמענ־שפּיל, אויסגעמיטן פאַטעטיש־רעטאָרישע טענער, געגעבן פאַרב און באַווע־גונג, געשאַפן שפּאַנונג. דעם קרוב דריי שעהריקן ספּעקטאַקל האָט דאָס פּובלי־קום אויפגענומען אין אַ פייערלעכער שטימונג אָבער נישט ווי געוויינטלעך, מיט אויג און אויער־נאָר מיטן האַרץ, באַגלייט מיט די אויגן בלויז דעם מי־מישן טייל פון דער שפּיל, מיטגעלעבט אינטים די טראַגישע פּאַסירונגען און געשעענישן דעם ליריזם, די שטימונג, די סאָציאַלע און נאַציאָנאַלע באַטייטן פונעם ספּעקטאַקל".

צווישן די קרוב צוויי צענדליק ספּעקטאַקלען וואָס פראַנץ אויערבאַך האָט אויפגעפירט אין דעם בוקאַרעשטער יידישן מלוכה טעאַטער, דאַרף מען דער־מאָנען, דעם אינטערעסאַנטן, קינסטלעריש־געראָטענעם ספּעקטאַקל „דער די־בוק". אַ גרויסן דערפאָלג האָט ער געהאַט אויך בעתן טורנע פון טעאַטער אין 1972, אין די פאַראייניקטע שטאַטן פון אַמעריקע און קאַנאַדע. וועגן אָט דעם ספּעקטאַקל שרייבט די ניו יאָרקער „מאָרגן פרייהייט" פון וועלכער מיר צי־טירן נאָר:

...„דער רעזשיסאָר פונעם ספּעקטאַקל פראַנץ אוערבאַך, האָט אויפֿגעפּאַסט דעם „דיבוק“ מיט טיפֿער באַציונג צו דער היינטיקייט, ווי א ט ר א נ ג ע ד י ע פון ל י ב ע .(...) דער רעזשיסאָר האָט זיך באַצויגן מיט דרך ארץ צו אַנסקי׳ס מייסטערווערק: ער האָט אויפֿגעהיט די כאַראַקטערים-טישע שטריכן פון דער סאָציאַל-היסטאָרישער יידישער ווירקלעכקייט פון סוף 17-טן און אָנהויב 18-טן יאָרהונדערט, אין פּוילן, דאָרט האָבן געבושעוועט די ברוטאַלע פּוילישע שליאַכטע, די צעפּוילטע פּעאָדאַלן, און די יידן, דאָרטן, האָבן געהאַט צו ליידן א סך צרות און פּיין. מיט מאַקסימום עפֿעקט האָט דער רעזשיסאָר אויסגענוצט אין ספּעקטאַקל דעם מוזיקאַלישן, כאָרעגראַפֿישן און סצענאָגראַפֿישן עלעמענט (...) דער ספּעקטאַקל„דער דיבוק“, פאַרמאָגט שפּאַנונג, אינהאַלט, סביבה, טיפֿאַזש, קלאָרקייט, ליריק מיט טראַגיק, ארויסגעבראַכט מיט קינסטלערישער אויפֿריכטיקייט“.

ווען קאַרל גוצקאָווס „אוריאַל אַקאָסטאַ“, אויפֿגעפֿירט פון פראַנץ אוערבאַך, שרייבט די וואַרשעווער „פֿאָלקס שטימע“ פון 11 אַפּריל 1968: מיר ציטירן פֿאָלגנדע שורות: דער רעזשיסאָר פראַנץ אוערבאַך, האָט פֿאַרוואַנדלט אָט די קרוין-ראָלע-פּיעסע אין אַן אַנסאַמבל פּיעסע, אין וועלכער דאָס ליכט און שאָטן, ווערן פאַרטיילט צווישן אַלע געשטאַלטן“.

שטעלנדיק די ישראל קאָמעדיע „די כתובה“ פון אפרים קישון, אַן ערשטלינג ספּעקטאַקל פון באַרימטן ישראלדיקן שריפֿטשטעלער,— דראַמאַטורג, אין רומעניע, האָט „פראַנץ אוערבאַך, דער רעזשיסאָר פון קישונס חנעוודיקער „די כתובה“, לאַנגזאַם אויפֿגעוויקלט דעם אינטריגע-קנויל, אָן ביליקע עפֿעקטן האָט ער ארויסגעבראַכט דעם דינעם לויטערן שמייכל פון דער קאָמעדיע, וואָס פֿאַרווײלט דעם טעאַטער-עולם פונעם אָנהויב ביזן סוף“. (נייע פרעסע, פּאַריז, 5—6 סעפּטעמבער 1970).

פון דער היינטצייטיקער רומענישער דראַמאַטורגיע האָט פראַנץ אוערבאַך געשטעלט„דער דאָרפס דאָקטער“ פון קאָנסטאַנטין אוליערו: טודאָר מושאַטעסקוס „דער טרוים פון א ווינטערנאַכט“ האָריאַ לאָווינעסקוס „די קרעטשמע אויפֿן קרייצוועג“; אורעל סטאָרינס פּיעסע „די עפֿנטלעכע מיינונג„ די אָפּערעטע „אַנא לוגאָזשאַנאַ“ פון פּילארעט באַרבו:

ספּעקטאַקלען אויף רומעניש האָט ער געשטעלט אין די פֿאָלגנדיקע טעאַטערס, ווו ער איז אויך געווען דירעקטאָר טעאַטרול פּאָפּאָרולוי (פֿאָלקס-טעאַטער) בוקאַרעשט, טעאַטרול דע סטאַט פּעטראָשאַני (מלוכה טעאַטער פון באַרג-וועזן צענטער פּעטראָשאַני, אין מלוכהשן אָפּערעטן טעאַטער פון בוקאַרעשט. אויף דייטש אין טימישאָאַרער דייטשן מלוכה טעאַטער און לעצ-

טנס אויך אין דער דייטשער טעאטער סעקציע ביים רומענישן מלוכה טעאטער פון סיביו. א. גוטער ארגאניזאטאר און פעיקער רעזשיסאר האט ער דער־גרייכט גוטע רעזולטאטן, צוליב זיין פינקטלעכקייט, דיסציפלינירטקייט, מילד־קייט און ציכטיקייט, פאכמענישע צוגרייטונג איז ער געווען א ביישפיל פאר די קאלעקטיוון, וו ער האט אימפאנירט, דערוואָרבן לויב און ליבע.

אין די צוואנציק יאר זייט ער פירט אן דאס בוקארעשטער יידישע מלוכה טעאטער האט ער געלייזט שווערע פראבלעמען. באלד ווי עראיז נאמינירט גע־וואָרן ווי א דירעקטאר אין 1955, האט ער אנגעווענדט זיין גאנצע ענערגיע און ארגאניזאטארישע פעיקייטן כדי וואס גיכער פארענדיקן דעם נייעם בנין פון טעאטער. ער טוט דאס לויט א גענויעם פלאן. אין דער רעאליזירונג באטייליקט זיך דער גאנצער טעאטער פערסאנאל, איינגעשלאסן די שוישפילער און די דירעקציע. די פרייוויליקע ארבעט, די באגייסטערונג און דיסציפלין פונעם קא־לעקטיוו האט אנגעשטעקט אויך די בוי און אנדערע פאכארבעטער און אזוי ארום איז מיגלעך געוואָרן צו עפענען דעם נייעם בנין אין דעצעמבער 1956 צו פייערן 80 יאר יידיש טעאטער אין רומעניע.

נעמענדיק אין אכט די נויטווענדיקייט אין אן אקטיארשן נאכוווקס, שאפט ער, מיט דער הילף פון די מלוכה ארגאנען, א יידישע ט ע א ט ע ר — ס ט ו ־ ד י ע. די דעמאלטיקע סטודיאנטן ארבעטן שוין היינט אלס באגאבטע אק־טיארן, שפילן הויפט ראלעס, האבן זיך שוין קונה — שם געווען בארימט גע־מאכט אין לאנד און אין די טורנעען פון חוץ לארץ, געוואָרן א גלענצנדיקער נאכ־ווקס פארן יידישן טעאטער אין רומעניע.

פראנץ אוערבאך קאן די קונסט פון צוזאמענארבעט מיט מענטשן בכלל און צו טרעפן צו יעדן אקטיאר באזונדער. אָרדנס און מעדאלן ווייזן די אפשאצונג מצד דער מלוכה, פאר פראנץ אוערבאכס דרייסיק יאר טעאטראלע טעטיקייט.

געבוירן איז ער דעם 5־טן מערץ 1915.

שמואל (סאמועל) פישלערס

טעטיקייט אין יידישן טעאטער פון רומעניע

איך ווייס נישט וויפל ס׳איז לעגענדע אין דעם וואס מע דערציילט וועגן אים, אז אלס קינד, בעת דער ערשטער וועלט — מלחמה, פלעגן אים די רוסישע אפיצירן, ארומטראגן אויף די הענט, זיך געצאצקעט מיט אים, און באטראכט

ווי א וואנדערקינד צוליב דער שיינער שטימע מיט וועלכער ער פלעג זינגען רוסישע סאָלדאטן און פאָלקס-לידער.

וואָר איז אז סאמועל פישלער האָט אין אָנהויב פון די דרייסיקער יאָרן שיין געזונגען אין איינעם מיט אדעלא העכט, אין א דועט „מאָטעלע“, אין שמחה שווארצס קליינקונסט טעאטער „קאמעלעאָן“.

וואָר איז אז ער האָט זיינע מוזיקאלישע פעיקייטן, זיין שיינע טענאָר—שטימע, אויסגעבילדעט אין א בערלינער קאָנסערוואטאָריע פאר מוזיק, אז ער האָט געשפילט אין טשערנאָוויץ, טיף אין די דרייסיקער יאָרן. אין איינעם מיט מאוריציו סעקלער און בענאָ פאָפליקער, דייטשע פארסן, קאָמעדיעס, אויף דייטש.

אין 1940 ווערט סאמועל פישלער מיטגליד פון א ניי געשאפענער בריגאדע ביי דער טשערנאָוויצער פילהארמאָניע, א קונסט בריגאדע, אין איינעם מיטן באקאנטן רעציטאטאָר לייבו לעווין און די באגאבטע זינגערין בראָניא לעגער. ער טרעט אויף מיט דערפאָלג אין פארשיידענע שטעט פון לאנד און העלפט אויך פארשפרייטן יידישע מוזיק בעת די אויפטריטן פון דער קונסט בריגאדע.

צווישן די יאָרן 1941—1944 איז ער אויף דעפּאָרטאציע, איבערן בוג און ראטעוועט זיך על פי נס. קומט צוריק א צעבראָכענער, די גאנצע משפחה אומגעקומען. שאפט אן אמאטאָרן — גרופּע אין באָטאָשאני אין אין הארבסט 1944, קומט ער קיין בוקארעשט, ווו ער הייבט אָן זיין טעטיק אלס פּראָפעסיאָנלער שוישפּילער אין א רעווי — ספּעקטאקל „מזל טוב“, אין וועלכן ער איז אויך מחבר און הויפּט אקטיאָר. אינאיינעם מיט זיין פרוי סאָניא גורמאן — פישלער האָט ער גרויס דערפאָלג אין אברהם גאָלדפאדענס „שולמית“, סיי אין בוקארעשט סיי אין גאנצן לאנד.

מיט דער גרינדונג פון „איקוף“ טעאטער, אין 1948, וואָס איז אין זעלבן יאָר פארוואנדלט געוואָרן אין „בוקארעשטער יידישער מלוכה—טעאטער“, פארפולקומט שמואל פישלער זיין רייכע בינע — דערפארונג און מאכט אדורך אשטייגנדיקן קינסטלערישן וועג, וואָס פארזיכערט אים איינעם פון די ע ר ש ט ע ערטער אין קינסטלער אנסאמבל.

שמואל פישלער האָט געשאפן א גרויסע צאָל טיפּן, געשטאלטן, אין די דרייסיק יאָר זינט ער שטייט אין דינסט פון יידישן טעאטער. אויף דער בינע פון בוקארעשטער יידישן מלוכה — טעאטער האָט ער אנטפלעקט זיין קינסטלערישע באגאבונג, שפילנדיק מער ווי אכציק ראָלעס, יידישע און נישט יידישע פערסאָנאזשן, אין אלע זשאנערס, פון פארס, וואָדעוויל, קאָמעדיע, רעווי, דראמע און טראגעדיע.

מיר וועלן דערמאנען בלויז א קליינעם טייל פון דער געשטאלטן — גאַ-לעריי וועלכע סאמועל פישלער האָט אויסגעפורעמט, פּאַרקערפּערט, אין די יאָרן זינט ער איז אין בוקאַרעשטער יידישן מלוכה טעאַטער: דער אמתער קוני — לעמל פון אברהם גאָלדפאַדענס „צווייי קוני לעמלס"; יעקב, אין חיים סלאָווע-סעס „צען ברידער זענען מיר געווען", דיאַפּאָרים אין מאָליערס „דער איינגע-רעדטער קראַנקער"; פּיטשעם אין בערטאָלד ברעכטס „דריי גראָשן אָפּערע"; נעמיר אין י. ל. בּרוקשטיינס „נאַכטשיכט"; עוזר דער סופלער און נתן הכהן אין יעקב ראָטבאַומס „א גאָלדפאַדען חלום"; אָטאָ פראַנק אין „טאָג בוך פון אַנאַ פראַנק"; „הערשעלע דובראָוונער" אין יעקב גאָרדינס „גאָט,מענטש און טייוול"; פּאַנטאַלאָנע אין קאַרלאָ גאָלדאָנים „שנור און שווינער"; דער קאַ-פּיטאַן, אין ביכנערס „וואָצעק"; דע סילוואַ אין קאַרל גוצקאָווס „אוריאל אַ-קאָסטא"; מיראָפּאָליער צדיק אין אנסקים „דיבוק"; פּראָפעסאָר דאָקטאָר אין אַלעקסאַנדרו וואָיטינס פּיעסע „מענטשן וואָס שווייגן"; נתן דער חכם" אין דער פּיעסע מיטן זעלבן נאָמען פון ג. א. לעססינג; שימעלע סאַראָקער פון שלום עליכמס „דאָס גרויסע געווינס". חוץ דעם האָט ער זיך באַטייליקט אין כמעט אַלע פאָלקלאָר און מוזיקאַלישע ספּעקטאַקלען פון בוקאַרעשטער יידישן מלוכה טעאַטער.

אין די טורנעען איבער די גרענעצן, אין ישראל און אין די פאַראייניקטע שטאַטן פון אמעריקע און קאַנאַדע, האָט שמואל פישלער געשפּילט איינע פון די קרוין ראָלעס פון דער קלאַסישער יידישער דראַמאַטורגיע דעם מיראָפּאָליער צדיק. די פּרעסע האָט געלויבט שמואל פישלערס געשטאַלטיקונגס כח און קונסט. מיר וועלן זיך דערלויבן דערמאָנען א שטריך פון פישלערס קינסטלערישער אינדיווידואַליטעט: זיין אַקטיאָרישע אינטויציע, וואָס ווייזט אים דעם ריכטיקן וועג ביים אויספורעמען א ראָלע, זיין מעטאַלאַנע שטימע, גוטע, קלאָרע דיקציע, עקספּרעסיווקייט פון וואָרט, די פאַרשיידענע ריטמען וואָס ער באַנוצט,כדי ארויסצוברענגען די ווייכקייט, הארציקייט און פאַרביקייט סיי פון אנסקים מאָנומענטאַלער פיגור, דער מיראָפּאָליער צדיק,סיי פון שלום עליכמס שימעלע סאַראָקער פון „דאָס גרויסע געווינס". איזדי דערמאַנטע צווייי ראָלעס, האַלטן מיר, אז שמואל פישלער האָט אונדז געגעבן די מאָס פון זיין טאַלאַנט.

אין אונדזערע טעאַטער רעצענזיעס, וואָס מיר שרייבן שוין פון עטלעכע און צוואַנציק יאָר האָבן מיר פאַרצייכנט דעם קינסטלערישן וווקס אויך פון פישלערן. ניט נאָר מיין ווינציקייט נייערט אָנגעזעענע רומענישע פּאַבלייט ווי מיכנעא געאָרגיו, וויקו מענדרא, סאַראַ שטיין, מירא יאָסיף א. אנדי אָנער-

קענען שמואל פישלערס וואָגיקע קינסטלערישע לייסטונגען, זיין שוישפּילערישן טאַלאַנט.

דער קינסטלער סאַמועל פישלער אַרבעט ערלעך איבער יעדער ראָלע, איבער זיך, ער פאַרטיפט יעדע ראָלע, זוכט דאָס אינערלעכע לעבן פון פּערסאָנאַזש, וואָס ער פורעמט אויס אויף דער בינע.

זאָל מיר דערלויבט זיין צו ציטירן איניקע אָפּשאַצונגען, וועגן שמואל פישלערס שוישפּיל — קונסט, דערשינענע אין מיינע טעאַטער רעצענזיעס. אזוי למשל האָב איך געשריבן, וועגן פישלערס שפּילן בערל אייזיק, איינע פון די הויפּט — ראָלעס אין ווילי סאַווינס קאָמעדיע, לויט שלום עליכם, „פּיניטאַ לאַ קאָמעדיאַ“: ...שמואל פישלערס בערל אייזיק, דעם ביז משוגעת אין לעבן פאַרליבטן לופט — מענטש, רופט אַרויס מיטלייד, און סימפּאַטיע ביים צושויער. „(פאָלקס שטימע, וואַרשע“, 30 סעפּט. 1964.) וועגן דער ראָלע דאָדיע דער קרעטשמער, פון שלום עליכמס „דער פאַרכישופטער שניידער“, האָב איך געשריבן אַז „פישלער אַלס דאָדיע קרעטשמער, איז עפּעקטפול און קרעפּטיק“. (פאָלקס שטימע, וואַרשע, 21 אַפּריל 1965.) וועגן דער ראָלע „קאַפּיטאַן“ אין געאָרג ביכנערס „וואָיצעק“; ...אַז ער (פישלער — דער קאַפּיטאַן), איז אַ בייסנדיקע סאַרקאַסטישע ביכנער געשטאַלט, וועלכע העלפט צו דער גאַנצקייט פון ספּעקטאַקל. וועגן דעם אַכטן געשווירענעם פון רעגינאַלד ראָוז׳ס „צוועלף געשווירענע“: פישלער — דער אַכטער, איז דער מאָטאָר פון דער אידעע אין דער פּיעסע. ער פאַרמאָגט אַ סוגעסטיוון כח. דער פּערסאָנאַזש איז קינסטלעריש אויסגעפורעמט און רייסט מיט דעם עולם“. (נייע פּרעסע, פּאַריז, 5—6, פעברואַר 1966.) וועגן דער ראָלע יעקב פון חיים סלאָוועסעס „צען ברידער זענען מיר געווען..“ יעקב דער גלויביקער ייד וועלכער איז גובר דעם יאוש מיט אַ פאָלקסווערטל, איז געשטאַלטיקט מיט רייפע קינסטלערישע מיטלען. (פאָלק. שט. 24 אָקט. 1967). וועגן פישלערס דאַ סילוואַ אין קאַרל גוצקאָווס „אוריאל אַקאָסטאַ“: ...„ער האָט אונדז געגעבן אַלס דאַ סילוואַ, אַ טיפּ פון אַ געלערנטן, אַ דאָקטאָר אין פילאָסאָפיע, וועלכער האָט אַן אינטימע, וואַרעמע באַציונג צו די נייע אידעען, אָבער היט זיך צו שטעלן אין שאַרפער סתירה מיט די מנהיגים פון דער יידישער סביבה און מיט אירע גייסטיקע אָנפירער“ (פ. שט. 11 אַפּריל 1968.)

זיכער איז נתן אין לעסינגס „נתן דער חכם“, אַ קינסטלערישע מדרגה אָבער די בעסטע ראָלע פון שמואל פישלערס שוישפּילערישער קאַריערע, זיין קרוין — ראָלע איז שימעלע סאָראָקער פון שלום עליכמס אוצרדיקער קאָמעדיע „דאָס גרויסע געווינס“.

וועגן שמואל פישלערס אינטערפרעטאציע פון שימעלע סאַראַקער, שרייבן מיר; ...שימעלע סאַראַקער אינטערפרעטירט שמואל פישלער ווי אן אקטיאָרישע אינדיווידואליטעט. שימעלע איז זיין קרוין ראָלע. א הויכע מדרגה אין זיין קינסטלערישער קאריערע. סארא מעלות פארמאָגט זיין שימעלע סאַראַקער געשטאלט! פאַטערלעכע ליבע, פשטות, נאַטירלעכקייט, ליבע צו עמך, ליריש אין זיין אינטימיטעט און דערפאר אזוי ליב, נאָענט, דעם צושויער".

כדאי צו דערמאנען די יאָרנלאנגע טעטיקייט אלס רעזשיסאָר פון אמאטאָרן — שוישפילער גרופעס. אייניקע פון זיינע אמאטאָרן, אויסגעבאָוועט פון אים, זענען היינט פראפעסיאָנעלע אקטיאָרן, אין פארשיידענע מלוכהשע טעאטערס אין סאָציאליסטישן רומעניע. פאר אָט דער אר בעט זיינער האָט פישלער באקומען אן אויסצייכענונג „פארדינסטפולער קונסט — טוער" און געלט פרעמיעס.

סאמועל פישלער איז אן ערשטקלאסיקער אקטיאָר ער איז א גוטער מנגן, א שילער פון פיניע ספעקטקאָר, דער בארימטער קאָמפּאָזיטאָר פון יידישער ליטורגישער מוזיק און חזן, העלפט אים דאָס ארויס אין זיינע מוזיקאלישע אינטערפרעטאציעס, וועלכע באקומען א באזונדערן חן, טעם.

די סאָציאליסטישע רעפובליק רומעניע, האָט אלס אָנערקענונג פאר שמואל פישלערס קינסטלערישע לייסטונגען, אים באלוינט מיט מעדאלן און אָרדנס.

אין דעם פערטל יאָרהונדערט, וויפל איך בין געווען אן אקטיווער פראָפעסיאָנעלער שוישפילער האָב איך מער ווי צוואנציק יאָר, געארבעט אין דעם זעלבן שוישפילער אנסאמבל מיט פישלערן, אין בוקארעשטער יידישן מלוכה — טעאטער. זאָל מיר זיין דערלויבט צו דערגאנצן אייניקע שטריכן צום פּאָרטרעט פון קינסטלער שמואל פישלער.

ער איז א פילזייטיקער שאפער, א דיסציפּלינירטער, געוויסנהאפטער אקטיאָר מיט א גרויסן רעזערוו ענערגיע און מיט א זייער גוטן זיכרון.

אברהם — יצחק ניימארק

געבוירן איז ער אין שידלאָוויעץ, ראדאָמער פּאָוויאט, פּוילן, דעם 24-טן פעברואר 1920, ביי האָרעפּאשנע עלטערן. אין 1922 ציען זיך איבער די עלטערן קיין ווארשע, און ווען זייער אברהם — יצחק ווערט 6 יאָר אלט, ווערט ער א שילער אין דער תלמוד — תורה אויף שליסקע 43.

די ערשטע פֿאָרשטעלונג פֿון אַ פּראָפֿעסיאָנעלן טעאַטער, זעט ער אין 1929, אין „קאַמינסקי — טעאַטער" אויף אַבאַזשנע 4. ס'איז געווען פּורים — צייט האָט מען געשפּילט אַבֿרהם גאָלדפֿאַדענס „קעניג אַחשורוש". סאַראַ פֿרייד אויף די קינדער, ווען זיי האָבן דערזען, די מגילה העלדן. לעבעדיקע, —

...דעם אַנדערן טאָג, דערציילט אַבֿרהמל זיינע מיטשילער דאָס טעאַטער — שפּיל און די קינדער לאַכן, באַמערקן נישט, אַז דער מלמד איז אַריינגעקומען און קוקט זיך צו, וואָס עס געשעט.

— קום נאָר אַהער, אַבֿרהמצע, טוט דער מלמד אַ שריי אויף אַ קול, און בעת די קינדער לויפֿן אויף זייערע פּלעצער, נעמט ער אַריינצימבלען דעם קאָמעדיאַנטשיק אַבֿרהמל, אָבער אַזוי אַז ער זאָל געדענקען...

— רעבע, עס טוט וויי, שרייט און וואַרפֿט זיך דאָס צאַרטע יינגעלע אַבֿרהמל.

— דערפֿאַר שלאָג איך דיך דאָך, סע זאָל דיך וויי טאָן, ענטפֿערט דער מלמד און דערלאַנגט אים ווייטער מיטן קאַנטשיק.

...אויף דעם קינדס ווײ — געשרייען, עפֿנט זיך די טיר און עס קומט אַריין אַבֿהמרלס פֿאָטער:

— ...אַזוי הייסט עס לערנט איר מיט די קינדער... מוחל... קיין רבֿ וועט ער סיי ווי סיי נישט ווערן... און דער פֿאָטער ווישט אָפּ די טרערן פֿון די פֿאַרוויינטע אויגן, דאָס פּנים, פֿון זיין שוואַך יינגעלע און פֿירט אים אַוועק אין דער יידישער פֿאָלקס שול אויף טוואַרדע 22.

אַ לעבנלאַנג וועט ער דערמאָנען מיט ליבע און אַכטונג, די לערערינס הערצליך און די שריפֿטשטעלערין קאַדיע מאָלאָדאָווסקי, דעם פּאַרוואַלטער פֿון דער פֿאָלקס — שול נתן סמאָליאַר. היות אין שול זענען עטלעכע קינדער, פֿיזיש שוואַכע, האָט נתן סמאָליאַר זיי באַזאָרגט מיט פּלעצער אין דער בונדישער „מעדעם — סאַנאַטאָריע" פֿון מעדזעשין, לעבן וואַרשע, צו צוויי חדשים יערלעך, עטלעכע יאָרן נאָכאַנאַנד. אַבֿרהם ניימאַרק איז געווען איינער פֿון די קינדער און דערמאָנט די גוטע מעדיצינישע און פּעדאַגאָגישע באַהאַנדלונג פֿון פּראָפֿ. בראָמבערג, לערער „באָמקע" א. אַנד. פֿון דער סאַנאַטאָריע.

אויף איינער פֿון די ליטעראַריש — קינסטלערישע נאָכמיטאָגן אין דער פֿאָלקס — שול, אין וועלכע ניימאַרק פֿלעגט זיך באַטייליקן מיט רעציטאַציעס, איז אָנוועזנד געווען דער באַרימטער יידיש — דייטשער קינסטלער אַלעקסאַנדער גראַנאַך, וועלכער האָט צום סוף, באַגריסט די שול — אָנפֿירונג און די שילער וועלכע האָבן זיך באַטייליקט אין דעם געלונגענעם פּראָגראַם.

דער אקטיאָר א. ניימארק דערמאנט זיין טעטיקייט אין דראמאטישן קרייז, וועלכן ס'האָט אָנגעפירט משה ווײדע, און ווייזט אָן אויף דעם ערנסטן, ליטעראַרישן רעפּערטואר פון דעם דראמקרייז אין וועלכן ער האָט געשפּילט פאַראַנטוואָרטלעכע ראָלעס. אין ל. קאָברינס „דאָרפס יונג" האָט ניימארק געשפּילט „יאנקל בוילע"; אין א. קושנירעוו'ס „הירש לעקערט" — די טיטל — ראָלע, א. אנד.

אין 1939 טרעט ניימארק אריין אין ווארשעווער „יוגנט — טעאטער", וווּ ער שפּילט אַן עפּיזאָד אין דער פּיעסע „באָסטאָן" (דאָס לעבן פון סאקאָ און וואנצעטי).

די נאַציס באַפאַלן פּוילן און ווי א סך אנדערע, פאַרלאָזט ער ווארשע און באזעצט זיך אין מאזיר — ווייסרוסלאנד.

דאָ ווערט ער אויפגענומען אין „רעגיאָנאַלן דראמאטישן טעאטער", וווּ ער שפּילט פאַרשידענע ראָלעס ווי: שמאנא אין א. אָסטראָווסקי'ס „אומשולדיק שולדיק", דעם מיליטערישן פּראָקוראָר אין שאנדאָר געררגעלי'ס פּיעסע „מיין זון".

די היטלערישע חילות אטאקירן דעם סאָוועטן — פאַרבאנד און ניימארק ווערט מאָביליזירט אויף ארבעט. אָנהויב 1942, קומט ער אָן קיין סווערדלאָווסק. אין די ווייניקע, פרייע שעהן, פירט ער אָן א רוסישן דראמאטישן קרייז און טרעט ארויס מיט רעציטאציעס. אזוי שטילט ער זיין איינגעבוירענעם דורשט צום טעאטער.

אין 1945 קומט ניימארק קיין רומעניע און באזעצט זיך אין יאס, וווּ ער הייבט אָן ווידער שפּילן יידיש טעאטער, אין א טרופּע מיט שפרה גאָלדענבערג, בנימין סאַדיגורסקי און אנדערע.

אין יאָר 1947 טרעט ער אריין אין דער נייער טרופּע, וועלכע עס שאפט די יידישע געזעלשאפטלעכקייט פון יאס-(מאָלדאָווע). אין נייעם אנסאמבל איז זשעני זעלצער רעזשיסאָרין און עס קומען צו נייע כוחות, ווי שלמה פרידמאן, פאַרדינסטפולער שוישפּילער, היינט אויף עמעריטור, זיין פרוי, און אנדערע.

דער רעפּערטואר איז א ליטעראַרישער. אין ש. עליכמס איינאַקטערס, מיט וועלכע די טרופּע הייבט אָן איר טעטיקייט, שפּילט ניימארק אין „מענטשן" דניאלן, אין „מזל טוב" רעב אַלטער, און אין אברהם גאָלדפאַדענס די קאַפּריזנע כלה" — הונגערמאַנען.

סוף 1949 ווערט ניימארק אויפגענומען אין ניי — געגרינדעטן „יאסער יידישן מלוכה — טעאטער", די נייע, פאַרשידנאַרטיקע פּיעסן, דער רעפּערטואר מיט א ברייטן פאַרנעם, פאָדערט א גרויסן קאָלעקטיוו, אקטיאָרן.

איזאַ שאַפּירא, וועלכער איז דירעקטאָר און הויפּט — רעזשיסאָר פּו־נעם טעאַטער, ציט צו עלעמענטן פון די אַמאַטאָרן קרייזן און מיט זיי, מיט די פּראָפּעסיאָנעלע אַקטיאָרן, שטעלט דאָס טעאַטער אַכציק פּיעסן קאָמע־דיעס, דראַמען, עסטראַדע — און קליינקונסט — ספּעקטאַקלען, פּופּן־שפּילן.

פון אָט דעם צוזאַמענגעגאָסענעם אַנסאַמבל, שיילן זיך אויס אייניקע יונגע שוישפּילער. פון זיי איינער, אברהם ניימאַרק. דער רעזשיסאָר שאַפּירא פּאַר־טיילט אים אין כמעט אַלע פּיעסן, און אַרבעט אויס מיט אים פאַרשיידענע ראָ־לעס, אויף אינטענסיווע, אינטערעסאַנטע פּראָבעס.

דער רעזולטאַט איז: גלייך פון די ערשטע ראָלעס „יידל טאָרבע" אין שלום עליכמס „דער אוצר", אנדרעי באַלעא אין אורעל באַראַנגאַס „ווילדגראָז" און דעם געלט — גיריקן פּראָצענטניק קלטן אין משה גערשענזאָנס „הער־שעלע אָסטראָפּאָליער", באַמערקן די טעאַטער — רעצענזענטן אין דער פּרע־סע אַז: „אין זיין אינטערפּרעטאַציע ווייזט ניימאַרק אַרויס באַזונדערע באַגאַ־בונג אין אויספורעמען טיפּישע פּערסאָנאַזשן".

פון דער רייכער גאַלעריע טיפּן, וועלכע ניימאַרק האָט געשאַפן אין די צוואַנציק יאָר, וועלכע ער האָט געווידמעט דער יידישער בינע פון רומעניע, וועלן מיר ציטירן אַלס ביישפּיל, אַ קליינעם טייל נאָר פון די פאַרשיידנאַרטיקע פּערסאָנאַזשן:

דעם תמימותדיק־האַרציקן סענדערל — די יידענע פון מענדעלע מוכר ספרים „מסעות בנימין השלישי", און דעם פלינקען שייקע קומענקערער פון אָסיפּ דימאָוס „דער זינגער פון זיין טרויער", דעם בלוטיק — ברוטאַלן גאַו־לייטער ראָגע אין טור און שייגינס „ווער איז דער בעל הבית פון דער צייט" און דעם עכטן מענטש און געלערטן פּראָפעסאָר פּאַלעזשאַיעוו פון ראַכמאַ־נאָווס פּיעסע „אין אומרויקע עלטער", דעם דראַמאַטיש — קאָמפּלעקסן הער־שעלע דובראָוונער פון. גאָרדינס „גאָט, מענטש און טייוול", און דעם גראָ־טעסקן מאַרקיז דע פיליפּאַטאַלי פון קאַרלאָ גאָלדאָנים „די בעל אכסניהטע", דעם נאַיוון האַרציקן פּאָלקס — מענטש שמעון אלי פון שלום עליכמס „דער פאַרכישופטער שניידער" און דעם פינצטערן בעקמאַן אין דירענמאַטס „פראַנק דער פיפטער". אין זיינע פּערסאָנאַזשן, ציגישע צי גראָטעסקע, ברוטאַלע צי סאַטאַנישע, אַדעליקע צי פּאָקלס — מענטשן הויכט ער אריין עפּעס אייגנאַר־טיקס, זיינע געשטאַלטונגען זעגען מעטשלעכע, באַוועגלעכע, עקספּרעסיווע.

ניימאַרק איז אַ באַטייטיקער כאַראַקטער און קאָמפּאָזיציע — אַקטיאָר, וועל־כער שטרעבט צו קינסטלערישער שלמות.

אין יאסער יידישן מלוכה — טעאטער, וואו ער האָט געאַרבעט ביזן צו־נויפגום פון ביידע טעאטערס — האָט אברהם ניימארק באקומען די מיגלעכקייט צו שטעלן אייניקע ספּעקטאַקלען ווי: ב. לאווּרעניעווס „די שטים פון אַמעריקע", י. ל. ברוקשטיינס „נאכטשיכט", גאַרבאַטאָווס „די יונגט פון די עלטערן", „30 זילבערשטיק" פון האווארד פאסט און אין איינעם מיט רחלע העלערשאפּירא, אפינאָגענאָווס „מאשענקא".

ניימארק באטייליקט זיך אין די ליטעראַרישע פּרימאָרגנס וועלכע דאָס בוקארעשטער יידישע מלוכה — טעאטער אָרדנט איין יעדן זונטיק פאַרמיטאָג.

פאר זיין יאָרנלאַנגער טרייער דינסט דעם טעאטער פון רומעניע, האָט אים די מלוכה, אין 1954 און 1956, אויסגעצייכנט מיט מעדאלן און אָרדנס.

אדריאן לופו

אָט איז ער: א מיטלוווּקסיקער, א מאָגערער די אויגן, דאָס פּנים אויסדרוקספול, שוואַרץ — געקרייזלטע שיטערע האָר, רעדט מיטן גאַנצן הארצן.

זיין וווינונג — א געראַמע, אין איינעם פון די נייע קוואַרטאַלן פון דער הויפּטשטאָט, וווּ עס האָבן זיך איבעריקנס איינגעאָרדנט אין עטלעכע וווינונגען, דאָס רוב אַקטיאָרן און אנדערע מיטגלידער פון קאָלעקטיוו פון בוקארעשטער יידישן מלוכה — טעאטער.

אין איינעם פון די דריי גראַמע צימערן, זיין ארבעטס — צימער, פול מיט ביכער: יידישע, רומענישע, פראנצייזישע. אָט די דריי שפּראַכן, וועלכע ער באהערשט. פון פראנצייזיש האָט ער איבערגעזעצט אויף רומעניש דריי פּיעסן. ביי זיין לאַנגן ארבעט — טיש זיצט ער יעדע פרייע שעה און ווען ער איז נישט פארנומען פּראָפעסיאָנעל, לייענט ער ביז נאָך האלבער נאכט, לייענט און פאַרצייכנט.

זיין זיידע איז געווען א למדן און דער פאָטער א לייענער און ליבהאָבער פון יידישער ליטעראַטור, פון פאַך אַן אָנגעזעענער מעדיקער. אדריאן, זיין בן־יחיד, איז געבוירן געוואָרן אין בוקאַרעשט דעם 9־טן דעצעמבער 1940. נאָכן פאַרענדיקן די מיטלשול, האָט ער זיך געלערנט די דראַמאַטישע קונסט אין קלאַס פון פּראָפעסאָר ראדו בעלינאַן, אין אינסטיטוט פאר טעאטער — און קינעמאַטאָגראַפישער קונסט פון בוקארעשט, וועלכן ער פאַרענדיקט אין יאָר 1962.

ווי אן אקטיאָר שפּילט ער איי‌ניקע יאָר אין די מלוכהשע טעאַטערס פון רעשיצא און קאָנסטאנצא, און אין 1965, ווערט ער אויפגענומען אין בוקארעשטער יידישן מלוכה — טעאַטער. דאָ צייכנט ער זיך אויס אין פארשיידענע ראָלעס. אין קלאַסישן יידישן רעפּערטואר שפּילט ער: חנן אין ש. אנ — סקים „דער דיבוק"; דעם פרוש אין פּרצס „ביינאכט אויפן אלטן מארק" (אדאַפּטאציע און רעזשי איזאָ שאַפּירא) — ראובן — אין גוצקאָווס „אוריאל אקאָסטא"; חוזק, אין משה גערשנזאָנס „בעלעמער חכמים". פון דער מאָדערנער דראמאטורגיע: בארנאבי אין טאָרנטאָן אואילערס „שדכנטע"; פון רומענישער דראמאטורגיע: דאָס יינגל אין, דער גייסטרייכער הינטערקוליסן — פּארס „די נקמה פון א סופליאָר" פון וויקטאָר יאָן פּאָפּאַ: דעם פויער וואָלף אין י. ל. ברוקשטיינס פּיעסע וועגן בעל — שם א״נ „באגעגעניש אויפן שפּיצבארג" און דעם יונגן בעטלער אין ה. לייוויקס „דער גולם" און אנדערע ראָלעס.

אין איזאָ שאַפּיראס רעזשי שפּילט אדריאַן לופּו דעם פרוש אין פּרצעס „ביינאכט אויפן אלטן מארק". עס האָט זיך איינגעקריצט אין זכרון די אינטערעסאנטע, פארבנרייכע געשטאלט פון דעם פּרצישן פּערסאָנאזש אין משה גערשנזאָנס „בעלעמער חכמים", צירעלעס געליבטער חוזק-נאר. אָט די ראָלע האָט געשפּילט דער יונגער, באגאבטער שוישפּילער אדריאַן לופּו מיט ליבשאפט און געצוימטקייט. זיין שפּיל איז פון ראָמאנטישן שניט. די ליבע — סצענע מירעלע — חוזק — נאר, כאָטש מיטן נאכט, איז געווען פול מיט זון!

די רומענישע פּרעסע, ווי די אויסלענדישע, בעת די טורנעען אין ישראל און אין די פאראייניקטע שטאַטן פון אמעריקע, קאנדע, האָט זיך ווארעם אָפּגערופן און אונטערגעשטראָכן די וואָגיקע ראָלעס, וואָס אדריאַן לופּו האָט אויסגעפירט מיט באגאבונג.

מיטן צוועק צוצוגרייטן א יונגן רעזשיסאָרישן קאדער, באקומט ער די אויפגאבע צו שטעלן עטלעכע עקספּערימענטאלע ספּעקטאקלען, געבויט אויף לידער, באלאדעס פון אונדזערע גרויסע ה. לייוויק, משה לייב האלפּערן, איציק מאנגער, משה נאדיר און אנדערע.

אין 1970 ווערט אדריאַן לופּו אויפגענומען אין די אויסער — אוניווער — סיטעטס — קורסן פאר טעאַטער — רעזשי, ווו ער האָט אלס פּראָפעסאָר דעם באקאנטן קינסטלער — רעזשיסאר ראדו פּענטשיולעסקו. בעת די דריי — יאָריקע שטודיען שטעלט אדריאַן לופּו, מערערע ספּעקטאקלען אין אינסטיטוט און ווי א דיפּלאָם — ארבעט — אלבערט קאמיס „די מיטפארשטענדעגויש", אין 1972 יאָר.

ווי א שטענדיקער רעזשיסאָר פון יידישן מלוכה — טעאַטער האָט ער געשטעלט אַן עקספּערימענטאַלן גאָרדין — ספּעקטאַקל „הערשעלע דובראָווּנער“. א מוזיקאַליש — פּאָעטישן מאָנטאַזש לכּבֿוד דעם 30-סטן יאָרטאָג פון רומעניענס באַפרייונג פון אונטער די פאַשיסטישע מושלים, אין וועלכן ער האָט געלייגט אַכט אויף דעם לאָגישן זין פון פערז און דער דראַמאַטישער דינאַמיק פון נאַנצן מאָנטאַזש — ספּעקטאַקל“.

די לעצטע ספּעקטאַקלען, וואָס אַדריאַן לופּו האָט געשטעלט אין יידישן מלוכה — טעאַטער, זענען: „דער יחוס“ פון לוטשיא דעמעטריוס און „טביה דער מילכיקער“. וועגן טביהן, איינס פון די סובטעלסטע שלום — עליכעם — ווערק, געשטעלט דורך א. לופּו, האַלט איך, אַז דער רעזשיסאָר אַדריאַן לופּו האָט דערפילט דעם דופּק פון שלום עליכעמס קונסט — ווערק און די סצענישע פאַרקערפּערונג, דורכגעפירט מיט אויסגעהאַלטנקייט. ער האָט נישט גענומען ערנסט די מעלאָדראַמאַטישע זייט פון דער פּיעסע, זיך נישט געלאָזט פאַרפירן פון די „האַרצרייסנדיקע“ באַנאַל — סענטימענטאַלע מאָמענטן, נאָר געזוכט דאָס וועזנטלעכע, דאָס באַשטייענדיקע און אין א געוויסער מאָס באַקומען קאָלאָריט, סביבה, סטיליזירטע קאָמפּאָזיציעס, סימפּאַטישע, האַרפּאַשנע מענטשן און וויניק באַטאָנט דעם אינדיווידועלן שוישפּילערישן מאָמענט.

אברהם בערקאָוויטש

דער אַקטיאָר, רעזשיסאָר און פּעדאַגאָג

אַן אָפּטער גאַסט אַלס רעזשיסאָר איז אין ווינטער 1929 געווען אויף די אימפּרעזעס פון דער בוקאַרעשטער קולטור — פעדעראַציע און אין אירע אָפּטיילונגען איבער רומעניע, א געזונטער חנעוודיקער, ליבלעכער מענטש — דער אַקטיאָר אברהם בערקאָוויטש. ער האָט דערגרייכט א היפּשע פּאָפּולאַריטעט צווישן די יונגטלעכע ניט נאָר דורך די געראָטענע בינע געשטאַלטן, וואָס ער האָט געשאַפן, נאָר אויך אַלס רעזשיסאָר אויף די ליטעראַריש — קינסטלערישע אימפּרעזעס, באַזונדערס אין בוקאַרעשטער טעאַטער — זאַל „באַראַשעום“, וו א חוץ די פּראָגראַמירטע נומערן זיינע פלעגט ער מוזן געבן „צוגאָבן“ פון משה קולבאַק, פּרץ מאַרקיש, איציק פעפער, ש. האַלקין, דוד האָפשטיין און דערמיט געהאָלפן זיי צו פּאָפּולאַריזירן אין לאַנד.

מען מעג רעדן פון אברהם בערקאָוויטשעס רעציטאַציע קונסט, פון זיין צוציונגסקראַפט, פון דעם יראת — הכבוד, מיט וועלכן ער האָט זיך באַצויגן

צו די מחבדים, צו זייערע ווערק, וועלכע ער האָט פאָרגעטראָגן. אברהם בער־קאָוויטשעס רעציטאַציע — קונסט אין יענע שווערע יאָרן האָט גערירט פיינע סטרונעס פון דעם צוהערערס נשמה, און די פון אַן אינערלעכן פייער דורכגעגליטע דיכטערישע געדאנקען, בילדער, האָט ער אזוי לעבעדיק איבערגעגעבן, אז דער תוך זייערער, האָט געוועקט און גערופן, געהאט א ברייטן אָפּקלאַנג ביי די הונדערטער צוהערער זיינע. ער כאַן וועגן רעציטאַטאָר בערקאָוויטש.

וועגן דעם אַקטיאָר אברהם בערקאָוויטש וועל איך פארצייכענען די מאָמענטן און קינסטלערישע לייסטונגען זיינע, וועלכע איך געדענק. די פרעסע פון רומעניע האָט אויך נישט פארשוויגן דעם ראָבוסטן, באטייטיקן טאַלאַנט זיינעם, זיין ערנסטן צוגאַנג צו ראָלעס, צו דער אַקטיאָרישער פּראָפעסיע בכלל, זיין דורכגעטראַכטע און דורכגעפילטע אינטערפּרעטאַציע.

יעקב שטערנבערג, דער אַגיטאַטאָר און באַנייער פון יידישן טעאַטער אין רומעניע צווישן די יאָרן 1917 — 1940, האָט אין 1929 מיט זיין ניי געשאַפענער „בוקאַרעשטער יידישע טעאַטער — סטודיע“ ב. י. ט. ס. און מיט שטעלונגען ביי פארשיידענע טרופּעס דערצויגן אָדער משפּיעה געווען כמעט א דור יידישע שוישפּילער לויט די פאָדערונגען פון דער מאָדערנער טעאַטער — קונסט.

צווישן די ענטוזיאַסטישע מיטאַרבעטער פון שטערנבערגס טעאַטער — סטודיע זענען געווען א חוץ די שוין באַקאַנטערע אַקטיאָרן ווי דוד ליכט (היינט באַרימטער אַקטיאָר און רעזשיסאָר), רות סארי, די באַגאַבטע אַקטריסע פון פּויליש — יידישן מלוכה — טעאַטער, יעקב גלעזער, הירש לעוויטאַס, ראָזאַ אָלשאַנסקאַ, אויך די יונגע, באַגאַבטע אַקטיאָרן פון רומעניע ווי: אברהם און שמואל בערקאָוויטש, שלום שיינבוים (באַקאַנט אויך אלס פליסיקער זאַמלער פון יידישן פאָלקלאָר אין רומעניע), משה גערשנזאָן און סימי (שמחה) ווײַנשטאָק, וועלכער האָט טראָץ זיין שווערער מאַטעריעלער לאַגע פרייוויליק מיטגעהאָלפן דער ארבעט פון דער יאַסער קולטור — ליגע (פּרעזיזער, מיר געהאָלפן ביי דער ארבעט מיטן דראַמאַטישן קרייז, וועלכן איך האָב אָנגעפירט אין זומער און ווינטער 1929 און אויך שפּעטער).

אברהם בערקאָוויטש האָט פארנומען אַלע מאָל אַן אָנגעזעען אָרט אין שטערנבערגס טעאַטער — עקספּערימענטן. אָט דערמאַן איך זיך למשל אין „טעאַטער מיט זיבן בענקלעך“, אָן דעקאָרן, אָן אָרקעסטערעס און ליכט-עפעקטן, אָבער מיט פיינע שטים-מאָדולאַציעס, געפיל — ניואַנסן, טיט טעמפּעראַמענט, האָבן די אויבן דערמאַנטע אַקטיאָרן אויסגעשפּילט יעדע געשטאַלט, אויסגעפירט א פּראָגראַם פון הויכער קענסטלערישער קוואַליטעט, וועלכעס איז באַשטאַנען פון כאָר — רעציטאַציעס און סצענעס, לויט טעקסטן פון דוד

האָפּשטיין, א. לוצקי, י. ל. פּרץ, שלום עליכם און אנדערע. די רומעניש — דעמאָקראַטישע פּרעסע האָט מיט שבחים געשריבן וועגן אָט דעם אויפטו פון י. שטערנבערג און וועגן די אַקטיאָרישע לייסטונגען.

כדאי צו דערמאנען, אז דער ענטוזיאַסטישער אברהם בערקאָוויטש איז געווען א מיטגרינדער פון „ביטס" און זיך באַטייליקט מיט וואָגיקע ראָלעס אין אַלע אויפפירונגען פון דער סטודיער אין 1924 איז אויף י. שטערנבערגס רעקאָמענדאַציע און אויך אונטער זיין רעזשי, צוגעצויגן און דערצויגן געוואָרן א גרופּע שוישפּילער — אמאַטאָרן פון די קולטור — ליגעס איבערן לאַנד, פון וועלכע דאָס רוב זענען שוין פאַרבליבן און זיך אַנטוויקלט אַלס גוטע פּראָפעסיאָנעלע אַקטיאָרן. צווישן זיי איז געווען דער באַגאַבטער, ערנסטער אברהם בערקאָוויטש. שפּעטער איז צוגעקומען אויך זיין ברודער שמואל בערקאָוויטש מיטן קינסטלערישן פּסעוודאָנים בערקאָוו. צוערשט אין דעם „טעאַטער פון דראַמע און קאָמעדיע" (די פאַרגעזעלשאַפטלעכטע „ווילנער טרופּע") שפּעטער אין פאַרשידענע טעאַטער — אַנסאַמבלען, וווּ שטערנבערג האָט רעזשיסירט. צווישן די יאָרן 1924 ביז 1940 איז אברהם בערקאָוויטש אויפגעטראָטן אויך אין די גאַסטשפּילן פון ביי אונדז זייער פּאָפּולערן יוסף בולאָוו, צילי אַדלער, פּאָול באַראַטאָוו, נעלי קעסמאַן, און פאַרנומען אַן אָנגעזעען אָרט אין דער טרופּע פון דער באַליבטער קינסטלערין אין רומעניע — סידי טאַל.

איך געדענק בינע — געשטאַלטן פון אברהם בערקאָוויטש קאַריערע, שוישפּילערישער טעטיקייט. אין יוסף בולאָווס גאַסטשפּילן מיט „פּעריפעריע" האָט בערקאָוויטש געשפּילט דעם ריכטער; אין „קיביצער„ — צוויי ראָלעס. אין „דער זינגער פון זיין טרויער„ צוויי וואָגיקע ראָלעס „סאָלאָמאָנטשיק און דעב וואַסערטרעגער; דעם אַקטיאָר און „שמשון און דלילה„, עטלעכע ראָלעס אין שטערנבערגס קליינקונסט — ספּעקטאַקל „קאָליברי".

אין די פאָרשטעלונגען פון פּאָול באַראַטאָוו האָט אברהם בערקאָוויטש געשפּילט: דעם דאָקטער אין סטרינדבערגס „פאָטער", יאָשקע אין „מאָשקע חזיר„ פון י. ד. בערקאָוויטש, פּיניע אין „דער פרעמדער" פון י. גאָרדין, שלומקע און דעם רב אין „גאָט פון נקמה" פון שלום אש, אין נעמיראָוויטש דאַנטשענקאָ'ס „פּרייז פון לעבן" און אַנדערע. אין שטערנבערגס און משה אַלטמאַנס רעווי — ספּעקטאַקל „ס'קאָצל קומט„ שפּילט בערקאָוויטש „דעב סופליאָר„ און „פּאָפּוגיי", און פאַרשיידענע עפּיזאָדן אין דער רעווי „ראָזשינקעס מיט מאַנדלען" פון די זעלבע מחברים, אין אַן אַנסאַמבל צוזאַמען מיט די באַקאַנטע שוישפּילערס ניגאַ זלאַטאַיאַ און זשעני ישמילאָוויטש. (לאַוויטש)·

צווישן די יאָרן 1935—1940 שפּילט א. בערקאָוויטש אין דער טרופּע, אָנגעפירט פון דער קיסטלערין סידי טאַל, פאָלגנדיקע ראָלעס: דאָדי, דער קרעטשמער, אין „פארכישופטן שניידער", און האָלאָוועשקע, דער גאַראָדאָוואָי, אין שלום עליכמס „דער אוצר", דעם אדוואָקאט מארק אין „קאָרפּוס דעליקטי" (לויט י. גאָרדינס „כאסע פון קאראטשיקראק), דע-סילוואן אין מלאכס „געלן שאָטן" (אלע דריי באארבעט און אויפגעפירט פון י. שטערנבערג), ווי אויך אין י. שטערנבערגס רעווי — ספּעקטאַקל „טעאטער אין פלאמען" און פארשיידערע ראָלעס אין זיין צייטוויייליקער מיטארבעט אין נעלי קעסמאנס טרופּע און אין אנדערע טעאטער — אנסאמבלען.

פון דער יידישער פּרעסע אין סאָוועטן — פארבאנד זענען צו מיר דערגאנגען ידיעות וועגן אברהם בערקאָוויטשעס פּראָפעסיאָנעלער טעטיקייט צווישן די יאָרן 1941—1949. ער האָט געשפּילט אין יידישן מלוכה — טעאטער פון קעשינעוו אין דער עוואקואציע, ביי דער טאשקענטער פילהארמאָניע, אין אן עסטראדע — בריגארע בראש מיט סידי טאַל; בעת דער צווייטער וועלט — מלחמה ארומגעפאָרן איבערן לאנד, געשפּילט אויך אויף רוסיש פאר פארוואונדיקטע רויטארמייער. נאָך דער מלחמה — לויט די רעצענזיעס און אינפאָרמאציעס אין דער פּרעסע — האָט אברהם בערקאָוויטש געשפּילט אין מאָטל סאקציערס און הערץ ריווקינס רעווי „שונאים אויף צו להכעס„ אינאיינעם מיט סידי טאַל. אין די יאָרן 1949—1948, שפּילט בערקאָוויטש אין דער רעווי „געוואונטשענע געסט„ פון הערץ ריווקין, צוזאמען מיט נינא זלאטאיא, אדאָלף טעפּנער און אנדערע. נאָך 1949 ווייסן מיר נישט מער פון דער פּרעסע וועגן אברהם בערקאָוויטשעס בינע — טעטיקייט.

פון נאָענטע פריינד האָב איך זיך דערוווסט, אז ער האָט אָנגעפירט פארשיידענע אמאטאָרן — טרופּעס אלס פּעדאגאָג און רעזשיסאָר, צווישן די יאָרן 1949.—1962 פאר אָט דער גוטער ארבעט האָט אברהם בערקאָוויטש באקומען אויסצייכענונגען מצד דעם קעשינעווער שטאָט — ראט. לויט די לעצטע ידיעות האָט ער מיט ליידנשאפטלעכער איבערגעגעבנקייט און ענטוזיאזם, מיטגעארבעט אלס פּעדאגאָג און רעזשיסאָר אין דער קעשענעווער יידישער מוזיקאליש — רדאמאטישער סטודיע.

ווי א דונער האָט געטראָפן די יידישע טעאטער — משפחה פון רומעניע די ידיעה וועגן זיין פּלוצימדיקן טויט, דעם 7-טן יולי 1967 אין קעשעניעוו.

דער אקטיאָר אברהם בערקאָוויטש האָט א לעבנלאנג, מיט ליידנשאפט און ברען, ביי די שווערסטע מאטעריעלע באדינגונגען, אוועקגעגעבן דער יידי-

שער בינע, דעם קינסטלערישן יידישן וואָרט, דאָס בעסטע, וואָס ער האָט פאַרמאָגט. אַלס מענטש און קינסטלער, איז ער געשטאַנען אין דינסט פון דער יידישער בינע — קונסט מער ווי פערציק יאָר.

אברהם בערקאָוויטש איז געבוירן דעם 28-טן פעברואַר 1901, אין קאַהול. געשטאָרבן דעם 7-טן יולי 1967 אין קעשעניעוו..

עטנאָ-מוזיקאָלאָגן, פאָלקלאָריסטן, דיריגענטן, קאָמפאָזיטאָרן

דער אויפטו פון דער וויסנשאַפטלערין-קינסטלערין

רות רובין

אין מלכות פון יידישער פאָלקס שאַפונג, פאַרנעמט א פלאַץ, מער ווי א האלבן יאָרטויזנט, א מ י ל ג ר ו י ם מיט א האַרטער קאָרע, א מילגרוים מיט באַהאַלטענע אוצרות.

איינער פון אָט די אוצרות איז דאָס יידישע פאָלקס — ליד. געשאַפן פון פאָלק און פאַרשלאָסן פון אים, זענען זיי ווי מיט א כישופשפרוך, אַנטפּלעקט געוואָרן דורך אַרכעאָלאָגן פון יידישער פאָלקס שאַפונג. פון הינטער דער האַרטער, געפלאַצטער קאָרע, איז אַרויס א מלכה, ווי נאָך א לאַנגן שלאָף, מיט איר גאַנצן צויבער און פּראַכט — דאָס יידישע פאָלקס ליד.

וויאַזוי האָט ווידער אויפגעלעבט דאָס יידישע פאָלקס ליד?

מיט א הונדערט און צוואַנציק יאָר צוריק, האָט מען נישט געוווסט צי עס זענען פאַראַן יידישע פאָלקס לידער.

א רוסישע עטנאָגראַפישע געזעלשאַפט, האָט געגעבן אירן א מיטאַרבע-טער מ. בערלין, די אויפגאַבע צו זאַמלען יידישן עטנאָגראַפישן מאַטעריאַל. אין זיין פאַרעפנטלעכטן באַריכט, שרייבט מ. בערלין, אַז טראָץ דער שטאַר-קער נייגונג פון יידן צו נגינה, האָבן זיי בלויז רעליגיעזע לידער און קיין שום וועלטלעכע לידער.

נאָך א צייט, האָט אַן ענגלישער געלערנטער באַהויפּטעט, אַז ביי יידן איז נישטאָ קיין מוטערליבע, ווייל ער האָט נישט געפונען ביי יידן קיין וויגלידער, געשאַפן פון פאָלק.

אין ביידע פאלן זענען די מיינונגען פארקריפלטע.

איינע פון די אָנגעזעענסטע מאָדערנע יידישע וויסנשאפטלער — פאָרשער, זאמלער און אויספידער פון יידישן פאָלקסליד, איז די קינסטלערין, עטנאָ-מוזיקאָלאָגין דר. רות רובין. אין אירע אומצייליקע ארטיקלען, רעפעראטן, לעקציעס אין אוניווערסיטעטן, קאָנצערטן, פליטן (רעקאָרד) און ווערטפולע ביכער, באווייזט זי אונדז מיט אלע מיטלען, דאָס ספּעציפישע, אייגנארטיקע און אָריגינעלע פון רייך פארשיידנארטיקן יידישן פאָלקסליד.

רות רובין איז מיט איר גאנצן וועזן אריינגעטאָן אין דער סטיכיע פון מוזיק און געזאנג וואָס עם זינגט דאָס פאָלק. איר ציל איז נישט צו שאפן א ראָמאנטישע באציונג נייערט צו אנטפלעקן, באליכטן די רעאליסטישע מאָטיוון און טענדענצן, דעם הויפּט מקור פון יידישן פאָלקסליד.

איר פראכטיק בוך „שטימען פון א פאָלק„ א רייכער פארבן — פעכער פון יידישן פאָלקסליד, וויקלט אויף נאָכאנאנד, דעם טרויער, פרייד, געזאנג פון יידישן פאָלק פון אלערליי צייטן ביז צו די שואה-יאָרן פון אונדזער גרעסטער פאָלקס — טראגעדיע.

זאָל אונדז דערלויבט זיין צו ברענגען אויסצוגן פון אן אָפּשאצונג, וואָס די באקאנטע עטנאָ — מוזיקאָלאָגען דר. אין פסיכאָלאָגיע און פילאָסאָפיע גיזעלא סוליצעאנו, הויפּט פאָרשערין אין אינסטיטוט פאר פאָלקלאָר און עטנאָלאָגיע פון בוקארעשט, גיט דעם בוך „שטימען פון א פאָלק„: „...דאָס בוך איז א ווערטפולער ביטראָג צו דער קענטעניש פונעם יידישן פאָלקסליד. דורך זיין אינהאלט, שטייגט עס איבער מיט א סך דעם ניוואָ פון אן אנטאָלאָגיע, באקענענדיק אונדז מיטן פראָצעס גופא פון דער עקסיסטענץ פון פארשיידענע פאָלקלאָריש — מוזיקאלישע קאטעגאָריעס, וואָס זענען היינט פאראן אין דער יידישער פאָלקס — קולטור. אין איר אריינפיר און ביי יעדער פאָלקלאָרישער קאטעגאָריע, ווייזט אונדז אָן רות רובין אויף די פילפאכיקע פראָצעסן וואָס דער יידישער פאָלקלאָר האָט דורכגעמאכט אין זיין אנטוויקלונג פון 14-טן יאָרהונדערט ביז היינט.

די רייכע ביבליאָגראפיע וואָס די מחברן האָט אויסגענוצט פאר איר בוך, ווי פערזענלעכע באמערקונגען פון רות רובין, פארגרעסערן דעם וויסנשאפטלעכן כאראקטער פון בוך, פארוואנדלען אים אין א וויכטיקן, אמתדיקן ארבעטס אינסטרומענט פאר אלע פאָרשער פון יידישן פאָלקס — ליד. אויסגעצייכנט זעט אוים סיי די גראפיק, סיי די צייכענונגען און די רעפּראָדוקציעס אין בוך. מיט זייער פלאסטיק, זענען זיי אויך א צושטייער, צום פארשטיין דעם עצם — מהות, דעם זין פון בוך. אויך דאָס שרייבן די לידער טעקסטן מיט

לאטייניישע אותיות, פארברייטערט ווייט די אריע פון קענטעניש פאר די יע-ניקע וואָס קענען נישט דעם יידישן כתב. רות רובינס בוך „שטימען פון א פאָלק" איז א רייכער בייטראָג צום שטודירן דעם יידישן פאָלקלאָר".

רות רובינס ענגליש בוך וועגן יידישע פאָלקסלידער, איז א לעבעדיקער מוזיי פון יידישער פאָלקס שאפונג, פון יידישן פאָלקס — געזאנג. אָט איז די טעמאטיק פון די פארשיידענע קאפיטלען: קינדער וועלט, חתונה, שבת, טויט, חסיד ישע לידער און ניגונים, פאָלקס לידער פון אמעריקע, סאָוועטן — פאר-באנד, ישראל, געטאָ און לאגער — לידער, מיש שפּראכיקע לידער און פּאָ-פּולערע לידער פון באקאנטע שרייבער.

גוט האָט געהאנדלט די וויסנשאפטלערין רות רובין ווען זי האָט אריינ-גענומען ניט נאָר פאָלקס לידער נייערט אויך פּאָפּולערע לידער פון פארשיי-דענע דיכטער, לידער וועלכע זענען פּאָפּולער ביז פּאָלקלאָריזאציע. צו אזא מדרגה האָבן דערגרייכט אויך זעליק בארדיטשעווער, שמשון פערשט, שמחה שוואַרץ, איציק מאנגער פון אונדזערע קאנטן, לעבן די ווייט באקאנטע בעדל בראָדער, וועלוול זבארזשער, אברהם גאָלדפאדען, צונזער א. א. אויף איר וואָג-שאָל א געוויכט אין שאצקאמער פון פאָלקסליד.

די [הארציקע] פּראָפּעסאָרין טוט אלץ כדי צו דערגרייכן צום הארצן פון אָפּגעפרעמדטן יונגן יידישן צוהערער. זי האָט איבערגעשריבן דעם יידישן טעקסט אין לאטיינישער שריפט און בייגעקומען די שווערע ארבעט פון איבער-זעצן אויף ענגליש די יידישע טעקסטן פון לידער, מע זאָל זיי קאָנען זינגען — און ביידע ארבעטן זענען איר זייער געראָטן.

*

אין אלמאנאך „אין דינסט פון פאָלק" יאָר 1947, אויף די זייטן 316—327, האָב איך געלייענט אן אינטערעסאנטע שטודיע „יידישער פאָלקלאָר אין אמעריקע" פון רבקה ר. רובין. איך ציטיר דעם אָנהויב פון דער שטודיע, וואָס איז אן אָנדייט פון איר אומדערמידלעכער פאָרשונגס ארבעט, גרויסע ליבע און מייסטערהאפטע אויסטייטשונג פון יידישן פאָלקסליד: „...דער יידישער פאָלקלאָר שטעלט מיט זיך פאָר א פיל — פארביקן טעפּעך, וואָס יידישע ישו-בים אין א סך לענדער, אין פארשיידענע עפּאָכעס האָבן אין דעם אריינגעוועבט זייערע פעדעם. יידישער פאָלקלאָר איז דער פרישער קוואַל פון וועלכן אונד-זערע קולטור — שאפער דורך [די] דורות, האָבן כסדר געזוכט און געפינען דערפרישונג."

ציטירנדיק יעקב פרידמאנ'ס „פארטיזאנער ליד" און מיין „טרויעריק ליד„ (פון מיין אלבאם 15 יידישע פאלקלאריזירטע לידער„, בוקארעשט 1946). האלט זי אז„ פון זייער אינהאלט, איז קיין ספק, אז זיי וועלן פארבלייבן (איניינעם מיט די אנדערע מאטעריאלן — י. ש). א וויכטיק, אמתדיק קאפיטל אין דער טראגיש — בלוטיקער געשיכטע פון אונדזער פאלק אין דעם 20-טן י"ה.„ (ז"326, עמוד א.)

*

צום ערשטן מאל זי געזען אין בוקארעשטער יידישן מלוכה — טעאטער אין 1959 דאכט זיך. איר פארטרעט איז דערשינען אין פארשיידענע צייטונגען. געשפילט האט מען „הערשעלע דובראוונער" לויט יעקב גארדינס „גאט, מענטש און טייוול" אדאפטאציע און רעזשי בענא פאפליקער. איך האב געשפילט כאצקל דראכמע. אין דער פויזע האב איך געכאפט א קוק דורכן פארהאנג — לעבל, אין זאל. אין די ערשטע רייען זענען געזעסן, ווי גע-וויינטלעך, אויסלענדישע געסט. צווישן זיי א מיטלוועקסיקע, בלאנדע פרוי. א מילד פנים און היות זי האט גערעדט מיט א שכנטע — צושויערין, האב איך געהערט איר שטימע — א מילדע שטימע. כ'האב געוואלט זי זען און געוואורט ביזן סוף פון ספעקטאקל, זיך שנעל אויסגעטאן און אויסגרימירט אבער זי איז שוין אוועק מיטן טוריסטן — אויטא. האב איך ווידער פארלוירן די געלעגנהייט זי צו קענען פערזענלעך.

*

יידישע ווערטער ווי טייבערלעך ריינע, ווארקען אין הארץ, שרייבט ער-נעץ משה קולבאק. אין הארץ פון רות רובין ווארקעט דאס יידישע פאלקסליד, קלינגט דאס קלארע יידישע פאלקסגעזאנג, טויכן אויף אין פולן גלאנץ דאס-יום — טובריקע, דאס פולע לעבן פון אונדזער פאלק אין פארגאנגענע צייטן

זי באלויכט דעם גאנג און אנטוויקלונג פון יידישן פאלקסליד פון 14-טן און 15-טן יארהונדערט ביז איצט. מיט אלע אירע עפנטלעכע אויפטריטן, רע-ציטאלן — לעקציעס, פילצייליקע עסייען און שטודיעס, אין אירע וואגיקע, ווערט-פולע ביכער, פלאטן האט זי ממש געשאפן א מוזיי פון יידישן פאלקסליד. אויף א פאפולערן אופן, מיט פלאן און סיסטעם, מיט גרויסער ערודיציע מיט א מאדערנעם וויסנשאפטלעכן צוגאנג, באלייכט רות רובין, דעם קאלאסאלן באטייט פון יידישע פאלקסלידער אין פארשיידענע פעריאדן און סיטואציעס,

ווי אן אָרגאנישן טייל פונעם רייכן יידישן פאָלקלאָר, ווי א טייל פון יידיש לעבן און קאמף, ווי א טייל פון דער יידישער קולטור אין משך פון פיל דורות.

*

רות רובינס פערציק יאָריקע פארטיפטע פאָרשונג און אינטערפרעטאציע פון יידישן פאָלקסליד, איר פענאָמענאלער זיכרון, גיט איר די מיגלעכקייט צו זינגען וועלכע לידער זי וויל פון איר רייכער לידער זאמלונג אזוי אז איך וואָלט מיר דערלויבט צו זאָגן, אז זי איז א וואנדערנדיקע ביבליאָטעק פון יידישן פאָלקסליד.

כדי בעסער, ריכטיקער, פולקומענער פארשטיין די ליריש — מוזיקאלישע פאָלקסשאפונג, דאָס יידישע פאָלקסליד, איז נויטיק אז שכל מיט נשמה זאָלן מיטארבעטן. מאכט רות קודם כל אן ארייַנפיר צום ליד וואָס זי וועט זינגען, אינטערפרעטירן. מלך ראַוויטש ז״ל, דערציילט אין א פען — פראָפיל „רות רובין„: „...דער עולם ווערט שטיל און פארכאפט שוין פון די פארטייטש ווערטער. דערנאָך פארמאכט זי די אויגן און גיט אין איר פענאָמענאלן לידער — זיכרון א מיש אויף דאָס געהעריקע בלעטל און זי טראָגט זיך אריבער ערגעץ אין א ווארשעווער געסל אָדער א ווילנער הייפל, און זי זעצט זיך דאָרט ערגעץ אין דמיון אויף א שטיין אָדער א פריזבע און זי ווערט אליין די כלה אָדער די מאמע, אָדער די באבע און זי זינגט — אוים דאָס געהעריקע ליד, ניין, זי זינגט עס נישט אוים, זי לעבט עס איבער, נאָך מער — זי ווערט דער מחבר פון דעם ליד און ניגון צוזאמען... און דאָס פובליקום פון זאל ווערט דעמאָלט רות רובינס ווארשעווער אָדער ווילנער צוהערערשאפט — שטעלט זיך ארום דער פריזבע מיט דער זינגערין און איז פארהאָרכט, און נישט איינער ווישט א טרער...

איך קען מיר גאָרנישט פאָרשטעלן א מער פערפעקטע רעאינקארנאציע — יידישלעכער: גילגול — פון א יידיש פאָלקסליד, פון פאפיר צוריק צום לעבעדיקן לעבן.“

אויסהערנדיק אירע פלאטן און טאשמעס, פילט מען, באזונדערס אקטיאָרן, די זשעסטן וואָס באגלייטן דאָס געזאנג, איר טעמפעראמענט, איר חן. רות רובין שאפט שטימונג. סיי עס איז א געהויבענע, סיי פריילעכע, סיי א צארטע, לירישע, טרויעריקע. אָט זינגט זי מיט התלהבות א חסידישן ניגון און סע ווערט ליכטיק און ווארעם אין הארצן און אלע צוהערער ווערן פאראייניקט דורך איר געזאנג, דורך איר יידישן געזאנג און אָט ווערט איר שטימע, דאָס געזאנג שטילער, זי זינגט א וויגליד.

כ'האָב דאָס געפֿיל אַז רות רובין פאַרטיפֿט פּסיכאָלאָגיש און סאָציאַל דאָס יידישע פֿאָלקס — ליד, באַקרוינט עס מיט די אדיעקטיוון פֿון שיינקייט, חן, מאָנומענטאַלקייט, מאַכט בולטער דאָס אויפֿוועקנדיקע נאַציאָנאַלע און סאָציאַלע אין יידישן פֿאָלקסליד.

די רומעניש־יידישע וויסנשאַפֿטלערין

דר. גיזעלא סוליצעאַנו

פֿון פֿאָטערס צד, דערמאָנט זי זיידעס און עלטער — זיידעס, פֿעטערס, וועלכע זענען יאָרנלאַנג געווען רבנים, גייסטיקע מנהיגים פֿון אָנגעזעענע קהי־לות אין אַמאָליקן רומעניע. איר פֿאָטער סאַבעטאַי א טראַדיציאָנעלער ייִד, האָט אַלס ייִנגל געזען און געהערט שלום עליכמען בעת ער האָט 1906 באַ־זוכט רומעניע, און אויך די שיינע באַרג — שטאָט פּיאַטראַ פֿון דער מאָלדע־ווע. און ער איז געוואָרן אַ שטענדיקער לייענער און ליבהאָבער פֿון די ווערק פֿון אונדזערע גרויסע קלאַסיקער מענדעלע מוכר ספֿרים, י. ל. פּרץ און שלום ע־ליכם.

געדענקט טאַקע גיזעלא דעם פֿאָטערס פֿאָרלייענען, זמירות, קידוש, יום — טובֿדיקע ניגונים און פֿון איר מאַמע אָטיליאַ, די שיין און אָפֿט געזונגענע יי־דישע פֿאָלקסלידער.

אין דער היים צוויי טעכטער — ראָזאַ און גיזעלא, מיט אַקאַדעמישער ביל־דונג און זייער ברודער משה — אַ נאָר וואָס געענדיקטער אינזשינער (שפּע־טער אומגעקומען אויף דער „סטרומאַ") רעדן מיט זייערע עלטערן יידיש, לייע־נען יידיש.

פֿרייטיק צו נאַכטס און שבת — צונאַכטס, זיצנדיק אַרום דעם טיש, שלינגען די קינדער, זייער פֿאָטערס מעשיות וועגן, לין צדיקים, פֿאַר־שטעלטע אליהו הנביא'ס, זיינע פֿאָלקס — ווערטלעך, און זייער מוטערס געזאַנג פֿול מיט מתיקות, פֿון יידישע פֿאָלקס לידער, אין וועלכע די קינדער דערמאָנען זיך מיט פֿאַרגעניגן עד היום.

דאָס אַלץ האָט זיך אָפּגעזעצט אין געמיט פֿון מיידעלע גיזעלא, וועלכע וויזט אַרויס באַזונדערע פֿעיקייטן. אַלס אַכטיעריקע, ווערט זי אויפֿגענומען, אין 1934, אין דער קאָנסערוואַטאָריע פֿון מוזיק און דראַמאַטישע קונסט פֿון בוקאַרעשט, אין קלאַס פֿאַר פּיאַנע און קאָמפּאָזיציע, וואָס זי פֿאַרענדיקט אין

1944. אירע פּראָפעסאָרן זענען אזעלכע באקאנטע פּעדאגאָגן ווי: קלארא ראב־מאז, מיראָן קאָנסטאנטינעסקו, סטעלא דעלא פּערגאָלא און פּאר קאָמפּאָזי־ציע — ניקאָלאיע אָאנטשעא, אלפרעד מענדעלסאָן און צווישן 1942—1946 פּאַרפּילקומט זי אירע שטודיעס, מיט דעם בארימטן רומענישן קאָמפּאָזיטאָר און אויסגעצייכנטן פּעדאגאָג מיכאיל זשאָרא און קאָנסטאנצא יערביט־שעאנו.

נאכן פּארענדיקן אין 1949, דעם בוקארעשטער פּאקולטעט פון פּילאָסאָ־פיע, אין ספּעציאליטעט פּסיכאָלאָגיע, ווערט זי באשטימט אלס וויסנשאפט־לעכע פּאָרשערין אין מוזיקאלישן סעקטאָר פון ניי געגרינדעטן „אינסטי־טוט פאר פּאָלקלאָר און עטנאָגראפיע", ווו זי ארבעט אויך היינט.

גיזעלא סוליצעאנו איז פון 1947 מיטגליד פון דעם רומענישן קאָמפּאָ־זיטאָרן פּארבאנד, און פון מערערע נאציאָנאלע און אינטערנאציאָנאלע פּאר־באנדן פאר פּאָלקלאָר, עטנאָ־מוזיקאלע, אָריענטאלישע שטודיעס, פּסיכאָלאָ־גיע און אנטראָפּאָלאָגיע, אין 1974 האָט זי באקומען דעם טיטל דאָקטאָר אין פּסיכאָלאָגישע וויסנשאפטן מיט דער טעזיס „די פּסיכאָלאָגיע פונעם מוזי־קאלישן פּאָלקלאָר. דער צושטייער פון דער פּסיכאָלאָגיע ביים פאָרשן דאָס לשון פון דער פּאָלקס — מוזיק".

אין די קרוב דריי צענדליק יאָר פון איר טעטיקייט אלס עטנאָ־מוזיקאָלאָ־גין, האָט זי זיך פארנומען מיט פארשידענע פּראָבלעמען ווי: די מעטאָדאָלאָ־גיע און טעאָרעטישע באגרינדונג פון דער עטנאָ־מוזיקאָלאָגיע; דער רומע־נישער און באלקאנישער פּאָלקלאָר, מוזיקאלישער פּאָלקלאָר; דער אָריענטא־לישער פּאָלקלאָר (דער טערקישער און טאָטערישער); די שייכותן צווישן גע־רעדטן און מוזיקאלישן לשון; די פּסיכאָלאָגיע פון דער מוזיק; די פּראָבלע־מאטיק פון סיסטעמאטיזירן און קלאסיפיצירן דעם מוזיקאלישן מאטעריאל. אָט די דער מאָנטע פאָרשונגען, זענען אריין אין די 115 מיטטיילונגען, שטודיעס און ארטיקלען, וואָס גיזעלא סוליצעאנו האָט ביז איצט פארעפנטלעכט.

אין אירע שטודיעס טויכט אויף, אויך דער אמאָליקער יידישער שטייגער, מנהגים, איבערלעבונגען, דער מומעם עלעגיש־מעלאָפּעישער צאינה־וראנה, די תשעה־באבישע קינות, א קלאָג־ליד נאָך א נאָענטן טויטן. אין אירע רייפערע יאָרן האָט דאָס אמאָליקע, טיף פארבאָרגענע אין איר נשמה, דאָס יידישע פּאָלקס־לעבן און פּאָלקס־שאפונג, זיך דורכגעריסן, און אין דער פילסטרוגעקייט, פּאָליפאָניע פון איר ליידנשאפט — מוזיק, פארנומען א פּלאַץ.

אָריגינעלע פּאָרש-ארבעטן

צווישן אירע טעאָרעטישע שטודיעס זענען פאראן אזעלכע גרונטיקע
אָריגינעלע ווי למשל: „דאָס טראַדיציאָנעלע סיסטעם פון מעלאָפּעישער פּראָ-
זע פון די קלאָגלידער, אויסגעפירטע דורך יידישע פרויען פון רומעניע“,
דערשינען אין:
„Folklore Research Center“, Jerusalem, 1973, volume III.
אין אָט דער אָריגינעלער פּאָרש-ארבעט ווייזט אָן די אויטאָרין אז: „צו-
ליב באזונדערע סיבות אין דער עקסיסטענץ פון יידישן פאָלק, איז די פּאָר-
שונג פונעם מוזיקאַלישן פאָלקלאָר פון די רומעניש יידן, מסוגל צו ברענ-
גען א וויכטיקן בייטראָג צו דער אלגעמיינער קולטור געשיכטע פון יידישן
פאָלק. דורך זיין סטרוקטור, געבוי, געפינט זיך דער יידישער פאָלקלאָר אויף
אזא אנטוויקלונגס ניוואָ אויף וועלכן סיי די מוזיקאלישע, סיי די פּאָעטישע
שאפונג, דערגרייכן א קאָמפּאָזיציאָנעלע מדרגה, אָפט אַן ענלעכע צו די שאַ-
פונגען וואָס פאָרשער באטראכטן ווי נישט — פאָלקלאָרישע, צוליב דעם, וואָס
סיי די מוזיק, סיי דער טעקסט, זענען געבויט אויף געוויסע סכעמעס, וואָס
שטעלן מיט זיך פאָר אַן אנטוויקלונגס סטאדיע, נאָענט צו די נאָרמעס פון
פּראָפעסיאָנעלער, שטאָטישער שאפונג.

דאָס בעהעפטן פון טראדיציאָנאלן מיטן נייעם, פון ארכאישן מיט היינט-
צייטיקן אָט דער לעבעדיקער פּראָצעס אין יידישן פאָלקלאָר, אין משך פון הונ-
דערטער יאָרן אייראָפּעישע עקסיסטענץ, האָט גורם געווען, אז לעבן דער גרוי-
סער מאַיאָריטעט פאָלקלאָריש — מוזיקאלישע קאטעגאָריעס, מיט אַן אנט-
וויקלטער סטרוקטור, זאָל צוזאמענלעבן אויך א געוויסע קאטעגאָריע פון קלאָג-
לידער, געזונגענע פון א פרוי, קלאָגלידער, וואָס געפינען זיך אויף איינעם פון
די ארכאישע ניוואָען פון מוזיקאלישן אויסדרוק.

וואָלטן מיר נישט גענומען אין אכט — שרייבט גיזעלא סוליצעאנו, — די
ספּעציעלע עקסיסטענץ — באדינגונגען פון יידישן פאָלק, ביי וועלכן די ניי-
גונג צו א גינסטיקער צופּאסונג צום לעבנסאָרט פון די פארשיידענע פעלקער
צווישן וועלכע עס האָט געלעבט, א נייגונג, וואָס איז געמעסיקט געוואָרן דורך
דער קרעפטיקער טענדענץ אויפצוהיטן סיי טראדיציע, מיט אירע נאָרמעס פון
סאָציאלער און רעליגיעזער אויפפירונג, וואָלטן מיר זיך נישט געקאָנט פּאָרש-
טעלן, דערקלערן, דאָס אויפהאלטן ביז אין אונדזערע טעג, פון אוראלטן קלאָג-
ליד, און אויך נישט די פארשידענע פארוואנדלונגען, וואָס עס האָט אויסגע-
האלטן אין משך פון די צייטן.

אין אָט דער אריגינעלער פּאָרש — ארבעט ברענגט די אוטאָרין, דר. גיזעלא סוליצעאנו, ציטאטן פון דער תורה, מישנה, קינות, און פון בארימטן עטנאָ — מוזיקאָלאָג א. ז. אידעלסאָן, וועלכע באגלייטן איר שטודיע מיט מערערע מוזיקאלישע מוסטערן, און דערגייט צו וויסנשאפטלעכע אויספירן וועגן דעם המשך פון די קלאָג—לידער, פון די ביבלישע צייטן ביז אין אונדזערע טעג.

די קלאָג—לידער האָט זי אויפגענומען און טראנסקריבירט, פון אלטע יידישע פרויען פון רומעניע, און דורכגעפירט א פאָרשונג איבערן נוסח, סטיל פון די אויסגעפירטע קלאָג — לידער.

אן אייגנארטיקער, אָריגינעלער בייטראָג צו פער פאָרשונג פון יידישן מוזיקאלישן פאָלקלאָר, איז דר. גיזעלא סוליצעאנו'ס שטודיע: „ארכאיש — יידישע עלעמענטן, אין דעם געביי, סטרוקטור פונעם מוזיקאלשן פאָלקלאָר אויף יידיש", דאָס איז א מיטטיילונג פון דער וויסנשאפטלערין, אויפן זעקסטן קאָנגרעס פון יידישע וויסנשאפטן„, וואָס איז פאָרגעקומען אין 1973, אין ירושלים, און איז אריין אין בוך וואָס איז דערשינען מיט דער געלעגנהייט א. ט. „בייטראָגן".

פאָלקסשאפונג איז ניט קיין פילבלעטערדיקע מעשה, לעגענדע, נייערט א שפור צו דער געשיכטע פון דער פארגאנגענהייט, בראשית און המשך ביזן היינטיקן טאָג.

דר. גיזעלא סוליצעאנו ווייזט אָן אין איר אינטערעסאנטער שטודיע אז: „דאָס פאָרשן פונעם אוראלטן מוזיקאלישן מאטעריאל אויף יידיש, און היינטצייטיקן פאָלקלאָר אויף יידיש, שטעלט אוועק די אויפגאבע פארן פאָרשער, צו באהנדלען צוויי פּראָבלעמען, וואָס זענען אגב אין נאָענטער קרובהשאפט.

דאָס ערשטע פּראָבלעם איז פּרוון צו געפינען עלטערע עלעמענטן אין דער סטרוקטור פונעם יידישן מוזיקאלישן פאָלקלאָר, וועלכער האָט מסתמא עקסיסטירט אויך אין דער צייט, ווען עס איז פארניכטעט געוואָרן מלכות יהודה, דאָס הייסט צוריק מיט צוואנציק יאָהונדערטער, מיגלעך אז זיי האָבן זיך נאָך אויפגעהיט אין פאָלקלאָר אויף יידיש ביז אין אונדזערע צייטן.

דאָס צווייטע פּראָבלעם איז טיילוויז געלייזט, באהאנדלענדיק דאָס ערשטע, און באשטייט אין באגרענעצן און איינשליסן אין משך פון די פארשיידענע תקופות, עפּאָכעס דאָס וואָס דער פאָלקלאָר אויף יידיש האָט דורכגעמאכט אין פארלויף פון זיין עקסיסטענץ.

אָבער די טעמאטישע מניעות, שטערונגען, שוועריקייטן פון אָט די פּראָבלעמען, פאָדערן צו נעמען אין באטראכט א גאנצן קאָמפּלעקס פון געשעע-

נע פאקטן, אין דער צוויי טויזנט יאָריקער פאַרגאַנגענהייט פון א היפּשן טייל פונעם יידישן פאָלק.

די וויסנשאַפטלערין האַלט אז אָט די שטודיע איז א ראשונדיקע, כאָטש געוויסע פאָרשער פון יידישן פאָלקסליד האָבן געפילט איר נייטיקייט.

זאמלערין און פאָרשערין פון יידישן פאָלקלאָר

לייענט מען אירע שטודיעס, עסייען, פילט מען אז פאָלקסשאפונג, יידישע פאָלקסשאפונג איז נישט נאָר איינגעקריצט אין איר זיכרון, נאָר אויך אין איר הארץ.

לעבן דער סיסטעמאַטישער פאָרשונג פון דער פאָלקסשאפונג פון רומענישן פאָלק, קאַרגט ניט די וויסנשאַפטלערין קיין צייט און מי, צו פאָרשן דעם פאָלקלאָר פון די מיטלעבנדיקע נאַציאָנאַליטעטן בכלל און פון יידישן פאָלקלאָר בפרט.

אונטער איר קאָמפּעטענטער לייטונג, מיט אירע וויסנשאַפטלעכע קענטענישן, איז געשאַפן געוואָרן א היפּשער מאַטעריאַל, סיסטעמאַטיש פאַררעגיסטרירט, וואָס שליסט איין אַלע פאָלקלאָרישע קאַטעגאָריעס, פון דער פאָלקסשאפונג פון רומענישע יידן. אייניקע זענען אויפגענומען געוואָרן אויף פאָנאָגראַף — צילינדערס, אנדערע, מוזיקאַליש פאַרצייכנט לויטן געהער און ווידער אנדערע פאַררעגיסטרירט אויף מאַגנעטאָפאָן טאַשמעס.

אין דער ברייטער פאָלקלאָר זאמלונג פון בוקאַרעשטער „אינסטיטוט פאַר פאָלקלאָר און עטנאָגראַפיע“, קומען אריין אויף: חתונה לידער, וויגלידער, ליבע-לידער, פאַרוויילונגס—לידער, סאַטירישע, וועגן מלאכות און בעלי מלאכות, שבתדיקע לידער וכדומה.

כדאי צו דערמאַנען אויך די נייע מוזיקאַלישע קאַטעגאָריעס, לוויות און קלאָגלידער, טאַנץ — לידער, א באַלאַדע, א משל, בסך הכל 207 מאַטעריאַלן.

זי האַלט אין פאַרענדיקן אן אָריגינעלע שטודיע וועגן „די יידישע אַרכאַישע און פאָלקסטימלעכע סטרוקטורן, אין אויספיר — נוסח פון דאַווענען, תפילות, אין בוקאַרעשטער סינאַגאָגן.

א מיטטיילונג צום „זיבעטן קאָנגרעס פון יידישע וויסנשאַפטן„, וואָס וועט פאָרקומען איז אויגוסט 1977, אין ירושלים.

דר. גיזעלא סוליצעאַנו, הויפּט — פאָרשערין אין בוקאַרעשטער „אינסטיטוט פאַר פאָלקלאָר און עטנאָגראַפיע„ פירט אָן מיט גענײטער פאַכמעניישקייט איר אַרבעט אין מוזיקאַלישן סעקטאָר, אויך היינט.

זי איז א פײַנע עסײַסטיקע פון מוזיקאָלאָגישע װערטן. אירע מוזיק — פאָרשערישע ארבעטן, אירע ארויסזאָגונגען, באַװײַזן איר בקיאות אין די באהאנדלטע פּראָבלעמען. זי איז א װיסנשאפטלערין פון ברייטן דיאפּאַזאָן.

מיט גרוים דרך ארץ רעדט זי װעגן א. ז. אידעלסאָן װעגן זײַן באהװנט-קײַט אויפן געביט פון סינאגאָגאַלער און ארכאישער מוזיק, און װעגן דר. רות רובין, פאַר איר גרינטלעכער פאָרשונג פון יידישן פאָלקסליד.

אָט די צװיי גרויסע פערזענלעכקײַטן, זאָגט גיזעלא סוליצעאנו, שטעלן מיט זיך פאָר, יעדערער אויף זײַן געביט, אמתע מוסטערן פאַר פאָרשער פון יידישער פאָלקסשאפונג.

פּראָטעגאָרע טעטיקײַט פון קאָמפּאָזיטאָר

לייב נחמן

װי א יידיש קינד פון דער מאָלדעװעשער קרוינשטאָט יאס, האָט לייב נחמן באקומען קענטענישן פון אונדזערע גײַסטיקע און היסטאָרישע אמאָלן. פאָלקס-טימלעך און יידישלעך איז זײַן נאָמען לייב נחמן, װעלכן ער האָט קיין מאָל נישט געביטן, און זײַן יידיש, דאָס לשון פון די יאסער האָרעפּאשניקעס, צו װעל-כע ער האָט א לעבנלאַנג געהערט איז אים פאַרבליבן נאָענט און ליב.

אין איר צילבאװוסטער קאמף — פירונג, האָט די רומענישע ארבעטער-באַװעגונג א פּאָסטולאַט: די סאָציאַל — פּאָליטישע באַפרײַונג פון אלע אר-בעטנדיקע און עקספּלואטירטע. דאָס פאַרכאַפּט אים.

דער יונגער שילער פון ליציי און מוזיק — קאָנסערװאַטאָריע, לייב נחמן, טרעט אַרײַן אין דער ארבעטער באַװעגונג, אין עלטער פון 15 יאָר. לאַנגע יאָרן טעטיק, װי א פאַראַנטװאָרטלעכער מענטש מיט א פּאַרנעם, פירט ער אוים פאַר-שיידענע אויפגאבעס, אין די שװערסטע באַדינגונגען. ער װערט אָפּט מאָל א-רעסטירט און איז געצװוּנגען צו פירן אַן אומרויק לעבן, װו געװעכטיקט — נישט געטאָגט. יאָרן פון תפיסה, אין די ערגסטע תפיסות פון אמאָליקן רומע-ניע, האָבן אים פרי צעזילבערט די האָר. אין זײַן לעבן פעלן נישט הויכגע-שפּאַנטע דראַמאַטישע עפּיזאָדן, דערפאַר אפנים שמייכלט ער זעלטן און איז אלע מאָל ערנסט. נעמט ער א װאָרט אויף א פאַרזאַמלונג, רעדט ער קלאָר, הויך און שאַרף, באַזונדערס אין ענינים, װאָס באַרירן דאָס טאָג — טעגלעכע לעבן פון פּשוטן מענטש.

אָט נייט ער דורך א גאס און כוליגאנעס אטאקירן אים. ער פּרוּווט זיך פאר־טיידיקן אָבער פינף קעגן איינעם... האָט ער קיין האַניק נישט געלעקט...

צוליב זעלבסטשוץ, ווערט לייב נחמן א מיטגליד פון ארבעטער ספּאָרט — פאריין „פריינד פון דער נאטור". איך געדענק אים, פון מיינע פריע יינגל — יאָרן. ער האָט אלס ספּאָרטלער געלערנט אויך באָקס. דאָס געשעט אָנהויב צוואנ־ציקער יאָרן. לייב נחמן האָט אויסגעזען ווי א ריז, א שמשון הגבור, כאָטש א ניט צו הויכער. ער האָט באקומען גרויס אָנזען, אין די ארבעטער קרייזן, ווי א קעמפער און ספּאָרטלער, אויך אין די אויגן פון דער שול — יוגנט, ליב־האָבער פון ספּאָרט — פארמעסטן.

דער גברן לייב נחמן גייט א זיכערער דורך דעם שטאָטישן גאָרטן קאָפּאָו פון יאס. ס'איז זונטיק פארנאכט. אין א ווינקל פון גרויסן גאָרטן באמערקט ער א גרופּע יידישע שילערינס, איינע פון זיי איז זיין שכנס טאָכטער, ארומגערינ־גלט פון עטלעכע כוליגאנעס מיט שטעקענעס, וועלכע דערלאנגען פון ווען און ווען קלעפּ די מיידלעך. קיינער וואגט נישט זיך אָנצונעמען, זיי פארטיידיקן־די מיידלעך, דערשראָקענע, וויינען מיט הייסע טרערן. לייב נחמן דערנענטערט זיך און פרעגט:

— וואָס האָט איר צו די מיידלעך?

די כוליגאנעס הייבן אויף די שטעקענעס און ווילן אים דערלאנגען, כאַפּט ער אוים א שטעקן בא איינעם און דערלאנגט אים א „דירעקטע" א קולאק אין פנים אז ער איז אנידערגעפאלן. די איבעריקע „העלדן" האָבן אוועקגעוואָרפן די שטעקענעס און זיך צעלאָפן ווי די מייז. די מיידלעך האָבן געדאנקט זייער רעטער, געכליפּעט פאר פרייד און געאיילט אהיים.

אז איך סיליע אויף זיין פילזייטיקע טעטיקייט אויך ווי א קאָמפּאָזיטאָר, מוזיקאָלאָג, אין די לעצטע 35 יאָר, ווערן מיר בולט די אלע פּיינען און ליידן, וואָס ער איז אויסגעשטאנען אין די שווערע, לאנגע תפיסה — יאָרן, וואָס האָבן אים נישט איינגעבראָכן.

פארביק און קלאנגיק איז דאָס יידישע האָרעפּאשנע פּערטל „רויטע בריק" פון יאס. אין די זומער — גערטנדלעך הערט מען רומענישע און יידישע פאָלקס־טימלעכע מוזיק. רו און דערהויבנקייט פאר דער נשמה איז אָט די מוזיק און פארן פשוטן יידישן מענטש ברענגט א סך נחת און פרייד אויך דאָס טעא־טער בכלל און דאָס טעאטער אויף מאמע — לשון, יידיש, בפרט. שפּילן טעאטער קלענערע און גרעסערע טרופּעס אין שלום שייקעלעס (טאמאסים) זאל און גאָרטן אויפן עק פון קלעזמערישן געסל מיט פאָד — אלבינעץ. אין גאָרטן „פּאָמול ווערדע,, (גרינער בוים), א קעגן דעם בנין פון יאסער נאציאָנאל — טעאטער,

אויף דער רויטער בריק, אין גערטנדל פון דודל טשיטשיניקער, ביי זאלישן אין גאָרטן פּאָגאדאָו א. אנדערע. די משפּחה לייב קומט אָפּט אהין.

לייב נחמן׳ס פּאָטער — אברהם, איז א מנגן, זינגט נאָך אָפּערע — אריעס, חזנישע ניגונים און יידישע טעאטער — און פאָלקסלידער, רומענישע פאָלקס-לידער. די ברידער זיינע, זענען ווי ער מוזיקאליש און שפּילן אויף פאר-שידענע אינסטרומענטן, ווי ליבהאָבער, אָבער לייב נחמן איז א ליידנשאַפט-לעכער מוזיקער: גאנצע טעג שפּילט ער אויף דער פּיאנע פון דער קאָנסערוואַ-טאָריע און וועט ווערן א פּראָפעסיאָנעלער מוזיקער. ער איז בעצויבערט פון דער רומענישער פאָלקס — מוזיק און וועט זי פארווענדן אין כמעט אלע זיינע שעפערישע קאָמפּאָזיטאָרישע, פּעדאגאָגישע און מוזיקאָלאָגישע ארבעטן.

אין 1940, געפינט ער זיך אין סאָוועטנפארבנד וו ער ווערט נאָמי-נירט ווי אן אסיסטענט אין דער קעשענעווער מוזיק — קאָנסערוואטאָריע. אין 1941 ווערט ער מאָביליזירט אין א פּיאָנירן — באטאליאָן. סוף 1942, ווי אלע פּראָפעסאָרן און סטודענטן, איז אויך ער גערופן געוואָרן קיין סאראטאָוו. דאָרט זיך פארפולקומט מיט די פּראָפעסאָרן מיכאיל מיכאילאָוו און היינריך ליסינסקי און איז געוואָרן א קאָמפּאָזיטאָר.

אין 1947 קערט זיך לייב נחמן אום קיין קעשענעוו, וו ער ווערט נאָמי-נירט ווי א דאָצענט אין דער דאָרטיקער מלוכהשער מוזיק — קאָנסערוואטאָ-ריע. צווישן 1947—1960 איז ער געווען אויך מיטגלעד פון פארבאנד פון די סאָוועטישע קאָמפּאָזיטאָרן און אין מלוכהשן מוזיק — פארלאג פון מאָלדאָוויע זענען דערשינען אייניקע ווערק זיינע ווי „ראָנדאָ פאר פידל און פּיאנע„ און אנדערע.

רעפּאטריירט אין 1960, ווערט לייב נחמן נאָמינירט דאָצענט אין דער בו-קארעשטער מוזיק — אקאדעמיע אויפן נאָמען פון טשיפּריאן פּאָרומבעסקו און אריינגענומען אין רומענישן קאָמפּאָזיטאָרן — פארבאנד, ווי א פולבארעכ-טיקט מיטגליד.

פון די פּעדאגאָגישע ארבעטן זיינע דארף מען דערמאנען „ווירטואָזיטעט שטודיעס פאר פּיאנע„ דערשינענע אין מלוכהשן „מוזיק פארלאג„ פון בו-קארעשט, 1973. דאָס איז א ווערטפולע ארבעט וואָס האָט אויסגעפעלט בא-זונדערס די יונגע פּיאניסטן. סיי קינסטלעריש, סיי טעכניש — פּעדאגאָגיש אינטערעסאנט, גוט צוגעפּאסט דעם פּעדאגאָגישן צוועק. די ביישפּילן ציען זייער יניקה פון רומענישן פאָלקלאָר.

דער מוזיקאָלאָג לייב נחמן האָט א רייכע טעטיקייט ווי א מוזיק — פאָר-שער און אנאליטיקער. לדוגמא ציטירן מיר זיין וואָגיקע ארבעט: „די שייכות

צווישן פילטאָניקייט און די אקאָרדן מיט סענסיטיוופיליקע, מיט און אָן פּאָלימאָדאַליזם“, דערשינען אין „Studii de muzicologie“ vol IX. „שטודיעם פאר מוזיקאָלאָגיע, באנד 9, ז. 403–479.

אין דער זאמלונג „די מוזיקאַלישע קולטור פון סאָוועטיש מאָלדאַוויע„, דערשינען אויף רוסיש אין „מוזיקאַלישן פארלאג“, מאָסקווע, 1965, איז אָפּגעדרוקט אן אנדערע פאָרש — ארבעט פון מוזיקאָלאָג לייב נחמן „די באארבעטונג פון די מאָלדעווועשע פאָלקס — טענץ און מעלאָדיעס“ זז. 121–126.

דער קאָמפּאָזיטאָר לייב נחמן האָט געשאפן פיר סימפאָניעס פון וועלכע די ערשטע האָט ער געווידמעט דעם 9-טן מיי, דעם טאָג פון זיג איבערן פאשיזם. די דאָזיקע סימפאָניע איז געשפּילט געוואָרן פון די גרויסע פילהארמאָנישע אָרקעסטערס פון בוקארעשט, יאס, בראשאָוו און פון מלוכהשע סימפאָנישע אָרקעסטערס איבערן גאנצן לאנד. ער האָט געשאפן אויך עטלעכע קאנטאטעס, קאָנצערטאנטע פּיעסן, קאמערמוזיקאַלישע פּיעסן. אונטערן טיטל „זכרונות פון דאָפּטאנא“, זענען דערשינען זיינע 24 פּרעלודיעס פאר פּיאנע, אין רומעניש „מוזיק פארלאג„. צו זיין פּראָגאמאטישער מוזיק געהער דער „דיקסטואר„, געווידמעט דעם אָנדענק פון מוטיקן — טראגיש — אומגעקומענעם קעמפער לוקרעציו פּאטראשקאנו.

דאָס רוב פון לייב נחמן׳ס שאפונגען זענען אויסגעפירט געוואָרן פון די פארשיידענע סימפאָנישע אָרקעסטערס איבערן לאנד, אויף די עפנטלעכע קאָנצערטן פון דער מוזיק — אקאדעמיע „טשיפּריאן פּאָרומבעסקו“, דורך דער פּראָפעסאָרין אירינא לאזאראסקו, דאָצענט אנא איסטינגע און אסיסטענט אָקטאוויאן ראדאָי. אויף ליטעראריש — מוזיקאַלישע פרימאָרגנס אין בוקארעשטער יידישן מלוכה — טעאטער, האָבן די דערמאנטע דריי מוזיקער אינטערפּרעטירט די 25 שטודיעס — פּאָעמעס פון נחמן, געבויטע טיילווייז אויך אויף אָריענטאַלישע און יידישע מאָטיוון. די אָנוועזנדע אויף די פרימאָרגנס, א היפּשע צאָל יוגנטלעכע צווישן זיי, האָבן מיט אינטערעס און נחת — רוח אויפגענומען די שטודיעס און באדאנקט מיט דויערנדיקע אָוואציעס דעם קאָמפּאָזיטאָר און די קינסטלער — פּיאניסטן.

לייב נחמנס קאָמפּאָזיציע, „קאָנצערט פאר טרומייט און אָרקעסטער“, איז אינספּירירט פונעם קאמף פון רומענישן פויערנטום פאר ערד, פאר א בעסער לעבן, א קאמף, וואָס האָט זיך אנטוויקלט און דערפירט צום אויפשטאנד פון 1907. כדי צו אילוסטרירן אָט די אידעע האָט זיך דער קאָמפּאָזיטאָר ארויסגעהאָלפן מיט דער אים באליבטער רומענישער מוזיקאַלישער פאָלקסשאפונג, וואָס איז אויך דער יסוד פאר די הויפּט — טעמעס און מעלאָדיעס פון דער-

מאנטן ווערק. די פּרעסע שטרייכט אונטער אז „לייב נחמן ווייזט ארוים מייסטער — שאפט אין פירונג פון דער קלאנג — פּאליטרע פון אָרקעסטער, באזונדערס ביים ארויסברענגען, ארויסהייבן אין דעם פולן ווערט, גלאנץ, דעם סאָלאָ-אינ-סטרומענט“.

צו זיינע מעלות דאַרף איך אויך דערמאנען זיינע „חסרונות„: ער איז באַ-שיידן און האָט נישט קיין קאריערסטישע אמביציעס.

אין זיינע קאָמפּאָזיציעס דריקט אוים לייב נחמן פרייד און צער, יום טוב אָדער טרויער — שטימונגען: זיין מוזיק איז א סינטעז פון רומענישן און יי-דישן מוזיקאלישן פאָן אין מאָדערנעם הארמאָנישן לבוש.

דער קאָמפּאָזיטאָר לייב נחמן האָט נישט מורא, אז מע וועט אים מאכן דעם השבון פון די יאָרן :ער איז געבוירן דעם 24-טן יאנואר 1905.

פאר זיין לאנגיאָריקער, פּילזייטיקער טעטיקייט, האָט אים די סאָציאלים-טישע רעפּובליק רומעניע, באלוינט מיט הויכע אָרדנס און מעדאלן.

פּעדאגאָגין און מוזיקערין

דזשינא שאראגא-סאָלאָמאָן

צוריק מיט א צייט איז דערשינען אין „מוזיקאלישן פארלאג פון פארבאנד פון די רומענישע קאָמפּאָזיטאָרן“, „די מעטאָדיק פון פּיאנע — אונטעריכט“ פון דער פּראָפעסאָרין דזשינא שאראגא — סאָלאָמאָן. אויף דעם געביט איז עס אן ערשטלינג — ארבעט און דורך דעם רייכן אינהאלט, וועלכער נעמט ארום א ברייטע טעמאטיק פון פּיאנע — ספּעציאליטעט, איז עס א גרונטיק ווערק פון פּיאניסטישער פּעדאגאָגיע.

געבוירן אין דער מאָלדעווער שטאָט ראָמאן, דעם 16 יאנואר 1901, האָט דזשינא שאראגא — סאָלאָמאָן, פון דער פריעסטער יוגנט ארויסגעוויזן מוזיקאלישע פעיקייטן באזונדערס פאר דער פּיאנע.

זי פארענדיקט די מלוכהשע „קאָנסערוואטאָריע פאר מוזיק“ פון בוקא-רעשט, ווו זי האָט אלס פּראָפעסאָר די מייסטערס: מוזא גערמאני — טשא-מאק, פּיאן, דומיטרו קיריאק — טעאָריע, קאָנסטאנטין בראילאָיו — מוזיק — געשיכטע, יאן נאנא — אטעסקו — הארמאָניע. נאָכן פארענדיקן די קאָנ-סערוואטאָרע מאכט זי ווייטערע פארפולקומונג — שטודיען מיט דער מייס-טערין פלאריקא מוזי טשעסקו.

באגלייך מיט א רייכער קאָנצערטיסטישער טעטיקייט, פירט זי אן אומאויפהערלעכע, פרוכטבארע פעדאגאָגישע ארבעט. א דאנק איר אומדערמידלעכער ארבעט שמען היינט אויף דער וועלט אירע געוועזענע שילערינס פעדאָרא האָראָוויץ און ספעראנצא הערצאַן, געבוירענע אין טראנסניסטריע, אין דעפּאָרטאציע. מיר וואָלטן געקאָנט ציטירן די טאלאנטירטע ציטא פינקעלשטיין, וועלכע האָט זיך אויסגעצייכנט מיט אירע רעציטאלן און אלס סאָליסטין מיט אָרקעסטער. מיר האָבן ציטירט נאָר דריי באקאנטע געמען מחוץ לארץ און דערמאנען אירע שילער נעקולאי בראנדוש און ראָדיקא דזשיראָוועאנו, דער ערשטער א פיאניסט און קאָמפּאָזיטאָר, די צווייטע — א באגאבטע פיאניסטקע — סאָליסטיקע, וועלכע באשטעטיקן אונדזער באהויפטונג וועגן דער פרוכטבארקייט פון דזשינא סאָלאָמאָנס מוזיקאלישע — פעדאגאָגישער טעטיקייט. די באגאבטע שילערינס אירע, גיבן ווייטער דעם נייעם יינגערן פיאניסטן — דור. די קענטענישן, פרינציפּן, און ארבעטס — מעטאָדן, וואָס זיי האָבן זיך אָנגעאיינגט פון זייער פראָפעסאָרין דזשינא סאָלאָמאָן.

אן אלבום „פיעסן פאר פיאנע“, (כראָנאָלאָגיש שטייגנדע זאמלונג, 1963) איר טעטיקייט אלס סאָליסטין — פיאניסטין, די וואָגיקע ארטיקלען אין דער צענטראלער רומענישער פרעסע, ווי למשל: „וועגן ארבעט און באשיידנקייט — אטריבוטן פון דער פערזענלעכקייט פון נייעם טיפּ מוזיקער“; „סאָציאלים — טישע אָפּטיק“, „די סעלעקציע פון די צוקונפטיקע מוזיקער“ און אנדערע פארעפנטלעכטע ארבעטן דעמאָנסטרירן די רייכקייט און פארשיידנארטיקייט פון פּראָבלעמען, וועלכע זי באהאנדלט און זענען נויטיק דעם פעראגאָג — פיאניסט.

א באטייטיקער בייטראָג צו דער פיאניסטישער פעדאגאָגיע זענען אירע פילצאָליקע רעפעראטן אין די דידאקטישע און מעטאָדיק — קרייזן.

אין ראמען פון „אינסטיטוט פארן פארפולקומען דעם אונטעריכט פאר די דיראקטישע קאדרען“, געשאפן פון רומענישן בילדונגס — מיניסטעריום אין יאָר 1960, אין בוקארעשט, האָט דזשינא סאָלאָמאָן געהאלטן א ריי לעקציעס אויף דער טעמע: „מעטאָדיק פון פיאנע — אונטעריכט“.

אין איר 35 יעריקער טעטיקייט אלס פיאניסטין — פעדאגאָגין, האָט זי צוגעגרייט באגאבטע, הויך—געשולטע מוזיקער — פיאניסטן און פעדאגאָגן. זי האָט אירע יאָרן אָנגעפולט מיט אינטענסיווער ארבעט, פול אינהאלט, מוטערקייט און שעפערישקייט.

חיים שווארצמאַן

יאַס, אָנהייב זומער 1916, א פּאַרמיטאָג אין גאָרטן „פּאָמול — ווערדע" (גרינער בוים). די טרופּע אַלבערט סעגאַלאַסקו — לעאָפּאָלד קאַנער רעפּעטירט א פּיעסע.

פּלוצעם יאַוועט זיך אין גאָרטן א „16 — יאָריקער בחור, אן אָרעמער, אן אָפּגעריסענער, מיט א קאַפּאָטע ווי א בית-מדרש יינגל, מיט א היטל, וואָס דעקט קוים צו די טשופּרינע רויטע האָר. שוין עטלעכע וואָכן דרייט ער זיך ארום אין דער מאָלדאָוועשער קרוינשטאָט יאַס, זוכט פון וואַנעט צו לעבן. ער האָט געפּרוווט פאַרשיידענע מלאכות... אָבער אים ציט צו טעאַטער.

א קינד נאָך, זינגט ער ביים חזן משה קייסערמאַן, וועלכער לערנט אים אויך נאָטן, אין א צייט ארום גייט ער אריבער צום חזן לייבוש שאַפּירא. דאָס זענען חיים שווארצמאַנס ערשטע מנגנישע טריט.

דער רעזשיסאָר פון דער טרופּע איז דער אַקטיאָר, קאָמפּאָזיטאָר און די-ריגענט אַלבערט סעגאַלעסקו — א גוטער מנגן, נעמט ער פאַרהערן חיימלען, אנגאַזשירט אים אַלס כאָריסט און גיט אים אויך קליינע ראָלן צו שפּילן. נאָכן פאַרענדיקן דעם זומערסעזאָן, פאָרט חיים שווארצמאַן צוזאַמען מיט דער טרו-פּע קיין בוקאַרעשט.

אין דער הויפּטשטאָט שפּילט קלאַרא יונג אין זאַל „דאַטשיא" (דער ווינ-טערדיקער זאַל פאַר יידיש טעאַטער אין בוקאַרעשט). חיים שווארצמאַן האָט א שיינע טענאָר — שטימע, נעמט זי אים אריין אין איר טרופּע און גיט אים א קליינע ראָלע אין דער אָפּערעטע „אַלמא, וווּ וווינסטו?". ער ווייזט ארויס קנאַפּע שוישפּילערישע פעיקייטן. אים ציט נאָך צום דיריגירן. ער לערנט האַרמאָניע און קאָנטראַפּונקט ביים פּראָפ. קאַסטאַלדי און וואַרט אויף א געלעגנהייט זיך צו באַווייזן אַלס דיריגענט.

ער שטייט אויף דער בינע און נעמט נישט אַוועק די אויגן פונעם דירי-גענט. ער איז מקנא אַלבערט סעגאַלעסקון ווייל יענער האָט אָנגעהויבן דירי-גירן צו 13 יאָר, און חיים — מאירן, אַלבערטס יינגערן ברודער, — אוודאי און אוודאי! חיים — מאיר האָט אין די גאָר יונגע יאָרן שוין קאָמפּאָנירט מו-זיק, דיריגירט און אַליין מיטגעשפּילט (וויאָלין, פּיאַנע און טשעלאָ) אין אָר-קעסטער פון זיין פאָטערס טרופּע.

טרעפט זיך אזא געשיכטע: חיים שווארצמאַן שפּילט א טערק אין „דאָס פינטעלע ייד". דאָס געשעט אין זאַל „דאַטשיא", ווינטער 1917. מיטן אָרקעס-טער דיריגירט חיים — מאיר סעגאַלעסקו, פּלוצעם גיט ער זיך א קלאַפּ אין אויג

מיטן דיריגענטן — שטעקעלע און איז געצווונגען תיכּף צו פאַרלאָזן דעם אָרקעסטער. עס ווערט א פּאַניק. ס'האַלט ביים איבעררייסן דעם ספּעקטאַקל. חיים שוואַרצמאַן פאַרבייסט די ליפּן גיט אַ צייכן אין די קוליסן, און טערקיש געקליידעט, שפּרינגט ער צו צום אָרקעסטער און דיריגירט מיט אים אויסנווייניק ביז צום סוף. אַזוי האָט ער אָנגעהויבן זיין קאַריערע אַלס דיריגענט.

אין יאָר 1919—1920 באַגלייט חיים שוואַרצמאַן אַ גרופּע זינגעריגס, וועלכע פּאָפּולאַריזירן אין דער מאָלדאָווע יידישן פאָלקלאָר. (אַן ענלעכע ארבעט האָט אין 1890—1892 געטאָן דער באַוווסטער כּלי — זמר חיים לעמעש). די דאָזיקע קאָנצערטן זענען באַרייכערט געוואָרן מיט קאָנפעראַנסן, אַריינפיר — ווערטער צו יעדן ליד, צוגעגרייט און אויסגעפירט פון די באַוווסטע שרייבער יעקב שטערנבערג און משה אַלטמאַן, ווי אויך פון אַנדערע.

עטלעכע יאָר איז חיים שוואַרצמאַן טעטיק אַלס דיריגענט אין דער באַרימטער רומענישער אָפּערעטן — טרופּע פון ניקו לעאָנאַרד. גלייכצייטיק קאָמפּאָנירט ער פאַר דער „ווילנער טרופּע" מוזיק צו „שבתי צבי", צו „דער זינגער פון זיין טרויער" און צו „די טעג פון אונדזער לעבן".

אין די שווערע מלחמה — יאָרן האָט חיים שוואַרצמאַן אַלס לערער פון-מוזיק אין די בוקאַרעשטער יידישע פאָלקס — און מיטל שולן, געשאַפן מע לאָדיעס צו אַ היפּשן טייל פון די צוועלף פּרעמיערעס פון די קינדער — ספּעקטאַקלען אין זאַל „באַראַשעום".

די באַגאַבטע קינדער האָבן מיט זייער שפּיל, מיטן פיינקערנדיקן הומאָר און צערטלעכקייט צוגעצויגן אויף די דערוואַקסענע. אין דעם קנאַפּן ביסל פרייד פון וועלכן עס געניסן אין יענע שווערע טעג די אָרעמע, דערנידעריקטע און באַליידיקטע, די אויסגעשלאָסענע פון אַלגעמיינעם לעבן, יידישע קינדער, האָט אויך חיים שוואַרצמאַן אַ געהאַט קענטיקן חלק.

אַלס בויער און אָנפירער פון כאָרן פאַרדינט ער די ליבע און די אַכטונג פון קינדער און דערוואַקסענע. יאָרנלאַנג האָט ער צוגעגרייט עלעמענטן פאַר פאַרשיידענע קלענערע און גרעסערע וואָקאַלע פאָרמאַציעס. באַזונדער דערמאָנען מיר זיין בייטראָג אַלס דיריגענט פון ריזיקן איקוף-כאָר און אָרקעסטער. אין די גרויסע קולטור מאַניפעסטאַציעס אין שולן, וועלכע ס' האָבן אָרגאַניזירט יידישע אַקטיאָרן, אין איינעם מיט די פּראָגרעסיווע יידישע קולטור — טוער. ביים פאַרשפּרייטן די איידעלע הומאַניסטישע אידעען פון די קלאַסיקער פון דער יידישער ליטעראַטור — אין דעם אַלעמען האָט זיך באַטייליקט חיים שוואַרצמאַן, וועלכער האָט צוגעגרייט און אָנגעפירט מיטן מוזיקאַלישן טייל. די פייערונגען, קאָנצערטן ציען צו טויזנטער מענטשן, וואָס ווערן דערמוטיקט און

געטרייסט, זיי וועקן האָפענונג אויף בעסערע צייטן, ווען די נאַצישע מגיפה וועט זיך ענדיקן.

דער מוזיק — קינסטלער חיים שוואַרצמאַן האָט געאַרבעט אין בוקאַרעשטער יידישן מלוכה — טעאַטער אַלס קאָמפּאָזיטאָר און דיריגענט פונעם אָרקעס־טער.

איך האָב אים באַזוכט אין דער היים.

ווען כ׳בין אַריינגעקומען אין זיין וווינונג — אַ היפּשער, באַקוועמער — אַפּאַרטאַמענט אין אַן עלעגאַנטן בלאָק פון שטאָט — צענטער, — האָב איך אים געטראָפן ביי זיין שטענדיקער אַרבעט. ביי נאָטן — פּאַפּיר. איך באַטראַכט אים אַ ווייל: אַ מיטלוואָקסיקער, מיט בלויע, לאַכנדיקע אויגן און אַ שמייכל אויף די ליפּן. ער רעדט שנעל, מיט אַ פעסטער שטימע. אויף זיין פּנים פילט זיך אַ ביסל צעשטרייטקייט, אַ געוויסע אומרויקייט — כ׳האָב אים איבערגעריסן אין מיטן דער אַרבעט, אין וועלכער ער איז געווען אַריינגעטאָן מיטן גאַנצן וועזן.

חיים שוואַרצמאַן שרייבט מוזיק צום רעווי — ספּעקטאַקל „דער אַפּעטיט קומט לאַכנדיק" פון י. בערג און מ. באַלאַן. בכלל איז די מוזיק צו די עסטראַ־דע — און קליינקונסט — ספּעקטאַקלען אין דער גרעסטער מערהייט געשאַפן דורכן קאָמפּאָזיטאָר חיים שוואַרצמאַן.

אין „איקוף — טעאַטער האָט ער במשך פון די יאָרן 1945—1947, מיט זיין מוזיק באַרייכערט די ספּעקטאַקלען. „איך לעב" פון מ. פינטשעווסקי, „טביה דער מילכיקער" פון שלום עליכם און דעם פּרץ — מאָנטאַזש „דער אייביקער ניגון".

אין בוקאַרעשטער יידישן מלוכה — טעאַטער האָט ער זינט 1948 געש־ריבן מוזיק צו אַ היפּשער צאָל פּיעסן. מיר דערמאָנען דאָ בלויז אַ טייל: "200·000", „נקמה — נעמער", „הערשעלע אָסטראָפּאָליער", „די פּאַטאַלע ירושה", „דאָס פרייליכע שוסטערל", „בנימין דער דריטער", „הערשעלע דובראָוונער" („גאָט, מענטש און טייוול").

חיים שוואַרצמאַן איז אַ קאָמפּאָזיטאָר, וואָס איז אָנגעזאַפּט מיט פאָלקס נוסחאות, פאָלקס — מעלאָדיעס און פאָלקס — לידער. ער שעפּט אין דער ערש־טער ריי פונעם דאָזיקן רייכן רעזערוואַר, פונעם יידישן מוזיקאַלישן פאָלקלאָר, וועלכער שפּיגלט אָפּ דאָס גאַנצע יידישע לעבן, מיט זיין פרייד און מיט צער און טרויער במשך פון גאַנצע דורות. דערפאַר פאַרמאָגן שוואַרצמאַנס שאַפונ־גען פּשטות און זוניקייט, חן און מעלאָדישקייט. זיין מוזיק געפעלט דעם עולם צוליב איר געזונטן פאָלקס — קוואַל, צוליב די מאָדולאַציעס און וואַריאַנטן,

מיט וועלכע זי איז דורכגעפלאָכטן. ער באַנוצט אויך דעם רומענישן און ארומיקן פאָלקלאָר. ער נעמט פון אַלץ, וואָס קומט אונטער דער האַנט, ווי גאָלדפאַדען פלעג עס טאָן, אָבער ער ארבעט דאָס אַלץ איבער און פון גלגול פון א ניגון באַקומט זיך עכטע יידישע מוזיק.

חיים שווארצמאַן פאַרמאָגט א זעלטענעם זכרון. ער געדענקט און זינגט הארציק הונדערטער יידישע, רומענישע און רוסישע פאָלקס — לידער. מיט זיין ברוייזנדיקן טעמפעראַמענט דינאַמיזירט ער דעם קאָלעקטיוו און רייסט מיט דעם עולם.

ער שרייבט מוזיק אויך צו פיל רומענישע טעקסטן. א טייל זענען אָפּגעדרוקט און אריין אין זיין איגענעם רעפּערטואר פון פארשיידענע כאָרן איבערן לאַנד. זיין „הימן פון די שלום — פארטיזאַנער" איז באַרימט אין גאַנץ רומעניע. מען הערט אים אָפט אין רומענישן ראַדיאָ. דאָס ליד איז אויסגעצייכנט געוואָרן מיט א פּרעמיע פון בילדונגס — מיניסטעריום. אויך א ריי אַנדערע לידער זיינע זענען פּרעמירט געוואָרן.

פאַר די העכער 40 יאָר קינסטלערישער טעטיקייט און פאַר זיינע פאַר — דינסטן האָט אים די רומענישע פאָלקס רעפּובליק באַלוינט מיט א ריי אָרדנס און מעדאַלן. אין יאָר 1956 איז אים געגעבן געוואָרן דער טיטל „פאַרדינסט — פולער קינסטלער".

...ס'איז שפּעט. חיים שווארצמאַן אַנטשולדיקט זיך. ער מוז שוין גיין אין טעאַטער. היינט דיריגירט ער בערטאָלד ברעכטס „דריי גראָשן — אָפּערע". איך דאַנק אים פאַר דעם שמועס און ווינטש אים אריכת ימים, גרוים דערפאָלג אין זיין ווייטערדיקער שעפערישער ארבעט לטובת דער יידישער פאָלקס — קולטור.

מאָלער, גראַפּיקער, סצענאָגראַפּן, סקולפּטאָרן

די פון אונדז געשילדערטע קינסטלער, האָבן געלערנט און פּאַרפולקומט זייערע שטודיעס אין רומענישע שולן, אַקאַדעמיעס פאַר קונסט.

זיי אידענטיפיצירן זיך מיטן גורל פון דער רומענישער שול, און איר פּיליקייט, סענסיביליטעט.

א היפּשע צאָל פּלאַסטיקער — יידן פון רומעניע, האָבן בייגעטראָגן צום אויפקום, אויפבלי, און צום פאַרשפּרייטן די פּלאַסטישע קונסט אין רומעניע.

א צאָל שאַפונגען פון יידישע קינסטלער, געפינען זיך היינט אין דעם מלוכהשן קונסט — מוזיי פון בוקאַרעשט, און אין די קונסט — מוזייען איבערן גאַנצן לאַנד.

צווישן די ערשטע רומענישע מאָלערס דערמאָנען מיר באַרבו יהודה אימקאָוועסקו, דניאל ראָזענטאַל; דעם מעכטיקן גראַפּיקער — סאַטיריקער יוסף איסער, מאַקס אַרנאָלד, מאַרטשעל יאַנקו, מ. ה. מאַקסי, ראובן זעליקאָוויטש — ראובן און די נישט ווייניקער באַרימטע: (יוסף רויזענבליט) — ר. יאָסיף, וויקטאָר בראַונער, אַרטור קאָלניק, שלמה לערנער, ביק — וועפּער, דער צייכנער — סאַטיריקער ראָם, טיא פּעלץ און אַנדערע.

דער רומעניש יידישער מאָלער און גראַפּיקער

ר. יאָסיף

א קילער זונטיק פאַרמיטאָג. די זון קוקט מיט א פאַרבענקטן שמייכל צו די געדיכטע וואָלקנס וועלכע פאַרדעקן אלע מאָל איר ליכטיקע צורה. אין איינעם מיטן באַקאַנטן רומעניש — יידישן שרייבער י. פּעלץ, גייען מיר באַגריסן

דעם פינעף און זיבעציק יאָר יונג — געוואָרענעם קינסטלער ר. יאָסיף (יוסף רויזנבליט). די אָנפירונג פון דעם „פאַרבאַנד פון פּלאַסטישע קינסטלער„ האָט וואַרעם באַגריסט דעם מייסטער, וועמענס ווערק באַקומען אַ גוטע אָפּשאַצונג אין דער סאָציאַליסטישער — רעפּובליק. רומעניע. ר. יאָסיף פאַרנעמט אַן אָנגעזעען אָרט צווישן די פאָרשטייער פון דער רומענישער מאָלעריי אין די לעצטע 25 יאָר.

געבוירן אין בוקאַרעשט דעם 12-טן פעברואַר 1894 אין דעם איינגעפונדעוועטן יידישן פערטל קאַלעא דודעשטי, אין אַ באַשיידענער יידישער מישפּחה, האָט ער פריצייטיק דערפילט די נויט, שווערקייטן און דערנידעריקונגען, וועלכע זענען געווען פאַרבונדן מיט קינסטלערישע אָנהייבן אין אַ לאַנד, אין וועלכן די קונסט איז אין יענער צייט געווען געשאַצט נאָר פון אַ באַגרענעצטער צאָל ליבהאָבער.

זיין פאָטער צבי — הערש (הערמאַן) רויזנבליט 1859—1935 האָט געהאַט אַ שייכות צו קונסט: ער האָט יאָרנלאַנג געאַרבעט אַלס געהילף — אויספירער פון דעקאָראַטיווער מאָלעריי לעבן דעם גרויסן רומענישן מאָלער געאָרגע טאַטאַרעסקו. געווען איז צבי — הערש אַ פיינפילעקער און ערנסטער מענטש. אַ ייד אַ משכיל, וועלכער פלעגט לייענען די פראַנצייזישע קלאַסיקער אין אָריגינאַל. זיין מאַמע פלעגט אים באַצויבערן מיט איר אופן און קונסט צו דערציילן מעשהלעך פונעם אַלטן יידישן קוואַל.

אין אָטער סביבה באַקומט ר. יאָסיף די ערשטע קינסטלערישע אָנרעגונגען. די ערשטע אָנווייזונגען, דאָ הייבט ער אָן זיך צו אַנטוויקלען. זיין אויסערלעכע וועלט, מחוץ דער עלטערן — היים, איז די וועלט פון די באַשיידענע זייטן אָדער הינטערגעסלעך, מיט זייערע פּשוטע מענטשן און שפּלדיקע פּרנסות.

ר. יאָסיף ווייזט פאַרשיידענע אייגנשאַפטן: אין משך פון אַ יאָר איז ער חיים — מאיר סעגאַלעסקום אַ מיטשילער אין דער בוקאַרעשטער מלוכהשער מוזיק — שול, ווו ער לערנט פידל ביים פּראָפעסאָר ניצולעסקו און האַרמאָניע ביים פּראָפעסאָר אַ. קאַסטאַלדי. אַ לעבנלאַנג שפּילט ער פידל אַלס באַגאַבטער ליבהאָבער און דאָס איז זיין פילגעליבטע קונסט — זיין „Violon d’Ingres“, אָבער זיין ערשטע ליבע ,די מאָלעריי, ציט אים צו ווי אַ מאַגנעט.

ער ווערט אַ שילער פון דער בוקאַרעשטער מלוכהשער קונסט — שול ווי ער לערנט צייכענען און מאָלעריי מיט די פּראָפעסאָרן ג. ר. מירעא און פריץ שטאַרק. נאָכן פאַרענדיקן די מיטלשול פאָרט ער אַוועק קיין פּאַריז, וואו ער שטודירט אַ יאָר אַרכיטעקטור און לערנט גראַווירן. נאָך אַ צייט קומט ער צוריק קיין רומעניע און ווידמעט זיך אויסשליסלעך דער פּלאַסטישער קונסט.

מיט באַגאַבונג און אייפער הייבט ער אָן זיין טעטיקייט אַלס גראַפיקער אין יאָר 1925 און עפנט זיין „שוואַרץ — ווייס" — אויסשטעלונג אין 1926, וועלכע איז אויך אַ פּיאָנערישע אין רומעניע.

אליין אָדער בשותפות מיט אַנדערע שטעלט ער אויס יאָר נאָך יאָר זיינע אַרבעטן. ער איז אַ מיטגרינדער פונעם „סאַלאָן פון שוואַרץ — ווייס", וואָס האָט געוועקט דעם אינטערעס פון דער רומענישער געזעלשאַפטלעכקייט צו אָט דער קונסט, וועלכע איז ווייניק פאַרשטאַנען געוואָרן אין יענער צייט. אַלס גראַ-ווירער געהערט ער צו דער פאָרגעשיכטע פון גראַוור אין רומעניע.

ר. יאָסיפס גראַווורן — סוויטע „שפּלדיקע באַשעפטיקונגען" ברענגט אונדז אַ ריי טיפּן פון אַמאָליקן בוקאַרעשט: אַ לאַטוטניק, אַ קוימען — קערער, אַ לימאָ-נאַדן — פאַרקויפער, אַ שיך — פוצער א. אנד.

די פּעריפעריע — בילדער פון אַמאָליקן בוקאַרעשט: „די טשיינע", „די דזשורדזשיוער לאַנקע", און אַנדערע, אין אַקוואַ — פאָרטע, זענען באַהויכט מיט אַן אינטימען ליריזם און דערוועקן אַ טרויעריקע שטימונג, אַ בענקשאַפט פאַר די ערטער וווּ אַזויפיל דורות האָבן געלעבט, געליטן און זיך געפרייט.

כדאַי צו באַמערקן אַז די אַמאָליקע בוקאַרעשטער פּעריפעריע איז שוין אין אַ גרויסער מאָס פאַרשוווּנדן. די רומענישע פאָלקס — רעפּובליק האָט זי פאַרוואַנדלט אין פּראַכטיקע מיקראָ — ראַיאָנען מיט ליכטיקע, באַקוועמע וווינונגען, מיט ברייטע שטחים גרינס און בלומען אַרום, ווי די אין וועלכער ס'האָט זיך מיט אַ צייט צוריק אַריבערגעפירט ר. יאָסיף דער קינסטלער אַנט-פּלעקט פאַר אונדזערע אויגן אויסגעבויטע, נייע מיקראָ — ראַיאָנען „דזשור-דזשיו לאַנקע„ און דאָס אַרבעטער — פערטל פערענטאַרי„, א. אנד. ווען מיר באַטראַכטן אָט די בילדער נייט אויף אין אונדזער געמיט אַ שטילע פרייד.

פול מיט פּיטאָרעסק און פּאָעזיע זענען ר. יאָסיפס גראַפישע בילדער פון דעם ציקל„בוקאַרעשט„: „דער אַנטיקוואַר" „דער אַלטער מאַרק", „די אַכסניה פינעם לינדנבוים", „באַזאַקאַ", „טערגו מאָשילאָר", (אַ בוקאַרעשטער יער-לעכער, פאַרווײַלונגס — יריד), „אַ פאַנפאַרע", אויפן זעלבן יריד, „אין פּאַרק", א. אנד. די הקדמה צום אַלבאָם „בוקאַרעשט" האָט געשריבן דער מייסטער פ. פּראַנץ שיראַטאָ.

די גרויסע מאַפּע מיט צען אַקוואַ — פאָרטע, ברענגט אַ ריי אַספּעקטן פון אַ כמעט פאַרשווּנדענעם בוקאַרעשט, זאָגט עדות וועגן ר. יאָסיפס ווירטואָזיטעט, וועגן דעם אויסערגעוויינלעכן טעמפּעראַמענט און טעכניק פונעם קינסטלער גראַווירער.

ר. יאָסיף דער פּייסאַזשיסט איז אַ גוטער קענער פון דער נאַטור און איז ליידנשאַפטלעך פאַרליבט אין די פאַרשיידענע קאַנטן פונעם לאַנד: זיינע בילדער פירן אונדז פון דער גרויס — שטאָט — פעריפעריע צו די גאָלדענע פעלדער מיט צייטיקן ווייץ, פון די אַלטע היסטאָרישע קלויסטערס, מאָנאַסטירן, דורך אַלטע הייזער, נאַקעטעביימער צו פרישער, ליכטיקער באַרגלאַנדשאַפט פון קימפּולונג — מושטשעל, פּרעדאַל, בראַשאָוו, צו האַפּנבילדער פון מאַנגאַליאַ, קאָנסטאַנצאַ, טולטשאַ און גאַלאַץ, צו די ריזיקע נייע ראַיאָנען מיט הייזער, גערטנער און קינדער פון בוקאַרעשט א. אנד. וועלכע רירן אונדז, רופן אַרויס ליבע און באַוווּנדערונג צו די שעפער פון שיינקייט.

אין פּייסאַזש געהער דער מייסטער ר. יאָסיף צו די ווירטואָזן פון פערספּעקטיוו, פון פאַרבן — כאָטש ער איז שפּעט צו דער פאַרב געקומען. די פאַרבן באַנוצט ער, סיי וועגן זייער דעקאָראַטיווער ווירקונג, סיי וועגן זייער אויסדרוקסקראַפט. י. פעלץ באַמערקט: „יוסף האָט געהירן אין די אויגן!„. מיט וואָס פאַר אַ פאַרבנקראַפט ער שילדערט אונדז פּייסאַזשן ווי די: „אַ הינטערגאַס אין ווינטער„ „ווינטערלאַנדשאַפט אין פּרעדעאַל„, דער„מאַרק אין קימפּולונג — מוסטשעל„, די פּייסאַזשן מיט פערזאָנען ווי: „די וועשעריןֿ„ און די נודן, (אקט — סטודיעס).

מיר געפינען זיך אין ר. יאָסיפס נייער, ליכטיקער, גראָמער וווינונג, פאַר מיר שטייט דער מאָלער: אַ מיטלוווקסיקער, צאַרטער מאַן, מיט גרויע האָר, טונקעלע אויגן און אַ ליבלעכן, שמייכל. פונעם ערשטן בליק ווערט ער ליב און נאָענט. ער איז זויבער געקליידט ער ווייזט אונדז מאַפּן מיט הונדערטער בלעטער מאָנאָטיפּן, אויך פאַרביקע און ראַדירונגען (צייכענונגען) אין שוואַרץ-וויים.

ר. יאָסיף האָט אונדז באַשערט מיט זיינע מעטאַל — גראַווורן אַ נייע אַרט גראַפישע קונסט. מיר באַטראַכטן די פאַרשיידענע בילדער, וועלכע זענען צעהאַנגען איבערן גאַנצן אַפּאַרטאַמענט. דער מאָלער האָט געגרייט אַ נייע אויסשטעלונג. ר. יאָסיפס בילדער קריצן זיך איין אין זיכרון, באַמערקט י. פעלץ.

צווישן די צעהאַנגענע בילדער זענען פאַראַן אַזעלכע, וועלכע שפּיגלען אָפּ דאָס נייע, יונגע לעבן פונעם לאַנד: „באַם דרעשען„, „באַם אויסגראָבן קאַרטאָפל", „פּאַטריאָטישע פרייוויליקע אַרבעט", „צוגרייטונג צום דרעשען", „דער רעמאָנט — וואַרשטאַט". די באַוועגונגען און האַלטונגען פון די מענטשן אין אַרבעט — פּראָצעסן זענען נאַטירלעכע. די שייכותן צווישן מכשירים, מאַשינען און מענטש זענען קלאָר און איבערצייגנדיק. ר. יאָסיף האָט געטראָפן די סטעזש-

קעם וועלכע פארבינדן קונסט מיט היינטצייטיקייט. דעם פארכמורעטן, פינ-צטערן נעכטן מיט דעם לויטער — ליכטיקן היינט.

כדאי צו דערמאנען אז ר. יאָסיף האָט איבערגעגעבן אין אן אנדערער טעכניק דעם גרויסן רומענישן מאָלער נ. גרינאָרעסקוס אייל — בילדער. אן אימאזש וואָס דער גראווירער האָט געבראכט צום 20-טן יאָרצייט פונעם גרויסן מאָלער.

די מאפע מיט 12 גראווורן: צווישן וועלכע „דער וואסערטרעגער", „דאָס וועגעלע מיטן וואסער — פעסל", א. אנד. — אין אקווא — פאָרטע, גואש און אייל, איז ארויס אין 1927 יאָר, מיט א פאָרוואָרט פון קונסט — קריטיקער שטע-פאן נעניצעסקו, וואָס האָט פאָפולאריזירט פארוואָרפענע אָדער פארגעסענע בילדער פונעם גרויסן מאָלער ניקאָלאי גריגאָרעסקו.

אין זיינע „שטיל — לעבנס", זשאנער — בילדער באווייזט אונדז ר. יאָסיף מייסטערהאפט, די אינערלעכע צערטלעכקייט, דאָס דעליקאטע ליכט. מע דארף אויפמערקזאם באטראכטן די „שטיל — לעבנס" פון ר. יאָסיף די סובטעלע טונק-לע (טיפע) טאָנאליטעטן; א פארטרוימטער לירישער בליק שוועבט איבער אלעם.

לעבן דער מאָלעריי פון ריינער סעסיבביליטעט אין וועלכער מע דארף פאר-רעכענען: פייסאזשן, שטיל — לעבנס, בלומען און באלעבטע סצענעס, האָט ר. יאָסיף געארבעט אויך ביי בוך — אילוסטראציעס: צו יוסף דעלטיעלם און בן — הדורס ביכער. ער האָט אויך אילוסטרירט מיט געראָטענע גראווורן. די ווערק פון די רומענישע קלאסיקער יאָן קרעאנגע און מיהאיל סאדאָוועאנו.

אלס אָנערקענונג פאר זיין גוטער ארבעט האָט ער באקומען א ריי אויס-צייכענונגען און פרעמיעס.

אין יאָר 1926 די פאלאדי פרעמיע :אין יאָר 1937 די סאלאָן — פרעמיע און אנד. אויף דער אינטערנאציאָנאלער גראווור — אויסשטעלונג פון פלאָ-רענץ, אין יאָר 1927, באטייליקט ער זיך מאסיוו און ווערט אָפגעשאצט און פאררעכנט אלס א אייראָפעישע פערזענלעכקייט אין אָט דעם קונסט — זשאנער.

ר. יאָסיף האָט אויסגעשטעלט אויך אין מאדריד, בריסל, האג, אמסטער-דאם, פאריז, בילדער אין פארשיידענע טעכניקן.

ר. יאָסיף האָט אין זיין קינסטלעריש לעבן אויסגעדריקט מיט אלע גראווור — מיטלען (אקווא — פאָרטע, ווערני — מו (ווייך), אקוואטינטע און פאאנטע — סעש ווי אויך אין מאָנאָטיפן, זיינע קאָמפלעקסע וויזיעס פונעם לעבן, פון דער ווירקלעכקייט. מע ווערט געשטארקט פון זיין גוט דורכגעפילט און מיט לע-בנס — לוסט אויסגעפלאמט בילד.

קרוב צו פערציק יאָר שטייט ר. יאָסיף אין דינסט פון דער קונסט, מיט זיין טאַלאַנט און אייפער, מיט זיין הומאַנישקייט, מיט זיין באַשיידנקייט. ער פאַרנעמט היינט א בכבודיק אָרט אין דער רומעניש ער פּלאַסטישער קונסט.

ליסיען פּיסאַראָ דער זון פון גרויסן מאָלער פּיסאַראָ, האָט אין א שמועס מיטן לאָנדאָנער שרייבער לעאָ קעניג געזאָגט: „מיין פאָטער וואָלט זיך זייער געפרייט ווען ער וואָלט געזען אז מען שרייבט וועגן אים מיט יידישע אותיות„ כ'האָב יאָסיף געוויזן א ציילונגס — נומער פון דער ווארשעווער „פאָלקס — שטימע„ מיט א גרעסערער רעצענזיע וועגן דעם טאַלאַנטירטן מאָלער רפאל כוואָלעס. ער האָט אויסגעדריקט דעם ווילן צו זען אין אָריגינאַל דעם קינסטלערס בילדער, ווי אויך זיינע אייגענע רעפּראָדוקציעס אין דער יידישער, פּראָגרעסיווער פּרעסע.

מיר געזעגענען זיך און ווינטשן דעם זיבעציק יאָריקן קינסטלער לאַנגע יאָרן, געזונט און כח צו שאַפן פאר אונדז נאָך פילע ,פילע ווערק, וועלכע זאָלן ווי אין די ביז איצטיקע, פאַרצייכענען ווי אין א כראָניק, די גרויסע איבעראַנדערשונגען און דערגרייכונגען פונעם לעבן אין לאַנד.

דער מאָלער און גראַפיקער

לאַזאַר זין (זינגער)

צו דער אַלטער פּירזאָגערין שרה בת חיים און צו ר' מיכאלע זינגער — דעם בעל — דרשן, וועלכע וווינען אין הויף פון דער אַלטער בוקארעשטער שיל „פּאַראַדיס„, קומט אַלע מאָל צו גאַסט א צאַרט, שעמעוודיק כמעט דערשראָקן קינד — זייער אייניקל לייזערל. דאָס געשעט אין יאָר 1908.

שבתים און יום — טובים האַלט אים די באָבע שרה ,די פּירזאָגערין, לעבן זיך, אויבן אין דער ווייבערישער שול. לייזערל קוקט זיך צו אויפמערקזאַם צו די פרויען — געשטאַלטן, ווי זיי וויינען זיך אויס דאָס האַרץ; ער באַטראַכט די פאַרדאַגהטע יידן פון אונטן, די צעפלאַקערטע אויגן זייערע, זייער אָכצן און קרעכצן; אָבער דאָס, וואָס אים פאַרכאַפּט און באַצויבערט, איז דער פּור-פּור — רויטער סאַמעטענער פרוכת, אויף וועלכן עס זענען אויסגעשטיקט מיט גאָלדענע און זילבערנע פעדעם צוויי לייבן מיט פאַרדרייטע עקן און לאַנגע צונגען, וואָס שטעקן ארויס פון די צעפּראַלטע מיילער. די אויף צוויי פיס שטייענדיקע לייבן האַלטן אויף די פאָדערשטע פיס לוחות מיט די עשרת הדברות אויף א פאָן מיט צעזייטע שטערנדלעך ווי מגן — דודם — פאָלקסטימלעכע סינאַגאָגאַלע אָרנאַמענטיק.

...צווישן די צוקונפטיקע גערעטענע צייכענונגען פון לאזאר זין וועט זיין אויך די „פּאַראַדיס„ — שול. אין אײנעם מיט זיין באַבע שרהם מעשיות פון דער תורה וועלן זיי ווירקן צום אויספורעמען זיין אינטערעס צו יידישער טע־מאַטיק. זיין עמפינדלעכקייט און ליבע צו יידישער קונסט.

באַלד ווי ער הייבט אָן מאָלן און צייכענען, באַשעפטיקן אים קאַפּ־שטוריעס פון אַלטע יידן, בכלל פּאַרטרעטן פון יידן.

אין דער דאָקומענטאַלער סעקציע פון דער „פעדעראַציע פון יידישע קהי־לות„ אין דער סאָציאַליסטישער רעפּובליק רומעניע געפינען זיך א 40 צײ־כענונגען, וועלכע דער קינסטלער זין האָט געשאַפן אין ישראל — אין די יאָרן 1935—1938. דאָס זענען ביבלישע דענקווערדיקייטן, היסטאָרישע מאָנו־מענטן, ביבלישע לאַנדשאַפטן, ווי די חורבות פון שמעון בר יוחאים שיל, די הייל און דער קבר פון הלל, א שיל פון גליל, הר־הגלבוע, עמק, יהושפט — טאָל; סאָציאַלע מאָטיוון: חלוצים, פּאַסטעכער, שומרים און אנדערע טיפּן פון פאָלקס — מענטשן, וועלכע זענען אים באַזונדערס צום הארצן, ליב און נאָענט.

אין אנדערער עטאַפּ אין לאַזער זינס יידישער קונסטשאַפונג זענען די 55 צייכענונגען (געפינען זיך אויך אין דער דאָקומענטאַלער סעקציע פון דער „פעדע־ראַציע פון יידישע קהילות)", וועלכע דער קינסטלער לאַזאר זין האָט געצייכנט אין די יאָרן 1942—1944, דהיינו: פאָלקסאָרנאַמענטיק אויף די מצבות פונעם בוקאַרעשטער אַלטן בית — הקברות „סעוואַסטאָפּאָל". (אויפן באַפעל פון די פאַשיסטישע מושלים האָט מען זיי אריבערגעפירט אויפן נייעם בית־עולם, דערביי זענען דאָס רוב פון די מצבות פאַרניכטעט אָדער צעבראָכן גע־וואָרן). אָט די וויכטיקע ארבעט פון פיקסירן און אויפהיטן פאַר דורות די אָר־נאַמענטיק, די שניצערייַ אויף שטיינערנע מצבות פון העכער דריי הונדערט יאָר, אַלטע, אנאָנימע ווערק, טיפּיש יידישע, פון אָריגינעלע יידישע פאָלקס — קינסטלער — האָט לאַזאר זין דורכגעפירט מיט עקשנות, מיט ליידנשאַפט, מיט אייפער און ליבע.

מיט זיינע צייכענונגען, טרייַע גראַפישע אדאַפּטאַציעס, האָט לאַזאר זין בולטער געמאַכט די קונסט פונעם אוראַלטן מצבה— קריצער, זיין צמצום־דיקע, לאַפּידאַרע סימבאָליק.

קונסט מבינים שרייבן: „לאַזאר זין (זינגער) האָט זיך אוועקגעשטעלט אויפן פּלאַץ פונעם אנאָנימען פאָלקסטימלעכן פאָרגייער זיינעם, און פּונקט ווי יע־נער, מיט דער זעלבער נאַיווקייט ווי דער אמאָליקער גלוויביקער, האָט ער אי־בערגעגעבן אין שטריכן און פאָרמען די איקאָנאָגראַפיע פונעם פאָלקלאָר".

די באַטייטיקסטע ארבעטן זיינע געהערן דער מאָלעריי. אין פרילינג 1928 דעביוטירט לאַזאַר זין אין „אָפיציעלן קונסטסאַלאָן“ פאַר מאָלעריי, גראַפיק און סקולפּטור. ער ציט אויף זיך די אויפמערקזאמקייט מיטן פּאָרטרעט „א באַרג — ארבעטער“. די קינסטלער מייסטערס, די באַרימטע זשאַן סטעריאַדי און נ. נ. טאָניצא, טיילן אים צו די קונסטפרעמיע פאַר דעביוטאנטן א. נ. „אנאסטאסיע סימו“. אין יאָר 1929 און 1930, אין זעלבן קונסט — סאַלאָן, האָט ער ווידער באַקומען פון דער סאַלאָן — זשורי פרעמיעס פאַר זיינע קאָמפּאָזיציעס: ביי ארבעטער, פויערים — טיפּן, לאַנדשאַפטן באַם שווארצן ים א. אייניקע פון זיי געפינען זיך אין דעם מלוכהשן קונסט מוזיי פון דער סאָציאַליסטישער רעפובליק רומעניע, ווי אויך 150 אָריגינעלע צייכענונגען פון ל. זין געשאַפענע צווישן 1920—1940, אין שטאַמפּען — קאַבינעט פון דער אקאַדעמיע פון דער סאָציאַליסטישער רעפובליק רומעניע. א ריי ארבעטן און צייכענונגען מיט סאָציאַלער טעמאַטיק, זענען פאַראַן אויך אין מוזיי פון געשיכטע פון דער פאַרטיי און ארבעטער — באַוועגונג אין רומעניע. רעפּראָדוקציעס פון זיינע צייכענונגען פון יידישן בעת — עלמין „סעוואַסטאָפּאָל“, דער דריי הונדערט יאָר אלטער בית — הקברות פון בוקאַרעשט, פּופּציק לפּי — ערך — זענען אין ארכיוו פון „מוזיי פאַר געשיכטע פון דער שטאָט בוקאַרעשט“.

לאַזאַר זינס מאָלעריי צייכנט זיך אוים מיט איר קלאָרקייט פון דער ליניע און פאַרב, מיט זיין קרעפטיקער צייכענונג און גוט — באַהערשטער קאָמפּאָזיציע, מיט זיינע סאָציאַלע טעמעס און ניכטערנעם, ווארעמען קאָלאָריט.

ער איז א קענער פון איבערפלעכלעכקייט און אימפּראָוויזאציע. לאַזאַר זין איז א מיטגליד פונעם „פאַרבאַנד פון פּלאַסטיקער — קינסטלער“.

לאַזאַר זין (זינגער) איז געבוירן געוואָרן דעם 22-טן אויגוסט 1899 אין בוקאַרעשט. פאַר זיין קינסטלערישער טעטיקייט האָט ל. זין באַקומען אין 1968 דעם אָרדן „קולטור — פאַרדינסט“.

אסתר (טיא) פּעלץ

די יונגע מאַלאַנטירטע מאָלערין

א גאַנצן טאָג שטעקט אסתרל ביים זיידן. דאָרט שטערט איר קיינער נישט, טוט זי וואָס זי וויל. זי שפּילט זיך מיט איר ליאַלקע, מאַכט די שול אויפגאַבן, אָבסערווירט מינוטן — לאַנג דעם זיידן ווי ער ארבעט זיין שניידעריי און מאַכט מענטשעלעך מיטן קרייד אויפן טיש אין שניידער— ווארשטאַט. שעהן

— לאנג שוויַיגט דער אָרעמער שניידער, כאַטש דאָס קלוגע אייניקל זייַנס פרעגט שאלות, — קינדערישע אָבער קלוגע. ער ענטפערט נישט, טוט זיך זייַנס, ער איילט זיך תמיד אויסענדיקן א שטיקל ארבעט, שטערט זי אים נישט און שוויַיגט אויך.

אריבער א געוויסע צייַט, זיצט זי שוין בייַם ווארשטאַט מיט א העפט פון ווייַס פּאַפּיר, צייכנט מיט א קויל קעפּ פון שכנים, קונים, באַקאַנטע, וועלכע קומען אריַין צו איר זיידן. דער שניידער כאַפּט אַלע מאָל א קוק בגנבה צו די צייַ־כענונגען, וועלכע טיא פּינטלענדיק מיט אירע בלישטשענדיקע אויגן, פאַרטיקט אויס. און אין אָוונט, ווען ער לייגט אוועק די ארבעט, באַטראַכט ער ערנסט אסתרלס פּרוּוון. יעדן טאָג קומט אריַין זייַן שכן הערש, זיך זען מיט זייַן אַלטן, גוטן פרייַנד. דער אַלטער בילדער — סוחר האָט באַמערקט אז אסתרל צייכנט נאַטירלעך און פּשוט. ווען איר פאָטער קומט זי אהיימנעמען, לויבט דער ביל־דער — הענדלער אסתרלס צייכענונגען און גיט צו:

— איך וואָלט דיך צוגערעדט, איציקל — אזוי רופט ער אסתרלס פאָטער — זאָלסט איר אויסזוכן א לייטישן מייסטער, זי זאָל לערנען ווי סע געהער צו זייַן די קונסט פון מאָלן און פון צייכענען. זי איז שוין א גרויסע — פופצן יאָר.

דער באַקאַנטער מאָלער, סצענאָגראַף און פּעדאַגאָג פ. מאַקסי, מיט וועלכן אסתרלס פאָטער האָט זיך בעראַטן און אים געוויזן די צייכענונגען, האָט אויך באַשטעטיקט איר טאַלאַנט און זי אויפגענומען נאָך א קורצער צייַט אַלס סטודענטקע אין דער „יידישער שול פאַר קונסט„, וועלכע זי האָט פאַרענ־דיקט באַלד נאָך דער דער צווייטער וועלט — מלחמה, אין 1944 יאָר.

טיא פּעלץ, די יונגע רומעניש — יידישע מאָלערין און גראַפיקערן, האָט צום צווייטן מאָל אויסגעשטעלט אירע ארבעטן. די אויסשטעלונג איז אויפגע־נומען געוואָרן מיט גרויס באַגייסטערונג און צוגעצויגן די אויפמערקזאַמקייט פון דער עפנטלעכקייט און פון דער קריטיק. מען האָט וועגן איר גערעדט אין רומענישן ראַדיאָ, איר אויסשטעלונג איז געוויזן געוואָרן אין דער רומעני־שער טעלעוויזיע, מיט פּאָזיטיווע אָפּשאַצונגען זענען ארויסגעטראָטן אָנגע־זעענע פּערזענלעכקייטן אין קינסטלערישן לעבן פון רומעניע.

מער ווי צוואַנציק יאָר זענען אריבער זינט איר נאָמען און אירע צייכע־נונגען — מערסטנס פּאָרטרעטן, ווי „מייַן באָבע״, קאָפּ־שטודיעס און אנדערע, האָבן זיך גענומען באַווייַזן אין דער יידישער פּרעסע פון רומעניע. נאָך דער לעצטער וועלט — מלחמה זענען אירע ארבעטן געדרוקט געווען אין דער צענ־טראַלער פּרעסע, ווי אויך אין אנדערע אויסגאַבעס אין גאַנצן לאַנד.

שוין אלס 17 — יעריקע סטודענטקע אין דער „יידישער שול פאר קונסט" האט זי דעביוטירט, איז עס קיין וווּנדער נישט, וואס היינט — זי איז געבוירן אין בוקארעשט דעם 31-טן יאנואר 1925 — האט זי שוין הינטער זיך יארן פון זוכענישן און אויפטועז, וועלכע זענען אנערקענט געווארן ביי איר ערשטער אינדיווידועלער אויסשטעלונג אין יאר 1958.

דעמאלט האט דער דיכטער און קונסט — קריטיקער מארטשעל ברעס־לאשו געשריבן „טיא פעלץ איז ווייט נישט קיין אנהייבערן און איר אויסשטע־לונג פארסכהלט אן עטאפ, א צייט פון זוכענישן און אויפטועז אין משך פון יארן". ווייטער שרייבט ברעסלאשו: „דער הויפט — שטריך פון אונדזער קינסט־לערין איז בלי ספק, דער גרויסער נישט געזעטיקטער אינטערעס פאר דעם מענ־טשלעכן פנים, עס טיף אויספארשן און תמיד געפינען אין אים דאס וועזנט־לעכע, דאס עצמדיקע".

אין דער צווייטער אויסשטעלונג ווילן מיר אונטערשטרייכן די בילדער — ציקלען: „קינדער", „פארגאנגענע צייטן" און „פאשיסטישע גרוילן".

אין „קינדער" כאפט זי אויף דאס גייע אין אויסזען און אין דער פסי־כאלאגיע פונעם קינד. מיט וויפל ליבע, פיינפיליקייט און הומאר האט זי גע־מאלט די קליינינקע פנימלעך זייערע, די גרויס — צעעפנטע אויגן פול מיט פרישקייט און נייגיר צו דער גרויסער וועלט, צום ביישפיל די בילדער „פרי־לינג", „די קינדער פון באטעני" און אנדערע פון דעם ציקל. צערטלעכקייט, מיט הומאר געפלאכטן, שיינט ארויס פון אזוינע קינדער — בילדער אירע, ווי „די זיצבאנק אין קינדער — גארטן", „ליליקא". מיט אייפער און געדולד האט אסתר (טיא) פעלץ אויסגעפורעמט איר אייגנארט.

צום ציקל „פארגאנגענע צייטן" געהערן „מאדאם אני", „די שדכנטע" „די גורל — ווארפערין", „ביים אויפנעמען א דינסט" און אנדערע, אין וועלכע די טאלאנטירטע קינסטלערן דעקט אויף מיט בייסנדיקער סאטירע די זיטן און אבערגלויבענישן, די אוממענטשלעכע ארבעטס — באדינגונגען און אמאליקן רומעניע. די רעאליסטישע מאלעריי און גראפיקערן פערמאגט טעמפערא־מענט, יוגנטלעכע געוואגטקייט און טיפע פארשטענדעניש פאר דער פסיכא־לאגיע פון אירע פערזאנאזשן. מען זעט עס, למשל, אין אזוינע שאפונגען אירע, ווי אינעם פארטרעט פונעם באקאנטן רומעניש — יידישן שרייבער י. פעלץ — איר פאטער, אין ביילד „זונטיקדיקע פארוויילונג".

מיר שטרייכן אונטער די קוואזיגראטעסקע מענטשן — טיפאלאגיע, אין וועלכע, די באגאבטע קינסטלערין ווייזט ארויס נייגונג פאר פאלעמיק, א חוש פאר לעבערלעכקייט, פארן האמטענעס. די אקטיווע באטראכטונג פון מענטשן

ברענגט זי צו קאריקאטוריזירן די קליינע חסרונות און גרויסע מידות רעות.

פון „מיין באבע" און די אנדערע צייכענונגען אין דער צייט פון דער צווייטער וועלט — מלחמה (1942 — יאָר) ביז צו אירע נאָכמלחמהדיקע צייכענונגען, אילוסטראציעס פון ביכער, צייטונג — צייכענונג — רעפּאָרטאזשן; און די ווערטפולע ארבעטן אויף קאָלעקטיווע אויסשטעלונגען, זעט מען די עוואָלוציע, וואָס די קינסטלערין האָט דורכגעמאכט פאר די לעצטע צוואנציק יאָר, איר שעפערישן וועג, דעם וווקס פון איר טעכניק, די אידעיש — קינסטלערישע פארטיפונג פון איר טעמאטיק.

צום ציקל „פאשיסטישע גרויזאמקייטן" געהערן די צייכענונגען „טראנספּאָרט", „דער לעצטער וועג" א. אנד. וואָס דערשיטערן מיט זייער טראגישער אויסדריקלעכקייט, מיט דער פּסיכאָלאָגישער פארטיפונג און וואָרהאפטיקייט, פון איר פּלאסטישער שילדערונג פון דעם ווילקיר, בארבארישע פּייניקונג און פון דער אטמאָספער פון יענע שוידערלעכע חורבן — יאָרן. א שטיק פון איר אייגענער נשמה לייגט ארייַן אסתר פעלץ אין אָט די בילדער. „מאָלערס זענען היסטאָריקער אויף לייוונט" — האָט אמאָל געזאָגט שלמה מיכאָעלס. די דאָזיקע פאָרמול קאָן פולשטענדיק אָנגעווענדט ווערן צו אסתר פעלצס ציקל „פאשיסטישע גרויזאמקייטן".

די בוך — אילוסטראציעס פארנעמען א גרויסן פּלאַץ אין איר קינסטלערישער טעטיקייט. זי שאפט די פאסיקע אטמאָספער פארן בוך. די ווערק פון אָנגעזעענע רומענישע שרייבער זענען באגלייט מיט איר טעמפּעראמענטפולער קינסטלערישער אינטערפּרעטאציע, מיט איר פקחותדיקן פירוש פון ליטעראַרישן טעקסט.

אירע קינדער — בילדער פונעם ציקל „די ביענאַלע 1962 פון דעם אמאָליקן — טעאטער, זענען פול מיט עקספּרעסיע. אזעלכע זענען די בילדער „יום — טוב", „דערוואקסענע". אין דעם ציקל, ווייזט זי אונדז פארשיידענע פיזיאָגנאָמיעס, ספּעקטאקולערע באוועגונגען, פּרעכטיקע קאָסטיומען. אלץ געלאָדן מיט לעבן, מיט ליבע און ליריזם, איז פול מיט חן און הומאָר.

אסתר פעלץ צייכנט זיך אויס מיט איר בייסנדיקער סאטירע, שארף קריטיש אויג, פשטות און אמתדיקייט, געשמאקפולער קאָמפּאָזיציע, ווארעמען קאָלאָריט, מיט איר הייגטצייטיקער סאָציאַלער טעמאטיק. איר שאפונג טראָגט דעם חותם פון א קינסטלער — א קעמפער.

דער סצענאָגראַף, מאָלער און לערער פאַר צייכענען

ישיבה הערש קאַהאַס

געבוירן איז ער אין דער מאָלדעוועשער קרוינשטאָט יאַס, אַלס זון פון מלכה — רייזע וועקסלער, די שוועסטער פון סאָציאַליסטישן טריבון און קדוש — מאַקס וועקסלער און פון קאַהאַס — זיין פאָטער, א בוכהאַלטער מיט וועלטלעכער בילדונג און פריינד פון באַקאַנטן רומענישן מאָלער אָקטאַוו באַנ-טשילע.

שוין אַלס קינד, געבוירן איז ער דעם 14 טן מאַי 1902, האָט ישיבה הערש — קאַהאַס אַרויסגעוויזן באַגאַבונג פאַר צייכענען, וואָס ס'איז אים ,געקומען צו דער האַנט. ער פלעג מאָלן בלומען, פּייסאַזשן, קעפּ פון מענטשן, חיות, פייגל.

קאַהאַס, דער פאָטער, באַראַט זיך מיט זיין שול — חבר און נאָענטן פריינד באַנטשילע, וועלכער עצהט מען זאָל איינשרייבן ישיבע — הערשלען אין דער יאַסער „קאָנסערוואַטאָריע פאַר שיינער קונסט“ ווו ער הייבט אָן שטודירן אין יאָר 1921.

זיינע לערער זענען געווען אָקטאַוו באַנטשילע, קאַסטין וואַסילע און אַנ-דערע. אין 1928, האָט ער מיט אויסצייכענונג, פאַרענדיקט די קאָנסערוואַ-טאָריע, קונסט — אַקאַדעמיע. לעבן פון מאָלעריי אין יענע יאָרן,פאַר אַן אָנהייבער, אַן אָרעמער יידישער בחור דערצו, איז אפילו־אין חלום נישט געווען מיגלעך׳ ישיבה הערשל קאַהאַס טוט אַלץ כדי צו לעבן פאַר דער קונסט. ער מאָלט שילן אין יאַס ווי לדוגמא די שוסטערישע שיל און די פון סטראַדאַ קרוטשעי, פון יאַס און די פּוטערמאַכער — שיל פון הויש ,מאָלדעווע, און אַנדערע שילן.

גלייכצייטיק איז ער לערער פאַר צייכענען אין די יידישע שולן פון יאַס, אין דער שול „קולטורא„ און „ניישאַץ“. קרוב 30 יאָר ,צווישן 1922 און 1951, אָן אויפהער, איז ער אויך לערער פאַר טעכנישן צייכענען אין דער יאַסער „אָרט — שולע„ פאַר דער גאַנצער צייט פון איר עקסיסטענץ.

ישיבה הערש קאַהאַס ווי א סצענאָגראַף

אין יאַסער יידישן מלוכה טעאַטער — פאַר דער פּופּן סעקציע, ווי אויך פאַר דעם רומענישן פּופּן— טעאַער פון יאַס, שאַפט ער פּופּן, דעקאָרן, קאָס-טיומען. פאַרן יידישן פּופּן — טעאַטער מיט מער ווי צען ספּעקטאַקלען האָט ער געשאַפן די סצענאָגראַפיע א חוץ א צאָל ספּעקטאַקלען אין רומענישן פּופּן טעאַטער.

ווי א בוך — גראַפיקער האָט ער אילוסטרירט דעם „לערנבוך פאַר יידיש" ערשטער טייל פון דאפין און אייניקע ביכער פון יאסער לערער און שרייבער יאַנאָם דאַוויד.

אַלס געפאנגענער אין לאגער „וואפניארקא" האָט ישיבה הערש געשאפן גראָטעסקע דעקאָרן מיט פאפיר און פארבן פון סאזשע אָדער צעריבענע ציגל, צו די אימפּראָוויזירטע ספּעקטאַקלען אויף רומעניש און יידיש, געשריבענע פון די געפאנגענע, ספּעקטאַקלען וועלכע האָבן דערמוטיקט, אויפגעהיט דעם גלויבן אין אנדערע, שענערע צייטן.

זיינע דעקאָראַטיווע מאָנאָגראַמען

ישיבה הערש קאהאם באזונדערס אינטערעסאַנטע קינסטלערישע ארבעט אין די לעצטע יאָרן, חוץ מאַלעריי, פּאָרטרעטן און פּייסאַזשן, איז געווען דעקאָראַטיווע מאָנאָגראַמען. קרוב 15000, (פופצן טויזנט) האָט ער געצייכנט. מער ווי צוואנציקערליי פארפלעכטונגען פון יעדן אות פון אלף — בית, און פון לאטיינישן אלפאבעט.

אָט די דעקאָראַטיווע מאָנאָגראַמען, האָבן לויט אונדזער באשיידענער מיינונג — א באַטייטיקן ווערט צוליב די פארשיידענע סטילן און אופן פון קייטלען די אותיות, יידישע און לאטיינישע. די דערמאנטע מאָנאָגראַמען געהערן צו דער יידישער פאָלקס-קונסט און רומעניע, וויל דער קינסטלער ישיבה הערש קאהאם, האָט זיך אינספּירירט אויך פון די אַלטע יידישע שניצער, פון זייערע אָרנאַמענטאַלע אויסארבעטונגען פון האָלץ, פאפיר, בלעך, אין די שילן, היימען, אויך פון זילבערנע ריטועלע מכשירים און באַפּוצונגען, פון יידישע גראווירער און גאָלדשמידן, פיין ציזעלירטע חפצים, קונסט — חפצים, פון דער מאָלדעווע, רומעניע.

איך האָב שוין דערמאנט אז אין די אוממענטשלעכע לאגער — באדינגונגען, אין וואפניארקא, האָט ישיבה הערש קאהאם געמאָלן מיט וואָס, און אויף וואָס ער האָט געהאט צו דער האנט. אין מיין רשות געפינט זיך א בויגן פאַפּיר מיט א בילד פון וואפניארקער לאגער — לעבן, געצייכנט מיט א שווארצן בליישטיפט.

פון לאגער איז ישיבה הערש קאהאם צוריק געקומען מיט א לונגען און הארץ — פעלער, וועלכע האָבן אים אַלע יאָרן געמוטשעט. און אין א טאָג, ווען דער הימל האָט זיך צעוויינט מיט טייכן רעגן — טרערן, דעם 30-טן יוני 1969, האָט ער אים געצוואונגען ער זאָל זיך געזעגענען מיט אונדז, אויף אייביק.

מיר דערמאנען אָפּט דעם באשיידענעם, באגאבטן קינסטלער ישיבה הערש אהאם מיט כבוד און ליבע.

זוכצעטל

ארייַנפיר .... ז. 5

א מערקווירדיקער חכם

טשילִיבי משה .... „ 10

פּראָזאיקער .... „ 46

משה אַלטמאַן .... „ 47

יוסף בורג .... „ 52

חיים גאָלדענשטיין .... „ 56

וואָלף טאַמבור .... „ 61

ש'ם ראָמאַן .... „ 74

דוד רובין .... „ 77

מאיר ריספלער .... „ 80

יחיאל שרייבמאַן .... „ 84

פּאָעזיע

יעקב גראָפּער .... „ 87

א. אביון .... „ 94

רעלי בליי .... „ 99

לעאָן בערטיש .... „ 103

ישראל בערקאָוויטש .... „ 106

פּובליציסטן און עסייסטן

משה לאָקס .... „ 111

אי. קאַרא .... „ 115

שלום רובינגער .... „ 121

ה. טיקטין .... „ 125

ציגל צו א קונסט-היכל .... ז. 131

ד״ר משה גאסטער אלס רעצענזענט פון יידיש טעאטער .. „ 132
אקטיאָרן פון גאָלדפאדען — פאָרמאציע .... „ 135
יידיש טעאטער אין דער קרוינשטאָט יאס .... „ 142
פאָרזעצערס פון דער גאָלדפאדען טראדיציע .... „ 146
די יידישע רעווי אין רומעניע .... „ 151
יידישע קליינקונסט אין רומעניע .... „ 158
גאָלדפאדענס „שמענדריק„ און „וואָלאדוצו מאמעי״ .... „ 162
זיידל יהודה העלמאן, אקטיאָר, פובליציסט און לערער.. „ 166
ריקו בלאו — פרייליכמאכער .... „ 171
דער עפיגראמיסט ב. שפיגל .... „ 174
ראָזא זינגער — אקטריצע .... „ 177
סעווילא פאסטאָר .... „ 180
א לעבן פאר דער יידישער בינע — דינה קעניג .... „ 184
סידי טאל .... „ 192
סיידי גליק — ריפל .... „ 196
מאנאָ ריפל .... „ 200
רחל העלער — שאפירא .... „ 203
איזאָ שאפירא .... „ 206
פראנץ אוערבאך .... „ 210
שמואל פישלער .... „ 214
אברהם ניימארק .... „ 218
אדריאן לופו .... „ 222
א. בערקאָוויטש .... „ 224

עטנאָ-מוזיקאָלאָגן, פאָלקלאָריסטן,
דיריגענטן, קאָמפּאָזיטאָרן .... „ 229

דער אויפטו פון דער וויסנשאפטלערן קינסטלערן רות רובין 229
די רומעניש — יידישע וויסנשאפטלערן ד״ר גיזעלא סוליצעאנו 234
טעטיקייט פון קאָמפּאָזיטאָר לייב נחמן .... „ 239
די פעדאגאָגין — מוזיקערן דזשינא שאראנא — סאָלאָמאָן „ 243
חיים שווארצמאן .... „ 245

מאָלער, גראַפיקער, סקולפּטאָרן .... ז. 249
ר. יאָסיף (י. רויזנבליט) מאָלער און גראַפיקער ...... „ 249
לאַזאַר זין (זינגער) .... „ 254
אסתּר (טיא) פּעלץ .... „ 256
ישיבה הערש קאַהאַם .... „ 260

לעקטאָר: שלום רובינגער
טעכנישער רעדאַקטאָר: שטעפאַן לעפּאַיעוו

דערשינען אין 1979.
טיראַזש: 40+65+155
פאָרמאַט: 16/54×84
טיפּאָגראַפישע בויגן: 16,5
פארלאג-בויגן: 10,21

באַשטעלונג נומער: 339
פּאָליגראַפישע אונטערנעמונג
„13טער דעצעמבער 1918“, בוקאַרעשט
סאָציאַליסטישע רעפּובליק רומעניע.